STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03895

MABL

Henryk Sienkiewicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

העניריק שענקעוויטש

מבול

(צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע)

יידיש: משה בליישטיפט

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ

וואַרשע, 1927

הילע געצייכנט י. טיקאָטשינסקי
געדרוקט ביי י. העגדלער, ווארשע, דליגע 26

P O T O P

HENRYKA SIENKIEWICZA

WYDAWNICTWO CH. BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

זעקסטער טייל

1. קאַפּיטל.

הגם קעטלינג איז געווען פֿירשט באָגוסלאַווס אַ מקורב, האָט ער פֿונדעסטוועגן נישט אַלץ געוווּסט און נישט אַלץ געקאָנט פֿאַרציילן קמיטשיצן וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין טוראָגי, ווייל עס האָט אים פֿאַרבלענדט דאָס, וואָס ער איז אַליין געווען אין פֿרייליין בילעוויטש פֿאַרליבט.

באָגוסלאַוו האָט אויך געהאַט אַן אַנדערן איבערגעגעבענעם פֿריינט, דעם הער סאַקאָוויטש, דעם אָשמיאַנער סטאַראָסטע און נאָר ער אַליין האָט געוווּסט, ווי טיף דער פֿירשט איז פֿאַרקראָכן אין ליבשאַפֿט צו זיין בילד־שיינער געפֿאַנגענער, און אויך וועלכע תחבולות ער האָט באַנוצט, כּדי איר האַרץ און איר פּערזאָן צו באַוועלטיקן.

די דאָזיקע ליבשאַפֿט איז פּשוט געווען אַ ברענענדיקע תאווה, ווייל צו אַנדערע געפֿילן איז באָגוסלאַווס האַרץ נישט מסוגל געווען, אָבער אַזאַ געוואַלטיקע, אַז דער דאָזיקער אין פֿאַרליבענישן געניטער ריטער האָט דעם קאָפּ פֿאַרלוירן. און נישט איינמאָל, אַז ער

איז אין אָוונט געבליבן אַליין מיטן אָשמיאַנער סטאַראָסטע, פלעגט באָגוסלאַוו זיך פאַרן קאָפּ אָנכאַפּן און שרייען:

— כ'ווער פאַרברענט, סאַקאָוויטש, כ'ווער פאַרברענט!

סאַקאָוויטש האָט תּיכּף געפונען אַן עצה:

— ווער עס וויל האָניג קלייבן — האָט ער געזאָגט — מוז די בינען פאַרטרייבן, און ווייניק פאַרטרייבנדיקע רפואות האָט דער מעדיקער פון אייער פירשטלעכער מאַיעסטעט? מען דאַרף אים היינט נאָר זאָגן איין וואָרט, און מאָרגן וועט שוין אַלץ זיין אָפּ-געטון.

אָבער דער פירשט האָט דאָס דאָזיקע מיטל נישט געוואָלט אָנווענדן, און דאָס איבער פאַרשידענע סיבות. קודם-כּל האָט איין מאָל אין חלום אים זיך באַוויזן דער אַלטער פּאָלקאָווניק בילעוויטש, אַלענקאַס זיידע, און שטעלנדיק זיך צו קאָפּנס, האָט ער זיך איינ-געקוקט אין אים מיט אימהדיקע אויגן, אַזש ביז די ערשטע הענער האָבן גענומען קרייען. באָגוסלאַוו האָט דעם דאָזיקן חלום גוט גע-דענקט, ווייל דער דאָזיקער אומדערשראָקענער ריטער איז געווען אַזוי אַבערגלויביש, האָט אַזוי מורא געהאַט פאַר כּישוף, פאַר חלומ-דיקע וואָרענישן און מחוץ-לדרך-הטבעדיקע דערשיינונגען, אַז אַ שוידער האָט אים אָנגעכאַפּט אויפן געדאַנק, מיט וואָס פאַר אַן אימהדיקן אויסדרוק עס וואָלט זיך צום צווייטן מאָל באַוויזן יענץ פּנים, ווען ער וואָלט סאַקאָוויטשס עצה געפאָלגט. דער אָשמיאַנער סטאַראָסטע אַליין, וועלכער איז קיין גרויסער מאמין אין גאָט נישט געווען, אָבער פאַר חלומות און כּישוף האָט ער אויך מורא געהאַט, האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט, צי ער זאָל געבן אַזעלכע עצות.

די צווייטע סיבה פון באָגוסלאַווס צוריקגעהאַלטנקייט איז געווען דאָס, וואָס די „וואַלאַכערין" האָט מיט דער שטיף-טאָכטער זיך אויפגעהאַלטן אין טויראָגי. „וואַלאַכערין" האָט מען גערופן דעם פירשט יאַנוש ראַדזיווילס ווייב. די דאָזיקע האַרין, וועלכע האָט געשטאַמט פון אַ לאַנד, אין וועלכן די פרויען זענען געווען פריי אין זייער אויפפירונג, איז אמת נישט געווען זייער שטרענג, אדרבא, זי האָט אפשר די הויף-לייט און די הויף-דאַמען שוין צופיל גע-געלאָזט זיך ווילגיין, זי וואָלט, אָבער דאָך ניט געקאָנט פאַרטראָגן

אַז בײַ איר דײַס זאָל אַ מענטש, וואָס דאַרף זײַן דער מאַן פֿון איר שטיף-טאָכטער, באַגײן אַ פֿאַרברעכן, וואָס שרײַט צום הימל נאָך נקמה.

אָבער אויך שפּעטער, ווען די „וואַלאַכערין“ איז אַ דאַנק סאָקאָוויטשס אָנרעדענישן און מיטן רצון פֿון ווילנער פֿירשט וואָ-עוואָדע אויסגעזאָגן מיטן פֿירשט יאַנוש [illegible] פֿון טויראַגי קײַן קורלאַנד, האָט באָגוסלאַוו זיך נישט דערוועגט אַ נבֿלה אָפּצו-טון. ער האָט מורא געהאַט פֿאַרן שרעקלעכן געשרײַ, וואָס וואָלט אין גאַנץ ליטע געמוזט זיך אויפֿהויבן. די בילעוויטשס, מענטשן תּקיפֿים, וואָלטן אָן שום שהיות קעגן אים אַ פּראָצעס פֿאַרפֿירט, און דאָס געזעץ האָט אַזעלכע מעשׂים באַשטראָפֿט מיטן אָנווער פֿון פֿאַרמעגן, כּבֿוד און לעבן.

די ראַדזיוויל‏ס זענען אמת געווען גענוג מעכטיק און האָבן דאָס געזעץ געקענט טרעטן מיט די פֿיס, אָבער ווען דער נצחון וואָלט אין דער מלחמה אַ בויג-געטאָן אויף יאַן קאַזשימיעזשס זײַט, וואָלט דער יונגער פֿירשט דעמאָלט אַזוי אויך געקאָנט אַרײַנפֿאַלן אין אַ שווערן מצבֿ, אין וועלכן ס'וואָלטן אים אויסגעפֿעלט, מאַכט פֿרײַנט און באַשיצער. און ס'איז טאָקע שוין שווער געווען פֿאָרויס-צוזען, מיט וואָס די מלחמה וועט זיך אויסלאָזן, בעת קאַזשימיעזש כּוחות זענען געוואַקסן מיט יעדן טאָג און קאַרלס מאַכט האָט מחמת דעם אָנווער פֿון מענטשן און אויסשעפּן זיך פֿון די געלט-מיטלען, ממילא כּסדר זיך פֿאַרקלענערט.

פֿירשט באָגוסלאַוו, אַ מענטש אַ היציקער, אָבער אויך אַ פּאָ-ליטיקער, האָט זיך גערעכנט מיטן מצבֿ. די תּאווה האָט אים געברענט ווי אַ פֿײַער, דער שׂכל האָט מחייבֿ געווען צו אײַנגעהאַלטנקייט, דער אַבערגלויבישער פּחד האָט געצוימט דאָס האַסטיקע בלוט, צו גלײַכער צײַט זענען אויף אים געקומען קראַנקהייטן, צו גלײַ-כער צײַט האָבן זיך אָנגעטראָגן גרויסע און אײליקע ענינים, פֿון וועלכע דער גורל פֿון דער גאַנצער מלחמה איז אָפּט געווען אָפּ-הענגיק, און די דאָזיקע אַלע סיבות האָבן געמאַטערט דעם פֿירשטס נשמה, ביז זיי האָבן זי טויט-מיד געמאַכט.

און דאָך ווייסט מען נישט, מיט וואָס דער געראַנגל וואָלט זיך

אויסגעלאָזט, ווען נישט אויך באָגוסלאַוו אייגן-ליבע. געווען איז דאָס א שררה, וואָס האָט וועגן זיך געהאַט זייער א הויכע מיינונג. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אומפּאַרגלייכלעכן מלוכה-מאַן, גרויסן מלחמה-פירער, גרויסן ריטער און באַזיגער פון פרויען-הערצער ניט צום בייקומען. שוין-זשע האָט ער געוואָלט אָנקומען צו קראַפט אָדער פּאַרטייאישנדיקע משקאות, ער, וואָס האָט מיט זיך געפירט א געקאָוועטן קאַסטן מיט ליבע-בריוו פון פאַרשידענע באַרימטע אויסלענדישע פרויען? שוין-זשע האָט זיין עשירות, זיינע טיטולן, זיין שיר נישט קיניגלעכע מאַכט, זיין גרויסער נאָמען, שיינקייט און הויפישע מאַניערן נישט געוואָלט קלעקן אויף בייצוקומען איין נעבעכדיק שלאַכעצקע מיידל?

און דערביי, ווי גוט וועט שמעקן דער טריומף, ווי גרויס וועט זיין די הנאה, ווען דער ווידערשטאַנד פון מיידל וועט שוואַכער ווערן און ווען זי וועט אַליין גוטוויליק, מיט א קלאַפּנדיק האַרץ ווי ביי א געכאַפּטן פייגעלע, מיט א ברענענדיקן פנים און פאַרלאָפענע אויגן זיך אַראָפּלאָזן אין די אָרעמס, וואָס וועלן זיך צו איר אויסשטרעקן.

באָגוסלאַוון האָט א שווידער גענומען אויפן געדאַנק וועגן דאָזיקן מאָמענט און ער האָט נאָך אים געלעכצט כמעט אַזוי שטאַרק, ווי נאָך אָלענקאַן גופא. ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז אַזאַ מאָמענט וועט קומען, עס האָט אים געגעסן א ווייטאָק, א בענקעניש, ער האָט געגנאַרט זיך אַליין, צייטנווייז האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער ווערט פאַרברענט, אָבער אַרבעטן האָט ער נישט אויפגעהערט.

ער האָט קודם-כל דאָס מיידל אַרומגערינגלט מיט דער גרעסטער זאָרגעוודיקייט אַזוי, אַז זי זאָל מוזן אים דאַנקבאַר זיין און מיינען, אַז ער איז א גוטער, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט און פריינטשאַפט איז א מילד און וואַרעם פלעמל, וועלכעס מ'דאַרף שפּעטער נאָר פאַנאַנדערבלאָזן און עס ווערט באַלד אין א גרויסן פלאַם-פייער פאַרוואַנדלט. זייער אָפט פאַרברענגען צוזאַמען האָט געוואָלט פירן דערצו, אַז דאָס זאָל קומען וואָס זיכערער, דערפאַר אויך האָט

באַגוסלאַוו נישט אַרויסגעוויזן קיין שום חוצפּה, נישט ווילנדיק דעם צוטרוי אָפּקילן און אויך נישט קיין פּחד אָנוואַרפן.

דערווייל איז יעדער בליק, יעדע באַרירונג מיט דער האַנט, יעדעס וואָרט נישט געווען בחנם, נאָר האָט געדאַרפט זיין דער טראָפּן, וואָס הוילט אויס דעם שטיין. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן פאַר אַלענקאַן, האָט געקענט פאַרענטפערט ווערן מיט דער גאַסט־פריינטשאַפט פון בעל־הבית, מיט יענער אומשולדיקער צוגענייגטקייט, וואָס עס פילט איין וועזן פאַרן צווייטן, און דאָך איז דאָס געמאַכט געוואָרן אַזוי, ווי דאָס וואָלט פון ליבשאַפט דיקטירט געוואָרן, די גרענעץ איז בכיון געווען פאַרווישט און אומדייטלעך, כדי עס זאָל מיט דער צייט לייכטער אָנקומען זי איבערצוטרעטן און כדי דאָס מיידל זאָל גרינגער פ אַרבלאָנדזשען אויף די אומוועגן, ווו יעדער קער האָט געקאָנט עפּעס, אָבער אויך גאָרנישט באַדייטן. דאָס דאָזיקע שפּיל איז אמת ניט געשטאַנען אין הסכם מיט באַגוסלאַווס איינגעבוירענער היציקייט, אָבער ער האָט זיך געהאַמעוועט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז נאָר דאָס דאָזיקע שפּיל קאָן דערפירן צום ציל און אגב האָט ער פון אים געהאַט אַזאַ הנאה, ווי עס האָט דאָס די שפּין, וואָס שפּאַנט אויף אַ נעץ, דער פויגל־כאַפּער, וואָס שטעלט אויף אַ פּאַסטקע, אָדער דער שיסער, וואָס שפּירט געדולדיק אָבער האַרטנעקיק אַ חיה נאָך. דער פירשט האָט אַ הנאה געהאַט פון זיין אייגענער חריפות, איבערגעשפּיצטקייט און שאַרפזיניקייט, וועלכע עס האָט אים אויסגעלערנט זיין פאַרברענגען אין פּראָווינציאַלישן הויף.

גלייכצייטיק האָט ער דאָס פריילין אַלעקסאַנדראַ באַהאַנדלט ווי אַ זעלבסטשטענדיקע פירשטין, אָבער אַזוי, אַז עס איז איר ווידער נישט לייכט געווען זיך אָנצושטויסן, צי דאָס ווערט געטאָן ספּעציעל פאַר אירעטוועגן, אָדער עס פליסט־אַרויס פון זיין איינגעבוירענער און איינגעשפּאַרטער העפלעכקייט לגבי דעם שיינעם מין בכלל.

אמת, ער האָט זי געמאַכט פאַר דער הויפּט־פיגור פון אַלע פאַרווייליונגען, שפּילערייען, רייטער־אויספלוגן און יאַגד־

עקספעדיציעס, אָבער דאָס האָט פּשוט געקאָנט זיין א פּועל=יוצא
פון דעם, וואָס נאָך דער פירשטין ראַדזיוויל׳ס אָפּפאָר קיין קור=
לאַנד, איז זי באמת געווען די השובסטע פון די פרויען, וואָס
זענען געווען פאַרזאַמלט אין טוראָגי. קיין טוראָגי, ווי צו אַן אָרט
וואָס ליגט האַרט ביי דער גרענעץ, זענען אמת א סך שלאַכ=
טש נקעס פון גאַנץ זשאַמיט געקומען, כדי צו שיצן זיך פון די
שוועדן אונטער דעם פירשטס אויפזיכט, זיי אַליין האָבן אָבער
דעם פריילין בילעוויטש, אַלס טאָכטער פון דער מיוחסדיקער משפחה,
אין אַלץ דעם אויבן=אָן אָפּגעגעבן. און דערווייל, בעת די גאַנ=
צע רעפּובליק איז מיט בלוט אָפּגעגאַנגען, האָט צו די פייער=
לעכקייטן קיין עק נישט גענומען. וואָלסט געמיינט: א קיניגלעכער
הויף מיט אַלע הויף=לייט און פריילינס איז זיך צונויפגעפאָרן
אין דאָרף אויף אָפּרו און פאַרווײַלונגען.
באָגוסלאַוו האָט ווי אַן אַליין=הערשנדיקער מאָנאַרך רעגירט
אין טוראָגי און אין גאַנצן שכנותדיקן קורפירשטלעכן פּרייסן, ווו
ער איז געווען אַן אָפּטער גאַסט. אַלץ איז בכן אויף זיינע באַ=
פעלן גרייט געווען. די שטעט האָבן אויף וועקסלען צו.עשטעלט
געלט, חיילות, די פּרייסישע שלאַכטע איז גערן אַראָפּגעקומען
אויף באַלער, פערד=געיעגן און יאַגד. באָגוסלאַוו האָט לכבוד
זיין דאַמע אפילו צוריק איינגעפירט די דעמאָלט שוין פאַרגעסע=
נע ריטערלעכע געיעגן אויף א באַגרענעצטן שטח.
איינמאָל האָט ער אַליין אין זיי גענומען אַן אַקטיוון
אָנטייל און, אָנגעטאָן אין א זילבערנעם פּאַנצער און אַרומגע=
גאַרטלט מיט א בלויען באַנד, מיט וועלכן פריילין אַלעקסאַנדראַ
האָט אים געמוזט אַרומבינדן, האָט ער אַראָפּגעשליידערט פון
די פערד פיר פון די בעסטע פּרייסישע רייטער, קענטליגגן דעם
פינפטן און סאַקאַווי שן דעם זעקסטן, הגם דער לעצטער האָט
פאַרמאָגט אַזאַ ריזיקן כּוח, אַז אָנכאַפּנדיק א וואָגן ביים ראָד
האָט ער אים אין מיטן לויפן איינגעהאַלטן. און אין וואָס פאַרא
התפעלות איז דער המון צוקוקער אַריינגעפאַלן, ווען דער זיל=
בערנער ריטער האָט דערנאָך פאַר זיין דאַמע אַנידערגעקניט און
פון אירע הענט דעם נצחון=קראַנץ גענומען. די אויסגעשרייען

האָבן געהילכט ווי אַ האַרמאַטן־דונער, טיכלעך האָבן געפלאַטערט, פאָנען האָבן זיך גענייגט, און ער האָט דעם העלם אויפגעהויבן און געקוקט אין איר צעפלאַמטן פּנים מיט זיינע שיינע אויגן, צודריקנדיק גלייכצייטיק אירע הענט צום מויל.

אַ צווייט מאָל, ווען דער צעיושעטער בער האָט אין אַ נעץ זיך מיט הינט געראַנגלט און זיי אַלע איינעם נאָכן אַנדערן אויסגעצויגן, אַז דער פירשט, אָנגעטון נאָר אין אַ לייכטן שפּאַנישן געוואַנט, אין מיטן מיט אַ שפּיז אַריינגעשפּרונגען און דערשטאָכן נישט בלויז די ווילדעחיה, יאָר אויך דעם טראַבאַנט, וועלכער איז אין אַ מינוט פון סכנה אים געשפּרונגען צו הילף.

אין פריילין אַלעקסאַנדראַ, אַן אייניקל פון אַן אַלטן זעלנער, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן אין די טראַדיציעס פון בלוט, מלחמה און דרך־ארץ פאַר ריטערלעכע גבורות, האָט דער אָנבליק פון די דאָזיקע מעשים געמוזט אַרויסרופן התפּעלות און אפילו אַ יראת־הכבוד, ווייל נאָך אַלס קינד ה.ט מען זי געלערנט באַטראַכטן גבורה שיר נישט פאַר די גרעסטע מעלה פון אַ מאַן.

דערווייל האָט דער פירשט יעדן טאָג געגעבן באַווייזן פון כמעט איבערמענטשלעכן מוט און יעדן טאָג לכבוד אַלענקאַן. די פאַרזאַמלטע געסט, וואָס זייערע שבחים און התלהבות פאַרן פירשט זענען געווען אַזוי גרויס, אַז אַ געטלעך וועזן אפילו וואָלט זיך געקאָנט מיט זיי איבערנעמען, האָבן אין די שמועסן איר נאָמען אומגערנווילִיק געמוזט מיט באָגוסלאַווס נאָמען צונויפּפאָרן. ער האָט געשוויגן, אָבער מיט די אויגן האָט ער אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס דאָס מויל האָט זיך נישט דערוועגט אַרויסצוזאָגן... זי איז פון אַלע זייטן מיט אַ צויבער געווען אַרומגענומען.

אַלץ האָט זיך צונויפגעלייגט אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל זיי מקרב זיין, פאַרייניקן און צו גלייכער צייט אַרויסנעמען פון כּלל פון אַנדערע מענטשן. ס'איז שווער געווען עמעצן צו דערמאַנען וועגן אים, אַז ער זאָל צו גלייכער צייט אויך וועגן איר נישט דערמאַנען. די געדאַנקען פון אַלענקאַן גופא האָט באָגוסלאַוו זיך אָנגעוואָרפן מיט אַ קראַפט נישט צום ביישטיין. יעדע רגע פון טאָג איז געווען אויסגערעכנט דערויף, אַז דער צויבער זאָל

נאָך מעכטיקער חערן.

אין אָוונט, נאָך די שפּילערייען, האָבן די שטובן געפּלענדט פון די פארשיידן-קאָלירטע לאָמפּן, וועלכע האָבן געוואָרפן א סודותדיקן און זיסן שימער, וואָס איז ווי פון א חלום אויף די וואָר אריבערגעטראָגן געוואָרן; פארשיכורנדיקע מזרחדיקע ריחות האָבן די לופט אָנגעזאָפּט, שטילע קלאַנגען פון אומגעזעענע האַרפּעס, פלייטן און אנדערע אינסטרומענטן האָבן דאָס אויער געצערטלט, און אין די דאָזיקע אַראָמאַטן, שטראַלן, קלאַנגען, איז ער, אין אָרעאָל פון אַלגעמיינער פארערונג, ווי א פארכישופטער בן-מלך פון א מעשהלע אַרומגעגאַנגען, א יונגער, א שיינער, א ריטערלעכער, ווי די זון פון די איידל-שטיינער געשיינט, און ווי א הירט פארליבט...

וועלכעס מיידל וואָלט בכוח געווען זיך אָקעגנצושטעלן דעם דאָזיקן כּוח, וועלכע צנועה וואָלט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון פון דאָזיקן רייץ?.. און אויסמיידן דעם יונגן פירשט איז גאָרנישט מעגלעך געווען דעמאָלט, ווען זי האָט מיט אים געלעבט אונטער איין דאַך און גענאָסן פון זיין גאַסט-פריינטשאַפט, וואָס הגם ער האָט זי אָנגעוואָרפן מיט געוואַלט, איז זי אָבער געווען אַן אויפריכטיקע און אמתדיקע, ווי עס פּאַסט פאַר א שׂררה, דערביי איז אָלענקאָ נישט אומגערן געפאָרן קיין טוראָגי, ווייל עס איז איר מער נישט ניחא געווען אין טוראָגי, ווי אין שענדלעכן קיידאַני, פונקט ווי ס'איז איר מער ניחא גצווען דער ריטערלעכער באָגוסלאַוו, וועלכער האָט פאַר איר אַ־ויסגעוויזן זיין כלומרשטע ליבשאַפט צום פארלאָזטן קיניג און פאָטערלאַנד, איידער דער באַשיינפערלעכער בוגד יאַנוש. אדרבא, אין אָנהויב פון איר אויפהאַלטן זיך אין טוראָגי איז זי פול געווען מיט געפילן פון פריינטשאַפט פארן יונגן פירשט און באַמערקנדיק אינגיכן, ווי ווייט אויך ער פלייסט זיך צו געווינען איר פריינטשאַפט, האָט זי ניט איינמאָל באַנוצט איר השפּעה, כדי מענטשן טובות צו טון.

אויפן דריטן חודש פון איר פארברענגען אין טוראָגי איז א געוויסער אָפיציר פון דער אַרטילעריע, קעטלינגס א פריינט,

פאַרמשפּט געוואָרן דורכן פּירשט דערשאָסן צו ווערן; דערהיסנדיק זיך וועגן דעם פון יונגן שאָטלענדער, האָט פּריילײן בילעוויטש זיך לטובת אים משתדל געווען.

— אַ געטלעך וועזן קאָן גוזר זײַן, נישט בעטן — האָט באָגוסלאַוו זיך געענטפערט און צערײסנדיק דעם טויט=אורטייל, אים געוואָרפן איר צו די פיס — רעגיר, באַפעל! טויראָגי וועל איך פאַרברענען, אויב כ'וועל פאַרן דאָזיקן פּרייז נאָר אַ שמייכל אויף דײַן פּנים קאָנען אַרויסרופן. כ'וויל נישט קיין אַנדער שׂכר, נאָר זײַ מיר פריילעך און פאַרגעס וועגן דעם, וואָס האָט דיר אַמאָל וויי=געטאָן.

זי האָט פריילעך נישט געקאָנט זײַן, האָבנדיק אין האַרצן אַ ווייטאָק, אַ פאַרדראָס און טיפע פאַראַכטונג פאַר דעם מענטש, וועלכן זי האָט מיט דער ערשטער ליבשאַפט ליב באַקומען און וועלכער איז אין אירע אויגן איצט געווען מער פאַרברעכער, ווי אַ פאָטער=מערדער. יענער קמיטשיץ, וועלכער האָט פאַר גאָלדענע מטבעות צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן זײַן קיניג, ווי יהודה קריסטוסן, איז אין אירע אויגן געוואָרן וואָס אַמאָל מער פאַרעקלט און פאַרמיאוסט אַזוי, אַז ער איז מיט דער צײַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מענטשלעך פאַרזעעניש, אין אַ האַרצקלעמעניש, אין אַ פאָרוווּרף פאַר איר גופא. זי האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זײַן, וואָס זי האָט אים ליב געהאַט, און צו גלײַכער צײַט האָט זי פײַנט־האָבנדיק, נישט געקאָנט אים פאַרגעסן.

ביי די דאָזיקע געפילן איז איר שווער געווען אפילו צו מאַכן דעם אָנשטעל פון פריילעכקייט, דערפאַר אָבער האָט זי געמוזט דעם פירשט דאַנקבאַר זײַן אויך דערפאַר, וואָס ער האָט צו קמיטשיצס פאַרברעך די האַנט ניט געוואָלט צולייגן און פאַר אַלץ, וואָס ער האָט איר געטאָן. אַ חידוש איז איר געווען דאָס, וואָס דער יונגער פירשט, אַזאַ ריטער און פול מיט אַזעלכע אײדעלע געפילן, האָט דעם פאָטערלאַנד צו הילף נישט געאײַלט, הגם ער האָט אויף יאַנושס דרכים נישט מסכים געווען, זי האָט אָבער געהאַלטן, אַז אַזאַ מלוכה=מאַן ווייסט וואָס ער טוט און אַז עס פאַרלאַנגט דאָס די פּאָליטיק, וועלכע זי קאָן מיט איר

פראָסטן מיידלעשן שכל ניט משיג זיין. פאַרענטפערנדיק זיינע אָפטע נסיעות אין די נאָענטע פריסישע טילזשאַ, האָט באָגוסלאַוו איר דרך-אגב געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער האָט שוין קיין כוח נישט פאַר צופיל אַרבעטן, אַז ער פירט אונטערהאַנדלונגען צווישן יאַן קאַזשימיעזשן, קאַרל גוסטאַוון, דעם קורפירשט און אַז ער האָפט דאָס פאָטערלאַנד פון דער ענגעניש אַרויסצוראַטעווען.

— נישט צוליב שכר, נישט צוליב כיבודים טו איך דאָס — האָט ער איר געזאָגט — איך בין אַפילו מקריב דעם ברודער יאַנוש, וועלכער איז פאַר מיר געווען אַ פאָטער, ווייל איך ווייס נישט, צי איך וועל פאַר אים דאָס לעבן ביי דער פאַרביסענער קיניגן לודוויקאַ אויסבעטן, אָבער איך טו דאָס, וואָס גאָט, דאָס געוויסן און די ליבשאַפט צום ליבן פאָטערלאַנד הייסן מיך...

ווען ער האָט אַזוי גערעדט מיט אַן אומעט אויפן דעליקאַטן פנים און מיט די אויגן אין דער הויך געווענדט, איז ער איר אויסגעקומען דערהויבן, ווי די פאַרצייטישע העלדן, וועגן וועלכע דער אַלטער פאָלקאָווניק בילעוויטש האָט איר דערציילט און וואָס ער האָט אַליין פון קאָרנעליוס אַרויסגעלייענט. און איר האַרץ איז איבערגעגאַנגען פון באַוווּנדערונג, פאַרערונג. ביסלעכווייז איז דערגאַנגען דערצו, אַז ווען די געדאַנקען וועגן פאַרהאַסטן אַנדזשעי קמיטשיץ האָבן זי צופיל פאַרמאַטערט, האָט זי געטראַכט וועגן באָגוסלאַוון, כדי זיך צו באַרויקן און קרעפטיקן. יענער האָט פאַר איר פאַרקערפערט אַ מוראדיקע און טרויעריקע פינסטערניש, דער — אַ ליכט, אין וועלכן ס'האָט גערן זיך געבאָדן יעדע באַטריבטע נשמה. דער ראַסיענער שווערד-טרעגער און פרייליין קולוויעץ, וועלכע מ'האָט אויך פון וואָדאָקטי אַראָפּגעבראַכט, האָבן אָלענקאָן נאָך טיפער געשטופט אין דאָזיקן תהום, זינגענדיק פון באַגינען ביזן אָוונט לויב-געזאַנגען לכּבוד באָגוסלאַוון. ביידע זענען אים אמת געווען צו לאַסט אין טויראָגי, אַזוי, אַז ער האָט נאָר געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי זיי בכבוד משלח צו זיין, אָבער ער האָט זיי געוווּנען פאַר

זיך און באַזונדערס דער שווערד=טרעגער, וועלכער איז תּחילת געווען אומצופרידן און אפילו אויפגעבראַכט, שפּעטער האָט ער אָבער נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון פון ראַדזיווילס פריינט=און חסדים.

ווען באָגוסלאַוו וואָלט נאָר געווען אַ שלאַכטשיץ פון גרויסן

יחוס און נישט אַ ראַדזיוויל, נישט אַ פירשט, נישט אַ מאַגנאַט מיט שיר נישט אַ מאָנאַרכישער תּקיפות, וואָלט פריילײן בילעוויטש זיך אפשר געווען פארליבט אין אויף איר טויט און לעבן, נישט געקוקט אויף דער צוואה פון אַלטן פאַלקאָווניק, וועלכער האָט איר אַי ערגעלאָזט די ברירה צווישן קלויסטער און קמיטשיצן. אָבער דאָס איז געווען אַ מיידל מיט אַ שטרענגער באַציונג צו זיך אַליין און אַ כּשרה נשמה, זי האָט דעריבער נישט צוגעלאָזט אַפילו קיין חלום וועגן עפּעס אַנדערש, ווי וועגן דאַנקבאַרקייט און באַוווּנדערונג פאַרן פירשט.

איר יחוס איז געווען צו קליין, אַז זי זאָל קענען ווערן ראַדזיווילס ווייב, און צו גרויס, אַז זי זאָל קענען ווערן זיין געליבטע, זי האָט דעריבער געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט געקוקט אויף אַ קיניג, ווען זי וואָלט ביי אים אין הויף זיך אויפגעהאַלטן. אומזיסט האָט ער אַליין זיך געפלייסט אַרויפצופירן זי אויף אַנדערע געדאַנקען; אומזיסט האָט ער אַליין, זייענדיק באמת פארליבט ביז צום פארגעסן זיך, צום טייל פון אוי:גערעכנטקייט, צום טייל פון באַגייסטערונג, אָפטמאָל איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט אַנימלט איפן ערשטן אָוונט אין קיידאַני געזאָגט, אַז די ראַדזיווילס האָבן נישט איינם ;ל מיט שלאַכטשאַנקעס חתונה=געהאַט; די דאָזיקע געדאַנקען זענען איר נישט געקראָכן אין קאָפּ אריין און זי איז געבליבן אַזאַ הי זי איז געווען, אַ דאַנקבאַרע, אַ פריינטלעכע, אַ פאַרערנדיקע, וואָס זוכט אַ טרייסט אין געדאַנק וועגן אַ העלד, אָבער אין האַרצן אַ רויקע.

ער ווידער האָט אין אירע געפילן קיין טאָלק נישט געקאָנט

דערגיין און אָפט האָט זיך אים אויסגעדוכטן, אַז ער איז נאָענט צום ציל. אָבער ער האָט אַליין מיט בושה און רוגזה באַמערקט, אַז ער איז לגבי איר נישט אַזוי דרייסט, ווי ער פלעגט זיין לגבי די חשובסטע דאַמען אין פּאַריז, אין בריסל און אין אַמסטערדאַם. דאָס איז אפשר געווען דערפאַר, וואָס ער האָט אויף אַן אמת זיך פאַרליבט, וואָס אין דאָזיקן מיידל, אין איר פּנים, טונקעלע ברעמען און שטרענגע אויגן איז געווען עפּעס אַזוינס וואָס האָט געצווונגען צו דרך־ארץ. איין קמיטשיץ האָט אין זיין צייט זיך נישט אונטערגעגעבן דער דאָזיקער השפּעה און ביי קיינעם נישט פרעגנדיק האָט ער זיך געכאַפּט קושן די דאָזיקע שטרענגע אויגן און שטאָלצע ליפּן, אָבער קמיטשיץ איז געווען איר חתן.

אַלע אַנדערע ריטער, אָנהויבנדיק פון הער וואָלאָדיאָווסקי און אויסלאָזנדיק ביי דער זייער גראָבער פּרייסישער שלאַכטע אין טוראָגי און דעם פירשט גופא, זענען מיט איר געווען ווייניקער פאַרטרויליך, ווי מיט אַנדערע מיידלעך פון דעמזעלבן שטאַנד. דעם פירשט האָט אמת דאָס היציקע בלוט צו מעשים געשטויסן, אָבער אַז ער האָט איינמאַל אין דער קאָטש איר דעם פיס אַ קוועטש־געטאָן, שעפּטשנדיק דערביי: „האָב נישט קיין מורא... און זי האָט געענטפערט, אַז זי האָט טאַקע יאָ מורא, אַז זי זאָל נישט חרטה האָבן אויף דעם צוטרוי, וואָס זי האָט אים געשענקט, איז באָגוסלאַוו צעמישט געוואָרן און ער האָט זיך אומגעקערט צו דער אַלטער שיטה פון בהדרגהדיקער אונטערטאָכונג פון איר האַרץ.

אָבער אויך זיין געדולד איז געוואָרן אויסגעשעפּט. ביסלעכווייז האָט ער אויך גענומען פאַרגעסן וועגן דער אימהדיקער געשטאַלט, וואָס האָט זיך אים אין חלום באַוויזן, וואָס אַמאָל אָפטער האָט ער געטראַכט וועגן דעם, וואָס סאַקאָוויטש האָט געצהט און וועגן דעם, אַז אין דער מלחמה וועלן אַלע ביילעוויטש אומקומען, די תאווה האָט אים געברענט וואָס אַמאָל שטאַרקער, אָבער מיטאַמאָל האָט זיך פאַרלאָפן אַ זאַך, וואָס

האט דעם גאַנג פון די געשעענישן אין טוירגי לגמרי געענ־דערט.

איינמאָל איז פּלוצלינג אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז טיקאָ־טשין איז דורכן הער סאַפּיעהאַ געגומען געוואָרן און אַז דער פּירשט גרויס־העטמאַן האָט אין די חורבות פון שלאָס דאָס לעבן פאַרלוירן.

גאַנץ טוירגי איז אויפגערודערט געוואָרן. באָגוסלאַוו האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז דעם זעלבן טאָג נאָך אָפּגעפאָרן קיין קעניגסבערג, ווו ער האָט זיך געזאָלט זען מיט די מיניסטאָרן פון שוועדישן קיניג און קורפירשט.

ער האָט זיך געזוימט לענגער, ווי ס'איז לכתחילה גע־פּלאַנט געוואָרן. דערווייל האָבן זיך אין טוירגי זיך גענומען צונויפפאָרן אָפּטיילונגען פון פּרייסישע און אפילו אויך פון שוועדישע חיילות. מ'האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַן עקספּעדי־ציע קעגן הער סאַפּיעהאַ. דער נאַקעטער אמת, אַז באָגוסלאַוו איז געווען אַן אָנהענגער פון די שוועדן, פּונקט ווי זיין ברו־דער יאַנוש, איז וואָס אַמאָל דייטלעכער אין דער הויך אַרויפגע־שוומען.

ס'האָט זיך געמאַכט, אַז צו גלייכער צייט האָט דער ראַ־סיענער שווערד-טרעגער באַקומען אַ ידיעה, אַז דאָס משפּחה־גוט בילעוויטשע איז פאַרברענט געוואָרן דורך לעווענהויפּטס אָפּטיילונ־גען, וועלכע האָבן די זשאַמיטער מורדים ביי שאַוולי צעקלאַפּט און דערנאָך דאָס גאַנצע לאַנד מיט פייער און שווערד חרוב געמאַכט.

דעמאָלט האָט דער שלאַכטשיץ זיך אויפגעכאַפּט און איז אָוועקגעפאָרן, וועלנדיק די היזקות מיט די אייגענע אויגן אָנקוקן, און דער פּירשט באָגוסלאַוו האָט אים כּלל נישט צוריקגעהאַלטן, אַדרבא, ער האָט אים גערן משלח געווען זאָגנדיק נאָר אויפן וועג:

— איצט פאַרשטייט איר, פאַרוואָס איך האָב אייך קיין טוירגי אַראָפּגעבראַכט, ווייל פּשוט גערעדט, האָט איר מיר דאָס לעבן צו פאַרדאַנקען.

אַלענקאַ איז געבליבן אַליין מיטן פרײליין קאָלוויעץ און זיך תיכף פאַרמאַכט און אירע שטובן, קיינעם אחוץ אַ פּאָר פריילין נישט זעענדיק. ווען די דאָזיקע פריילײנס האָבן איר געבראַכט די ידיעה, אַז דער פירשט גרייט-צו אַן עקספּעדיציע קעגן די פוילישע היילות, האָט זי תּחילת זיי נישט געוואָלט גלויבן, ווענדיק אָבער דערגייין דעם אמת, האָט זי געהייסן בעטן צו זיך קעטלינגען, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז דער יינגער שאָטלענדער וועט פאַר איר גאָרנישט פאַרהוילן.

ער האָט זיך טאַקע תּיכף געשטעלט, אַ גליקלעכער, וואָס מ׳האָט אים גערופן, וואָס ער וועט אין אַ ווײלע אַרום קאָנען רעדן מיט דער, וועלכע האָט באַהערשט זיין נשמה.

פריילין בילעוויטש האָט אים גענומען אויספרעגן.

— הער ריטער — האָט זי געזאָגט — אַזוי פיל ידיעות קורסירן איבער טויראָגי, אַז מיר בלאָנדזשען אין זיי, ווי אין אַ וואַלד. אַ טייל זאָגן, אַז דער פירשט וואָיעוואָדע איז מיט זיין אייגענעם טויט געשטאָרבן; אַנדערע ווידער, אַז מ׳האָט אים מיט שווערדן צעהאַקט. וואָס איז די סיבה פון זיין טויט?

קעטלינג האָט זיך אַ ווײלע געקווענקלט: פ׳איז קענטיק געווען, אַז ער ראַנגלט זיך מיט דער איינגעוואָרעלטער אומדרייסטקייט, צום סוף האָט ער זיך שטאַרק פאַררויטלט און געענטפערט:

— די סיבה פון פירשט וואָיעוואָדעס מפּלה און טויט זענט איר.

— איך? . . . — האָט פריילין בילעוויטש מיט פאַרוואונדערונג פרעגט.

— יאָ, ווייל אונזער פירשט האָט בעסער געוואָלט בלייבן אין טויראָגי, איידער דעם ברודער גיין צו הילף. ער האָט וועגן אַלץ דאָ פאַרגעסן . . . ביי אייך.

איצט איז זי ווידער רויט געוואָרן, ווי אַ פּורפּורדיקע רויז.

אַ ווײלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגעניש

דער שאָטלענדער איז געשטאַנען מיטן קאַפּעלוש אין

דער האַנט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ אויף דער ברוסט, פול מיט דרך־ארץ און אַכטונג, צום סוף האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ טרייסל־געטאָן די העלע געלאָקטע האָר און געזאָגט:

— אויב מײַנע ווערטער האָבן אײַך באַליידיקט, דערלויבט מיר קעניגינדיקערהייט צו בעטן אײַך מיר מוחל זײַן.

— טוט דאָס נישט הער ריטער — האָט דאָס פרײַליין גיך געזאָגט, זעענדיק, אַז דער יונגער ריטער בויגט שוין אײַן די קני. — כ'ווייס, אַז דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט, האָט איר פון אויפריכטיקן האַרצן געזאָגט, ווײַל איך האָב עס שוין לאַנג באַמערקט, אַז איר זענט מיר אַ גוטער פרײַנט. איז עס נישט אַזוי? זענט איר מיר נישט אַ גוטער פרײַנט?..

דער אָפיציר האָט אויפגעהויבן זײַנע מלאכישע אויגן אין דער הויך און אַרויפפלייגנדיק די האַנט אויפן האַרץ האָט ער מיט אַ שטים אַזוי שטיל, ווי דער שאָרך פון אַ ווינט, אַזוי אומעטיק, ווי אַ זיפץ, נאָר געזאָגט:

— אַך פרײַליין! פרײַליין!..

און אין דער רגע האָט ער זיך דערשראָקן, אַז ער האָט צופיל געזאָגט, ער האָט דעריבער ווידער דעם קאָפּ אויף דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט און אָנגענומען די האַלטונג פון אַ הויף־מאַן, וואָס הערט־אויס די באַפעלן פון דער געליבטער בת־מלכה.

— צווישן פרעמדע בין איך דאָ און אָן שוץ — האָט אַלענקאָ געזאָגט — און הגם איך וויל אַליין בכוח זײַן זיך צו שיצן און גאָט וועט מיך פון אַן אומגליק אָפּהיטן, קאָן איך זיך דאָך אָן מענטשלעכער הילף נישט באַגיין. ווילט איר זײַן מײַן ברודער? ווילט איר מיך וואָרענען אין אַ נויט, כדי איך זאָל וויסן וואָס איך האָב צו טאָן און כלערליי סכנות קאָנען אויסמײַדן.

בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט זי צו אים די האַנט אויסגעשטרעקט, און ער האָט איצט אַנידערגעקניט, הגם זי האָט אים דאָס פאַרווערט, און געקושט די שפּיץ־פינגער אירע.

— זאָגט וואָס טוט זיך דאָ אַרום מיר?

— דער פירשט ליבט אייך — האָט קעטלינג געענטפערט — זי האָט איר דאָס נישט באַמערקט?

זי האָט מיט די הענט דאָס פּנים פאַרשטעלט.

— כ'האָב געזען און נישט געזען. צייטנווייז האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער איז נאָר זייער אַ גוטער...

— אַ גוטער!.. — האָט דער אָפיציר ווי אַ ווידערקול איבערגעחזרט.

— יאָ. און צייטנווייז, ווען עס איז מיר דער געדאַנק אין קאָפּ אַריין געקומען, אַז איך אומגליקלעכע האָב אין אים די תאווה געקאָנט צערייצן, האָב איך זיך אויך געטרייסט דערמיט, אַז איך בין פון זיין זייט אויף קיין שום געוואַלט-טאָטן נישט אויסגעשטעלט. כ'בין אים דאַנקבאַר געווען פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַר מיר געטאָן, הגם גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב אויף זיינע בייזע חסדים נישט אויסגעקוקט, אַז כ'האָב אדרבא מורא געהאַט, פאַר די, וואָס ער האָט מיט מיר שוין געהאַט געטאָן.

קעטלינג האָט אָפּגעזיפצט.

— קאָן איך אָפן רעדן? — האָט ער נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן געפרעגט.

— רעדט.

— דער פירשט האָט נאָר צוויי איבערגעבעבענע מקורבים; דעם הער סאַקאָוויטש און פּאַטערסאָן, און פּאַטערסאָן איז מיר אַ גוטער פריינט, ווייל מיר שטאַמען פון איין לאַנד און ער האָט מיך אויף דער האַנט געטראָגן. דאָס, וואָס איך ווייס, ווייס איך דעריבער פון אים. דער פירשט ליבט אייך; די תאווה ברענט אין אים, ווי פעך אין אַ שטורקאַץ. אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר, די אַלע בעלער, געיעגן און רייטער-אויספלוגן און דער טורניר, נאָך וועלכן איך שפיי נאָך ביז-איצט מיט בלוט אַ דאַנק דעם פירשטס האַנט, קומען פאָר פאַר אייערטוועגן. דער פירשט ליבט אייך ביז צום פאַרגעסן זיך, אָבער מיט אַן אומריינעם פייער, ווייל ער וויל אייך שענדן און נישט מיט אייך חתונה האָבן; ווייל הגם ער וואָלט קיין בעסערע נישט געפונען, ווען ער וואָלט נישט בלויז אַ פירשט, נאָר אפילו דער קיניג פון דער גאַנצער וועלט געווען, האָט ער פונ-

דעסטוועגן אָן אַנדערע אין זינען... די פירשטלעכע פּרינצעסין אַנאַ און איר פאַרמעגן זענען פאַר אים באַשטימט, כ׳ווייס דאָס פון פאָטערסאָנען, און דעם גרויסן גאָט, זיין עוואַנגעליע נעם איך פאַר אַן עדות אַז איך זאָג דעם ריינעם אמת. גלייבט נישט דעם פירשט, פאַרלאָזט זיך נישט אויף זיינע טובות, טרויט נישט זיין איינגעהאַלטנקייט, זייט געוואָרנט, אָפּגעהיטן, ווייל מ׳גרייט אייך דאָ צו אַ בגידה אויף יעדן שריט. עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם אין דער ברוסט פון דעם, וואָס פאָטערסאָן האָט מיר געזאָגט. נאָך אַזאַ פאַר־ברעכער, ווי סאַקאָוויטש, איז אויף דער וועלט נישטאָ... איך קאָן וועגן דעם נישט רעדן, כ׳קאָן גאָר פּשוט נישט רעדן! ווען נישט די שבועה, וואָס כ׳האָב דעם פירשט געגעבן, אַז איך וועל זיין לעבן און פערזאָן היטן, וואָלט אָט די האַנט און אָט די שווערד אייך באַפרייט פון דער שטענדיקער סכנה... אָבער דעם ערשטן וואָלט איך סאַקאָוויטשן דערהרגעט... יאָ! אים דעם ערשטן פאַר אַלע מענטשן! אפילו פאַר די וועלכע האָבן אין מיין פאָטערלאַנד דאָס בלוט פון מיין פאָטער אויסגעזאַפּט, דאָס פאַרמעגן פאַרכאַפּט און אַ נע־ונדניק, אַ „יאָר־געלטניק“ פון מיר געמאַכט...

דאָ האָט קעטלינג זיך גענומען טרייסלען פון אויפרעגונג. אַ ווײַלע האָט ער מיט דער האַנט נאָר דאָס הענטל, פון דער שווערד געדריקט, נישט קאָנענדיק קיין וואָרט אויסרעדן דערנאָך האָט ער זיך באַרויקט און מיט איין אָטעם דערציילט וואָסערע תחבולות סאַקאָוויטש האָט דעם פירש אונטערגערוקט.

פריילײַן אַלעקסאַנדראַ האָט, דערזעענדיק די סכנה, אויף וועלכער זי איז אויסגעשטעלט, צו זיין גרויסער פערוווּנדערונג זיך פאַרהאַלטן גענוג רויק, נאָר דאָס פּנים איז איר בלאַס געוואָרן און זי איז געוואָרן נאָך ערנסטער. אַן אומגעבויגענער רצון האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין איר שטרענגן בליק.

— כ׳וועל באַווייזן זיך צו באַשיצן! — האָט זי געזאָגט

— אַזוי זאָל מיר גאָט אין דער הייליקער צלם העלפן,

דער פירשט האָט ביז איצט סאַקאָוויטשס עצה נישט גע־וואָלט פאָלגן — האָט קעטלינג צוגעגעבן — אָבער אַז ער וועט

איינזען, דאָס דער וועג אויף וועלכן ער גייט פירט נישט צום ציל...

און ער האָט גענומען דערציילן וועגן די סיבות וואָס האָבן באָגוסלאַוו צוריקגעהאַלטן.

דאָס פרייליין האָט געהערט מיט אַ געראָונצלטן שטערן, אָבער נישט זייער אויפמערקזאַם, ווייל זי האָט שוין גענומען טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון דער דאָזיקער שרעקלעכער אַפּוטראָפּסות. אָבער היות אין גאַנצן לאַנד איז נישט געווען קיין אָרט, וואָס זאָל מיט בלוט נישט זיין באַגאָסן, און די פּלענער פון אַנטלויפן האָבן זיך איר קלאָר נישט פאָרגעשטעלט, האָט זי דעריבער בעסער וועגן זיי נישט געוואָלט רעדן.

— הער ריטער — האָט זי לסוף געזאָגט — ענטפערט מיר נאָך אויף איין פראַגע. צי שטייט דער פירשט באָגוסלאַוו אויף דער זייט פון שוועדישן, אָדער פון פּוילישן קיניג?

— ס'איז פאַר קיינעם פון אונז קיין סוד נישט — האָט דער יונגער אָפיציר געענטפערט — אַז אונזער פירשט שטרעבט צו אַ צעטיילונג פון דער רעפּובליק, כדי ליטע אין אַן אומאָפּהענגיק פירשטנטום פאַר זיך צו פאַרוואַנדלען?

דאָ איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און ווי זיין געדאַנק וואָלט נישט ווילנדיק אַלענקאַס מחשבות נאָכגעשפּירט, האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט.

— דער קורפירשט און די שוועדן זענען דעם פירשטס מיטהעלפער און אַזוי ווי זיי פאַרנעמען די גאַנצע רעפּובליק, איז נישטאָ ווו זיך פאַר אים צו באַהאַלטן.

אַלענקאַ האָט גאָרנישט געענטפערט.

קעטלינג האָט געוואַרט נאָך אַ ווײַלע, צי זי וועט נישט וועלן עפּעס פרעגן, אָבער אַז זי האָט געשוויגן, פאַרטאָן אַליין אין אירע אייגענע געדאַנקען, האָט ער דערפילט אַז מ'דאַרף איר נישט שטערן, ער האָט בכן זיך געזעגנט, איינבויגנדיק זיך אין צווייען און אויסקערנדיק די ערד מיט די פעדערן פון קאַפּעלוש.

— אַ דאַנק הער ריטער — האָט זי געזאָגט, אויסשטרעקנדיק צו אים די האַנט.

דער אָפיציר האָט נישט אויסדרייענדיק גענומען זיך צוריק ציען צו דער טיר.

מיט אַמאָל האָט זיך איר פּנים לייכט פאַררויטלט, זי האָט אַ ווײַלע זיך געקווענקעלט און לסוף האָט זי געזאָגט:

— נאָך אַ וואָרט, הער ריטער.

— יעדעס איינע איז פאַר מיר אַ זכיה...

— איר האָט געקענט דעם הער... אַנדזשעי קמיטשיץ...

— יאָ... פון קיידאַני. דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען אין פּילווישקי, ווען מיר האָבן פון פּאָלעסיע מאַרשירט אַהער אין די דאָזיקע מקומות.

— איז עס אמת?.. האָט דער פירשט געזאָגט דעם אמת, אַז דער הער קמיטשיץ האָט זיך אים אָנגעבאָטן צו הויבן זײַן האַנט אויף די פּערזאָן פון פּוילישן קיניג?..

— כ'ווייס נישט... כ'ווייס נאָר, אַז אין פּילווישקי האָבן זיי זיך באַראַטן און דער נאָך איז דער פירשט מיט אים אין די וועלדער אַוועקגעפאָרן און האָט זיך אַזוי לאַנג געזוימט, אַז פּאַטעסאָן איז געוואָרן אומרויק און אים מיליטער אַקעגנגעשיקט. איך האָב אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער אָפּטיילונג. מיר האָבן באַגעגנט דעם פירשט, ווען ער האָט שוין צוריקגעקערט. כ'האָב באַמערקט, אַז ער איז געווען שטאַרק צעררודערט, ווי נאָך אַ שווערן נשמה־איבערלעבעניש, ער האָט אויך גערעדט מיט זיך אַליין, וואָס דאָס איז קיינמאָל זײַן טבע נישט געווען. כ'האָב געהערט, ווי ער האָט געזאָגט: „נאָר אַ טײַוול וואָלט דאָס געוואַגט"... מער ווייס איך גאָרנישט... נאָר שפּעטער, ווען דער פירשט האָט דערמאַנט וועגן דעם, מיט וואָס הער קמיטשיץ האָט זיך אים אָנגעבאָטן, האָב איך זיך געטראַכט: אויב דאָס איז עס געווען, האָט עס טאַקע געמוזט זײַן.

פרײַלײַן בילעוויטש האָט די ליפּן פאַרביסן.

— אַ דאַנק — האָט זי געזאָגט.

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי געבליבן אַליין.

דער געדאַנק וועגן אַנטלויפן האָט זי אינגאַנצן באַהערשט. פאַר יעדן פּרײַז האָט זי באַשלאָסן זיך אַרויסצורײַסן פון דער

ד׳זיקער שענדלעכער סביבה און פון אונטער דער מאַכט פון
דאָזיקן פאַלשן פירשט. אָבער וווּהין לויפט מען? די דערפער און
שטעט זענען געווען אין שוועדישע הענט, די קלויסטערס חרוב=
ומוחרב, די שלעסער מיט דער ערד אויסגעגליכן, דאָס גאַנצע
לאַנד האָט געווימלט פון זעלנער און פון די נאָך שרעקלעכערע
מיליטערישע פליטים רוצחים און כלערליי רשעים. וואָס פאַר אַ
גורל האָט געקאָנט טרעפן אַ מיידל, וועלכעס וואַרפט זיך אַריין
אין אַזאַ ברויזנדיקן שטורעם? ווער וועט מיט איר גיין? די מומע
קלוויעץ, דער ראָסיענער שווערד=טרעגער און אַ פּאָר דינער זיי=
נע. צי וועלן אָבער די דאָזיקע כוחות קלעקן אויף צו באַשיצן
זי?.. אפשר וואָלט אויך קעטלינג מיטגעגאַנגען, אפשר וואָלט זיך
אָפּילו געפונען אַ הייפל טרייע זעלנער און פריינט, וועלכע וואָלטן
וועלן אים באַגלייטן, אָבער קעטלינג איז אַזוי באַשיינפּערלעך אין
איר געווען פאַרליבט, אַז זי האָט נישט געטאָרט אים שולדיק
ווערן דאַנקבאַרקייט, ווייל זי וואָלט דעם דאָזיקן חוב שפּעטער
צו טייער געמוזט אָפּצאָלן.

און לסוף, וואָס פאַרא רעכט האָט זי געהאַט אומגליקלעך
צו מאַכן דעם דאָזיקן בחור, וואָס איז קוים פון אַ יינגל אויס=
געוואַקסן, און אים אויסצושטעלן אויף רדיפות. אויף אומקום,
אויב זי האָט דערפאַר מיט גאָרנישט, אַחוץ מיט פריינטשאַפט,
נישט געקאָנט באַלוינען? זי האָט בכן זיך אַליין געפרעגט; וואָס
טוט מען, וווּהין אַנטלויפט מען, ווייל דאָ און דאָרט האָט גע=
דראָט אומקום, דאָ און דאָרט האָט געדראָט שאַנד.

אין אַזאַ נשמה=געראַנגל האָט זי גענומען הייס תפלה=טאָן,
און באַזונדערס האָט זי מיט גרויס כוונה איבערגעחזרט אַ גע-
בעט, וועלכעס דער אַלטער פאָלקאָווניק בשעתו פלעגט אין
אַן עת=צרה תמיד זאָגן און וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די
ווערטער:

„גאָט האָט דיך מיטן קינד מציל געווען פון הורדוסעס
רשעות, אין מצרים די וועגן פאַר דיין זיכערקייט אויסגע=
גליכן...״

דערווייל האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער ווינטער און

די בוימער האָבן אין גאָרטן הינטער די פענסטער מוראַדיק געגומען רוישן. מיטאַמאָל האָט דאָס צעדאַווגטע מיידל זיך דערמאַנט אין די וויסטע וועלדער, ביי וועלכע זי איז פון קינדווייז אָן אויפגעצויגן געוואָרן און דער געדאַנק, אַז נאָר אין די וויסטענישן וועט זיך געפינען א זיכערער מקום־מקלט, איז ווי א בליץ איר דורכן קאָפּ דורכגעפלויגן.

אָלענקאָ האָט טיף אָפּגעעטעמט, ווייל זי האָט לסוף געפונען, וואָס זי האָט געזוכט. יאָ! קיין זשעלאָנקאַ, קיין ראַגאָווסקאַ. דאָרט וועט דער שונא נישט זיין, דער גזלן קיין רויב נישט זוכן. א היימישער אַפילו, אויב ער פאַרגעסט זיך, קאָן ער דאָרט פאַרבלאָנדזשעט ווערן און בלאָנדזשען ביז צום טויט. מכל־שכן א פרעמדער, וואָס איז מיט די וועגן נישט באַקאַנט. דאָרט וועלן זי באַשיצן די דאָמאַטשעוויטשס, די יעגערס און זי סטאַקיאַנס די פעך־זידער און אויב זיי זענען נישטאָ, אויב זיי זענען אַלע מיטן הער וואָלאָדיאָווסקי מיטגעגאַנגען, קאָן מען דאָך דורך די דאָזיקע וועלדער אַזש העט ביז צו אַנדערע וואָיעוודזטוועס אָנשפּאַרן און אין אַנדערע וועלדער א מקום־מנוחה זוכן.

אַז אָלענקאָ האָט זיך דערמאַנט אין הער וואָלאָדיאָווסקין איז זי אויפגעהייטערט געוואָרן. אָט אַזאַ אַפּוטרופּס וואָלט זי געדאַרפט! דאָס איז אַן עכטער זעלנער, דאָס איז א שווערד, וועלכע וואָלט זי פאַר קמיטשיצן און אַפילו פאַר די ראַדזיווילס געקאָנט באַשיצן. דאָ האָט זי זיך דערמאַנט, אַז דאָס האָט ער טאַקע דעמאָלט, ווען ער האָט קמיטשיצן אין בילעוויטשע געכאַפּט, געראַטן, אַז זיי זאָלן אין די ביאַלאָוויעזשער וועלדער א מקום־מנוחה זיך זוכן.

און ער איז גערעכט געווען! ראַגאָווסקאַ און זשעלאָנקאַ זענען צו נאָענט צו די ראַדזיווילס, און נעבן ביאַלאָוויעזש שטייט טאַקע יענער סאַפּיעהאַ, וועלכער האָט אָקאָרשט דעם שרעקלעכסטן ראַדזיוויל פון דער ערד אָפּגעמעקט.

הייסט עס קיין ביאַלאָוויעזש, קיין ביאַלאָוויעזש, אַפילו שוין היינט, מאָרגן!.. זאָל נאָר דער ראָסיענער שווערד־טרעגער קומען, וועט זי נישט מאַכן קיין לאַנגע שהיות!

עס וועלן זי באַשיצן די פינסטערע טיַעגישן פון ביאַלאָוויעזש, און שפּעטער, אַז דער שטורעם וועט אַריבער — דער קלויסטער. נאָר דאָרט קאָן זיין די אַמתדיקע מנוחה און אָפּ־געשייטקייט פון אַלע מענטשן, די פולע אויסגעטויעגקייט פון צרן ווייטאָק, צער, פאַראַכטונג...

2. קאַפּיטל

דער ראַסיענער שווערד־טרעגער האָט צוריקגעקערט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געפאָרן אין באַגלייטונג פון באָגוסלאַווס מענטשן, האָט ער אָנגעשפּאַרט נאָר ביז ראָסיענע; קיין בילעוויטשע איז נישט געווען נאָך וואָס צו פאָרן, ווייל עס איז שוין אויף דער וועלט נישט געווען דער הויף, די בנינים, דאָס דאָרף, אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן אויף אַש אין דער לעצטער שלאַכט, וואָס קסיאָנדז סטאַשעוויטש, דער יעזויט, האָט בראש פון זיין אָפּטיילונג געפירט מיטן שוועדישן קאַפּיטאַן ראָסאַ. דאָס פאָלק איז געווען אין די וועלדער אָדער אין די באַוואָפנטע פּאַרטיעס. אויפן אָרט פון פאַרמעגלעכן דאָרף זענען פאַרבליבן נאָר ערד און וואַסער.

די וועגן זענען דערביי געווען פול מיט רויבער, דאָס הייסט אַנטלאָפענע פון פאַרשידענע אַרמייען, וועלכע האָבן זיך אין גרעסערע מחנות אַרומגעטריבן און פאַרנומען זיך מיט גזלות, אַזוי אַז אפילו די קלענערע מיליטערישע קאָמאַנדעס זענען פאַר זיי נישט זיכער געווען. דער ראַסיענער שווערד-טרעגער האָט דעריבער זיך

אויך נישט געקאָנט איבערצייגן אפילו אין דעם, צי די פעסלעך מיט זילבער און געלט, וואָס זענען פאַרגראָבן געוואָרן אין גאָרטן, זענען ניצול געוואָרן, און ער האָט זיך אומגעקערט קיין טויראָגי, זייער אַן אויפגעבראַכטער. אַ פאַרביטערטער, מיט אַ פאַרביסענער שנאה אין האַרצן קעגן די מחבלים.

ער איז קוים מיט איין פוס פון וואָגן אַראָפּ, האָט אים אָלענקאָ אין איר שטוב אַריינגעשלעפּט און איבערגעגעבן אים אַלץ, וואָס האַסלינג-קעטלינג האָט איר דערציילט.

דער אַלטער שלאַכטשיץ, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין אייגענע קינדער און דערפאַר דאָס מיידל ווי אַ טאָכטער ליב געהאַט, איז דערהערנדיק דאָס, אויפגעציטערט געוואָרן. אַ געוויסע צייט האָט ער נאָר דאָס הענטל פון דער שווערד געטאַפּט, איבערחזרנדיק: שלאָגט, ווער ס'האָט אַ גאָט אין האַרצן! — לסוף האָט ער זיך פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט און אַזוי געזאָגט:

— כ'האָב געזינדיקט, כ'האָב שווער געזינדיקט! ווייל ס'איז מיר צייטנווייז אויך איינגעפאַלן און מענטשן האָבן מיר איינגערוימט, אַז דער דאָזיקער רשע האָט זיך אין דיר ביז איבער די אויערן פאַרליבט, און איך האָב גאָרנישט געזאָגט, כ'האָב זיך נאָך פאַר די זייטן אָנגעגומען טראַכטנדיק: „אפשר וועט ער טאַקע חתונה האָבן"! די גאַשיעוסקיס זענען אונזערע קרובים, די טיזנהויזס אויך... פאַרוואָס זאָלן אויך די ראַדזיוווילס נישט ווערן אונזערע קרובים? פאַר דער גדלות, פאַר דער גדלות האָט מיך דאָס גאָט געשטראָפט... אַ פיינע קרובהשאַפט האָט דער בוגד צוגעטראַכט. אַזאַ קרוב האָט ער דאָס מיט אונז געוואָלט ווערן... אַז געהרגעט זאָל ער ווערן!.. ווי אַ פריצישער אָקס מיט פויערישע קעלבלעך! אַז געהרגעט זאָל ער ווערן. אָבער דו וועסט אַ ביסל וואַרטן! פריער וועט פון דער דאָזיקער האַנט און פון דער דאָזיקער שווערד פרוכנע זיך שיטן!...

— דאָ דאַרף מען קלערן וועגן אַ רעטונג — האָט אָלענקאָ געזאָגט.

און זי האָט פאָרגעשטעלט אירע פּלענער פון אַנטלויפן.

דער שווערד-טרעגער האָט אָפּגעסאַפּעט און אויפמערקזאַם

זיך צוגעהערט און צום סוף האָט ער געזאָגט

— ס׳וואָלט מיר מער ניחא געווען מיינע מענטשן צונויפצו־קלויבן און אַ פּאַרטיע צונויפצושטעלן! כ׳וועל די שוועדן אונטער־קומען, ווי אַנדערע קומען־אונטער, ווי אַנימלט קמיטשיק כאָוואַנ־סקין. דו וועסט מער באַוואָרנט זיין אין וואַלד און אין פעלד, ווי אין דאָזיקן הויף פון בוגד און אפיקורס!

— גוט — האָט דאָס מיידל געענטפערט.

— נישט בלויז איך שטעל מיך נישט אַקעגן — האָט דער שווערד־טרעגער מיט ברען געזאָגט — נאָר איך האַלט אַזוי; אַז וואָס גיכער אַלץ בעסער... מענטשן און קאָסעס פעלן מיר דאָך נישט. מ׳האָט מיר פאַרברענט די רעזידענץ, שאַדט נישט! וועל איך פון אַנדערע דערפלעך די פויערן צונויפנעמען... אַלע בילעוויטשעס, וואָס זענען שוין אין דער מלחמה, וועלן זיך שטעלן ביי אונזער זייט. מיר וועלן דיר וויזן, שרהלע, אַ קרובהשאַפט... מיר וועלן וויזן, וואָס דאָס הייסט אויף די צניעות פון אַ טאָכטער פון די בילעוויטשעס זיך אָנזעצן... דו ביסט אַ ראַדזיוויל! דאָס איז גאָר־נישט! נישטאָ קיין העטמאַנס אין דער משפחה פון די בילעוויטשעס, נישטאָ אָבער אויך קיין בוגדים!.. מיר וועלן זען, מיט וועמען גאַנץ זשאַמעט וועט גיין!..

דאָ האָט ער זיך געווענדט צום פרייליין:

— דיך וועלן מיר איבערלאָזן אין ביאַלאָוויעזש, און אַליין וועלן מיר צוריקקערן! אַנדערש קאָן נישט זיין! ער מוז פאַר דעם דאָזיקן בזיון זיין שטראָף אָפּקומען, ווייל דאָס איז אַן עולה קעגן גאַנצן שטאַנד פון דער שלאַכטע. אומווירדיק איז דער, וואָס וועט מיט אונז נישט גיין! אומווירדיק, ווער עס וועט דעם בוגד מיט דער שווערד פאַר די אויגן נישט אַ בליץ־טאָן. דער קיניג, די סיי־מען, די גאַנצע רעפּובליק זענען מיט אונז!

דאָ האָט דער שווערד־טרעגער, אַ רויטער, ווי בלוט און מיט אַן אויפגעשטעלטער טשופּרינע געגומען זעצן מיט דער פויסט אין טיש אַריין.

— די דאָזיקע מלחמה איז וויכטיקער, ווי די שוועדישע, ווייל אין אונז איז דער גאַנצער ריטערלעכער שטאַנד, אַלע רעכט, די

גאַנצע רעפּובליק באַעולהט און אין די טיפסטע יסודות אונטערגע־גראָבן. אומווירדיק איז דער, וואָס פאַרשטייט דאָס נישט! דאָס פאָטערלאַנד וועט אונטערגיין, אויב מיר וועלן דעם בוגד נישט באַשטראָפן און קיין נקמה פון אים נישט נעמען!

אין דאָס אַלטע בלוט האָט זיך וואָס אַמאָל מער צעקאָכט, אַזוי אַז אַלענקאַ האָט דעם שווערד־טרעגער אַזש געמוזט באַרויקן. ער איז געזעסן ביז־איצט רויק, הגם עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט בלויז דאָס פאָטערלאַנד, נאָר די גאַנצע וועלט עקט זיך אָבער ערשט ווען מ׳האָט די בילעוויטשס אָנגערירט, האָט ער אין דעם די שרעקלעכסטע סכנה פאַרן פאָטערלאַנד דערזען און ער האָט געוומען רעווען ווי אַ לייב.

אָבער דאָס מיידל, וואָס האָט אויף אים געהאַט אַ גרויסע השפּעה, האָט באַוויזן אים לסוף צו באַרויקן, אויפוייזנדיק אים, אַז פאַר זייער אויסלייזונג און אויך דערפאַר, אַז דאָס אַנטלויפן זאָל זיך איינגעבן, איז דוקא נויטיק, אַז אַלץ זאָל בלייבן בסוד סודות און אַז דער פירשט זאָל נישט זען, אַז זיי שטויסן זיך עפּעס אָן.

ער האָט פייערלעך צוגעזאָגט, אַז ער וועט טאָן, ווי זי הייסט אים, און דערנאָך האָבן זיי זיך שוין משאל־עצה געווען וועגן אַנטלויפן גופא. די זאַך איז נישט געווען זייער שווער, ווייל עס האָט זיך געדאַכט, אַז מ׳היט זיי גאָרנישט. דער שווערד־טרעגער צווערשט האָט דעריבער באַשלאָסן אַ יינגל מיט בריוו צו די עקאַנאַ, מען אַרויסשיקן, אַז זיי זאָלן תיכף צונויפנעמען און באַוואָפנען די פויערן פון אַלע דערפלעך׳ וואָס געהערן צו אים און צו אַנדערע בילעוויטשס.

דערנאָך האָבן זעקס געטרייע דינער געזאָלט כּלומרשט אַוועק קיין בילעוויטשע נאָך די פעסלעך מיט געלט און זילבער, און אין דער אמתן זיך אָפּשטעלן אין די גירלאַקאָליער וועלדער און דאָרט וואַרטן אויף די האַרן מיט פערד, פעק און פּראָוויאַנט. זיי אַליין האָבן זיך געמאַכט אַ סדר, אַז פון טוראָגי וועלן זיי אַרויספאָרן מיט צוויי דינער אין אַ שליטן, כּלומרשט נאָר אין די שכנתדיקע גאַוונאַ, דערנאָך וועלן זיי זיך איבערזעצן אויף רייט־פערד און זיך

לאָזן אין גאַלאָפּ. קיין גאָוונאַ פלעגן זיי אָפּט פאָרן צו די הערן קוטשוק־אַלבראַטאָווסקי, ווו זיי פלעגן אַמאָל אויך בלייבן אויף איבער נאַכט, זיי האָבן דעריבער זיך גערעכט, אַז זייער אַרויספאָר וועט נישט ציען קיינעמס אויפמערקזאַמקייט און אַז מ'וועט זיי נישט נאָכיאָגן, סיידן ערשט אין צוויי אָדער דריי טעג אַרום, ווען זיי וועלן שוין זיין צווישן די באַוואַפנטע קו־פּעס און אין דער טיפעניש פון די אָן סופיקע וועלדער. די אָפּוועזנהייט פון פירשט באָגוסלאַוו האָט די דאָזיקע האָפנונג זייער פערשטאַרקט.

דערווייל האָט הער טאָמאַש זייער פלייסיק געמאַכט די הכנות. דאָס יינגל מיט די בריוו איז אַרויסגעפאָרן דעם צווייטן טאָג. דעם דריטן טאָג האָט דער שווערד־טרעגער באַריכות גע־רעדט מיט פּאַטערסאָנען וועגן זיין פאַרגראָבענעם געלט, וועל־כעס איז געווען, ווי ער האָט געזאָגט, אין אַ סכום פון העכער הונדערט טויזנט און וועגן דער נויטיקייט עס אַריבערצופירן אין זיכערן טויראָגי. פּאַטערסאָן האָט לייכט געגלויבט, ווייל דער שלאַכטשיץ האָט געגאָלטן פאַר אַ גרויסן עושר און ער איז עס באמת געווען.

— זאָל מען עס ברענגען וואָס גיכער — האָט דער שאָטלענדער געזאָגט — אויב ס'איז נויטיק, וועל איך זעלנער אויך צוגעבן.

-- וואָס ווייניקער מענטשן עס וועלן וויסן, וואָס איך פיר, אַלץ בעסער. מיינע דינער זענען געטרייע מענטשן, און די פעסלעך וועל איך זיי הייסן צודעקן מיט קאָנאָפּיעס, וועלכע מ'פירט אָפט פון אונזערע מקומות קיין פּרייסן, אָדער גאָר מיט קלעפּקעס, נאָך וועלכע קיינער וועט נישט להוט זיין.

— בעסער מיט קלעפּקעס -- האָט פּאַטערסאָן געזאָגט — ווייל דורך קאָנאַפּיעס קען מען מיט אַ שווערד אָדער מיט אַ שפּיז אָנטאַפּן, אַז עפּעס אַנדערש ליגט אונטן אויפן וואָגן. און דאָס געלט גיט בעסער אַוועק דעם פירשט אויף אַ וועקסל. כ'ווייס, אַז ער נויטיקט זיך אין געלט, ווייל די הכנסות קומען נישט רעגו־לער אָן.

— ב'וואָלט וועלן דעם פירשט צ'ווי אָפּדינען, אַז עס זאָל אים גאָרנישט פעלן — האָט דער שלאַכטשיץ געזאָגט.

דערמיט האָט זיך דער שמועס געענדיקט און אַלץ האָט אויסגעוויזן זיך צו אַנטוויקלען אויפן בעסטן אופן, ווייל באַלד דערויף האָבן די קינדער זיך געלאָזט אין וועג אַריין, און דער שווערד־טרעגער מיט אָלענקאָן האָבן צומאָרגנס געזאָלט אַרויספאָרן.

דערווייל האָט באָגוסלאַוו גאָר אומגעריכט אין אָוונט צוריקגעקערט בראש פון צוויי פּרייסישע רייטער־רעגימענטן. זיינע געשעפטן האָבן נישט געמוזט גיין זייער גוט, ווייל ער איז צוריקגעקומען אַ בייזער און פאַרביטערטער.

דעם זעלבן טאָג נאָך האָט ער צוזאַמענגערופן אַ מלחמה־ראַט, וועלכער איז באַשטאַנען פון קורפירשטלעכן באַפולמעכטיקטן גראַף זיידעוויץ, פּאַטערסאָן, סאַקאַוויטש און רייטער־פּאָלקאָווניק קיריץ. מ'האָט זיך בארַאַטן ביז דריי אַ זייגער ביי נאַכט, און דער צוועק פון די באַראַטונגען איז געווען אַן עקספּעדיציע קיין פּאָלעסיע קעגן העטמאַן סאַפּיעהאַן.

— דער קורפירשט און דער שוועדישער קיניג האָבן מיך אין אַ גענוגנדיקער מאָס מיט מיליטער פאַרזאָרגט — האָט דער פירשט געזאָגט — איינס פון די ביידע, אָדער מיר וועלן סאַפּיעהאַן נאָך טרעפן אין פּאָלעסיע און אין אַזאַ פאַל מוזן מיר אים פאַרטיליקן, און אויב נישט וועלן מיר פּאָלעסיע אָן ווידערשטאַנד פאַרנעמען. צו אַלץ איז אָבער נויטיק געלט, און דאָס האָבן סיי דער קורפירשט און סיי זיין שוועדישער מאַיעסטעט מיר נישט געגעבן, ווייל זיי האָבן אַליין נישט.

— ביי וועמען זאָל מען דען זוכן געלט, אויב נישט ביי אייער פירשטלעכער מאַיעסטעט — האָט גראַף זיידעוויץ זיך אָנגערופן — אין דער גאַנצער וועלט רעדן מיר וועגן די אָן־אַ שיעורדיקע אוצרות פון די ראַדזיווילס.

דערויף האָט באָגוסלאַוו געענטפערט:

— הער זיידעוויץ, ווען איך וואָלט געווען דערהאַלטן אַלץ, וואָס קומט מיר פון מיינע גיטער, וואָלט איך אודאי גע־

האט מער מזומנים, ווי פינף אייערע דייטש: פירשטן אינאיינעם גענומען. אָבער אין לאַנד איז אַ מלחמה, די הכנסות קומען נישט אָן, אָדער זיי ווערן גאָר דורך די מורדים איבערגעכאַפּט. מ'וואָלט געקאָנט באַקומען געלט אויף וועקסלען פון די פּרייסי־שע שטעט, אָבער ווער ווייסט גאָך ווי איר, וואָס אין זיי טוט זיך און זיי וואָלטן אפשר פאַר איין יאָן קאָזשימיעזשן די זעק אויפגע׳ :

— און קעניגסבערג?

— וואָס מ'האָט געקאָנט נעמען, האָב איך גענומען, אָבער דאָס איז ווייניק.

— כ'האָלט עס פאַרא גליק, וואָס איך וועל אייער פירשט־לעכער מאַיעסטעט מיט אַ גוטער עצה קאָנען דינען — האָט פּאַסטערזאָן זיך אָנגערופן.

— כ'וואָלט בעסער וועלן, אַז איר זאָלט מיר דינען מיט געלט.

— די דאָזיקע עצה איז ווערט געלט. ערשט נעכטן האָט מיר הער בילעוויטש געזאָגט, אַז ער האָט היפּשע סכומים געלט פאַרגראָבן אין גאָרטן אין בילעוויטשע און אַז ער וויל טאַקע זיי ברענגען אַהער אין אַ זיכערן אָרט, כּדי זיי אייער פירשט־לעכער מאַיעסטעט אויף אַ וועקסל אָוועקצוגעבן!

— איר זענט מיר ביידע ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן

— האָט באָגוסלאַוו אויסגערופן — און וויפל געלט איז דאָרט פאַרהאַן?

— העכער ונדערט טויזנט, אחוץ זילבערוואַרג און טייערע חפצים, אודאי אויך אין אַזאַ ווערט.

— דאָס זילבערוואַרג און טייערע חפצים וועט דער שלאַכטשיץ אויף מזומנים נישט וועלן אויסבייטן, אָבער מ'וועט עס קאָנען פאַרמשכּונען. כ'בין דיר דאַנקבאַר, פּאַטערסאָן, ווייל דאָס איז מיר געקומען צו דער רעכטער צייט. איך מוז מיט בילעוויטשן שוין מאָרגן זיך דורכרעדן.

— וועל איך אים באַצייטנס מודיע זיין, ווייל גראָד מאָרגן קלייבט ער זיך מיטן פריילין קיין גאָווניע, צו די הערן

קוסשוק-אָלבּראַטאָווסקי.

— זאָג אים באַצייטנס אָן, אַז ער זאָל נישט אַרויספּאָרן, ביז ער וועט זיך מיט מיר נישט האָבּן געזען.

— די דינער זענען שוין אַרויסגעשיקט געוואָרן, כ'האָב נאָר מורא, צי זיי וועלן בשלום אָנקומען.

— מ'וועט קאָנען זיי אַ גאַנצן רעגימענט נאָכשיקן, איבּער־דיקנס, וועלן מיר נאָך רעדן. צו דער ריכטיקער צייט איז דאָס געקומען, צו דער ריכטיקער צייט! און אַ שיינע זאַך וועט עס אויך זיין, אויב כ'וועל פּאַלעסיע פאַרן געלט פון דאָזיקן ראָ־יאַליסט און פּאַטריאָט פון דער רעפּובּליק אָפּרייסן.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דער פירשט זיך געזעגנט מיטן ראַט, ווייל ער האָט נאָך געמוזט זיך איבּערגעבּן אין די הענט פון די קאַמערדינער, וואָס זייער עבודה איז געווען יעדן טאָג פאַרן שלאָפן־גיין צו קאָנסערווירן זיין אויסערגעוויינלעכע שיינקייט מיט בּעדער, שמירעכצן און פאַרשידענע קונצן, וואָס זענען נאָר אין אויסלאַנד באַקאַנט געווען. דאָס האָט געוויינטלעך געדויערט אַ שעה און צייטנווייז אויך צוויי; דער פירשט איז אויך אָן דעם געווען מיד פון וועג און פון דער שפּעטער שעה.

צומאַרגנס באַגינען האָט פּאַטערסאַן פאַרהאַלטן דעם שווערד־טרעגער און אַלענקאַן מיט דער מעלדונג, אַז דער פירשט באַגערט מיט זיי זיך צו זען. מ'האָט געמוזט דעם אַרויספאָר אָפּלייגן, אָבּער זיי האָבּן זיך דאָס נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן, ווייל פּאַטערסאַן האָט געזאָגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

מיט אַ שעה שפּעטער איז אָנגעקומען דער פירשט. הגם אי טאָמאַש און אי אַלענקאַ האָבּן זיך הייליק צוגעזאָגט אַז זיי וועלן אים אויפנעמען ווי תמיד און הגם זיי האָבּן זיך אָנגעשטרענגט דאָס צו טאָן, האָט זיך זיי דאָס נישט איינגע־געבּן.

איר פּנים האָט זיך פאַרענדערט, און דעם שווערד־טרעגערס איז אויפן אָנבּליק פון יונגן פירשט מיט בּלוט פאַרלאָפן גע־

זאָרן, אַ ווײַלע זענען זיי בײדע געשטאַנען צעטומלטע, אויפגערעגטע, פליסנדיק זיך אומזיסט צוריק צוקערן צו דער געוויינלעכער רויקייט.

דער פירשט, להיפּוך, איז געווען פולשטענדיק פריי, נאָר די אויגן זענען אים געווען אַ ביסל אײַנגעפאַלן און דאָס פּנים ווייניקער אָנגעפּאַרבט, ווי תּמיד, אָבער גראָד די דאָזיקע בלאַסקייט האָט זיך וווּנדערבאַר אָפּגעשלאָגן פון דעם פּערל-פאַרביקן קאָרגן-ראָק, וואָס איז מיט זילבער געווען אויסגעהאָפטן: ער האָט אָבער תּיכף באמערקט, אַז זיי נעמען אים אויף עפּעס אַנדערש און זען אים נישט אַזוי גערן, ווי געוויינלעך, ער האָט זיך אָבער באלד געטראַכט, אַז די דאָזיקע בײדע ראָיאַליסטן האָבן זיך אַודאַי דערוווּסט וועגן זײַנע באַציונגען מיט די שוועדן און אַז דערפון נעמט זיך דאָס דער קאַלטער קבלת-פּנים.

ער האָט דעריבער באַשלאָסן זיי תּיכף אַ שיט צו טאָן זאמד אין די אויגן און נאָך די געוויינלעכע באַגריסונגס-קאָמפּלימענטן האָט ער אַזוי אָנגעהויבן:

— גנעדיקער הער שווערד-טרעגער, איר האָט אַודאַי שוין געהערט, וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט מיך געטראָפן...

— אײַער פירשטלעכער מאַיעסטעס וויל רעדן וועגן טויט פון פירשט וואָיעוואָדע? — האָט דער שווערד-טרעגער זיך אָנגערופן.

— נישט בלויז וועגן טויט. דאָס איז טאַקע אַ מוראדיקער קלאַפּ, איך האָב זיך שוין אָבער איבערגעגעבן אויף גאָטס באַדאָט וועלכער האָט, ווי איך האָף, פאַר אַלע עוולות מײַן ברודער ביד-רחבה באַלוינט אָבער אויף מיר האָט ער אָנגעשיקט אַ נײַע צרה, ווײַל איך מוז פירן אַ בירגער-מלחמה, און פאַר יעדן בירגער, וואָס ליבט דאָס פאָטערלאַנד, איז דאָס אַ ביטער מזל...

דער שווערד-טרעגער האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט נאָר אַ ביסל פון אַ זייט אַקוק-געטאָן אויף אָלענקאָן.

און דער פירשט האָט ווײַטער געזאָגט:

— מיט מײַן אַרבעט, מײַן מי, און איין גאָט ווייסט מיט וואָסערע קאָסטן, האָב איך דעם שלום שוין געהאַט צושטאַנד

געבראכט. עס האָט זיך געהאַנדלט כמעט נאָר וועגן אונטער־שרייבן די טראַקטאַטן. די שוועדן האָבן געזאָלט ארויסגיין פון פוילן, נישט פאַרלאַנגענדיק קיין שום שכר, אחוץ דער דערלוי־בעניש פון קיניג און פון די שטאַנדן, אַז נאָך יאַן קאַזשימיעזשס טויט זאָל קאַרל געקליבן ווערן אויפן פוילישן טראָן. אזא גרויסער און מעכטיקער מלחמה־מאַן וואָלט געווען אַ ישועה פאַר דער רעפובליק. נאָך מער, שוין איצט האָט ער געזאָלט איבערלאָזן מיליטערישע הילף אויף דער אוקראַינישער און מאָסקווער מלחמה. מיר וואָלטן נאָך די גרעניצן פאַרברייטערט; אָבער דעם הער סאַפיעהאַ לויבט דאָס נישט, ווייל ער וואָלט די ראַדזיווילס נישט געקאָנט רודפן. אַלע האָבן אויף די דאָזיקע טראַקטאַטן שוין געהאַט מסכים געווען, נאָר ער אַליין שטעלט זיך אַנטקעגן מיט אַ בעוואָפנטער האַנט; אַ כפרה דאָס פאָטערלאַנד, אַבי ער זאָל זיינע פריוואַטע חשבונות קאָנען מאָנען. ס'איז געקומען דערצו, אַז מען מוז מיט וואָפן קעגן אים אַרויסטרעטן, און די דאָזיקע שליחות האָט מען טאַקע, מיט יאַן קאַזשימיעזשס און קאַרלס שטילן הסכם, מיר אָנפאַרטרויט. כ'האָב זיך קיינמאָל פון קיין שום דינסט נישט אָפגעזאָגט, כ'מוז דעריבער אויך די דאָזיקע עובדא אויף זיך נעמען, הגם נישט איינער וועט מיך פאַלש משפטן און מיינען, אַז איך פאַרפיר אַ ברודער־מערדערישע מלחמה נאָר בלויז פון נקמה־וועגן.

דערויף האט דער שווערד־טרעגער זיך אנגערופן:

—ווער עס האָט אייך, גנעדיקער הער פירשט, אַזוי גוט דערקענט, ווי מיר, דעם וועט אַן אויבן־אויפיקער רושם נישט נאַרן און דער וועט תמיד פאַרשטיין אייערע אמתע כוונות.

דאָ האָט דער שווערד־טרעגער, אנטציקט פון זיין אייגענער כיטרעקייט און פאָליטיק, אַזוי דייטלעך אַ ווינק געטאָן צו אָלענקאָן, אַז זי האָט אַזש מורא באַקומען, אַז דער פירשט זאָל די דאָזיקע צייכנס נישט דערזען.

ער האָט טאַקע באַמערקט.

— זיי גלויבן מיר נישט — האט ער זיך געטראַכט.

און הגם ער האט קיין כעס אויפן פנים נישט אַרויס־

געוויזן, האָט עס אים דאָך גוט פאַרדראָסן. ער איז גאַנץ אויפ־ריכטיק געווען איבערצייגט, אַז עס איז אַ באַליידיגונג נישט צו גלויבן קיין ראַדזיוויל, אפילו דעמאָלט, ווען עס פאַרגלוסט זיך אים צו זאָגן ליגן.

— פּאַטערסאָן האָט מיר איבערגעגעבן — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט — אַז איר ווילט אייער מזומן געלט בדרך הלוואה מיר אָוועקגעבן. כ'וועל אייך דאָס גערן צוליב־טאָן, ווײַל איך בין זיך מודה, אַז אַ מזומנער גראָשן וועט מיר איצט צונויץ־קומען. אַז עס וועט זײַן שלום, וועט איר טאָן, וואָס איר וועט וועלן, אָדער דאָס געלט אָפּנעמען, אָדער גאָר איך וועל אייך געבן אַ פּאָר דערפער פאַר אַ משכון, אַזוי אַז דאָס זאָל אייך ברענגען ריוח.

דאָ האָט דער פירשט זיך געווענדעט צו אָלענקאַן:

— זײַט מיר מוחל, וואָס אין דער אָנוועזנהייט פון אַזאַ הערלעכן ווענזן, רעדן מיר נישט וועגן ליבע און וועגן אידיליעס, ס'איז נישט קיין פיינער שמועס, אָבער די צײַטן זענען אַזעלכע, אַז מ'קאָן דער באַוווּנדערונג און פאַרערונג נישט געבן דעם געהעריקן אויסדרוק.

אָלענקאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אָנכאַפּנדיק זיך מיט די שפּיץ־פינגער פאַרן קלייד, האָט זי געמאַכט אַ געהעריקן קניקס, נישט וועלנדיק גאַרנישט ענטפערן.

דערווײַל האָט דער שווערד־טרעגער זיך אויסגעאַרבעט אין מוח אַן אומדערהערט שלימזלדיקן פּלאַן, וועלכן ער האָט אָבער אַליין געהאַלטן פאַר אומגעווייגלעך געשיקט.

— אי כ'וועל אַנטלויפן מיטן מיידל און אי כ'וועל דאָס געלט נישט באָרגן — האָט ער זיך געטראַכט.

דערויף האָט ער אָפּגעהוסט און נאָכדעם ווי ער האָט אַ פּאָר מאָל זיך דעם שפּיץ קאָפּ געגלעט, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— ס'וועט מיר אַ הנאה־טאָן פאַר אייך, גנעדיקער הער פירשט, עפּעס צו טאָן. איך האָב נאָך פּאַטערסאָנען נישט וועגן אַלץ געזאָגט, ווײַל עס וועט זיך אויך געפינען אַ טאָפּ מיט באַלד־גילדן, וועלכער איז באַזונדער פאַרגראָבן געוואָרן, כדי אין

א גויטפאל נישט אָנצווערן דאָס גאַנצע מזומנע געלט. אַ חוץ דעם זענען נאָך ביי אַנדערע בילעטוויטשס פאַראַן פעסלעך מיט געלט, יענע זענען אָבער פאַרגראָבן געוואָרן אונטער דער השגחה פון אָט דעם מיידל און איך בין דערביי נישט געווען, אַזוי אַז נאָר זי אַליין וועט קאָנען אויס־עפינען דאָס אָרט, בפרט, אַז דער מענטש, וואָס האָט זיי געטראָגן, איז געשטאָרבן. דערלויבט אונז ביידן צו פאָרן, וועלן מיר אַלץ אַהערברענגען.

באָגוסלאַוו האָט אויף אים שארף אַ קוק=געטאָן.

— ס'טייטש? פאַטערסאָן האָט געזאָגט, אַז איר האָט די דינער שוין אַרויסגעשיקט, און קוים זענען זיי אַרויסגעפאָרן, מוזן זיי דאָך וויסן, ווו דאָס געלט איז.

— אָבער וועגן די אַנדערע געלטער ווייסט קיינער נישט, נאָר זי.

— זיי מוזן דאָך זיין פאַרגראָבן אין עפעס אַ דייטלעכן אָרט, וועלכעס מ'קאָן לייכט מיט ווערטער אָנווייזן אָדער אויפן פאַפיר אָנצייכענען.

— ווערטער פאַרפליען — האָט דער שווערד=טרעגער געענטפערט — און אויף צייכנונגען זענען די דינער קיין מבינים נישט. מיר וועלן ביידע פאָרן און דאָס וועט זיין דאָס בעסטע!

— ביי גאָט! איר קענט דאָך אודאי זייער גוט אייערע גערטנער, פאָרט דעריבער אַליין. צו וואָס זאָל דאָס פריילין אַלעקסאַנדראַ פאָרן?

— אַליין וועל איך נישט פאָרן! — האָט דער שווערד=טרעגער אַנטשלאָסן געזאָגט.

באָגוסלאַוו האָט דאָס צווייטע מאָל אויף אים פאָרשנדיק אַ קוק=געטאָן, דערנאָך האָט ער זיך באַקוועמער געזעצט און מיטן רויר=שטעקעלע, וואָס ער האָט אין דער האַנט געהאַלטן, האָט ער גענומען איבער די שטיוול קלאַפּן.

— דוקא? — האָט ער געזאָגט — גוט! אָבער אויב אַזוי וויל איך אייך געבן צוויי רייטער=רעגימענטן, וועלכע וועלן אייך פירן אַהין און צוריק.

— מיר דאַרפן נישט קיין שום רעגימענטן. מיר וועלן

אַליין פֿאָרן און צוריקקערן. דאָס זענען אונזערע מקומות, מיר זענען דאָרט אויף קיין שום סכּנה נישט אויסגעשטעלט.

— ווי אַ ווירט, וואָס זאָרגט שטאַרק פֿאַרן וווּל פֿון זיינע געסט, קאָן איך נישט דערלויבן, אַז פֿרײַליין אַלעקסאַנדראַ זאָל פֿאָרן אָן אַ באַוואָפֿנטער קראַפֿט, קלויבט אײַך זעלבער אויס, אָדער אַליין, אָדער ביידע מיט אַ באַגלייטונג.

דער שווערד=טרעגער האָט דערזען, אַז ער איז אַדיינגעפֿאַלן אין די אייגענע נעץ און דאָס האָט אים אַזוי פֿון די כּלים אַרויסגעבראַכט, אַז ער האָט פֿאַרגעסן וועגן דער גאַנצער פֿאָרזיכטיקייט און אויסגעשריגן:

— קלויבט איר זיך בעסער אויס: אָדער מיר וועלן פֿאָרן אָן רעגימענטן, אָדער כ'וועל קיין געלט נישט געבן!

פֿרײַליין אַלעקסאַנדראַ האָט אויף אים אַ קוק=געטאָן מיט תּחנונים, אָבער ער איז שוין רויט געוואָרן און גענומען סאָפּען. געווען איז דאָס פֿונדעסטוועגן אַ מענטש בטבע אַן אָפּגעהיטענער, אַפֿילו אַן אומדרייסטער, וועלכער האָט ליב געהאַט אַלץ אויף אַ פֿרידלעכן אופֿן צו ערלעדיקן, דערפֿאַר אָבער, אַז מ'האָט מיט אים איינמאָל די מאָס איבערגעכאַפּט און צופֿיל דאָס שטריקל פֿון זיין סבלנות אָנגעצויגן, אָדער עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן כּבֿוד פֿון די בילעוויטשעס, פֿלעגט ער דעמאָלט מיטן מוט פֿון אַ הפֿקר=מענטש שפּרינגען יענעם אין די אויגן אַריין, מעג דאָס אַפֿילו זיין דער מעכטיקסטער שונא.

און אַזוי האָט ער זיך אויך איצט מיט דער האַנט פֿאַר דער לינקער זייט אָנגעכאַפּט, מיט דער שווערד אַ זעץ=געטאָן און גענומען שרייען מיט אַלע כּוחות:

— וואָס איז דאָ געפֿאַנגענשאַפֿט? אַ פֿרייען בירגער וויל מען פֿייניקן? קאַרדינאַלע רעכט מיט די פֿיס טרעטן?

אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אויפֿן אָנלען פֿון שטול האָט באָגוסלאַוו זיך אין אים גוט איינגעקוקט, אָן באַשיינפּערלעכע סימנים פֿון כּעס, גאָר זיין בליק איז מיט יעדער רגע געוואָרן קעלטער, און מיטן שפּיצרוט האָט ער וואָס אַמאָל האַסטיקער

איבער די שטיוול זיך געקלאפט. ווען דער שווערד־טרעגער וואלט אים בעסער געקענט, וואלט ער געוווסט, אז ער שטעלט זיך אויס אויף א גרויסער סכנה.

די באציונגען מיט באגוסלאוו זענען פשוט שרעקלעך געווען דערפאר, ווייל מ'האט קיינמאל נישט געוווסט, ווען עס וועט איבערן העפלעכן ריטער און דיפלאמאט, וואס איז געווינט זיך צו באהערשן, באקומען די אויבער־מאכט דער ווילדער און אומגעצוימטער מאגנאט, וואס צעטרעט מיט אכזריות פון א מזרחדיקן דעספאט יעדן ווידערשטאנד. די גלענצנדיקע דערציונג, די געשליפנקייט, וואס ער האט זיך פארשאפט אין די גרעסטע אייראפעישע הויפן, די מיושבדיקייט, וואס איז דערווארבן געווארן דורך זיינע באציונגען מיט מענטשן, און די היבערנעטריבענע עלעגאנץ, דאס אלץ זענען געווען ווי וונדערבארע און מעלטיקע בלומען, אונטער וועלכע ס'האט זיך באהאלטן דער טיגער.

אבער דער שווערד־טרעגער האט וועגן דעם נישט געוווסט און פארבלענדט אין זיין גרימצארן האט ער ווייטער געשריגן:

— מאכט נישט מער קיין פאלשע אנשטעלן, גנעדיקער ער פירשט, ווייל מ'קען אייך!.. און געדענקט, אז סיי דער שוועדישער קיניג, סיי דער קורפירשט, וואס ז.?. דינט זיי ביידן קעגן פאטערלאנד, און סיי אייער פירשטנטום וועלן אייך פארן טריבונאל נישט באשיצן, און די שווערדן פון דער שלאכטע וועלן אייך לערנען דרך־ארץ... שנעק!

דערויף האט באגוסלאוו זיך אויפגעשטעלט, אין איין רגע האט ער דאס שטעקעלע אין די אייזערנע הענט צעקרישלט און ווארפנדיק די פיצלעך צו די פיס פון שווערד־טרעגער, האט ער געזאגט מיט אן אימהדיקער, געדעמפטער שטים:

— אט וואס פארא חשיבות ס'האבן ביי מיר אייערע רעכט! אט וואס פארא חשיבות ס'האבן ביי מיר אייערע טריבונאלן! און אייערע פריווילעגיעס!

— דאס איז א מוראדיקע גוואלטאט.

— ווייג, שלאַכטשיצל! — האָט דער פירשט אַ געשריי געטאָן — ווײַל איך וועל דיך אויף שטויב צעמאַלן!

און ער איז געגאַנגען צו אים, כּדי דעם געפּלעפּטן שלאַכטשיץ פאַר דער ברוסט אָנצוכאַפּן און אים צו דער וואַנט וואַרפן.

אין דעם האָט פריילין בילעוויטש זיך צווישן זיי אַוועקגעשטעלט.

— וואָס ווילט איר טאָן, גנעדיקער הער פירשט? — האָט זי געזאָגט.

דער פירשט האָט זיך אָפּגעשטעלט.

און זי איז געשטאַנען מיט פונאַנדערגעבלאָזענע נאָז־לעכער, מיט אַ צעפלאַמטן פּנים און מיט אַ פייער אין די אויגן. ווי אַ צאָרנדיקע מינערוואַ. איר ברוסט האָט זיך געהויבן ווי אַ ים־כוואַליע און זי איז אין דאָזיקן גרימצאָרן געווען אַזוי וווּנדערבאַר, אַז באָגוסלאַוו האָט זיך אין איר גיריק איינגעקוקט און אַלע ליידנשאַפטן זענען אים אויפן פּנים אַרויסגעקראָכן, ווי די שלאַנגען, וואָס ליגן אין די נשמה־היילן פאַרבאָרגן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז זיין כּעס אַריבער, ער איז געקומען צו זיך, אַ געוויסע צייט האָט ער נאָך געקוקט אויף אָלענקאַן, לסוף איז אים דאָס פּנים מילדער געוואָרן, ער האָט דעם טאָפּ אויף דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט און געזאָגט:

— זייט מוחל, הימלישע מיידל!.. דאָס האַרץ איז אַזוי פול מיט יסורים און ווייטאָק, אַז איך ווייס נישט, וואָס איך טו.

ביי די דאָזיקע ווערטער איז ער אַרויס פון שטוב.

דעמאָלט האָט אָלענקאַ פאַרבראָכן די הענט און דער שווערד־טרעגער האָט קומענדיק צו זיך פאַר דער טשופּרינע זיך אָנגעכאַפּט און געשריגן:

— איך האָב דאָס אַלץ קאַליע־געמאַכט, איך בין דער חייב אין דיין אומגליק!

דער פירשט האָט זיך דעם גאַנצן טאָג נישט געוויזן. מיטאָג האָט ער אפילו געגעסן ביי זיך, זאַלבעצווייט מיטן הער סאַקאָוויטש. אויפגערעגט ביז גאָר, האָט ער נישט געקאָנט טראַכטן

אזוי קלאָר, ווי תמיד. ס'האָט אים פאַרצערט אַ היץ. געווען איז דאָס אַן אָנזאָג פון אַ שווערן פיבער, וועלכער האָט אים גע־זאָלט אָנכאַפּן מיט אַזאַ קראַפט, אַז בעת זיינע אָנפאַלן איז ער אינגאַנצן שטייף געוואָרן, אַזוי אַז מ'האָט אים געמוזט דורך אַיינרייבונגען אויפטייען. אָבער אין דער רגע האָט ער זיין צושטאַנד צוגעשריבן דער קראַפט פון דער ליבע און ער איז געקומען צום אויספיר, אַז אָדער ער וועט זי מוזן באַפרי־דיקן, אָדער ער וועט שטאַרבן.

און דערווייל, נאָכדעם ווי ער האָט סאַקאָוויטשן איבערגע־געבן דעם גאַנצן שמועס מיטן שווערד־טרעגער, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— די הענט און די פיס ברענען מיר, מוראַשקעס גייען מיר איבערן רוקן, אין מויל שפּיר איך אַ ביטערקייט און אַ פּיי־ער. אַ! צו אַלדי שוואַרצע יאָר, וואָס איז דאָס?.. דאָס האָט נאָך מיט מיר קיינמאָל נישט געטראָפן!..

— ווייל איר זענט, גנעדיקער הער פירשט, אָנגעפילט מיט געוויסן, ווי אַ געבראָטענער קאַפּ־האָן מיט קאַשע... כאַ! כאַ!

— ביסט אַ שוטה!

— גוט!

— נישט דיינע וויצן דאַרף איך האָבן!

— נעמט, גנעדיקער הער פירשט, אַ האַרפּע און גייט צו די פענסטער פון מיידל, אפשר וועט דיר ווייזן... אַ פויסט... דער שווערד־טרעגער, טפו! צום טייוול. אַזאַ העלד איז באַגאָסלאַוו ראַדזיוויל?

— ביסט אַ טפש!

— גוט! כ'זע, אַז איר נעמט, גנעדיקער הער פירשט זיך אויסשמועסן מיט זיך אַליין און דעם אמת זיך אין די אויגן אַריין זאָגן. דרייסט, דרייסט! אַן משוא־פנים!

— זעסטו, סאַקאָוויטש, אַז מיין קאָסטאַר ווערט מיט מיר אַ צו נאָענטער מחותן, דערלאַנג איך אים אָפּט מיטן פוס אין דער זשעברע אַריין, און דו קאָנסט נאָך אַ גרעסערן פסק אַרייַנ־כאַפּן.

סאַקאָוויטש איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, כלומרשט אַן אויפגעבראַכטער, ווי ערש" נישט לאַנג דער ראָסיענער שווערד-טרעגער, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער בריה אויף נאָכצומאַכן, האָט ער גענומען שרייען מיט אַ קול, וואָס איז אַזוי ענלעך געווען אויפן שווערד־טרעגערס שטים, אַז נישט זעענדיק ווער עס רעדט, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס שרייט דער שווערד־טרעגער.

— וואָס איז דאָ געפאַנגענשאַפט? אַ פרייען בירגער וויל מען פייניקן? קאַרדינאַלע רעכט מיט די פיס טרעטן?

— לאָז צורו! לאָז צורו! — האָט דער פירשט פיבער־האַפט געזאָגט — ווייל דאָרט האָט זי אַליין זיך אָנגענומען פאַרן אַלטן גולם, און דאָ איז נישטאָ ווער עס זאָל דיך באַשיצן.

— אַז זי האָט זיך אָנגענומען, האָט מען זי געדאַרפט נעמען!..

— עס קאָן אַנדערש נישט זיין, נאָר אַז עפּעס אַ כישוף איז דאָ אין דער מיט. אָדער זי האָט געמוזט מיר עפּעס אַ כישוף אָנטאָן, אָדער דאָס שטערן-בילד איז אַזאַ, אַז איך גיי פשוט פון זינען אַראָפּ... ווען דו וואָלסט זי געזען, ווי זי האָט דעם קרעציקן פעטער געשיצט... אָבער דו ביסט אַ בטלן! עס שווינדלט מיר אין קאָפּ! קוק! ווי די הענט ברענען מיר! אַזאַ איינע ליב האָבן, אַזאַ איינע צוטוליען, מיט אַזאַ איינער...

— קינדער האָבן! — האָט סאַקאָוויטש צוגעגעבן.

יאָ! יאָ! — ווי דו וואָלסט עס געוווסט, און אַזוי וועט עס מוזן זיין, ווייל אַ נישט וועט מיך די היץ ווי אַ גראַנאַט אויפרייסן. גאָט מיינער! וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר... כ'וועל חתונה האָבן, צי וואָס, צו אַלדע רוחות?

סאַקאוויטש איז געוואָרן ערנסט.

— וועגן דעם דאַרפט איר, גנעדיקער פירשט נישט טראַכטן!

— איך טראַכט טאַקע יאָ, און אַז כ'וועל וועלן, וועל

איך טאָקע אַזוי טאָן, ווען אַפילו אַ גאַנצער רעגימענט סאָקאָ־וויטשס וועט מיר אַ גאַנצן טאָג כסדר איבערחזרן: „וועגן דעם דאַרפט איר, גנעדיקער הער פירשט, נישט טראַכטן!"

— עי, ווי איך זע, איז דאָס גאָר קיין קאַטאָווע̇ס נישט.

— כ'בין קראַנק, פאַרכישופט, ס'קאָן אַנדערש נישט זיין!

— פאַרוואָס פאָלגט איר דען נישט מיין עצה?

— כ'וועל זי מוזן פאָלגן! זאָל קומען אַ מגפה אויף אַלע חלומות, אויף אַלע בילעוויטשס, אויף גאַנץ ליטע צוזאַמען מיט די טריבונאַלן און מיט יאַן קאַזשימיעזשן אַלס צוגאָב! כ'וועל מיר אַנדערש קיין עצה נישט געבן... כ'זע, אַז כ'וועל מיר קיין עצה נישט געבן! גענוג! וואָס? אַ גרויסע זאַך! אַ וויכטיקע זאַך! און איך, שוטה, האָב זיך ביז איצט געקווענקלט. כ'האָב מורא געהאַט פאַר חלומות, פאַר די בילעוויטשס, פאַר פראָצעסן, פאַרן לומפּן־געזינדל פון דער שלאַכטע. פאַר יאַן קאַזשימיעזשס מאַכט. זאָג מיר, אַז כ'בין אַ שוטה! הערסט? איך בין אויף דיר גוזר צו זאָגן מיר, אַז כ'בין אַ שוטה!

— און איך וועל נישט פאָלגן, ווייל איצט טאָקע זענט איר אַ ראַדזיוויל, און נישט אַ קאַלווינישער וויקאַר. אָבער איר מוזט אויף אַן אמת זיין קראַנק, ווייל כ'האָב אייך אין אַזאַ אויפ־רעגונג קיינמאָל נישט געזען.

— אמת! אַהאַ! אין די שווערסטע צייטן האָב איך נאָר מיט דער האַנט אַ מאַך־געטאָן און זיך צוגעפּיפן, און איצט שפיר איך, ווי עמעצער וואָלט מיר שפּיציקע נעגל אין די זייטן אַריינ־געדרוקט.

— אַ פלאַדיקע זאַך, ווייל ווען דאָס מיידל וואָלט אייך בכיון אַ כישוף אָנגעטאָן, וואָלט זי דאָך דערנאָך נישט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער פון דעם, וואָס איר האָט מיר געזאָגט, שטעלט זיך דאָך אַרויס, אַז זיי האָבןביידע געוואָלט שטיל־הייט זיך אָפּט אָגן.

— ריף האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז די השפעה פון סאַטורן, וועלכער שפּייט מיט פייער גראָד אין דעם חודש.

— גנעדיקער הער פירשט, נעמט זיך בעסער יופיטערן פאַר אַ פּאַטראָן, ווייל אים האָט אויך אָן אַ חתונה אָפּגעגליקט. אַלץ וועט גוט זיין, נאָר ווענן אַ חתונה זאָלט איר נישט דער־מאָנען, סיידן ווענן אָן איינגערעדטער...

מיטאַמאָל האָט דער אָשמיאַנער סטאַראָסטע זיך אַ זעץ־געטאָן אין שטערן אַריין.

— וואָרט נאָר, גנעדיקער הער פירשט... כ'האָב געהערט ווענן אָן ענגלעכן פאַל אין פּרייסן...

— רוימט דיר עפּעס דער שטן אין אויער אַריין, זאָג?

אָבער הער סאַקעוויטש האָט לאַנג גארנישט געענטפערט, לסוף האָט זיך אים דאָס פּנים אויסגעלייטערט און ער האָט געזאָגט:

— דאַנקט, גנעדיקער הער פירשט, אייער מזל, וואָס עס האָט אייך סאַקאָוויטשן פאַר אַ פריינט געגעבן.

— וואָס פאַר אַ נייעס איז דיר איינגעפאַלן? וואָס פאַר אַ נייעס?

— עי, גארנישט! כ'וועל זיין אייער אונטערפירער, גנע־דיקער הער פירשט, (דא האָט סאַקאָוויטש זיך פאַרנייגט) פאַר אַזאַ דלפן איז דאָס נישט קיין זכיה...

— מאַך דיך נישט צו נאַר, רעד גיך!

— פאַראַן אין טיליץ אַ געוויסער פלאַסקאַ, אָדער ווי דאָרט, וועלכער איז אין זיין צייט געווען אַ גלח אין ביעוואָראַ־ני, אָבער ער האָט זיך אָפּגעשמדט אויף אַ לוטעראַנער, האָט חתונה געהאַט און זיך בעהאַלטן אונטערן שוץ פון קורפירשט, און איצט פירט ער געוויכערטע פיש קיין זשאַמיט. אין זיין צייט האָט דער ביסקופּ פאַרטשעווסקי זיך אפילו משתדל געווען אים צוריק אריבערצוקריגן קיין זשאַמיט, ווו מ'וואָלט אים אודאי אַ פייער אונטער די פיס אַרונטערגעלייגט, אָבער דער קורפירשט האָט זיין גלויבן־ברודער נישט געוואָלט אַרויסגעבן.

— וואָס גייט דאָס מיך אָן? מאַך נישט קיין שהיות!

— וואָס דאָס גייט אייך אָן? עס דאַרף אייך טאַקע יאָ

אָנגיין, ווייל ער וועט אייך צונויפנייען, ווי די אויבערשטע סחורה מיט אַ פּאַטשעווקע, איר פאַרשטייט? און אַזוי ווי ער איז אַ שלעכטער בעל־מלאכה און צום צעך געהערט ער נישט, וועט לייכט זיין דערנאָך אויפצוטרענען, איר פאַרשטייט, גנעדיקער הער פירשט? דאָס ראַזיקע גענייעכץ אָנערקענען די צעכאָווע בעל־מלאכות נישט פאַר גילטיק, אָבער עס וועט נישט זיין קיין ליאַרעם און קיין געטומל. דעם בעל־מלאכה וועט מען שפּעטער קאָנען דאָס קעפּל אַראָפּדרייען, און איר וועט אַליין טענהן, אַז עס איז געווען אַ שווינדל, איר פאַרשטייט? פריער אָבער: פּרוכפּערן זיך און מערן זיך. איך גיב דער ערשטער מיין ברכה.

— איך פאַרשטיי און איך פאַרשטיי נישט — האָט דער פירשט געזאָגט — כאַפּט עס דער טייוול! כ׳פאַרשטיי אויסגעצייכנט. סאַקאָוויטש! די ביסט אין דיין מאַמעס בויך שוין געווען אַ טייוול. דיין סוף וועט זיין אויף דער תליה, עס קאָן אַנדערש נישט זיין... אָ הער סטאַראָסטע!.. אָבער כּל־זמן איך לעב, וועט דיר קיין האָר אויפן קאָפּ נישט גערירט ווערן, און אַ היפּשער שכר וועט דיך נישט מיידן... איך׳ הייסט עס...

— איר, גנעדיקער הער פירשט, וועט פייערלעך בעטן די האַנט ביי פריילין בילעוויטש, ביי איר אַליין און ביים שווערד־טרעגער. אויב זיי וועלן אייך אָפּזאָגן, אויב ס׳וועט זיך נישט איינגעבן, זאָלט איר הייסן פון מיר די הויט אַראָפּשינדן, לעדערלעך צו סאַנדאַלן פון איר מאַכן און עולה רגל זיין נאָך אַ תשובה קיין... קיין רוים. אויף אַ ראַדזיוויל קאָן מען זיך אָנבייזערן, ווען ער וויל זיך ליבן, אָבער אַז ער וויל חתונה האָבן, וועט ער דעמאָלט קיין שום שלאַכטשיץ נישט דאַרפן לאַנג בעטן. איר מוזט נאָר זאָגן דעם שווערד־טרעגער און דעם פריילין, אַז צוליב דעם, וואָס דער קורפירשט און דער שוועדישער קיניג ווילן אייך פאַר אַ צווייבריקישער פּרינצעסין פאַרקנסן, מוז די חתונה געהאַלטן ווערן בסוד, כּל־זמן דער שלום וועט נישט זיין געשלאָסן. וואָס שייך ווידער אינטערציזיעס, שרייבט וויפיל עס גלוסט זיך אייך נאָר. דאָס אַלץ וועלן ביידע קירכעס מוזן דערקלערן פאַר בטל־ומבוטל... נו וואָס?

באָגוסלאַוו האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נאָר אויפן פּנים האָבן זיך אים אונטער דער שמינקע באַוויזן רויטע קרחת=פלעקן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— נישטאָ קיין צײַט, אין דרײַ טעג אַרום מוז איך, מוז איך קעגן סאַפּיעהאַן אַרויסמאַרשירן.

— איז אודאי גוט! ווײַל ווען עס וואָלט געווען מער צײַט, וואָלט מען דאָס אײַלעניש נישט געקאָנט רעכטפאַרטיקן. אודאי! נאָר מיט דעם, וואָס עס איז קיין צײַט נישטאָ, וועט איר פאַרענטפערן דאָס, וואָס עס קומט דער ערשטער בעסטער גלח, ווי עס טרעפט אין אײַליקע פאַלן, און איז על=רגל=אחת מסדר=קידושין. זיי וועלן זיך אויך טראַכטן; „מען אײַלט זיך, ווײַל ס'איז קיין צײַט נישטאָ!” דאָס איז אַ ריטערלעך מיידל, איר וועט זי דעריבער אויך אויף דער מלחמה קאָנען מיטנעמען... ליבער קיניג, אויב סאַפּיעהא וועט אײַך צעקלאַפּן, וועט איר אויך אַ האַלבן נצחון האָבן אָפּגעהאַלטן.

— גוט, גוט! האָט דער פירשט געזאָגט.

אָבער אין דער רגע האָט אים די ערשטע אַטאַקע אָנגעכאַפּט אַזוי, אַז די קינבאַקן האָבן זיך אים פאַרביסן און ער האָט מער קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. ער איז אינגאַנצן שטײף געוואָרן און דערנאָך האָט עס אים גענומען וואַרפן און ער האָט געצאַפּלט, ווי אַ פיש, אַז מען נעמט אים פון וואַסער אַרויס. אָבער נאָך איידער דער איבערגעשראָקענער סאַקאָוויטש האָט באַוויזן דעם מעדיקער צו רופן איז די אַטאַקע אַריבער.

3. קאַפּיטל

נאָכן שמועס מיט סאַקאָוויטשן איז פּירשט באַגוסלאַוו צומאָרגנס נאָכמיטאָג גלייך אַוועק צום ראַסיענער שווערד־טרעגער.

— גנעדיקער הער שווערד־טרעגער! האָט ער באַלד אין אָנהויב געזאָגט — איך האָב זיך שווער פאַרזינדיקט דאָס לעצטע מאָל, ווייל איך האָב זיך אויפגערעגט אין מיין אייגענעם הויז. איך בין זיך מודה אין מיין שולד, וועלכע איז באַזונדערס גרויס דערפאַר, וואָס איך האָב פוגע־בכבוד געווען אַ מענטשן פון אַ משפחה, וואָס איז פון דור־דורות באַפריינדעט מיט די ראַדזיווילס, אָבער איך קום בעטן מיר מוחל זיין. זאָל דאָס אָפענע מודה־זיין־זיך זיין פאַר אייך ווי אַ סאַטיספאַקציע און פאַר מיר ווי אַן אָפּקומעניש. איר קענט די ראַדזיווילס פון לאַנג־אָן׳ איר ווייסט, אַז מיר איילן זיך נישט איבערצובעטן; אָבער אַזוי ווי איך האָב אַן עלטערן און חשובן מאַן מבייש געווען, בין איך מוותר אויף מיין שטאָלץ און קום דער ערשטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. און איר, אַלטער פריינט פון אונזער הויז, וועט דאָך, ווי איך גלויב, מיר דערלאַנגען אייער האַנט?

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער די האַנט אויסגעשטרעקט, און דער שווערד-טרעגער, וואָס דער ערשטער אויפברויז איז זיין נשמה איז שוין געווען אַריבער, האָט נישט די העזה געהאַט אים זיין האַנט אָפּצוזאָגן, הגם ער האָט זי דערלאַנגט נאָך אַ ישוב-הדעת און געזאָגט:

— גנעדיקער הער פירשט, גיט אונז צוריק די פרייהייט, אוי דאָס וועט זיין די בעסטע באַפרידיקונג.

— איר זענט פריי און קאָנט פאָרן אַפילו שוין היינט.

— איך דאַנק אייך, גנעדיקער הער פירשט — האָט דער שווערד-טרעגער אַ פאַרחידושטער געזאָגט.

— איך נעם נאָר אויס איין תּנאי, וואָס איך בעט גאָט, אַז איר זאָלט אים נישט אָפּוואַרפן.

— דהיינו? — האָט דער שווערד-טרעגער מיט פּחד געפרעגט.

— אַז איר זאָלט וועלן געדולדיק אויסהערן דאָס, וואָס איך וועל אייך זאָגן.

— אויב אַזוי וועל איך אויסהערן, אַפילו ביזן אָוונט.

— גיט מיר נישט באַלד קיין תּשובה, נאָר זייט זיך מיישב אַ שעה, אָדער גאָר צוויי...

— גאָט איז אַן עדות, אַז אַבי איך זאָל נאָר די פרייהייט צוריקגעווינען וויל איך לעבן בשלום.

— די פרייהייט וועט איר צוריקגעווינען, כ׳ווייס נאָר נישט צי איר וועט פון איר נהנה זיין און צי איר וועט זיך איילן צו פאַרלאָזן מיינע שוועלן. איך וואָלט גערן וועלן, אַז איר זאָלט מיין הויז און גאַנץ טוראָגי פאַר אייער אייגנס באַטראַכטן, אָבער איצט הערט-אויס. ווייסט איר, מיין פריינט, פאַרוואָס איך האָב נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז פריילין בילעוויטש זאָל אַרויספאָרן? דערפאַר, ווייל כ׳האָב מיך אָנגעשטויסן, אַז איר ווילט פשוט אַנטלויפן, און איך בין אַזוי פאַרליבט אין אייער ברודערן-טאָכטער, אַז כּדי זי צו זען, וואָלט איך גרייט געווען אַ יעדן טאָג דעם העלעספאָנט אַריבערצושווימען, ווי לעאַנדער פאַר העראָן...

דער שווערד-טרעגער איז ווידער אין איין רגע רויט געוואָרן.

— מיר דערוועגט איר זיך דאָס צו זאָגן!

— טאַקע איך, מיין ליבער פריינט.

— גנעדיקער הער פירשט! זוכט מזל ביי די הויף-דאַמען, און אַ שלאַכעצקע מיידל זאָלט איר נישט אָנרירן, ווייל ס׳וועט אייך גלאַטיק נישט אָפּגיין, איר קאָנט זי נעמען אין געפאַנגענ-שאַפט, איר קאָנט זי אין אַ קעלער פאַרשפאַרן, אָבער שענדן זי טאָרט איר נישט!

— שענדן טאָר מען נישט — האָט דער פירשט געענטפערט

— אָבער מען מעג זיך פאַרנייגן פאַרן אַלטן בילעוויטש און אים זאָגן: הערט פאָטער! גיט מיר אייער ברודערס טאָכטער פאַר אַ ווייב, ווייל איך קאָן אָן איר נישט לעבן.

דער שווערד-טרעגער איז אַזוי נבהל-ונשתומם געוואָרן, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן, אַ געוויסע צייט האָט ער נאָר מיט די וואָנסעלעך באַוויגן, און די אויגן זענען אים אַרויסגעקראָכן; דערנאָך האָט ער זיי געגומען מיט די פויסטן זיך אויסרייבן איז קוקן אַמאָל אויפן פירשט און אַמאָל אַרום זיך איבער דער שטוב און לסוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— אין חלום הער איך דאָס, אָדער אויף דער וואָר?

— איר שלאָפט נישט, פריינט, איר שלאָפט נישט, און כדי איר זאָלט זיך נאָך בעסער איבערצייגן, וועל איך איבערחזרן מיט אַלע טיטולן: — איך, באָגוסלאַוו, פירשט ראַדזיוויל, שטאַל-מייסטער פון ליטווישן גרויס-פירשטנטום, בעט ביי אייך, טאַמאַש בילעוויטש, דעם ראָסיענער שווערד-טרעגער, די האַנט פון אייער ברודערס טאָכטער, פרייליין אַלעקסאַנדראַ, דעם יעגער-מייסטערס טאָכטער.

— היתכן? גאָט מיינער! צי האָט איר זיך, גנעדיקער הער פירשט, איבערגעלייגט?

— איך האָב זיך איבערגעלייגט, איצטער לייגט איר אייך איבער, פריינט, צי דער בחור איז ווערט דאָס מיידל...

— אַז פון פאַרוואונדערונג האָט מיר אַזש דער אָטעם פאַר-כאַפּט...

— איבערצייגט זיך, צי איך האָב געהאַט וועלכע עס איז אומערלעכע כוונות...

— און איר וואָלט נישט געקוקט אויף אונזער שפלדיקן שטאַנד?

— זענען דען די בילעוויטשעס אַזאַ באָוול, אַזוי טייער האַלט איר דאָס אייער שלאַכעצקע הערב און דעם אַלטן יחוס פון אייער משפחה? זאָגט דאָס אַ בילעוויטש?

— גנעדיקער הער פירשט, כ׳ווייס, אַז דעם אָנהויב פון אונ־זער יחוס דאַרף מען אין פאַרצייטישן רוים זוכן, אָבער...

— אָבער — האָט דער פירשט איבערגעהאַקט — קיין העט־מאַנס און קיין קאַנצלערס האָט איר נישט. שאַדט נישט! קורפירשטן זענט איר דאָך, ווי מיין בראַנדענבורגישער פעטער. קוים קאָן אין אונזער רעפּובליק אַ שלאַכטשיץ פאַר אַ קיניג אויסגעקליבן ווערן, זענען נישטאָ קיין צו הויכע שוועלן פאַר זיינע פיס. איך, מיין לי־בער שווערד-טרעגער, און מיטן אויבערשטנס הילף, מיין ליב פעט־טערל, שטאַם-אָפּ פון אַ בראַנדענבורגישער פּרינצעסין, דער פאָטער מיינער פון אַן אָסטראָגסקאָ, אָבער דער זיידע, דער באַרימטער קזשישטאָף דער ערשטער, דער, וועלכן מ׳האָט „פּיאָרון" גערופן, דער גרויס-העטמאַן, קאַנצלער און ווילנער וואָיעוואָדע, האָט צום ערשטן מאָל חתונה געהאַט מיט אַ סאָבעק, אָבער דערפאַר האָט ער דעם פירשטן-טיטול נישט פאַרלוירן, ווייל די סאָבעק איז גע־ווען אַ שלאַכטשאַנקע, פון אַזאַ פיינעם יחוס, ווי אַלע אַנדערע. דערפאַר, אַז דער פאַרשטאָרבענער פאָטער האָט מיט אַ קורפירשט־לעכער פּרינצעסין חתונה געהאַט, האָט מען זיך געחידושט, וואָס ער האָט זיך אַזוי נידריק אַראָפּגעלאָזט, הגם ער האָט מיט אַ הערשנדיקן הויז זיך משדך-געווען. אַזאַ טייוולאָנישע גדלות פאַרמאָגט שוין אין זיך אייער שלאַכטע. נו, מיין ליבער פריינט, איר וועט דאָך מודה זיין, אַז איר האַלט נישט, דאָס סאָבעק איז מער יחסן ווי בילעוויטש? נו?

אַזוי רעדנדיק האָט דער פירשט מיט אַ גרויסער פאַרטרוי־לעכקייט גענומען קלאַפּן דעם שווערד-טרעגער איבער די אַקסלען; און דער שלאַכטשיץ איז ווייך געוואָרן ווי וואַקס און געענטפערט־
— זאָל אייך גאָט באַלוינען פאַר די גוטע כוונות... אַ משא

באַלט מיר אַראָפּ פון האַרצן! עס, גנעדיקער הער פירשט, ווען נישט נאָך דער אונטערשיד פון גלויבן!...

— אַ קאַטוילישער גלח וועט די קידושין מסדר זיין, קיין גוי'ערן וויל איך אַליין נישט.

— דאָס גאַנצע לעבן וועלן מיר אייך דערפאַר דאַנקבאַר זיין, וויל דאָ האַנדלט זיך וועגן גאָטס ברכה, וועלכע דער האר יע־זוס וואָלט אודאי נישט געגעבן, ווען עפּעס אַ פּאַסקודניאַק...

דאָ האָט דער שווערד־טרעגער זיך אַ ביס־געטאָן אין דער צונג אַריין, וויל ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אַן אומאַנגענעמע זאַך פאַרן פירשט געוואָלט זאָגן, אָבער באָגוסלאַוו האָט זיך נישט געמאַכט הערן, אדרבא, ער האָט גנעדיק אַ שמייכל־געטאָן און צו־געגעבן:

— און וואָס שייך די קינדער, וועל איך זיך נישט איינ־שפּאַרן, ווייל עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס איך וואָלט אייער יפה־פיה נישט צוליב־געטאָן...

דעם שווערד־טרעגערס פּנים האָט אויפגעשיינט, ווי עס וואָלטן אויף אים געפאַלן שטראַלן פון דער זון.

— גאָט האָט דעם דאָזיקן מיידל קיין שיינקייט נישט גע־קאַרגט... אמת!

באָגוסלאַוו האָט אים ווידער אַ קלאַפּ־געטאָן איבערן אַקסל און אַראָפּבויגנדיק זיך צום שלאַכטשיצס אויער, האָט ער געמורמלט שעפּטשען;

— און אַז דאָס ערשטע וועט זיין אַ ייִנגל, זאָג איך גוט דערפאַר, און אַ בילד, נישט קיין ייִנגל!

— כי! כי!

— ווייל פון בילעוויטשס אַ טאָכטער קאָן קיין אַנדערס נישט זיין.

— פון בילעוויטשס אַ טאָכטער מיט אַ ראַדזיווילע — האָט דער שווערד־טרעגער צוגעגעבן קוויקנדיק זיך מיטן זווג פון די דאָ־זיקע ביידע נעמען — כי! כי! עס וועט זיך דאָס טאָן אין גאַנץ זשאַמעט... און וואָס וועלן די שיטשינסקיס, אונזערע שונאים זאָגן אַז די בילעוויטשס וועלן אַזוי עולה־לגדולה זיין? די האָבן דאָך

אפילו דעם אלטן פאלקאָווניק נישט געלאָזט צורו, הגם דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ רוימישער חשיבות, און די גאַנצע רעפובליק האָט אים נושא־פנים געווען.

— מיר וועלן זיי ארויסטרייבן פון זשאַמעט, הער שווערד־ט עגער!

— גרויסער גאָט, דערבאַרעמדיקער גאָט, אומדע־פאָרשט זענען דיינע משפטים, אָבער אויב דו האָסט אָפּגעמשפּט, אַז די שיטשינסקיס זאָלן פּלאַצן פון קנאה... זאָל געשען דיין רצון!

— אמן! — האָט באָגוסלאַוו צוגעגעבן.

— גנעדיקער הער פירשט! נעמט נישט פאַר אומגוט, וואָס איך האַלט זיך נישט אין דער מדרגה, ווי עס פּאַסט פאַר איינעם, ביי וועלכן מ'בעט די האַנט פון אַ מיידל, און וואָס איך ווייז צו אָפן ארויס די שמחה... אָבער מיר האָבן גע־לעבט אין עגמת־נפש, ווייל מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס עס וואַרט אויף אונז און האָבן זיך אַלץ אויפן ערגסטן אופן אויסגע־טייטשט. ס'האָט געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז מיר האָבן אויך אייך, גנעדיקער הער פירשט, אין מיאוסע זאַכן חושד געווען, מיט אַמאָל ווייזט זיך ארויס, אַז די מורא און חשדים זענען געווען פאַלשע און אַז די ערשטע באַוווּנדערונג איז געווען אַ באַגרינדעטע. דעריבער, זאָג איך אייך, גנעדיקער הער פירשט, אַז ווי עמעצער וואָלט מיט אַ שווערע משא פון די אַקסלען אראָפּ־גענומען...

— האָט מיך אויך פריילייןָ אַלעקסאַנדראַ אַזוי חושד געווען?

— זי? ווען כ'וואָלט אפילו אַ ציצערע געווען, וואָלט איך אויך איר פריערדיקע באַוווּנדערונג פאַר אייך נישט בכוח געווען געהעריק צו שילדערן... איך מיין, אַז נאָר איר צניעות און אײַנגעבוירענע אומדרייסטקייט זענען דער ליבשאַפט געשטא־נען אויפן וועג... אָבער אַז זי וועט זיך דערוויסן וועגן איי־ערע עטלעכע כוונות, בין איך בטוח, אַז זי וועט באַלד די ליי־צעס פון איר האַרץ נאָכלאָזן און עס וועט תיכף מיטן גרעסטן אימפעט זיך אַ צעלאָז־טאָן אויפן פעלד פון ליבשאַפט.

— ציצערא וואלט דאס מליצהדיקע נישט געקאנט אויסדריקן — האט באגוסלאוו זיך אנגערופן.

— ווייל אין א מאמענט פון גליק פעלט אויך קיין לשון נישט אויס. אבער קוים באוויליקט איר. גנעדיקער פירשט, אלץ אזוי אויפמערקזאם אויסצוהערן, וועל איך שוין ביז צום סוף זיין אויפריכטיק.

— זייט אויפריכטיק, הער שווערד=טרעגער...

— הגם א יונג מיידל. איז דאס אבער אן אשת=חיל, פארמאגט פשוט א מאנסבילישן שכל און א זעלטענע; פעסטן כאראקטער. דארט, ווו נישט איין געניטער מענטש וואלט זיך געשלאגן מיט דער דעה, דארף זי אפילו קיין ישוב=הדעת נישט האבן, דאס שלעכטע שטעלט זי אוועק לינקס, און דאס גוטע — רעכטס... און אליין שטייט זי אויך רעכטס. דאכט זיך זייער גוט און שיין, און אז זי קלויבט זיך אמאל אויס אוועק, מעגסטו אפילו הארמאטן אנשטעלן, וועט נישט העלפן! ווייל זי וועט שוין דעם וועג נישט אפטרעטן. אין זיידן און אין מיר איז זי געראטן; דער פאטער איז געווען אן אויסגעצייכנטער זעלנער, אבער א וויכער מענטש... די מוטער ווידער, וואינילאוויטש פון דער היים, א געשוועסטער=קינד פון פריילין קולוויעץ, האט אויך געהאט א פעסטן כאראקטער.

— איך הער דאס זייער גערן, הער שווערד=טרעגער!

— איר וועט גארנישט גלויבן, גנעדיקער הער פירשט, ווי פארביסן זי איז אויף די שוועדן און אויף אלע שונאים פון דער רעפובליק. געניג, אז זי זאל נאר עמיצן אפילו נאר אין דער מינדסטער בגידה חושד זיין, און זי פילט שוין צו אים אן אומגעהייערן עקל, מעג דאס זיין א מלאך, נישט קיין מענטש.. גנעדיקער הער פירשט! זייט מוחל אן אלטן, וועלכער וואלט געקאנט זיין אייער פאטער לויט די יארן, אויב נישט לויטן שטאנד: ווארפט אוועק דעם שוועד... איז דאך דאס א באדריקער פון פאטערלאנד, ערגער נאך פון טאטער! שיקט ארויס אקעגן זיי אייערע חיילות, און נישט בלויז איך, נאר אויך זי וועט מיט אייך אין דער מלחמה אריין מיטגיין! האט נישט קיין פאראיבל

גנעדיקער הער פירשט, האָט נישט קיין פּאַראיבל!.. אָט, כ'האָב געזאָגט, וואָס איך טראַכט!

באָגוסלאַוו האָט נאָך אַ ווײַלע שטיל שווייגן זיך באַהערשט און אַזוי געזאָגט:

— גנעדיקער הער שווערד-טרעגער! נעכטן האָט איר נאָך געמעגט, אָבער הײַנט מעגט איר שוין נישט אָננעמען, אַז איך וויל אייך נאָר זאַמד אין די אויגן שיטן, ווען איך זאָג, אַז איך שטיי אויף דער זײַט פון קיניג און פון פאָטערלאַנד. און אָט חזר איך איבער פאַר אייך, ווי פאַר אַ קרוב, אונטער אַ שבועה, אַז, דאָס וואָס איך האָב געזאָגט וועגן שלום און וועגן די באַדינגונגען, איז געווען דער ריינער אמת. אויך איך וואָלט וועלן זיך אַרויסלאָזן אין דער מלחמה, ווײַל עס ציט מיך דערצו מײַן נאַטור, ווען איך האָב אָבער געזען, אַז נישט פון דעם וועט קומען די ישועה, האָב איך פון ריינער ליבשאַפט זיך געמוזט צו אַן אַנדער מיטל נעמען... און איך קאָן זאָגן, אַז איך האָב וווּנדערלעכע זאַכן אויפגעטאָן, ווײַל אַז נאָך אַ פאַרשפּילטער מלחמה זאָל געשלאָסן ווערן אַזאַ שלום, אַז דער זיגער זאָל נאָך גיין דינען דעם באַזיגטן, דאָס וואָלט אַפילו דער גרעסטער חכם אויף דער וועלט נישט אויפגעטאָן... נישט בלויז פרײַליין אַלעקסאַנדראַ, נאָר אויך איך פיל צוגלײַך מיט איר אַן עקל צו די שונאים. וואָס זאָל מען אָבער טאָן? ווי אַזוי זאָל מען דאָס פאָטערלאַנד ראַטעווען? אַ יחיד קאָן קעגן אַ רבים קיין גבור נישט זײַן! איך האָב זיך דעריבער געטראַכט אַזוי: אַנשטאָט אומצוקומען, וואָס וואָלט גע-ווען אי לײַכטער אי שענער, דאַרף מען עס ראַטעווען, און אַזוי ווי איך האָב אין פראַגן פון דעם מין זיך געלערנט בײַ גרויסע מלוכה-מענער, אַזוי ווי איך בין דעם קורפירשטס אַ קרוב און בײַ די שוועדן, אַ דאַנק מײַן ברודער יאַנוש, זייער געאַכפּעוט, האָב איך באַלד גענומען פירן אונטערהאַנדלונגען, און ווי אַזוי זיי זע-נען צוגעגאַנגען און וואָס פאַר אַ נוצן זיי האָבן געבראַכט דער רעפּובליק, ווייסט איר שוין: אַ סוף צו דער מלחמה, אייער קאַ-טוילישע אמונה, קירכעס, גייסטלעכקייט, שטאַנד פון דער שלאַכטע דאָס פאָלק ווערן באַפרײַט פון נגישות, שוועדישע הילף פאַר אַ

מאַכקווער און קאָזאַקישער מלחמה, און אפשר גאָר אויך אַפּאַר־בריטערונג פון די גרענעצן... און פאַר דעם אַלעם נאָר די איי ע הנחה, אַז קאַרל זאָל נאָך קאַזשימיעזשן ווערן קיניג. ווער עס האָט אין די דאָזיקע צייטן מער פאַרן פּאָטערלאַנד געטאָן, זאָל מיר קוקן גלייך אין די אויגן אַריין!

— אמת... אַ בלינדער וואָלט געזען... אָבער דעם שטאַנד פון דער שלאַכטע וועט עס שטאַרק ווײ־טאָן, וואָס די פרייע וואַלן וועלן בטל ווערן.

— און וואָס איז וויכטיקער, וואַלן אָדער דאָס פּאָטער־לאַנד?

— אַלץ איינס, גנעדיקער הער פּירשט, ווייל דאָס איז דער קאַרדינאַלער פונדאַמענט פון דער רעפּובליק... און וואָס איז דען דאָס פּאָטערלאַנד, אויב נישט אַ זאַמלונג פון רעכט, פּריווילעגיעס און פרייהייטן, פון וועלכער עס גענוסט דער שטאַנד פון דער שלאַכטע?.. אַ האַר קאָן מען אויך אונטער אַ פרעמדער ממשלה געפינען.

כעס און לאַנגווייליקייט האָבן זיך אויף באָגוסלאַווס פּנים אָפּגעשלאָגן.

— קאַרל — האָט ער געזאָגט — וועט אונטערשרייבן אַן אָפּמאַך מיטן פאָלק, ווי זיינע פאָרגענגער האָבן אונטערגעשריבן, און נאָך זיין טויט וועלן מיר זיך אויסקלויבן, וועמען עס וועט זיך אונז גלוסטן... אפילו דעם ראַדזיוויל, וואָס וועט פון פרייליין בילעוויטש געבוירן ווערן.

דער שווערד־טרעגער איז אַ ווײלע געשטאַנען ווי פאַר־בלענדט פון דאָזיקן געדאַנק, צום סוף האָט ער די האַנט אויפ־געהויבן און אויסגעשריגן מיט גרויס התלהבות:

— מסכים!

— איך מיין אויך אַז איר זענט מסכים, ווען אפילו דער טראָן זאָל דערנאָך לדור־דורות אין אונזער משפחה בלייבן — האָט דער פירשט מיט אַ בייזוויליקן שמייכל געזאָגט — אַזוי זענט איר אַלע! אָבער דאָס איז אַ שפּעטערדיקע זאַך, דערווייל

איז נויטיק, אז די אונטערהאַנדלונגען זאָלן זיך ענדיקן בכי־טוב, איר כּאַרשטייט, הער פעטער?

— ס'איז נויטיק, ס'איז נויטיק! — האָט דער שווערד־טרעגער מיט אַ טיפער איבערצייגונג איבערגעחזרט.

— און ענדיקן זיך בכי־טוב קאָנען זיי דערפאַר. ווייל איך בין ביי זיין שוועדישער מאַיעסטעט אַן אָנגעלייגטער פּאַרמיטלער, און ווייסט איר פאַרוואָס? אָט דערפאַר, וואָס קאַרלס איין שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיט דע לאַ גאַרדין, און אַ צווייטע, די צווייבריקישע פּרינצעסן, נאָך אַ מיידל, וויל ער פאַר מיר פאַרקנסן כּדי מיט אונזער הויז צו ווערן אַ מחותן און צו האָבן אַ גרייטן שידוך אין ליטע. דערפון נעמט זיך זיין צוגעלאָזנקייט צו מיר, צו וועלכער עס רעדט אים צו אויך מיין פעטער דער קורפירשט.

— וואָס הייסט דאָס? — האָט דער באַאומרויקטער שווערד־טרעגער געפרעגט.

— יאָ, הער שווערד־טרעגער, פאַר אייער טייבעלע וואָלט איך אָוועקגעגעבן אַלע צווייבריקישע פּרינצעסינס, צוזאַמען מיטן פירשטנטום נישט בלויז פון צווייבריקן, נאָר אויך פון אַלע בריקן אויף דער וועלט. נאָר עס פּאַסט מיר נישט צו רייצן די שוועדישע בעסטיע און צוליב דעם מאַך איך דעם אָנשטעל, אַז איך בין מסכּים, אָבער זאָלן זיי נאָר דעם טראַקטאַט אונטערשרייבן, וועלן מיר זען!

— אויב אַזוי וועלן זיי אפשר נישט אונטערשרייבן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז איר האָט חתונה געהאַט?

— הער שווערד־טרעגער — האָט דער פירשט ערנסט געזאָגט — איר האָט מיך חושד געווען אין פאַלשקייט לגבי דעם פאָטערלאַנד... איך ווידער, ווי אַן עלטערער בירגער, פרעג אייך איצט: צי האָב איך אַ רעכט צוליב מיין פּריוואַטער טובה דאָס גליק פון פאָטערלאַנד מקריב צו זיין?

— וואָס וועט בכן זיין?

— זאָגט אַליין: וואָס זאָל זיין?

— גאָט מיינער, איך זע שוין, אַז די חתונה וועט מוזן

אָפּגעלייגט ווערן, און דאָס, וואָס ווערט אָפּגעשפּלעט ווערט אויך אויסגעוועפּט.

— מיין הארץ וועט בלייבן געטריי, ווייל איך האָב ליב באַקומען אויפן גאַנצן לעבן ארויס און נאָך דאָס דארפט איר וויסן, אַז אין טריישאַפט וואָלט איך אפילו די געוואַלדיקסטע פּענעלאָפּע געקאָנט אריבערשטייגן.

דער שווערד-טרעגער האָט זיך נאָך מער דערשראָקן, ווייל וועגן פירשטס טריישאַפט האָט ער געהאַט גראָד אַ קאַפּויערדי־קע מיינונג, וועלכע עס האָט אויך די אַלגעמיינע רעפּוטאַציע באַשטעטיקט, און דער פירשט האָט נאָך ווי אויף צו להכעיס צוגעגעבן;

— אָבער איר זענט גערעכט, אַז קיינער איז מיטן מאָרגן נישט זיכער. כ׳קאָן קראַנק ווערן, יאָ, איך שפּיר זיך אפילו ווי פּאַר אַ מסוכּנדיקער קראַנקהייט, ווייל כ׳בין נעכטן אַזוי פּאַר־חלשט געוואָרן, אַז סאַקאָוויטש האָט מיך קוים אָפּגעמינטערט. כ׳קאָן שטאַרבן, אומקומען אין דער מלחמה מיט סאַפּיעהאַן, און וויפיל צייט, מי און עגמת־נפש דאָס וועט קאָסטן איז גאָר קיי־נער נישט בכוח צו באַשרייבן.

— געדענקט אין גאָט, גיט עפּעס אַן עצה, גנעדיקער הער פירשט!

— וואָס פּאַר אַן עצה קאָן איך געבן — האָט דער פירשט טרויעריק געזאָגט — הגם כ׳וואָלט אַליין גערן געוואָלט, אַז די זאַך זאָל וואָס גיכער צושטאַנד־קומען.

— יאָ, עס זאָל צושטאַנד־קומען... חתונה־האָבן, און דער־נאָך, זאָל זיך טאָן, וואָס עס וויל...

באָגוסלאַוו איז פון אָרט אויפגעשפּרונגען.

— כ׳שווער ביי דער הייליקער עוואַנגעליע! איר מיט אייער שכל דאַרפט ווערן ליטווישער קאַנצלער. אין דריי טעג וואָלט אַן אַנדערער נישט אויסגעטראַכט, וואָס אייך איז מניה־וביה איינגעפאַלן. יאָ! יאָ! חתונה-האָבן און שטילשווייגן. דאָס הייסט אַ קלוגער איינפאַל! איך וועל סיי ווי אין צוויי טעג אַרום קענען סאַפּיעהאַן אַרויסמאַרשירן, ווייל כ׳האָב קיין אַנדערע

ברירה נישט! אין משך פון דער דאָזיקער צייט וועט מען בסוד זיך אַריבערציען אין מיידלס שטוב, און דערנאָך אין וועג אַריין! דאָס הייסט אַ קאָפּ פון אַ לאַנד־חכם! צוויי אָבער דריי מענטשן וועלן מיר דעם סוד מגלה זיין און נעמען פאַר עדות, כדי די חתונה זאָל פאָרקומען כדין. אַן אינטערציזיע וועלן מיר שרייבן, אַ נדן פאַרזיכערן און אויך אַ פאַרמעגן פאַרשרייבן און ביז אַ צייט — שאַ שטיל! ליבער הער שווערד=טרעגער! כ'דאַנק אייך פון טיפן האַרצן, כ'דאַנק אייך! קומט וועל איך אייך אַרומנעמען און גייט באַלד צו אייער יפה=פיה... כ'וועל וואַרטן אויף איר תשובה, ווי אויף גליענדיקע קוילן! און דערווייל וועל איך סאַ=קאָוויטשן נאָכן גלח שיקן! זייט געזונט, פאָטערל, אַז גאָט וועט העלפן איינגיכן אויך ראַדזיווילס זיידע!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דער פירשט אַרויסגעלאָזט דעם פאַרבליפטן שלאַכטשיץ פון די אָרעמס און איז גיך אַרויס פון שטוב.

— גאָט מיינער! — האָט דער שווערד=טרעגער, קומענדיק צו זיך, געטראַכט — כ'האָב געגעבן אַזאַ קלוגע עצה. אַז שלמה אַפילו וואָלט זיך מיט איר נישט געהאַט וואָס צו שעמען, און דאָך וואָלט איך בעסער וועלן, אַז מען זאָל זיך אָן איר באַגיין. אַ סוד — איז אַ סוד... אָבער ברעך דיר דעם מוח, שלאָג דעם קאָפּ אין דער וואַנט, קיין אַנדער עצה איז נישטאָ... הם! נישטאָ קיין אַנדער עצה! אַ בלינדער זעט דאָס!.. אַז אַ מגפה און אַן אויסכאַפּעניש זאָל קומען אויף די שוועדן!.. ווען נישט די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען, וואָלט די חתונה געפּראַוועט גע=וואָרן מיט אַלע צערעמאָניעס און גאַנץ זשאַמעט וואָלט זיך נאָך אויף איר צונויפגעפאָרן. און דאָ מוז גאָר דער מאַן צום אייגענעם ווייב אויף די שפּיץ=פינגער גיין, כדי ער זאָל קיין טומל נישט אָנמאַכן... טפו צום טייוול! נישט אַזוי גיך נאָך וועלן די שיטשיבנקיס צעפּלאַצט ווערן, הגם געלויבט איז גאָט דערפאַר, וואָס דאָס וועט זיי נישט מיידן...

ביי די דאָזיקע ווערטער איז ער אַוועק צו אָלענקאַן.

דער פירשט האָט בינו=לבינו זיך ווייטער באַראָטן מיט סאַקאָוויטשן.

— דער שלאַכטשיץ האָט ווי אַ בער אויףביידע לאַפּעס געטאַנצט — האָט ער צו סאַקאָוויטשן געזאָגט — אָבער ער האָט מיך פאַרפייניקט! אוף! כ׳האָב אים אָבער דערפאַר אַזוי פעסט צו־געדריקט, אַז די זשעבערעס האָבן אים אַזש געקנאַקט, און אים אַזוי געטרייסלט, אַז כ׳האָב געמיינט, די שטיוול צוזאַמען מיט די שטרוי־ווישן וועלן אים פון די פיס אַראָפּפליען... און אַז כ׳האָב אים גע־זאָגט: „פעטערל״, זענען אים אַזש די אויגן פון קאָפּ אַרויסגע־קראָכן, ווי ער וואָלט מיט אַ גאַנץ פעסל צימעס זיך געוואָרגן. טפו, טפו! וואַרט אַ ביסל! כ׳וועל דיך מאַכן פאַר אַ פעטער, אָבער אַזעלכע פעטערס האָב איך אויף דער גאַנצער וועלט לרוב... סאַקאָוויטש! כ׳זע שוין, ווי זי וואַרט אויף מיר און נעמט מיך אויף אין איר שטוב מיט צוגעמאַכטע אייגעלעך און צונויפגעלייגטע הענטעלעך... וואַרט אויך דו! כ׳וועל דיר אויסקושן די דאָזיקע אייגעלעך... סאַקאָוויטש וועסט אויפן גאַנצן לעבן באַקומען פּרודי הינטער אַשמיאַני! ווען קאָן פלאַסקאָ דאָ זיין?

— פאַרנאַכט! איך דאַנק אייך, גנעדיקער הער פירשט, פאַר פרודי...

— נישט כדאי! פאַרנאַכט? דאָס הייסט אַ ליאַדע רגע... ווען מ׳זאָל אַזוי קאָנען נאָך היינט, אַפילו אין האַלבער נאַכט, די חתונה פראַווען... האָסט אַ פּאַרטיקע אינטערציזיע?

— יאָ כ׳בין געווען פריגעבּיק אויף אייער חשבון, גנעדיקער הער פירשט. בירזשע האָב איך דעם פריילין לצמיתות פאַרשריבן... דער שווערד־טרעגער וועט קוויטשען, ווי אַ הונט, אַז מען וועט ביי אים שפּעטער דאָס אָפּנעמען.

— מ׳וועט אים אַריינזעצן אין תפיסה, וועט ער זיך באַרויקן.

— מ׳דאַרף דאָס גאָרנישט. אַז די חתונה וועט זיך אַרויס־ווייזן פאַר אומגילטיק, איז אַויך אַלץ נישט גילטיק. האָב איך אייך נישט געזאָגט, אַז זיי וועלן מסכים זיין?

— ער האָט נישט געמאַכט די מינדסטע שוועריקייטן.. כ׳בין נייגעריק, וואָס זי וועט זאָגן... מ׳זעט אים אָבער עפּעס נישט!

— זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס אַריין און פון

גרויס גדולה וויינען זיי און בענטשן אייך און זענען פול מיט התפעלות פון אייער גוטסקייט און שיינקייט.

— כ׳ווייס נישט, צי פון מיין שיינקייט, ווייל כ׳זע עפעס שלעכט אויס. איך בין אלץ נישט געזונט און כ׳האב מורא, אז די נעכטיקע אטאקע זאל ווידער נישט קומען.

— עי, איר וועט זיך נאר א ביסל אנווארעמען...

דער פירשט איז שוין געשטאנען פארן שפיגל.

— אויגן האב איך אונטערגעהאקטע און דער שלימזל פו־רע האט מיר היינט די ברעמען קרום אפגעשווארצט. קוק, איז עס נישט קרום? כ׳וועל אים הייסן די פינגער אין א ביקס אריינקלע־מען, און א מאלפע מאכן פאר מיין קאמער-דינער. וואס איז דאס, וואס דער שווערד-טרעגער איז נאך נישטא? כ׳וואלט שוין וועלן זיין ביים מיידל! א קוש-טאן וועט זי זיך דאך לאזן פאר דער חתונה... א קוש-טאן . . . דעם טעם פארזוכן! . . וי גיך עס ווערט היינט פינסטער. פאר פלאסקאן, אויב ער וועט זיך אפזאגן, דארף מען אן אנגעגליט צווענגל אנגרייטן...

— פלאסקא וועט זיך נישט אפזאגן, דאס איז שוין איינמאל א שעלמע!

— און ער וועט אויף א שעלמישן אופן די קידושין מסדר זיין.

— א שעלמע וועט א שעלמע אויף שעלמישן אופן חתונה מאכן.

דער פירשט איז אריינגעפאלן אין א גוטן הומאר.

— דארט, ווו אזא שדכן, ווי דו, איז דער אונטערפירער, קאן קיין אנדערע חתונה נישט זיין!

אויף א ווײלע זענען זיי אנטשוויגן געווארן און גענומען ביידע לאכן, זייער הויך געלעכטער האט אבער מיט אן אויסטער־לישער אומהיימלעכקייט אפגעהילכט איבער דער פינסטערער שטוב. די נאכט איז צוגעפאלן וואס אמאל טיפער.

דער פירשט האט גענומען שפאנען איבער דער שטוב, קלאפנ־דיק הויך מיט דער שווערד, מיט וועלכער ער האט זיך שטארק

אונטערגעשפּאַרט, ווייל זייט דער לעצטער אַטאַקע האָבן אים די פיס נאָך נישט זייער גוט געדינט.

אין־דעם האָבן יינגלעך אַריינגעבראַכט לייכטערס מיט ליכט, אָבער דער אימפּעט פון דער לופט האָט די פלעמלעך פון די ליכט אַראָפּגעבויגן אַזוי, אַז זיי האָבן לאַנג נישט גע־קאָנט גלייך ברענען, שמעלצנדיק דערווייל זייער שטאַרק דעם וואַקס.

— קוק, ווי די ליכט ברענען — האָט דער פירשט גע־זאָגט — וואָס דרינגסטו דערפון?

— אַז אַיין צנועה וועט היינט צעשמעלצן ווערן ווי וואַקס.

א פלא, ווי לאַנג דאָס דאַזיקע פלאַטערן דויערט.

— אפשר שוועבט די נשמה פון אַלטן בילעוויטש איבער זיי פלעמלעך.

— ביסט אַ שוטה! — האָט באָגוסלאַוו האַסטיק געזאָגט — ביסט אַ גרויסער שוטה! זיך אויסגעקליבן די ריכטיקע צייט צו רעדן וועגן רוחות!

א ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן.

— אין ענגלאַנד זאָגט מען — האָט דער פירשט זיך אָנ־גערופן — אַז ווען עס איז דאָ אַ רוח אין שטוב, וועט יעדעס ליכט ברענען בלוי, און דאָ, קוק! זיי ברענען געל, ווי תמיד.

— שטותים!.. — האָט סאַקאָוויטש געזאָגט — אין מאָסקווע זענען פאַראַן מענטשן...

— שטיל! — האָט באָגוסלאַוו איבערגעריסן — דער שווערד־טרעגער גייט... ניין! דאָס האָט דער ווינט דעם לאָדן באַוועגן. דער טייוול האָט אָנגעטראָגן דעם מיידלס מומע... פריילין קול־וויץ־היפּאָצענטאַורוס! האָט שוין עמעצער אַזוינס געהערט? זי זעט טאַקע אויס ווי אַ מכשפה.

— איר ווילט, וועל איך מיט איר חתונה־האָבן. וועט זי אייך נישט שטערן. פלאַסקאַ וועט אונז אַזוי ווי מיר שטייען און גייען מזווג זיין.

— גוט. כ'וועל איר געבן אַ יאַוואָראָווע לאָפּעטע פאַר אַ חתונה-מתנה, און דיר אַ לאַמטערן, זאָלסט איר האָבן מיט וואָס צו לייכטן.

— אָבער כ'וויל זיין דער פעטערל... באַגוש...

— דערמאָן דיך אין קאַסזאַרן! — האָט דער פירשט זיך אָנגערופן.

— גלעט נישט קאַסטאָרן! אונטער די האָר, מיין פאָ-לוקס, ווייל ער קאָן נאָך אַ ביס-טאָן!

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעהאַקט דאָס אריינ-קומען פון שווערד-טרעגער און פון פריילין קאָלוויעץ. דער פירשט איז גיך צו זיי צוגעגאַנגען, אונטערשפּאַרנדיק זיך מיט דער שווערד. סאַקאָוויטש האָט זיך אויפגעשטעלט.

— נו וואָס? מ'קאָן גיין צו אָלענקאָן? — האָט דער פירשט געפרעגט.

אָבער דער שווערד-טרעגער האָט נאָר די הענט צענומען און דעם קאָפּ אויף דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט.

— גנעדיקער הער פירשט! מיין ברודערס טאָכטער זאָגט, אַז די צוואה פון פאָלקאָווניק בילעוויטש אסרט איר צו באַשטי-מען אליין איר גורל, און ווען זי וואָלט עס אפילו נישט גע-אסרט, וואָלט זי אויך גנעדיקער הער פירשט, נישט חתונה גע-האַט, ווייל איר הארץ ציט נישט צו אייך.

— סאַקאָוויטש! דו הערסט? — האָט באָגוסלאַוו מיט אַ שרעקלעכער שטים זיך אָנגערופן.

— וועגן דער דאָזיקער צוואה האָב איך אויך געוווּסט — האָט דער שווערד-טרעגער געזאָגט — אָבער כ'האָב זי לכתחילה נישט געהאַלטן פאַר אַ מניעה, וואָס לאָזט זיך נישט באַזיי-טיקן.

— איך לאַך מיך אויס פון אייערע שלאַכצעקע צוואות!

— האָט דער פירשט אויסגערופן — כ'שפּיי אויף אייערע שלאַ-כעצקע צוואות! איר פאַרשטייט?!..

— אָבער מיר לאַכן זיך נישט אויס! — האָט הער טאָ-מאַש אָן אויפגעבראַכטער אָפּגעענטפערט — און לויט דער צוואה

מעג דאָס מיידל אָדער גיין אין קלויסטער אריין, אָדער מיט קמיטשיצן חתונה האָבן.

— מיט וועמען, לומפּ? מיט קמיטשיצן?.. כ׳וועל אייך מיין קמיטשיצן!... כ׳וועל אייך אָנלערנען!...

— וועמען, גנעדיקער הער פירשט, רופט איר דאָס לומפּ? בילעוויטשן?!

און דער שווערד=טרעגער האָט אין דער גרעסטער רציחה פאַר דער צייט זיך אָנגענומען, אָבער באָגוסלאַוו האָט אין איין רגע מיטן האַמער אים אין דער ברוסט אַ זעץ געטאָן, אַז דער שלאַכטשיץ איז מיט אַ קרעכץ אויף דער ערד אַנידערגעפאַלן, און אַליין האָט ער דעם ליגנדיקן מיטן פוס אַ קאַפּ=געטאָן, כדי זיך אַ וועג צו דער טיר פריי צו מאַכן, און איז אָן אַ קאַפּעליוש פון דער שטוב אַרויסגעלאָפן.

— יעזוס! מאַריאַ! יוזעף — האָט פרייליין קולוויעץ געשריגן.

אָבער סאַקאָוויטש האָט זי פאַרן אָרעם אָנגעכאַפּט און צולייגנדיק איר אַ קינדזשאַל צו דער ברוסט, האָט ער געזאָגט:

— שווייג, אוצרל, שווייג, טייער טייבעלע, ווייל כ׳וועל דיר דיין זיס העלזל, ווי אַ הינקעדיקער הין דורכשניידן. זיץ דאָ רויק און גיי אויבן נישט אַרויף, ווייל דאָרט פראַוועט מען די חתונה פון דיין שוועסטערן=טאָכטער.

אָבער אין פרייליין קולוויעץ איז אויך געפלאָסן ריטערשען בלוט, און קוים האָט זי דערהערט סאַקאָוויטשס ווערטער, איז איר שרעק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרצווייפלטן מוט.

— רשע! רוצח! געצן=דינער! — האָט זי אַ געשריי=געטאָן — שעכט מיך, ווייל כ׳וועל שרייען איבער דער גאַנצער רעפּובליק. אַ ברודער דערהרגעט, אַ קרובה געשענדעט, וויל איך אויך נישט לעבן! שלאָג, רוצח, שעכט! מענטשן! קומט זיך צוזאַמען! קוקט!...

די ווײַטערדיקע ווערטער האָט סאַקאָוויטש דערשטיקט ארויפלייגנדיק איר אויפן מויל זיין מעכטיקע האַנט.

— שווייג, מכשפה, שווייג, געזונצלטע מויד! — האָט ער צו איר געזאָגט — איך וועל דיך נישט שעכטן, צו וואָס זאָל איך דעם טייוול געבן דאָס, וואָס איז אַזוי אויך זיין, כדי אָבער די זאָלסט נישט קאָנען שרייען ווי אַ פּאַווע, וועל איך דיר, ביז די וועסט זיך באַרויקן, דיין באַחנט פּיסקל מיט דיין אייגן טיכל ארומבינדען, און אַליין וועל איך נעמען אַ האַרפּע און דיר אויפשפּילן אַ ליבע־ליד. עס קאָן אַנדערש נישט זיין, נאָר די מוזט מיך ליב באַקומען.

אזוי רעדנדיק האָט דער אָשמיאַנער סטאַראָסטע, מיט דער געניטקייט פון אַן עכטן באַנדיט, פרייליין קולוויעצס קאָפּ מיט אַ טיכל אַרומגעוויקלט, מיט אַ באַסעק איר כהרף־עין די הענט און די פיס געקרעמפּעוועט און זי אַרויפגעוואָרפן אויף דער סאָפע.

דערנאָך האָט ער זיך נעבן איר אָוועקגעזעצט און אויסציענדיק זיך באַקוועם, האָט ער געפרעגט אַזוי רויק, ווי ער וואָלט אַ געוויינלעכן שמועס פאַרפירט:

— ווי מיינסטו? איך מיין, אַז אויך באַגוש וועט זיך לייכט אַן עצה געבן?

— אין־דעם איז ער פון אָרט אויפגעשפּרונגען, ווייל די טיר האָט זיך האַסטיק אויפגעמאַכט און עס האָט זיך אין איר באַוויזן פרייליין אַלעקסאַנדראַ.

אַ פּנים האָט זי געהאַט ווייס ווי קרייד, אַ ביסל צעפלאָשעטע האָר, געקנייטשטע ברעמען און אַ גרויל אין די אויגן.

דערזעענדיק דעם שווערד־טרעגער, האָט זי איבער איפּ אַנידערגעקניט און מיט דער האַנט געגומען זיך צורירן צו זיין קאָפּ און ברוסט.

דער שווערד־טרעגער האָט טיף אָפּגעטעמט, די אויגן אויפגעמאַכט, זיך האַלב אונטערגעהויבן און גענומען זיך אַרומקוקן איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, דערנאָך האָט ער זיך מיט דער האַנט אויף דער ערד אָנגעשפּאַרט און געפּרוווט זיך אויפשטעלן, וואָס עס האָט זיך

אים אין אַ ווײַלע אַרום, מיט דער הילף פון פרײַלין, אײַנגע-
געבן, ער איז מיט וואַקלדיקע טריט צו אַ שטול צוגעגאַנגען און
זיך אין איר אַרײַנגעוואָרפן.

אָלענקאַ האָט ערשט איצט דערזען דאָס פרײַלין קאָלוויעץ,
וועלכע איז געלעגן אויף דער סאָפע.

איר האָט זי ערמאָרדעט? — האָט זי סאַקאָוויטשן גע-
פרעגט.

חלילה! — האָט דער אָשמיאַנער סטאַראָסטע גע-
ענטפערט.

— איך באַפעל אײַך זי אויפצובינדן!

אַזוי פיל מאַכט איז געווען אין איר שטים, אַז סאַקאָוויטש
האָט מיט קיין וואָרט זיך נישט אָנגערופן, גלײַך ווי דער באַ-
פעל וואָלט אַרויס פון דער פירשטין ראַדזיוויל אַליין און ער
האָט גענומען אויפבינדן דאָס פאַרחלשטע פרײַלין קאָלוויעץ.

— און איצט — האָט דאָס פרײַלין געזאָגט — גייט צו
אײַער האַר, וועלכער ליגט דאָרט אויבן.

— וואָס איז געשען? — האָט סאַקאָוויטש, וועלכער איז
געקומען צו זיך, געפרעגט — איר וועט פאַר אים ערב זײַן!

— נישט לגבי אײַך, משרת! אַוועק!

סאַקאָוויטש איז אַרויסגעלאָפן, ווי אַ צעדולטער.

4 קאַפּיטל

סאַקאָוויטש האָט צוויי טעג נישט אָפּגעטרעטן פון פּירשט, ווייל די צווייטע אַטאַקע איז געווען שווערער פון דער ערשטער: ראַדזיוויל'ס באַק-ציין האָבן זיך אַזוי צונויפגעפּרעסט, אַז מ'האָט זיי מיט אַ מעסער געמוזט עפענען, כדי אים אַ דערקוויקנדיקע רפואה אין מויל אַריינצוגיסן. באַלד דערויף איז ער ווידער געקומען צו זיך, אָבער ער האָט זיך געטרייסלט, געוואָרפן, אונטערגעשפּרונגען אויפן געלעגער, זיך געקאָרטשעט ווי אַ שטערבלעך פאַרוואונדעטע חיה. ווען דאָס איז אויך אַריבער, איז געקומען אַ גוואַלדיקע אָפּגעשוואַכטקייט; אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געשטאַנען אויפן סופיט און גאָרנישט גערעדט. צומאָרגנס, נאָכדעם, ווי ער האָט איינגענומען איינשלעפערנדיקע רפואות איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ האַרטן און שווערן שלאָף, און אַרום מיטאָג האָט ער זיך ווידער אויפגעוועקט, באַגאָסן מיט אַ געדיכטן שווייס.

— ווי פילט איר זיך, גנעדיקער הער פּירשט? — האָט סאַקאָוויטש געפרעגט.

— ס'איז מיר בעסער. זענען נישט געקומען עפּעס בריון?

— פאַראַן פון קורפירשט און פון שטיינבאָק, זיי ליגן דאָ אויפן טיש, אָבער דאָס לייענען דאַרף מען אויף שפּעטער אָפּ-לייגן, ווייל איר האָט נאָך נישט קיין כוח.

— גיב באַלד... הערכט?

דער אָשמיאַנער סטאַראָסטע האָט גענומען און זיי דער-לאַנגט, און באָגוסלאַוו האָט זיי צווייִמאָל איבערגעלייענט, דער-נאָך האָט ער אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— מאָרגן מאַרשירן מיר קיין פּאָלעסיע.

— מאָרגן, גנעדיקער הער פירשט, וועט איר ליגן אין בעט, אַזוי ווי הײַנט.

— כ'וועל זיצן אויפן פערד, אַזוי ווי דו!.. שווײַג, עס וועט אַנ-דערש נישט זיין!

דער סטאַראָסטע איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילקייט, וועלכע עס האָט איבערגעריסן נאָר דער געלאָסענער און פּאַמעלעכער טיק-טאַק פון דאַנציקער זייגער.

— די עצה איז געווען אַ נאַרישע און דער איינפאַל אַ נאַרישער — האָט דער פירשט מיטאַמאָל געזאָגט — און איך בין אויך געווען אַ נאַר, וואָס כ'האָב דיר געפאָלגט...

— כ'האָב געוווסט, אַז אויב עס וועט זיך נישט אײַנגעבן, וועל איך זיין דער חייב — האָט סאַקאָוויטש געזאָגט.

— ווייל דו האָסט זיך באַנאַרישט.

— די עצה איז געווען אַ קלוגע, אָבער אויב דאָרט שטייט צו דינסט עפּעס אַ שד, וועלכער איז מתרא וועגן אַלץ, בין איך אין דעם נישט שולדיק.

דער פירשט האָט זיך אויפן בעט אויפגעהויבן.

— דו מיינסט?.. — האָט ער געזאָגט, טוקנדיק שאַרף אויף סאַקאָוויטשן.

— און איר קענט נישט די אָנהענגער פון פּויפּסט.

— כ'קען זיי, כ'קען זיי! אויך מיר איז אײַנגעפאַלן, אַז דאָס קאָן זיין אַ כישוף. זייט געכטן בין איך זיכער. ביסט גע-

פאלן אויף דעם דאָזיקן געדאַנק, וואָס איך, דערפאַר האָב איך זיך געפרעגט, צי דו מיינסט עס אויף אַן אמת? אָבער ווער פון זיי קאָן זיך דאָס מיט נישט־גוטע אין חברותא אַריינלאָזן?.. זי דאָך נישט, ווייל זי איז אַ כשר מיידל... און דער שווערד־טרעגער אויך נישט, ווייל ער איז צו נאַריש?..

— און פאַרוואָס טאַקע נישט יענע מומע...

— דאָס קאָן זיין...

— פון זיכערקייט וועגן האָב איך איר נעכטן געבונדן די הענט און די פיס און פריער איר צוגעלייגט אַ מעסער צום האַלז און... שטעלט זיך פאָר, גנעדיקער הער פירשט.. איך גיב היינט אַ קוק; די שאַרף איז צעשמאָלצן, ווי אין אַ פייער.

— ווייז!

— כ'האָב דאָס מעסער אין וואַסער אַריין געוואָרפן, הגם אין הענטל איז אַ טייערער טירקיס געווען. כ'האָב שוין נישט געוואָלט זיך מער צו אים צורירן.

— איצט וועל איך דיר זאָגן, וואָס עס האָט זיך נעכטן מיט מיר פאַרלאָפן... כ'בין אַריינגעפאַלן צו איר, ווי אַ צעדולטער. וואָס כ'האָב געזאָגט, געדענק איך נישט... אָבער דאָס ווייס איך, אַז דאָס מיידל האָט אַ געשריי־געטאָן: „כ'וועל זיך פריער אין פייער אַריין וואַרפן!" דו ווייסט, וואָס פאַר אַ גרויסער קאַמין דאָרט שטייט. און זי איז תיכף אַריינגעשפרונגען! איך נאָך איר. אַז כ'האָב זי געכאַפּט, איז זי שוין האַלב געווען אינעווייניק. שוין האָבן די קליידלעך אויף איר זיך אָנגעכאַפּט. כ'האָב בעמויט לעשן און האַלטן צוגלייך. אין דעם האָט אַ פיבער מיך אָנגעכאַפּט, די ציין האָבן זיך מיר פאַרביסן... וואָלסט געמיינט, אַז עמיצער האָט מיר די אָדערן אין האַלז געטרענט.. דערנאָך האָט זיך מיר געדוכטן, אַז די פונקען, וואָס פליען אַרום אונז, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בינען און זיי זשומען ווי די בינען... אָט אַזוי, ווי דו זעסט מיך דאָ אַ לעבעדיקן!

— און וואָס איז געווען שפּעטער?

איך געדענק שוין גאָרנישט, נאָר אַזאַ פּחד, ווי איך וואָלט אין אַן אומגעהייערן ברונעם אַראָפּגעפלויגן, אין עפּעס אַ טיפענישׁ אָן

אַ דגאָ. וואָס פאַר אַ פחד! איך זאָג דיר, אַזאַ פחד! נאָך איצט שטעלן זיך מיר די האָר אויפן קאָפּ קאַפּויער... און נישט בלויז אַ פחד, נאָר... ווי זאָל איך עס זאָגן ... אַ פוסטקייט און אַן אומ-געהייערע נודנעקייט און אַן אומפאַרמיידלעכע מידקייט... אַ נס, וואָס די הימלישע כּוחות זענען געווען מיט מיר. אַ נישט וואָלט איך שוין היינט מיט דיר נישט גערעדט.

— איר האָט געהאַט אַן אַטאַקע.. די קראַנק אַליין שטעלט אָפּט פאַר די אויגן פאַרשידענע בילדער, אָבער פון זיכערקייט וועגן וואָלט מען אויפן טייך געקאָנט אַ ביסל אייז אויסהאַקן און די דאָזיקע באַבע אין וואַסער אַריינלאָזן.

— כאַפּט זי דער טייוול! סיי ווי לאָזן מיר זיך מאָרגן אין וועג אַריין און דערנאָך וועט קומען דער פרילינג. ס'וועלן באַלד זיין אַנדערע שטערן און קורצע נעכט, וואָס פאַרטרייבן יעדע אומריינע קראַפט.

— קור לאָזן מיר זיך מאָרגן אין וועג אַריין, איז שוין בעסער, אַז איר זאָלט דאָס דאָזיקע מיידל אָפּלאָזן.

— ווען איך זאָל אפילו נישט וועלן, מוז איך... דער חשק האָט זיך פון מיר היינט אינגאַנצן אָפּגעטאָן...

— לאָזט זיי אָפּ, זאָלן זיי גיין צום טייוול

— דאָס קאָן נישט זיין!

— פאַרוואָס?

— ווייל דער שלאַכטשיץ האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז ער האָט אַ מטמון מיט געלט, וועלכעס איז אין בילעוויטשע פאַרגראָבן. אַז כ'וועל זיי אָפּלאָזן, וועלן זיי עס אויפגראָבן און אַוועק אין די וועלדער. איך וויל זיי בעסער דאָ האַלטן, און דאָס געלט רעקווירירן... איצט איז אַ מלחמה, מעג מען! איבעריקנס, האָט ער זיך אַליין אָנגעבאָטן. מיר וועלן הייסן די גערטנער אין בילעוויטשע צעגראָבן אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן; מיר מוזן געפינען. דער שווערד-טרעגער ווידער וועט; זיצנדיק דאָ, לפחות נישט מאַכן קיין יעלות איבער גאַנץ ליטע, אַז מ'האָט אים באַראַבעוועט. די רציחה כאַפּט מיך אָן, ווען איך דערמאָן זיך, וויפיל

געלט איך האָב דאָ בחנם פאַרלוירן אויף די בעלער און טורנירן און דאָס אַלץ אויף גאָרנישט! אויף גאָרנישט!..

— איך בין שוין אויך לאַנג אין כעס אויפן דאָזיקן מיידל. און כ'זאָג אייך, אַז ווען זי איז נעכטן געקומען און געזאָגט צו מיר ווי צו עפּעס אַ קנעכט: „גיי־אַרויף אויבן, משרת, ווייל דיין הער ליגט דאָרט" — האָט קיין סך נישט געפעלט, אַז איך זאָל איר דעם קאָפּ אראָפּדרייען, בפרט, אַז כ'האָב געמיינט, אַז דאָס האָט זי אַליין אייך מיט אַ מעסער געשטאָכן, אָדער פון אַ פּיסטאָלעט דערשאָסן.

— דו ווייסט, אַז כ'האָב נישט ליב, אַז מ'זאָל זיך ביי מיר פירן מעשה בעל־הבית... גוט גאָך, וואָס דו האָסט דאָס נישט געטאָן, ווייל כ'וואָלט דיך געהייסן קנייפּן מיט יענעם צווענגל, וואָס איז פאַר פלאַסקאַן געווען אָנגעגרייט... נישט דערוועגן זאָלסטו זיך...

— פלאַסקאַן האָב איך שוין צוריק משלח געווען. ער איז געווען פאַרחידושט, נישט ווייסנדיק, נאָך וואָס מ'האָט אים אַהערגעבראַכט און פאַרוואָס מ'הייסט אים גיין. ער האָט עפּעס געוואָלט פאַר דער טרחא, מחמת ער האָט געהאַט, זאָגט ער, „אַ היזק אין מסחר", אָבער כ'האָב אים געזאָגט: זיי צופרידן, וואָס דו גייסט אַוועק| פון דאַנען אן ריסוק אברים!.. דאַרפן מיר טאַקע מאָרגן קיין פּאָלעסיע מאַרשירן?

— ווי אַ גאָט איז אין הימל. און די חיילות זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן לויט מיינע באַפעלן?

— די שווערע קאַוואַלעריע איז שוין אַרויס קיין קיידאַני, פון וואַנען זי וועט מאַרשירן קיין קאָוונע און דאָרט וואַרטן... אונזערע פוילישע פאָלקן זענען נאָך דאָ; כ'האָב געהאַלטן, אַז ס'טויג נישט זיי צוערשט אַרויסצושיקן. מענטשן כלומרשט זיכערע, זיי קאָנען פאָרט זיך צונויפרעדן מיט די קאָנפעדעראַטן. גלאָובּיטש וועט פאָרן מיט אונז; די קאָזאַקן אונטער וואָראָטינסקיס קאָמאַנדע אויך, קאַרלשטרעם מיט די שוועדן גייט אין דער פאָדערשטער וואַך... ער האָט אַ באַפעל אויפן וועג די מורדים און באַזונדערס די פּייערן אויסצוקוילן.

— גוט.

— קירין מיט די פוס-גייער זאָל מאַרשירן פּאַמעלעך, כּדי עס זאָל אין אַ גויטפּאַל זיין אויף וועמען זיך צו שטיצן. אויב מיר זאָלן איילים גיין פּאַרויס און אונזער גאַנצער פּלאַן שטיצט זיך אויף גיכקייט, ווייס איך נישט צי די פּרייסישע און שוועדישע שווערע קאַוואַלעריע וועלן אונז צונויף-קומען. אַ שאָד וואָס מיר האָבן נישט גענוג פּוילישע פּאָלקן, ווייל צווישן אונז געשמועסט, איז צו אונזערע רייטער קיין גלייכן נישטאָ...

— און די אַרטילעריע איז אַרויס?

— אַרויס.

— אויך פּאַטערסאָן, הייסט עס?

— ניין! פּאַטערסאָן איז דאָ, ער היט קעטלינגן, וועלכער האָט זיך מיט דער אייגענער שווערד שווער פאַרווונדעט. ער האָט אים זייער ליב. ווען איך וואָלט קעטלינגן נישט געקענט פאַר אַ מוטיקן אָפיציר, וואָלט איך געמיינט, אַז ער האָט זיך בכּיון אַ שטאָך-געטאָן, כּדי ער זאָל אין די מלחמה נישט דאַרפן גיין.

— מ'וועט דאָ דאַרפן אַ הונדערט מענטשן איבערלאָזן, דאָס אייגענע אין ראַסיעני, דאָס אייגענע אין קיידאַני. די שוועדישע גאַרניזאָנען זענען קאַרגע, און דע לאַגאַרדי פאַרלאַנגט אַזוי אויך יעדן טאָג מענטשן פון לעווענהויפּטן. אַז מיר וועלן נאָך אויך אַרויסגיין, וועלן די מורדים פאַרגעסן די שאַווליער מפּלה און ווידער דעם קאָפּ אויפהויבן.

— זייער חוצפּה וואַקסט אַזוי אויך. כ'האָב ווידער געהערט אַז מ'האָט אין טעלשי די שוועדן אויסגעקוילעט.

— די שלאַכטע? פּויערן?

— די פּויערן מיט אַ קסיאָנדז בראש, פאַראַן אָבער אויך פּאַרטיעס פון שלאַכטיצעס, באַזונדערס ביי לאַודאַ.

— די לאַודער זענען אונטער וואָלאָדיאָווסקיס קאָמאַנדע אין דער מלחמה אַוועק.

— אַ סך יינגלעך און זקנים זענען פאַרבליבן. זיי כאַפּן זיך צום געווער, ווייל דאָס זענען זעלבער מבטן-ומלדה.

— אָן געלט וועלן די מורדים גאָרנישט אויפטאָן.

— און מיר וועלן אין ביעלעוויטשע מיט כּוחות זיך אָנגעמען, מ׳דאַרף פאַרמאָגן אַזאַ גאוונישן קאָפּ, ווי איר, גנעדיקער הער פירשט אַז מען זאָל אַזוי אין יעדן פאַל אַן עצה געפינען.

באָגוסלאַוו האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן.

— אין דאָזיקן לאַנד האַלט מען טייערער דעם, וואָס פאַרשטייט נושא־חן צו זיין ביי דער האַרין קיניגין און ביי דער שלאַכטע. אַ גאוונישער קאָפּ און גוטע מידות האָבן קיין שום חשיבות נישט. אַ נס, וואָס איך בין אויך אַ פירשט פון רייך און מ׳וועט מיך פאַר אַ פּוס צו אַ סאָסנע נישט צובינדן. ווען די הכנסות פון די גיטער, וואָס ליגן דאָ, וואָלטן צו מיר רעגולער אָנגעקומען, װאָלט מיך די גאַנצע רעפּובליק גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

— מ׳זאָל נאָר נישט וועלן קאָנפיסקירן?

— צוערשט וועלן מיר קאָנפיסקירן פּאָלעסיע, אויב נישט גאַנץ ליטע. דערוויל רוף מיר פּאַטערסאָנען.

סאַקאָוויטש איז אַרויסגעגאַנגען און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט פּאַטערסאָנען. ס׳האָט זיך ביים פירשטס בעט אָנגעהויבן אַ באַראַטונג, אויף וועלכער ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צומאָרגנס פאַרטאָגס זיך צו לאָזן אין וועג אַריין און אײַליק צו מאַרשירן קיין פּאָלעסיע. פירשט באָגוסלאַוו האָט אין אָוונט זיך געפילט אַזוי פיל בעסער, אַז ער האָט געגעסן און געטרונקען צוזאַמען מיט די אָפיצירן און ביז שפּעט זיך מיט וויצן געוויילט, הערנדיק מיט פאַרגעניגן די הירזשערײַ פון די פערד און דאָס געקלאַנג פון געווער פון די פּאָלקן, וואָס האָבן זיך צום מאַרש געגרייט.

— כ׳זע, אַז די דאָזיקע עקספּעדיציע וועט מיר דאָס געזונט צוריקגעבן — האָט ער צו די אָפיצירן געזאָגט — ווײַל דורך די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען און פאַרוויילונגען האָב איך אַ רעכט ביסל דאָס שלאַכט־פעלד פאַרנאַכלעסיקט. אָבער איך האָף צו גאָט, אַז די קאָנפעדעראַטן און אונזער עקס־קאַרדינאַל אין דער קרוין וועלן דערשפּירן מיין האַנט.

דערויף האָט פּאַטערסאָן די העזה געהאַט צו ענטפערן

— אַ נס, וואָס דלילה האָט שמשונען די האָר נישט אָפּגע־שניטן.

באַגוסלאַוו האָט אַ ווײַלע אויף אים אַ קוק־געטאָן מיט אַ משונהדיקן בליק, וועלכער האָט דעם שאָטלענדער שוין גענומען צעטומלען, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז דעם פירשטס פּנים אויס־געלײַטערט געוואָרן פון אַ שרעקלעכן שמייכל.

— אויב סאַפּיעהאַ איז אַ זייל — האָט ער אָפּגעענטפערט — וועל איך מיט אים אַזאַ טרייסל־טאָן, אַז די גאַנצע רעפּובליק וועט אים אויפן קאָפּ אײַנפאַלן.

דער שמועס איז געפירט געוואָרן אין דײַטש, אַלע אויס־לענדישע געדונגענע אָפיצירן האָבן אים דעריבער זייער גוט פאַר־שטאַנען און ווי איין מאַן געענטפערט:

— אמן!

צו מאָרגנס פאַרטאָגס האָט דאָס חיל מיטן פירשט בראש אַרויסמאַרשירט. די פּרײַסישע שלאַכטע, וועלכע איז דורכן גלענצנ־דיקן הויף פאַרלאָקט געוואָרן אַהער, האָט באַלד גענומען זיך צע־פאָרן אַ היים.

נאָך זיי זענען קיין טילזשאַ אַוועק די, וועלכע האָבן אין טוראָגי געזוכט אַ מקום־מקלט פאַר די מלחמה־געפאַרן און וועלכע האָבן טילזשאַ איצט געהאַלטן פאַר מער באַוואָרנט. עס זענען גע־בליבן נאָר דער שווערד־טרעגער, פרײַליין קולוויץ און אָלענקאַ, נישט רעכנענדיק קעטלינגן און דעם אַלטן אָפיציר ברוין, וועלכער האָט איבער דעם קאַרגן שוץ־חיל די קאָמאַנדע געהאַט.

דער שווערד־טרעגער איז נאָך יענעם זעץ מיטן האַמער גע־לעגן אַ פּאָר טעג, אַרויסוואַרפנדיק פון צײַט צו צײַט בלוט פון מויל, אַזוי אָבער ווי קיין ביין איז אים נישט צעבראָכן געוואָרן, איז ער ביסלעכווײַז געקומען צו זיך און גענומען טראַכטן וועגן אַנטלויפן.

דערווײַל איז פון בילעוויטשע אָנגעקומען אַ דאָרף־באַאַמטער מיט אַ בריוו פון באַגוסלאַוון אַליין. דער שווערד־טרעגער האָט תּחילת דעם בריוו נישט געוואָלט לייענען, אָבער באַלד האָט ער זיך אַנדערש מיישב געווען, פאָלגנדיק דערבײַ די עצה פון מיידל,

וועלכע האָט געהאַלטן, אַז עס איז בעסער צו קענען אַלע פּלענער פון שונא.

„ גנעדיקסטער הער פּילעוויטש ! „ שלום מאַכט פון קליינע זאַכן גרויס, און סכסוכים פון גרויסע זאַכן קליין ! ” דאָס מזל האָט גע-וואָלט, אַז מיר זאָלן זיך נישט צעשיידן אַזוי פריידלעך, ווי איך האָב מיר דאָס געוווּנטשן אין מיין ליבשאַפט צו אייך און צו איי-ער באַחנטער ברודערן-טאָכטער, אין וואָס איך בין נישט שולדיק, ווייל איר ווייסט צום בעסטן, אַז איר האָט מיר פאַר מיינע גוטע כּונות מיט אומדאַנקבאַרקייט באַצאָלט. און דאָס, וואָס מען טוט, ווען מען איז אין כּעס, דאַרף אין באַטראַכט נישט גענומען ווערן, איך האָף דעריבער, אַז מיינע אומאיבערגעלייגטע מעשים וועט איר באַוויליקן צו באַטראַכטן פאַר פאַרגעלטיקט דורך דער עולה, וואָס איך האָב פון אייך געליטן. איך בין אייך אויך מוחל במחילה גמורה, ווי עס דיקטירט מיר די קריסטלעכע ליבע און דער באַ-גער ווידער צו לעבן מיט אייך בשלום. און כּדי אייך צו געבן אַן ערבות, אַז אין האַרצן איז קיין שנאה נישט פאַרבליבן, האָב איך עס נישט געהאַלטן פאַר ווירדיק אָפּצוזאָגן אייך די טובה, וואָס וואָס איר האָט פון מיר פאַרלאַנגט און איך נעם דאָס געלט אָן”..

דאָ האָט דער שווערד-טרעגער אויפגעהערט צו לייענען, ער האָט מיט דער פויסט אַ זעץ געטאָן אין טיש אַריין און אויסגע-שריגן :

— פריער וועט ער מיך אין קבר דערזען, איידער אַ פּרוטה פון מיין געלט-קעסטל !..

— לייען, פּאָטער, ווייטער, — האָט אַלענקאַ געזאָגט.

דער שווערד-טרעגער האָט ווידער דעם בריוו צו די אויגן אויפגעהויבן.

„. . . און נישט ווילנדיק אייך מטריח זיין ביים אַרויסנעמען דאָס דאָזיקע געלט און אייער לעבן אין די היינטיקע שטורמישע צייטן אויף אַ סכּנה אויסשטעלן, האָב איך עס אַליין געהייסן אַרויס-נעמען און איבערציילן ” . . .

אין דעם אָרט האָט דעם שווערד-טרעגער פאַרפעלט אָטעם און דער בריוו איז אים פון די הענט אַרויסגעפאַלן; אַ ווײַלע האָט

זיך געדאַכט, אַז דעם שלאַכטשיץ איז דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן, ווייל ער האָט נאָר מיט די פינגער פאַר דער טשופּרינע זיך אָנגעכאַפּט און זי מיט אַלע כּוחות געריסן:

— שלאָגט. ווער עס האָט אַ גאָט אין האַרצן! — האָט ער לסוף אויסגעשריגן.

דערויף האָט אַלענקאַ זיך אָנגערופן:

— מיט איין עולה מער, גאָטס שטראָף איז נענטער, ווייל דאָס מעסטל וועט בקרוב איבערגיין...

5 קאַפּיטל

די פאַרצווייפלונג פון שווערד-טרעגער איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס פרייליין האָט אים געמוזט טרייסטן און פאַר־זיכערן, אַז מען דאַרף דאָס געלט נישט האַלטן פאַר אַ פאַר־פאַלענע זאַך ווייל יענער בריוו אַליין גילט דאָך פאַר אַ התחייבות, און ביי ראַדזיווילן, דעם אייגנטימער פון אַזוי פיל גיטער, אין ליטע און רייסן, איז דאָ פון וואָס צו מאָנען.

דערפאַר אָבער, ווייל ס'איז שווער געווען פאָרויסצוזען, וואָס עס קאָן זיי ביידן נאָך טרעפן, בפרט ווען באָגוסלאַוו זאָל קיין טוראָגי ווי אַ זיגער צוריקקומען, האָבן זיי ערשט רעכט גענומען ערנסט טראַכטן וועגן אַנטלויפן.

אָלענקאַס עצה איז אָבער געווען דאָס אַנטלויפן אָפּצולייגן, ביז האסלינג־קעטלינג וועט נישט געזונט ווערן, ווייל ברוין איז געווען אַ בייזער און האַרטער סאָלדאַט, וואָס האָט בלינד די באַפעלן אָפּגעהיטן און ס'איז אוממעגלעך געווען אים צו געווינען.

וואָס שייך קעטלינגן, האָט דאָס מיידל זייער גוט געוווּסט, אַז ער האָט זיך פאַרוואונדעט דערפאַר, כדי ער זאָל ביי איר קאָנען בלייבן, דעריבער האָט זי טיף געגלויבט, אַז ער איז פאַר אירעטוועגן אַלץ גרייט צו טאָן. דאָס געוויסן האָט זי אמת כסדר געפּייניקט מיט פראַגן, צי זי האָט אַ רעכט פאַר איר אייגענער רעטונג דעם גורל, און אפשר אויך דאָס לעבן פון אַ פרעמדן מענטשן מקריב צו זיין, אָבער די סכנות, וואָס האָבן איבער אים געהאָנגען אין טוירעאַגי, זענען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן הונדערט מאָל מער איבערגעשטיגן די געפאַרן, אויף וועלכע קעטלינג האָט דורך זיין פאַרלאָזן די דינסט געקאָנט זיך אויסשעלטן. ווייל קעטלינג, אַלס אויסגעצייכנטער אָפיציר, האָט דאָך אומעטום געקאָנט געפינען אַ דינסט און דאָס נאָך אַן איידעלערע, און צוזאַמען מיט איר אויך מעכטיקע פּראָטעקטאָרן, ווי דער קיניג, ווי הער סאפיעהא אָדער הער טשאַרניעצקי. און ער וועט דערביי דינען אַ גוטער זאַך און געפינען אַ מעגלעכקייט אָפּצודאַנקען דעם לאַנד, וואָס האָט אים, דעם אין גלות פאַרטריבענעם, צוגעטוליעט. דער טויט דראָט אים נאָר אין דעם פאַל, ווען ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין באָגוסלאַווס הענט, אָבער באָגוסלאַוו איז דאָך נישט קיין מושל איבער דער גאַנצער רעפּובליק.

דאָס פריילין האָט אויפגעהערט זיך צו שלאָגן מיט דער דעה און ווען דאָס געזונט פון יונגן אָפיציר האָט זיך שוין געהאַט פאַרבעסערט אויף אַזויפיל, אַז ער האָט געקאָנט די די דינסט אויספירן, האָט זי אים גערופן צו זיך.

קעטלינג האָט זיך פאַר איר געשטעלט אַ בלאַסער, אַן אָפּגעצערטער, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, אָבער ווי תּמיד פול מיט דרך־ארץ, באַוואונדערונג און הכנעה.

אויף זיין אָנבליק האָבן זיך טרערן געשטעלט אין אָלענקאַס אויגן, ווייל דאָס איז דאָך געווען די איינציקע פריילעכע נשמה אין טוירעאַגי, און דערביי אַזאַ אומגליקלעכע און ליידנדיקע, אַז ווען אָלענקאַ האָט באַגריסנדיק אים געפרעגט וועגן זיין געזונט, האָט דער יונגער אָפיציר געענטפערט:

— ליידער, קומט עס צוריק, און איך וואָלט אַזוי גערן געוואָלט שטאַרבן...

— איר דאַרפט אַוועקוואַרפן די דאָזיקע דינסט — האָט דאָס מיידל געזאָגט, קוקנדיק אויף אים מיט מיטגעפיל — ווייל אַזאַ איידל האַרץ דאַרף האָבן די זיכערקייט, אַז עס דינט אַן איידעלער זאַך, אַן איידעלן האַר.

— ליידער! — האָט דער אָפיציר איבערגעחזרט.

— ווען לאָזט זיך אויס אייער דינסט?

— ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום.

אָלענקאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט זי אויף אים אויפגעהויבן אירע וווּנדערבאַרע אויגן, וועלכע זענען אין דער רגע געוואָרן מילד, און געזאָגט:

— הערט מיך אויס, הער ריטער. כ'וועל רעדן, ווי צו אַ ברודער, ווי צו אַ האַרציקן פרײַנט: איר קאָנט און דאַרפט זיך באַפרײַען.

דאָ האָט זי אים אַלץ מגלה געווען, אי דעם פּלאַן צו אַנטלויפן און אי דאָס, אַז זי רעכנט אויף זײַן הילף. זי האָט אים געגומען אויפווייזן, אַז אַ דינסט קאָן ער אומעטום געפינען, און אַ שיינע ווי זײַן נשמה איז שיין, און אַ בכבודע, ווי דער ריטערלעכער האָנאָר קאָן זיך נאָר ווינטשן; צום סוף האָט זי געענדיקט מיט אַזעלכע ווערטער:

— איך וועל אײַך ביזן טויט דאַנקבאַר זײַן. איך וויל מיך אונטער גאָטס שוץ באַהאַלטן און אין אַ קלויסטער גאָטס נאָמען לויבן און פּרײַזן, אָבער ווו איר זאָלט נישט זײַן, ווייט אָדער נאָענט, אין דער מלחמה, אָדער אין שלום, וועל איך פאַר אײַך תּפילה־טאָן, וועל איך בעטן גאָט, אַז ער זאָל מײַן ברודער און בעל־טובה געבן מנוחה און הצלחה, בעת איך קאָן אַחוץ דאַנקבאַרקייט און תּפילה אים גאָרנישט מער געבן...

דאָ האָט איר שטים אַ ציטער־געטאָן, און דער אָפיציר איז אויסהערנדיק אירע ווערטער בלאַס געוואָרן ווי די וואַנט. צום סוף האָט ער אַנידערגעקניט, ביידע הענט צום שטערן צו־געלייגט און מיט אַ שלוכצנדיקער שטים זיך אָנגערופן:

— כ'קאָן נישט! כ'קאָן נישט!..

— איר זאָגט מיר אָפּ? — האָט פרייליין בילעקיטש מיט פאַרווונדערונג געפרעגט.

און ער, אַנשטאָט צו ענטפערן, האָט גענומען תפילה=טאָן.

— גרויסער און דערבאַרעמדיקער גאָט! — האָט ער גע=זאָגט — פון מיינע קינדער=יאָרן אָן האָט קיינמאָל קיין שקר מיינע ליפּצן נישט באַרירט, האָט קיינמאָל קיין פאַלשקייט מיין געוויסן נישט באַפלעקט. אַ יונגל זייענדיק, האָב איך מיט דער שוואַכער האַנט מיין קיניג און דאָס פאָטערלאַנד פאַרטיידיקט: פאַרוואָס, האַר, שטראָפסטו מיך אַזוי אָפּט און שיקסט אויף מיר אַראָפּ אַפּיין, וועלכע איך בין, ווי דו זעסט אַליין, נישט בכוח אַריבערצוטראָגן.

דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו אַלענקאַן:

— איר ווייסט נישט, וואָס אַ באַפעל איז פאַר אַ זעלנער, אַז געהאָרכזאַמקייט איז נישט בלויז זיין פליכט, נאָר אויך זיין כבוד און האָנאָר. מיך בינדט אַ שבועה און נאָך מער, ווי אַ שבועה; אַ ריטערלעך וואָרט, אַז איך וועל די דינסט פאַרן טער־מין נישט אָוועקוואַרפן און אַז כ'וועל אַלץ, וואָס געהערט צו איר, בלינד דערפילן. איך בין אַ זעלנער און אַ שלאַכטשיץ און זאָל מיר גאָט אַזוי העלפן, ווי כ'וועל קיינמאָל נישט גיין אין די דרכים פון אַזעלכע יאָרגעלטניקעס, וואָס פעלשן אין זייער האָ=נאָר און דינסט. און אַפילו אויף אַ באַפעל, אַפילו אויף אייער בקשה וועל איך מיין וואָרט נישט ברעכן, הגם איך זאָג דאָס אין יסירים און אין ווייטאָק. ווען איך וואָלט, האָבן אַ באַפעל קיינעם פון טויראָגי נישט אַרויסצולאָזן, געשטאַנען ביים טויער אויף דער וואַך און ווען איר אַליין וואָלט דעמאָלט אָקעגן באַ=פעל געוואָלט אַרויסגיין, וואָלט איר אַרויסגעגאַנגען, אָבער איבער מיין טויטן קערפּער. איר האָט מיך נישט געקענט און איר האָט זיך אין מיר גענאַרט... אָבער האָט רחמנות, פאַרשטייט, אַז איך קאָן אייך צום אַנטלויפן נישט מיטהעלפן און דאַרף אַפילו וועגן דעם נישט הערן, ווייל ס'איז פאַראַן אַ בפירושער באַפעל, ווייל עס האָט אים באַקומען ברוין און מיר פינף אָפיצירן, וואָס זענען

זאָ פאַרבליבן. גאָט! גאָט! ווען איך וואָלט לכתחילה געוווּסט, אַז עס וועט זיין אזא באַפעל, וואָלט איך בעסער אין דער מלחמה געגאנגען... איך וועל אייך נישט איבערצייגן, איר וועט מיר נישט גלויבן, און דאָך איז גאָט מיין עדות, זאָל מיך גאָט אַזוי משפּטן נאָכן טויט, ווי עס איז אמת, אַז איך וואָלט אייך דאָס לעבן אָן קווענקלניש אַוועקגעגעבן... דער האָנאָר קאָן זיך נישט, קאָן איך נישט!

ביי דאָזיקע ווערטער האָט קעטלינג די הענט פאַרבראָכן און איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ פולשטענדיק פאַרמאַטערטער, ער האָט נאָר גיך גענומען אָטעמען.

אָלענקאַ איז נאָך נישט געקומען צו זיך פון פאַרווונדערונג. זי האָט נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרטראַכטן און אָפּצושאַצן ווי געהעריק די דאָזיקע אויסערגעוויינלעך איידעלע נשמה, זי האָט נאָר געשפּירט, אַז עס גליטשט זיך איר אַרויס פון דער האַנט דאָס לעצטע רעטונג־ברעט, אַז עס ווערט צו־נישט די איינציקע עצה זיך אַרויסצוקריגן פון דער פאַרהאַסטער געפאַנגענשאַפט.

זי האָט אָבער נאָך געפּרוּווט ביי אים פּועלן און געזאָגט אין אַ ווײלע אַרום.

— איך בין אַן אייניקל און אַ טאָכטער פון אַ זעלנער; ביי מיין זיידן און פאָטער איז אויך דער האָנאָר טייערער געווען ווי דאָס לעבן, אָבער טאַקע דע־פאַר האָבן זיי זיך נישט צו יעדער דינסט געלאָזט בלינד באַנוצן...

קעטלינג האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אַ בריוו פון זיין לעדערנער טאַש אַרויסגענומען, אים דערלאַנגט אָלענקאַן און געזאָגט:

— משפּט אַליין, צי דער באַפעל איז נישט נוגע דער דינסט?

אָלענקאַ האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן פּאַפּיר און דורכגעליינט אָט וואָס:

„היות עס זענען צו אונז דערגאַנגען ידיעות, אַז דער וויל־געבוירענער הער בילעוויטש, דער ראָסיענער שיוערד־טרעגער, האָט בדעה אונזער רעזידענץ בסוד צו פאַרלאָזן מיט קעגן אונז

פיינטלעכע כונות, דהיינו; כדי, די באַקאַנטע, פֿריינט, קרובים און די וואָס געניסן פון זייער שוץ, צו אַ מרידה קענען זיין שווערישער מאַיעסטעט און קענען אונז מעורר צו זיין, דערפאַר באַפאַלן מיר די אָפיצירן, וואָס זענען אין טויראַגי צום שוץ פאַרבליבן דעם ווילגעבוירענעם הער בילעוויטש צוזאַמען מיט זיין ברודערן־טאָכ־טער ווי ערובניקעס און מלחמה געפאַנגענע צו היטן און צו זיי־ער אַנטלויפן נישט צו דערלאָזן, אונטער אַן אנווער פון האָנאָר און אונטער אַ שטראָף פון מלחמה־געריכט...״ א. א. וו.

— דער באַפעל איז געקומען פון ערשטן רו־אָרט, נאָכן אַרויספאָר פון פירשט — האָט קעטלינג געזאָגט — דערפאַר איז ער אַ שריפטלעכער.

— זאָל געשען גאָטס רצון! — האָט אָלענקאַ נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן זיך אָנגערופן — פאַרפאַלן!

קעטלינג האָט געשפּירט, אַז ער דאַרף שוין אַוועקגיין און ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זיינע בלייכע ליפּן האָבן זיך באַוועגן פון צייט צו צייט, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס זאָגן און נישט געקאָנט קיין קול אַרויסברענגען.

ס'האָט אים געשטיקט אַ חשק זיך צו וואַרפן איר צו די פיס און אויסבעטלען ביי איר פאַרגעבונג, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער געשפּירט, אַז זי האָט גענוג איר אייגן אומגליק און געפינען עפּעס אַ ווילדע הנאה אין דעם, וואָס אויך ער ליידט און וואָס ער וועט געדולדיק ליידן.

לסוף האָט ער זיך פאַרנייגט און איז שטילשווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען, אָבער באַלד אין קאָרידאָר האָט ער אַראָפּגעריסן די באַנדאַזשן, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער פרישער וווּנד און ער איז געפאַלן אין חלשות, און ווען די פּאַלאַץ־וואַך האָט אין אַ שעה אַרום אים געפונען ליגן נעבן די שטיגן און אים אַוועקגעטראָגן אין וואַפנמאַגאַזין, איז ער שווער קראַנק גע־וואָרן און צוויי וואָכן דאָס בעט נישט געקאָנט פאַרלאָזן.

אָלענקאַ איז נאָך קעטלינגס אַוועקגיין אַ געוויסע צייט געבליבן ווי געפּלעפט. זי האָט זיך גיכער געריכט אויפן טויט, איידער אויף זיין אָפּזאָג, דערפאַר האָט אין דער ערשטער רגע,

נישט געקוקט אויף דער גאַנצער פאַרהאַרטעוועטקייט פון איר נשמה, איר אויכגעפעלט כוחות, ענערגיע, זי האָט זיך דערשפּירט שוואַך, ווי אַ געווייגלעכע פרוי, און הגם זי האָט אומבאַוווסטזיניק איבערחזרט: „זאָל געשען גאָטס רצון!“ — האָט אָבער דער ווייטאָק מחמת דער אַנשויונג דאָך באַקומען די אויבערהאַנט איבער דעם פאַרליב־נעמען, און גרויסע טרערן האָבן איר גענומען פון די אויגן גיסן.

אין דער רגע איז אָנגעקומען דער שווערד־טרעגער און אַ קוק־טוענדיק אויף זיין ברודערן־טאָכטער, האָט ער זיך תיכף אָנגעשטויסן, אַז זי האָט אים אַ שלעכטע בשורה אָנצוזאָגן, ער האָט דעריבער גיך געפרעגט:

— ביי גאָט! וואָס איז שוין דאָרט ווידער?

— קעטלינג זאָגט אָפּ — האָט דאָס מיידל געענטפערט.

— אַלע זענען זיי דאָ שווינדלער, שעלמעס און כלבים־שבכלבים! וואָס הייסט? אויך ער וויל נישט העלפן?

— נישט בלויז ער וויל נישט העלפן — האָט זי געענטפערט, באַקלאָגנדיק זיך ווי אַ קליין קינד — נאָר ער זאָגט נאָך, אַז ער וועט שטערן, ווען אַפילו עס זאָל אים אויסקומען צו שטאַרבן.

— פאַרוואָס? גאָט מיינער! פאַרוואָס?

— ווייל, אַזוי איז שוין אונזער מזל. קעטלינג איז נישט קיין בוגד, אָבער אַזוי איז שוין אונזער מזל, ווייל מיר זענען די אומגליקלעכסטע פון אַלע מענטשן!

— אַז אַ דונער זאָל טרעפן די דאָזיקע אַפּיקורסים! — האָט דער שווערד־טרעגער אויסגעשריגן — אויף אַן ערלעך מיידל זעצן זיי זיך אָן, ראַבעווען, גנבענען, נעמען געפאַנגען... אַז זיי זאָלן אַלע איינגעזונקען ווערן! ערלעכע מענטשן דאַרפן גאָרנישט לעבן אין היינטיקע צייטן!

דאָ האָט ער גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב מיט אייליקע טריט און דראָען מיט די פויסטן, און לסוף האָט ער זיך אָנגערופן, קריצנדיק מיט די ציין:

— כ'האָב בעסער געוואָלט דעם ווילנער וואָיעוואָדע, כ'וויל טויזנט מאָל בעסער אַפּילו קמיטשיצן, איידער די דאָזיקע פּער־פּומירטע שעלמעס אָן כּבוד און געוויסן!

און אַז אַלענקאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר נאָך שטאַרקער גענומען וויינען, איז דער שווערד־טרעגער מילדער געוואָרן און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— וויין נישט. קמיטשיץ איז מיר אין זין אַרײַן געקומען נאָר דערפֿאַר, וואָס ער וואָלט אונז על־כּל־פּנים פֿון דאָזיקן גלות־בבל געקאָנט אַרויסרײַסן. ער וואָלט זיי געגעבן די אַלע ברוינס, קעטלינגס, פּאַטערסאָנס, און באָגוסלאַוון גופֿא! איבעריקנס אַלע בוגדים האָבן איין פּנים! וויין נישט! מיט וויינען וועסטו גאָר־נישט אויפֿטאָן, און דאָ דאַרף מען זוכן אַן עצה. קעטלינג וויל נישט העלפֿן... אַז אַ מיתה־משונה זאָל ער איינעמען!.. וועלן מיר זיך אָן אים באַגיין... פּאַרמאָגסט דאַכט זיך אַ מאַנס־בילישן מוט, און אין אַ שווערן מאָמענט קאָנסטו נאָר כליפּען... וואָס זאָגט קעטלינג?

— ער זאָגט, אַז דער פֿירשט האָט אונז געהייסן היטן ווי מלחמה־געפֿאַנגענע, ווײַל ער האָט מורא, אַז דער פּעטער זאָל קיין פּאַרטיע נישט צונויפֿנעמען און צו די קאָנפֿעדעראַטן נישט אַריבערגיין.

דער שווערד־טרעגער האָט זיך פֿאַר די זײַטן אָנגענומען:

— אַ! אַ! ער האָט מורא דער אויסוואורף!.. און ער אַ ערעלט, ווײַל איך וועל אַזוי טאָן, ווי אַ גאָט איז אין ה'מל

— און האָבנדיק אַ באַפֿעל, וועלכער איז דער דינסט נוגע, מוז קעטלינג אונטער זײַן ערן־וואָרט אים דערפֿילן.

— גוט!... מיר וועלן אויסקומען אָן דער הילף פֿון אפּיקורסים!

אַלענקאַ האָט די אויגן אָפּגעווישט.

— און דער פּעטער מיינט, אַז מען וועט קענען?

— איך מיין, אַז מען מוז, און אַז מען מוז, קאָן מען,

װען אפילו מיר זאָלן אויף שטריק פון די דאָזיקע פענסטער זיך אראָפּלאָזן.

און דאָס מיידל האָט באַלד דערויף זיך אָפּגערופן:

— איך בין באַגאַנגען אַ פעלער, װאָס איך האָב געװיינט.. לאָמיר װאָס גיכער זוכן אַן עצה!

די טרערן האָבן זיך איר איינגעצבן אויסגעטרוקנט און די ברעמען האָבן זיך װידער צוזאַמענגעצויגן פון טראַכטן מיט דער פריערדיקער אַנטשלאָסנקייט און ענערגיע.

ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט, אַז דער שװערד־טרעגער קאָן קיין עצה נישט געפינען און אַז די פאַנטאַזיע פון מיידל איז אַ סך רייכער אין איינפאַלן אָבער אויך איר איז עס שװער אָנגעקומען, װייל עס איז קלאָר געװען, אַז מען מוז זיי דאָרט זייער שטאַרק היטן!

זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן נישט פריער עפּעס אונטערצונעמען, ביז עס װעלן קיין טוראָגי נישט אָנקומען די ערשטע ידיעות פון באָגוסלאַװן. אויף דעם האָבן זיי דעם גאַנצן בטחון אַרויפגעלייגט, האָפנדיק אויף גאָטס שטראָף פאַרן בוגד אין פאָטערלאַנד און פאַרן נידערטרעכטיקן מענטש. ער האָט דאָך געקאָנט אומקומען, ער האָט געקאָנט שװער קראַנק װערן, ער האָט געקאָנט דורך סאַפּיעהאַן צעקלאַפּט װערן, און דעמאָלט װאָלט אין גאַנץ טוראָגי בלי־ספק אַנטשטאַנען אַ מהומה און מ'װאָלט די טויערן שוין נישט אַזוי שטאַרק געהיטן.

— איך קען דעם הער סאַפּיעהאַ — האָט דער שװערד־טרעגער געזאָגט, טרייסטנדיק זיך און אַלעמאָן — אַ מלחמה־מאַן איז דאָס אַ געלאַסענער, אָבער אַ פינקטלעכער און אומגעװיינלעך כאַראַקטעריסטנער. אַ שטייגער, זיין טרייזשאַפט פאַר דער מאַיעסטעט און פאָטערלאַנד. ער האָט זיך פאַרמשכונט, אויספאַרקויפט, און צונויפגענומען אַזאַ מאַכט, אַז באָגוסלאַװ איז לגבי איר אַ גאָרנישט. יענער איז אַ חשובער סענאַטאָר, און דער אַ גולם, יענער איז אַן עכטער קאַטאָליק, דער אַ כופר בעיקר, יענער איז די חכמה אַליין, דער אַ היץ־קאָפּ! װעמען װעט גאָט מזכה זיין מיט אַ נצחון און מיט זיין ברכה? ראַדזיװילס נאַכט

דעם אָפּט־עטן פאַר סאַפּיעהאַס טאָג, זי וועט אָפּטרעטן! סיידן עס זאָל שוין גאָר קיין דין און קיין משפּט נישט זיין אויף דער וועלט!.. לאָמיר נאָר וואַרטן אויף ידיעות און בעטן אויף דער הצלחה פון הער סאַפּיעהאַס כּלי־זיין!

— זיי האָבן בכן גענומען וואַרטן, אָבער ס'איז אריבער אַ חודש, אַ לאַנגער, אַ שווערער פאַר די פאַרביטערטע הערצער, ביז עס איז אָנגעקומען דער ערשטער קוריער, און דאָס אַרויסגעשיקט נישט קיין טוראָגי, נאָר צו שטיינבאָקן, אין קיניגלעכן פּרייסן.

קעטלינג, וועלכער האָט זייט דעם לעצטן שמועס נישט דערוועגט זיך צו ווייזן פאַר אָלענקאַס אויגן, האָט איר באַלד צוגעשיקט אַ צעטעלע מיט דער ווייטערדיקער ידיעה:

„פירשט באָגוסלאַוו האָט צעקלאַפּט דעם הער קושישטאָף סאַפּיעהאַן נעבן בראַנסק; אַ פּאָר פּאָלקן פון רייטער און פוסגייער זענען אויסגעקוילעט געוואָרן ביז איינעם. ער גייט קיין טיקאָטשין, ווו עס שטייט האָראָטקעוויטש".

פאַר אָלענקאַן איז דאָס פּשוט געווען אַ דונער. גרויסקייט פון אַ פירער און ריטערלעכע גבורות זענען פאַר איר מיידלשן שכל געווען איינס און דאָס זעלבע און אַזוי ווי זי האָט געזען באָגוסלאַוון אין טוראָגי, ווי ער איז לייכט בייגעקומען די טיכטיקסטע ריטער, דעריבער האָט זי אים, בפרט נאָך דער דאָזיקער ידיעה, זיך אויסגעמאָלט ווי אַ בייזע, אָבער אומבאַזיגבאַרע קראַפט, מיט וועלכער קיינער וועט זיך קיין עצה נישט קאָנען געבן.

די האָפנונג, אַז באָגוסלאַוו זאָל קאָנען באַזיגט ווערן, איז אין איר אינגאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן. אומזיסט האָט דער שווערדטרעגער זי באַרויקט און געטרייסט דערמיט, אַז דער יונגער פירשט האָט זיך נאָך נישט פאַרמאָסטן מיטן אַלטן הער סאַפּיעהא, אומזיסט האָט ער איר גוט־געזאָגט, אַז בלויז די העטמאַנישע ווערדע, מיט וועלכער דער קיניג האָט נאָר־וואָס דעם הער סאַפּיעהא באַשאָנקען, מוז דעם לעצטן געבן אַן

אנטשיידענעם נצחון איבער באַגוסלאַוון, זי האָט נישט געגלויבט, זי האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט צו גלויבן.

— חער וועט אים מנצח זיין? ווער וועט אים בייקו־מען?.. — האָט זי אַלץ געענטפערט.

די ווייטערדיקע ידיעות האָבן ווי באַשטעטיקט איר מורא.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט קעטלינג ווידער צוגעשיקט אַ צעטעלע מיט אַ מיטטיילונג, אַז האַראַטקעוויטש איז צעקלאַפּט און טיקאָטשין איז גענומען געוואָרן. „גאַנץ פּאָלעסיע (האָט ער געשריבן) איז שוין אין דער האַנט פון פּי־שט, וועלכער וואַרט נישט אויפן הער סאַפּיעהאַ און מאַרשירט אים אַקעגן מיט איי־ליקע מאַרשן".

— אויך הער סאַפּיעהאַ וועט צעקלאַפּט ווערן? — האָט דאָס מיידל געטראַכט.

דערווייל איז אַ ידיעה פון אַנדערע מקומות אָנגעקומען און ווי אַ שוואַלב דעם פרילינג אָנגעזאָגט. צו די דאָזיקע ברעגעס פון דער רעפּובליק איז זי אָנגעקומען שפּעט, דערפאַר אָבער באַ־שטראַלט מיט אַלע רעגנבויגנדיקע אָפּגלאַנצן פון אַ וווּנדערלעכער לעגענדע פון די ערשטע דורות פון קריסטנטום, ווען די היי־ליקע זענען נאָך איבער דער וועלט אַרומגעגאַנגען, פאַרזיכערנדיק אמת און גערעכטיקייט.

— טשענסטאָכאָוו! טשענסטאָכאָוו! — האָבן אַלעמענס מיי־לער איבערגעחזרט.

אויף די הערצער האָט דאָס אייז אויפגעטייעט און זיי האָבן זיך צעבליט ווי די בלומען אויף דער ערד, וואָס ווערט פון דער פרילינג־זון אויסגעוואַרעמט. „טשענסטאָכאָוו האָט זיך פאַר־טיידיקט, מ׳האָט זעזען זי אַליין, די פוילישע קיניגן, ווי זי האָט די מויערן מיט אַ הימלישן מאַנטל באַדעקט; די מערדערלעכע גראַנאַטן זענען צו אירע הייליקע פיס צוגעפאַלן, לאַשטשענדיק זיך ווי די שטובן־הינט. ביי די שוועדן זענען די הענט פאַרדאַרט געוואָרן, די ביקסן זענען זיי צו די פנימער צוגעוואַקסן, ביז זיי האָבן אָפּגעטרעטן מיט חרפה און מיט שויעך".

מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט, אַז זיי האָבן די

דאָזיקע ידיעה דערהערט, זענען זיי זיך אין די אָרעמס געפאַלן, וויינענדיק פון שמחה. אַגרערע האָבן זיך באַקלאָגט, אַז זי איז געקומען אַזוי שפּעט.

— און מיר — האָבן זיי געזאָגט — האָבן דאָ אַזויפיל צייט אין געווײן און אין פּיין געלעבט, בעת מיר האָבן גאָר געדאַרפט זיך שוין פרייען!..

דערנאָך האָט גענומען קראַכן אין דער גאַנצער רעפּובליק און די דאָזיקע אימהדיקע דונערס האָבן זיך פאַנאַנדערגעקייקלט פון שוואַרצן ביזן באַלטישן ים, אַז די כוואַליעס פון ביידע ימען האָבן אַזש געציטערט; דאָס האָט דאָס טרייע פאָלק, דאָס פרומע פאָלק ווי אַ שטורעם זיך אויפגעהויבן צו פאַרטיידיקן זיין קיניגין. אין אַלעמענס הערצער איז אַריין אַ מוט, אין אַלעמענס אויגן האָט אַ פייער זיך אָנגעצונדען; דאָס וואָס האָט פריער געגאָלטן פאַר שרעקלעך און נישט בייצוקומען, איז געוואָרן נישטיק אין די אויגן.

— ווער וועט אים מנצח זיין? — האָט דער שווערד־טרעגער צום מיידל געזאָגט — ווער וועט אים בייקומען? איצט ווייסטו ווער? די הייליקסטע בתולה!

ביידע זענען זיי גאַנצע טעג געלעגן ווי צלמים אויסגעשפּרייט, דאַנקענדיק גאָט פאַר דעם דערבאַרעמען זיך איבער דער רעפּובליק; אינאיינעם דערמיט האָבן זיי אויפגעהערט צו צווייפלען אויך אין דער אייגענער רעטונג.

וועגן באָגוסלאַוון ווידער איז אַ לענגערע צייט שטיל געוואָרן, ווי ער וואָלט אַליין מיט זיינע אַלע כוחות אין וואַסער אַריינגעפאַלן, די אָפיצירן, וואָס זענען אין טויראָגי פאַרבליבן, האָבן זיך גענומען באַאומרויקן און וועגן זייער אומזיכערער צוקונפט זיך פאַרטראַכטן. זיי וואָלטן בעסער וועלן אַ ידיעה וועגן אַ מפּלה, איידער די דאָזיקע טיפע שטילקייט. אָבער קיין שום ידיעה האָט נישט געקאָנט אָנקומען, ווייל גראָד דעמאָלס האָט דער שרעקלעכער באַבינישט מיט די טאָטערס פאַרן פירשט זיך אַפּערגעקריגן און אַלע קוריערן איבערגעכאַפּט.

6 קאַפּיטל

אין איין טאָג אָבער איז אָנגעקומען קיין טוריאָני א"ן באַ-גלייטונג פון אַ פּאָר צענדליק זעלנער פריילין אַנאַ באָזשאָ=באָהאַטאַ קראַשיעסקאַ.

ברוין האָט זי אויפגענומען זייער העפלעך, ווייל ער האָט געמוזט, מחמת אַזוי האָט אָנגעזאָגט סאַקאָוויטשס אַ בריוו, אונ=טערגעשריבן פון באָגוסלאַוון אַליין. וועלכער האָט באַפוילן דעם ערן=פריילין פון דער פירשטן גריזעלדא ווישניאַוויעצקאַ אין יעדן פּרט נושא פנים צו זיין. דאָס מיידל איז אויך געווען זייער אויפ=גערוימט: פון דער ערשטער רגע פון איר אָנקומען האָט זי גענומען ברוינען מיט איר אייגעלעך דורכבויערן, אַז דער טרי=בער דייטש איז אַזש צערודערט געוואָרן, ווי מען וואָלט אים מיט פייער געבּרענט; זי האָט אויך גענומען קאָמאַנדעווען מיט די איבעריקע אָפיצירן, הקיצור, בעל=הבתעווען אין טוריאָגי. ווי בײַ זיך אין דער היים. דעם זעלבן טאָג אין אָוונט האָט זי זיך באַקענט מיט אָלענקאַן, וועלכע האָט אמת אויף איר געקוקט מיט אומצוטרוי, זי האָט זי אָבער אויפגענומען העפלעך, אין דער

האָפנונג, אַז זי וועט פון איר ידיעות באַקומען.

אַנושאַ האָט זיי טאַקע געהאַט איבערגעגעבן. דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן פון טשענסטאָכאָוו, ווייל נאָך די דאָזיקע ידיעות זע-נען די טויראָגער געפאַנגענע אַממייסטן להוט געווען. דער שווערד-טרעגער האָט באַזונדערס גוט די אויערן מיט די הענט פאַרשטעלט, כדי ער זאָל קיין איין וואָרט נישט פאַרלירן, פון צייט צו צייט האָט ער אָלענקאַס שילדערונג נאָר איבערגעריסן מיט אויסגע-שרייען:

— געלויבט איז דער אויבערשטער אין הימל!

— ס'איז מיר אַ חידוש — האָט דאָס אָנגעקומענע מיידל לסוף געזאָגט — וואָס די ידיעה וועגן די נסים פון דער הייליק-סטער בתולה זענען צו אייך ערשט נישט לאַנג דערגאַנגען, ווייל דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטע מעשה און איך בין נאָך דעמאָלט געווען אין זאַמאָשטש און הער באַבינישט איז נאָך מיר נאָך נישט געווען געקומען, העי! דאָס איז געווען מיט אַ סך וואָכן פריער... דערנאָך האָט מען שוין אומעטום געגומען די שוועדן שלאָגן, אי אין גרויס פוילן און אי ביי אונז, און מער פון אַלע הער טשאַרניעצקי, וואָס פאַר זיין נאָמען אַליין אַנטלויפן זיי.

— אַ! הער טשאַרניעצקי — האָט דער שווערד-טרעגער אויסגעשריגן, רייבנדיק זיך די הענט — דער וועט זיי גוט אָנלער-נען! כ'האָב וועגן אים נאָך פון אוקראַינע געהערט, ווי וועגן אַ גרויסן זעלנער.

אַנושאַ האָט נאָר מיט די הענטלעך דאָס קלייד אַ ציפּ-געטאָן און גלאַט אַזוי, ווי עס וואָלט זיך וועגן דער קלענסטער זאַך גע-האַנדלט, אויסגערופן:

— אָהאָ! ס'איז שוין נאָך די שוועדן!

דער אַלטער הער טאָמאַש האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן, אָנכאַפנדיק זי פאַרן הענטל, האָט ער דאָס פּיצעלע איינגאַנצן אין זיינע ריזיקע וואָנסעס איינגעגראָבן און גענומען הייס קושן, לסוף האָט ער אויסגעשריגן:

— שיין קעצעלע מיינס! האָניג פליסט דאָך פון אייער

מויל, ווי גאָט איז מיר ליב!.. גישט אַנדערש, נאָר אַ מלאך איז געקומען קיין טוראָגין!

אַנושאַ האָט באַלד מיט די פינגער גענומען דרייען די עקן פון אירע צעפּלעך, וואָס זענען מיט רויזיקע בענדעלעך געווען אַרומגעבונדן און שיסנדיק מיט די אויגן פון אונטערן שטערן אַפּער, האָט זי זיך אָנגערופן:

— עי, ווי קום איך צו מלאכים! אָבער אויך די קרוין-העטמאַנס האָבן שוין גענומען שלאָגן די שוועדן און מיט זיי איז אויך דאָס גאַנצע גרענעץ-חייל און אַלע ריטערס און זיי האָבן געמאַכט אַ קאָנפעדעראַציע אין טישאָווצע און דער קיניג איז צו איר צוגעטרעטן און זיי האָבן אַרויסגעגעבן אוניווערסאַלן און אפילו די פּויערן שלאָגן די שוועדן... און די הייליקסטע בתולה גיט איר ברכה..

זי האָט אַזוי גערעדט, ווי אַ פייגעלע וואָלט געצווירטשערט, אָבער פון דעם דאָזיקן געצוויטשער איז דעם שווערד-טרעגערס האַרץ אינגאַנצן צעגאַנגען, און הגם מאַנכע פון די דאָזיקע נייעס זענען אים שוין געווען באַקאַנט, האָט ער זיך לסוף פון שמחה ווי אַ ביבער צעוויינט, אייבער אַלענקאַס פּנים האָבן גענומען רינען שטילע און גרויסע טרערן.

זעענדיק דאָס און האָבנדיק בטבע אַ גוט האַרץ איז אַנושאַ באַלד צו איר צוגעגאַנגען און אַרומנעמענדיק איר האַלז מיט די הענט, האָט זי גענומען זיך זאָגן:

— וויינט נישט... ס'איז מיר אויף אייך אַ רחמנות און איך קען דערויף נישט קוקן... פאַרוואָס וויינט איר?

אַזוי פיל האַרציקייט איז געווען אין איר שטים, אַז אַלענקאַס אומצופרידנקייט איז תיכף פאַרשוווּנדן, אָבער דערפאַר האָט זיך דאָס אָרעמע מיידל נאָך הייסער צעוויינט.

— איר זענט אַזאַ שיינע... — האָט זי אַנושאַ געטרייסט — פאַרוואָס וויינט איר?

— פון שמחה — האָט אַלענקאַ דערויף געענטפערט — אָבער אויך פון ווייטאָק, ווייל מירוזעגען דאָ אין אַ שווערער געפאַנגענשאַפט, אומזיכער מיטן טאָג, מיט דער נשמה...

— וואָס הייסט? ביים פירשט באָגוסלאַוו?

— ביים דאָזיקן בוגד! ביי דעם דאָזיקן אפּיקורס! — האָט דער שווערד־טרעגער אַרויסגעפּלאַצט.

דערויף האָט אַנושאַ זיך אָנגערופן:

— דאָס אייגענע האָט אויך מיט מיר געטראָפן און דעריבער ווין איך נישט. איך לייקן נישט, אַז דער פירשט איז אַ בוגד און אַן אַפּיקורס, אָבער אַ העפלעכער ריטער, וואָס רעספּעקטירט אונזער מין.

— הלוואי זאָל מען אים אַזוי אין גיהנום רעספּעקטירן! — האָט דער שווערד־טרעגער אָפּגעענטפערט — איר קאָנט אים נאָך נישט, ווייל ער האָט זיך אויף אייך אַזוי נישט אָנגעזעצט, ווי אויפן דאָזיקן מיידל. דאָס איז אַ געמיינער איסוורף, און סאַקאָוויטש דער צווייטער! הלוואי זאָל דער העטמאַן סאַפּיעהאַ זיי ביידן באַגראָבן!

— ער וועט זיי באַגראָבן, באַגראָבן... פירשט באָגוסלאַוו איז זייער קראַנק און האָט נישט קיין גרויסע מאַכט. אמת, אַז ער האָט אומגעריכט אַטאַקירט און אַ פּאָר פּאָלקן פּאַרטיליקט און טיקאָטשין פאַרנומען און מיך, אָבער ער קאָן זיך נישט פאַרמעסטן מיט הער סאַפּיעהאַס כּוחות. איר קאָנט מיר גלויבן, ווייל איך האָב ביידע אַרמייען געזען... ביים הער סאַפּיעהאַ געפינען זיך די גרעסטע ריטערס, וועלכע וועלן זיך מיטן פירש באָגוסלאַוו לייכט אַן עצה געבן.

— זעסטו! האָב איך דיר נישט געזאָגט! — האָט דער שווערד־טרעגער זיך אָנגערופן, ווענדנדיק זיך צו אָלענקאָן.

— דעם פירשט באָגוסלאַוו קאָן איך פון לאַנג אָן — האָט אַנושאַ ווייטער געזאָגט — ווייל ער איז אַ קרוב פון די ווישניאָוויעצקיס און פון די זאַמאָיסקיס; ער איז איינמאָל געקומען צו אונז קיין לובלין: דעמאָלט ווען פירשט יערעמי אַליין איז געגאַנגען אין די ווילדע פעלדער די טאָטערס שלאָגן. דערפאַר האָט ער איצט מיך געהייסן נושא־פּנים זיין, ווייל ער האָט געדענקט, אַז איך בין דאָרט געווען אַ היימישע און זייער נאָענט צו דער פירשטין. אָט אַזאַ, אַזאַ קליינינקע בין איך נאָך דע־

מאָלט געווען! נישט דאָס, וואָס היינט!.. גאָט מיינער! ווער האָט זיך דאָס דעמאָלט געקאָנט ריכטן, אַז ער וועט ווערן אַ בוגד. אָבער זאָגט נישט, מיינע ליבע, ווייל אָדער ער וועט שוין נישט צוריקקומען, אָדער מיר וועלן ווי עס איז פון דאַנען זיך אַרויסקריגן.

— מיר האָבן דאָס שוין געפּרוווט — האָט אָלענקאַ זיך אָנגערופן.

— און ס'האָט זיך אייך נישט איינגעגעבן?

— ווי אַזוי האָט עס זיך געזאָלט איינגעבן — האָט דער שווערד־טרעגער געזאָגט — מיר האָבן אויסגעגעבן דעם סוד איין אָפיציר, וועגן וועלכן מיר האָבן געהאַלטן, אַז ער וועט אונז מיטהעלפן, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גרייט צו שטערן, נישט צו העלפן. דער עלטסטער איבער זיי איז דאָ ברוין, אים אָבער וועט דער טייוול אליין אויך נישט געווינען.

אנושאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— אפשר וועט זיך עס מיר איינגעבן. ס'איז נאָר נויטיק, אַז הער סאַפּיעהאַ זאָל קומען אהער, כדי ס'זאָל זיין צו וועמען צו אַנטלויפן.

— הלואי ער זאָל וואָס גיכער דאָ זיין — האָט הער טאָמאַש זיך אָנגערופן — חייל צווישן זיינע בענטשן האָבן מיר אַ סך קרובים, באַקאַנטע און פריינט... יאָ! דאָרט זענען דאָך אויך די אַלטע אָפיצירן פון גרויסן יערעמי, די הערן וואָלאָדיאָווסקי, סקשעטוסקי און זאַגלאָבאַ.

— איך קען זיי — האָט אַנושאַ מיט פאַרוואונדערונג געזאָגט — אָבער ביי הער סאַפּיעהאַ זענען זיי נישטאָ. עי, ווען זיי וואָלטן געווען! און באַזונדערס הער וואָלאָדיאָווסקי (חייל סקשעטוסקי איז באַווייבט), וואָלט איך דאָ נישט געווען, ווייל הער וואָלאָדיאָווסקי וואָלט זיך נישט געלאָזט נעמען אין געפאַנגענשאַפט, ווי הער קאָטשיץ.

— דאָס איז אַ גרויסער ריטער — האָט דער שווערד־טרעגער אויסגערופן.

— דער שטאָלץ פון דער גאַנצער אַרמיי! — האָט אָלענקאַ צוגעגעבן.

— גאָט מײַנער, צי זענען זיי נישט אַמאָל אומגעקומען. אויב איר האָט זיי נישט געזען?

— ע, ניין! — האָט אַנושקאַ געענטפערט — אַלע וואָלטן דאָך בערעדט וועגן טויט פון אַזעלכע ריטער, און מ'האָט מיר גאָרנישט געזאָגט... איר קענט זיי נישט... זיי וועלן זיך קײנמאָל נישט לאָזן... נאָר אַ קויל קאָן זיי דערהרגענען, ווײַל קיין שום מענטש וועט זיי נישט בײַקומען, נישט דעם הער סקשעטוסקי, נישט דעם הער זאגלאבא און נישט דעם הער מיכאַל. הגם הער מיכאַל איז אַ קלײנער, געדענק איך אָבער, וואָס פּירשט יערעמי האָט וועגן אים געזאָגט, אַז ווען דער גורל פון דער גאַנצער רעפּובליק וואָלט געהאַנגען אָפּהענגיק פון אַ שלאַכט צווישן צוויי יחידים, וואָלט מען דעם הער מיכאַל פאַר איר געוויזן אויסגעקליבן. ער האָט דאָך באַהונען צעהאַקט... אַ ניין! הער מיכאַל וועט זיך תמיד אַן עצה געבן.

אַ צופּ־ידענער, וואָס ער האָט מיט וועמען צו שמועסן, האָט דער שוועד־טרעגער גענומען שפּאַנען מיט ברייטע שריט איבער דער שטוב, פּרעגנדיק:

— אַזוי אַזוי! קענט איר אַזוי גוט דעם הער וואָלאָדיאָווסקי?

— ווײַל מיר זענען אַזוי פיל יאָרן צוזאַמען געווען...

— אַזוי!.. איז עס אודאי אַן האַרציקע געפילן נישט אַריבער?

— איך בין אין דעם נישט שולדיק — האָט אַנושקאַ געזאָגט, מאַכנדיק אַ באַשיידענע מינע — אָבער ביז איצט האָט אודאי אויך הער מיכאַל חתונה געהאַט.

— ער האָט טאַקע נישט חתונה געהאַט.

— אַז ער וואָלט אפילו יאָ חתונה געהאַט... איז מיר אויך אַלץ איינס!..

— זאָל אײַך גאָט העלפן, אַז איר זאָלט זיך צונויפ ומען... אָבער עס פאַרשאַפט מיר עגמת־נפש דאָס, וואָס איר זאָגט מיר, אַז זיי זענען בײַם הער העטמאַן נישטאָ, ווײַל מיט אַזעלכע זעלנער איז לײַכטער אַ נצחון אָפּצוהאַלטן.

— פאַראַן דאָרט איינער, וואָס איז שקול כנגד אַלע.
— ווער איז דאָס?
— הער באַבּיניטש פון וויטעבּסקער קאַנט... איר האָט וועגן אים נישט געהערט?
— גאָרנישט, דערפאַר חידושט עס מיך טאַקע.
אַנושאַ האָט גענומען דערציילן די געשיכטע פון איר אַרויספאָרן פון זאַמאָשטש און אַלץ, וואָס האָט זיך מיט איר אויפן וועג פאַרלאָפן. הער באַבּיניטש איז אין איר דערציילונג אויסגעוואַקסן אין אַזאַ גרויסן העלד, אַז דער שווערד-טרעגער האָט זיך דעם קאָפּ געבּראָכן, ווער דאָס קאָן זיין.
— איך קען דאָך גאַנץ ליטע — האָט ער געזאָגט — פאַראַן דאָ אמת הייזער, וואָס טראָגן ענלעכע נעמען, ווי באַבּאָנאַוּבּקי באַבּילי, באַבּינאָווסקי באַבּינסקי און באַבּסקי, אָבער וועגן באַבּיניטש האָב איך נישט געהערט... און כ'מיין, אַז דאָס מוז זיין עפּעס אַ צוגעטראַכטער נאָמען, ווייל אַזוי טוען אַ סך פון די, וואָס זענען אין די פּאַרטיעס, כּדי דער שונא זאָל נישט אויסלאָזן דעם כּעס צו זייער פאַרמעגן און משפּחות. הם! באַבּיניטש!.. דאָס מוז זיין עפּעס אַ פייערדיקער ריטער, אויב ער האָט אפילו דעם הער זאַמאָיסקי אַזוי אָנגעלערנט.
— אוי! שוין איינמאָל אַ פייערדיקער! אַך! — האָט אַנושאַ אויסגערופן.
דער שווערד-טרעגער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גוטן הומאָר
— אַזוי? — האָט ער געפרעגט, אָפּשטעלנדיק זיך פאַר אַנושאַן און אָנגעמענדיק זיך ביי די זייטן.
— איר קאָנט באַלד מיינען מי-יודע וואָס!
— חלילה, איך מיין גאָרנישט!
— קוים זענען מיר פון זאַמאָשטש אַרויסגעפאָרן, האָט הער באַבּיניטש מיר באַלד געזאָגט, אַז זיין האַרץ האָט שוין אַן אַנדערע אין פאַכט גענומען... און הגם זי צאָלט אים נישט קיין פאַכטגעלט, האָט ער פונדעסטוועגן די פאַכטערין נישט בדעה צו ביי טן...
— און איר גלויבּט אין דעם?
— אודאי גלויבּ איך — האָט אַנושאַ זייער לעבּהאַפט געענט-

פערט — ער מוז זיין פאַרליבט ביז איבער די אויערן, ווי באַלד ער האָט דורך אַזאַ לאַנגער צייט... ווי באַלד... ווי באַלד...

— אוי! עפּעס נישט אַזוי באַלד! — האָט דער שווערד-טרעגער לאַכנדיק זיך אָנגערופן.

— און איך זאָג, אַז באַלד — האָט זי געזאָגט, טופּנדיק מיטן פיסל — ווייל באַלד וועלן מיר וועגן אים הערן...

— הלוואי!

— און כ׳וועל אייך זאָגן פאַרוואָס... אָט דערפאַר, וואָס יע־דעס מאָל, ווען הער באַביניטש האָט וועגן פירשט באָגוסלאַוון דער-מאָנט, פלעגט אים אַזש דאָס פּנים ווייס ווערן, און מיט די ציין האָט ער אַזוי געסקריפּעט ווי אַ טיר.

— אויב אַזוי וועט ער שוין זיין אונזער פרינץ!.. — האָט דער שווערד-טרעגער זיך אָנגערופן.

— אודאי!.. און צו אים וועלן מיר אַנטלויפן, זאָל ער זיך נאָר באַווייזן!

— לאָמיך נאָר פון דאַנען זיך אַרויסרייסן, וועל איך האָבן אַן אייגענע פאַרטיע און איר וועט זען, אַז אַ מלחמה איז ביי מיר אויך נישט קיין נאָווינע און אַז די דאָזיקע אַלטע האַנט וועט נאָך צו עפּעס טויגן.

— טאָ גייט אונטער די קאָמאַנדע פון הער באַביניטש.

— אייך גלוסט זיך. שטאַרקער צו גיין אונטער די דאָזיקע קאָמאַנדע...

לאַנג האָבן די נאָך אויף אַזאַ אופן געשמועסט און וואָס אַמאָל פריילעכער, אַזוי, אַז אויך אַלענקאַ האָט פאַרגעסן אין אירע צרות און איז געוואָרן אויפגעהייטערט. און אַנושאַ האָט לסוף זיך גענומען לאַשטשען צום שווערד-טרעגער, ווי אַ קעצל. און היות זי איז געווען אויסגערוט, ווייל אויפן, לעצטן נאַכט-לעגער אין נישט ווייטן ראָסיעני האָט זי זיך גוט אויסגעשלאָפן, איז זי דעריבער אַוועקגעגאַנגען ערשט שפּעט אין דער נאַכט.

— אַ מיידל, אַ גאָלד! — האָט דער שווערד-טרעגער נאָך איר אַוועקגיין געזאָגט.

— א כשרע נשמה... און כ׳מיין, אז מיר וועלן גיך ווערן נאָענטע פריינט — האָט אַלענקאַ אים אָפּגעענטפערט.

— און דו האָסט גאָר תחילת אויף איר אַן אומחן געוואָרפן?

— ווייל כ׳האָב געמיינט, אַז זי איז אונטערגעשיקט געוואָרן. איך קאָן דען וויסן? איך האָב דאָ מורא פאַר יעדער וואָך!

— זי אַן אונטערגעשיקטע?.. סיירן דורך גוטע מלאכים!... און חנדלען קען דאָס מאכן... ווען איך וואָלט יונגער געווען, ווייס איך נישט צו וואָס עס וואָלט געקומען, הגם איך בין אַזוי אויך נאָך אַ יונגער מאַן...

אַלענקאַ איז געוואָרן אויפגערוימט און אונטערשפּאַרנדיק די הענטלעך אויף די קני, האָט זי נאָכמאַכנדיק אַנושאַן, דאָס קעפּל אין אַ זייט אַ דריי־געטאָן און שיף געקוקט אויפן שווערד־טרעגער.

— אַזוי גאָר פּעטערשי! אַ מומע ווילט איר פון דאָזיקן מעל אויסבאַקן?

— נו, שטיל! נו! — האָט דער שווערד־טרעגער אָפּגעענטפערט.

אָבער ער האָט אַ שמייכל־געטאָן און מיט דער פולער האַנט גענומען די וואָנס אַרויפדרייען.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— זי האָט דאָך אַפילו אַזאַ ערנסטן מענטש, ווי דו ביסט, אויפגערודערט. כ׳בין זיכער, אַז איר וועט ווערן שטאַרק צוגעבונדן איינעם צו דער צווייטער.

הער טאָמאַש האָט טאַקע קיין טעות נישט געהאַט, ווייל אין אַ קורצער צייט האָט זיך צווישןביידע מיידלעך פאַרקניפּט אַן ענגע פריינטשאַפט, וועלכע איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס ביידע האָבן געבילדעט צוויי שאַרפע קאָנטראַסטן. איינע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר ערנסטער נשמה, טיפע געפילן, אומגעבראָכענעם ווילן און פאַרשטאַנד; די צווייטע איז ביי איר גוטן האַרץ און תמימות פון די געדאַנקען,

געווען אַ שטיפערקע. איינע איז דורך איר שטילן פּנים, העלע צעפּ, דורך דער אומבאַשרייבלעכער רויקייט און רייץ פון איר שלאַנקער געשטאַלט ענלעך געווען אויף דער פּאַרצייטישער פּסיכע; די צווייטע, אַן אמתע ציג, האָט גיכער דערמאָנט אַ שד, וואָס נאַרט אַרויס מענטשן אויף אומוועגן און לאַכט זיך אויס פון זייערע דאגות. די אָפּיצירן, וואָס זענען פאַרבליבן אין טויראָגי און וועלכע האָבן יעדן טאָג אויףביידע געקוקט, האָט אַ חשק אָנגענומען אַלענקאַן צו קושן די פיס, און אַנושאַן — דאָס מויל.

קעטלינג, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ פאַרמרה-שחורהטע נשמה פון אַ שאָטלענדישן בערג-מאַן, האָט פאַרערט און פאַרגעטערט אַלענקאַן, און פון ערשטן בליק אָן האָט ער נישט געקאָנט סובל זיין אַנושאַן, וועלכע האָט אים אגב מיט דעם איינגענעם אָפּגעצאַלט, אָפּגעמענדיק זיך דעם שאָדן ביי ברוינען און אַלע איבעריקע, נישט אויסשליסנדיק אַפילו דעם ראָסיענער שווערד-טרעגער.

אַלענקאַ האָט אין אַ קורצער צייט אַרום געווונען די אויבער-האַנט איבער איר פריינדין, וועלכע פלעגט מיט איר גאַנצער אויפריכטיקייט זאָגן צום הער טאָמאַש.

— וואָס זי זאָגט אין צוויי ווערטער, וועל איך אַ גאַנצן טאָג נישט אויספלאַפלען.

פון איין חסרון האָט אָבער דאָס ערנסטע מיידל נישט געקאָנט אויסהיילן איר פוסטע חברטע: פון קאָקעטעריע. ווייל זאָל נאָר אַנושאַ דערהערן אַ געקלאַנג פון שפּאָרנס אין קאָרידאָר, מאַכט זי באַלד דעם אָנשטעל, אַז זי האָט עפּעס פאַרגעסן, אַז זי וויל זען, צי עס זענען קיין ידיעות וועגן הער סאָפּיעהאַן נישט אָנגעקומען, לויפט אַרויס אין קאָרידאָר, פליט הענדום-פּעדום און אָנשטויסנדיק זיך אויף אַן אָפּיציר שרייט זי אויס:

— אַך, ווי איר האָט מיך איבערגעשראָקן!

דערנאָך פאַרבינדט זיך אַ שמועס, דורכגעפלאָכטן מיט אַ דרייען מיטן שערצל, אַ קוקן פון אונטן אַרויף און מיט פאַר-

שידענע אַנדערע הויהלעך, וואָס מיט זייער הילף קאָן דאָס הארטסטע מאַנסבילישע הארץ איינגענומען ווערן.

און גאָר באַזונדערס האָט אַלענקאַ דאָס דאָזיקע הנדלען זיך גענומען פאַר אומגוט דערפאַר, ווייל אנושא האָט נאָך אַ פּאָר טעג באַקאַנטשאַפט זיך פאַר איר מודה געווען אין אַ שטי- לער ליבשאַפט צום הער באַבינישו. נישט איינמאָל האָבן זיי וועגן דעם צווישן זיך געשמועסט.

— אַנדערע האָבן ווי שנאָררערס געבעטלט — האָט אַנושא געזאָגט — און דער בחור האָט בעסער געוואָלט קוקן אויף זיי- נע טאָטערס, איידער אויף איר, און גערעדט האָט ער נישט אַנ- דערש, ווי מיט אַ באַפעל: „פריילײן, זעצט זיך אַרויס! פריילײן, עסט! פריילײן, טרינקט!" און אז ער זאָל זיך דערבײ האָבן גראָב באַגאַנגען מיט מיר, וועל איך נישט זאָגן; אז ער זאָל נישט האָבן געזאָרגט פאַר מיר, וועל איך נישט זאָגן. אין קראָס- באָסטאָוו האָב איך צו זיך געזאָגט: „קוקסט נישט אויף מיר — וואַרט!..." און אין לאָנטשנאַ האָט דאָס מיך שוין פּשוט פון די כּלים אַרויסגעבראַכט. איך האָב אים נאָר אין די גראָע אויגן אַריין געקוקט; און אַז ער האָט זיך צעלאַכט, איז שוין אויף מיר געווען אַזאַ שמחה, ווי איך וואָלט עפּעס אַ שקלאַפין געווען...

אַלענקאַ האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווייל אויך איר האָבן זיך גראָע אויגן דערמאנט. אויך יענער וואָלט אַזוי גערעדט, אויך יענער האָט אייביק געהאַט אַ באַפעל אויף די ליפּן, אַ העלדיש- קייט אויפן פּנים, נאָר קיין געוויסן האָט ער נישט געהאַט, קיין גאָט אין הארצן.

און אַנושאַ, דעם פאָדעם פון אירע אייגענע געדאַנקען ווייַ- טער שפּינענדיק, האָט געזאָגט:

— ווען ער איז מיטן שטאַב אויפן פערד איבער די פעל- דער געפלויגן, האָב איך געמיינט, אַן אָדלער פליט, אָדער עפּעס אַ העטמאַן. די טאָטערס האָבן פאַר אים אַזוי מורא געהאַט נאָך מער, ווי פאַר אַ פייער. ווו ער איז אָנגעקומען, האָט געמוזט הערשן דיסציפלין, און אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ שלאַכט, האָט ער געפלאַמט ווי אַ פייער פון דורשטיקייט נאָך בלוט. איך האָב

אַ סך גרויסע ריטער אין לובני געזען, אָבער אַזאַ איינעם, וואָס זאָל אויף מיר אַ פּחד אָנוואַרפן, האָב איך קיינמאָל נישט געזען.

— אויב גאָט האָט דיר אים באַשערט, ווערסטו אים בייקומען, און אַז ער זאָל דיך נישט ליב האָבן, ווילט זיך נישט גלויבן...

— ליב געהאַט האָט ער מיך... אַ ביסעלע... אָבער אַן אַנאַנדערע מער, ער האָט מיר אַליין נישט איינמאָל געזאָגט: אייער גליק, וואָס איך קאָן נישט פאַרגעסן און נישט אויפהערן צו ליבען, אַ נישט וואָלט בעסער געווען דעם וואָלף אַ ציג אָנצופאַרטרויען, איידער מיר אַזאַ מיידל.

— וואָס־זשע האָסטו אים דערויף געענטפערט?

— כ'האָב אים געזאָגט אַזוי: פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך וואָלט אייך אויך ליב געהאַט? און ער האָט געענטפערט: „איך וואָלט נישט געפרעגט!" און טו וואָס די ווילסט מיט אַזאַ איינעם!.. אַ נאַר איז יענע, וועלכע האָט אים נישט ליב באַקומען און זי מוז האָבן אַ האַרץ האַרט ווי אַ שטיין. כ'האָב אים געפרעגט, ווי זי הייסט, האָט ער נישט געוואָלט זאָגן. „בעסער — האָט ער געזאָגט — דאָס נישט אָנצורירן, ווייל דאָס איז אַן אָנגעווייטאָקטע זאַך, און די צווייטע אָנגעווייטאָקטע זאַך (זאָגט ער) זענען די ראַדזיווילס... די בוגדים!" און דאָ האָט זיין פּנים באַקומען אַזאַ שרעקלעכע מראה, אַז איך וואָלט זיך בעסער וועלן אין אַ מויזן־לאָך באַהאַלטן. כ'האָב פּשוט פאַר אים מורא געהאַט!.. אבער וואס קומט אַרויס! ער איז נישט פאַר מיר, נישט פאַר מיר!

— בעט וועגן אים ביים הייליקן מיקאָלאַי; כ'ווייס פון דער מומע, אַז דאָס איז דער בעסטער מליץ־יושר אין אַזעלכע פאַלן. געדענק נאָר, אַז דו זאָלסט אים נישט באַליידיקן, פאַרדרייענדיק אַנדערע די קעפּ.

— כ'וועל שוין קיינמאָל נישט, נאר אַזוי פיל! אַ קאַפּיטשקעלע!

דא האט אַנושאַ געוויזן אויפן פינגער, וויפיל זי וועט זיך דערלויבן און זי האט זיך באַשטימט אַ קליינע פאַרציע, העכסטנס

אויף א האלבן נאגל, כדי דעם הייליקן מיקאלאי נישט צו באַ-לײדיקן.

— איך טו דאָס נישט מחמת פּוסטער הפקרות — האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַרן שווערד-טרעגער, וועלכער האָט זיך אויך איר קאקעטעריע צום הארצן גענומען — נאָר מחמת כ׳מוז, ווייל אויב די דאָזיקע אָפיצירן וועלן אונז נישט העלפן, וועלן מיר קיינמאָל פון דאַנען זיך נישט ארויסקריגן.

— ברוין וועט דאָס קיינמאָל נישט דערלאָזן.

— ברוין איז באַגראָבן! — האָט זי געענטפערט מיט א דין שטימעלע און די אויגן אראָפּגעלאָזט.

— און פיץ-גרעגאָרי?

— באַגראָבן! — האָט זי נאָך שטילער געענטפערט.

— און אָטענהאַגען?

— באַגראָבן!

— און פאָן אירבען?

— באַגראָבן!

— אז נישט געדאַכט זאָלט איר ווערן!.. ווי איך זע, האָט איר נאָר מיט איין קעטלינג זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן...

— כ׳קאָן אים נישט ליידן! אָבער אַן אנדערער וועט זיך מיט אים אַן עצה געבן, איבעריקנס וועלן מיר אָן זיין דערלויז-בעניש אויך אויסקומען.

— און איר מיינט, אַז ווען מיר וואָלטן וועלן אנטלויפן, וועלן זיי אונז נישט שטערן?

— זיי וועלן מיט אונז מיטגיין!.. — האָט אַנושאַ געענט-פערט, אויסציענדיק דאָס קעפּל און פינטלענדיק מיט די אויגן.

— גאָט מיינער! אויב אזוי, פאַרוואָס זיצן מיר דאָ? כ׳וואָלט שוין היינט געוואָלט זיין ווייט פון דאַנען!

אָבער אויף דער באַראַטונג, וואָס איז באַלד אָפּגעהאַלטן געוואָרן, איז מען געקומען צו דער מסקנא אַז מען דאַרף וואַרטן, ביז באַגוסלאַווס גורל וועט נישט אנטשידן ווערן און ביז דער שאַצמייסטער, אָדער זיין סאַפּיעהאַ, וועלן זיך נישט דערנענטערן

צו דער געגנט פון זשאַמיט. אַנדערש האָט געדראָט אַ סכנת-נפשות אפילו פון די אייגענע. די באַגלייטונג פון די אויסלענדישע אָפיצירן וואָלט נישט בלויז נישט געשיצט, נאָר נאָך פאַרגרעסערט די סכנה, ווייל דאָס פּראָסטע פאָלק איז אַזוי געווען פאַרביסן אויף די אויסלענדער, אַז יעדן איינציקן, וואָס האָט קיין פוילישע הלבשה נישט געטראָגן, האָט עס געמאָרדעט אָן רחמנות. די פוילישע הויכע באַאַמטע, וועלכע האָבן געקראָגן פרעמדע מלבושים, נישט רעדנדיק וועגן די עסטרייכישע און פראַנצויזישע אָפיצירן, האָבן טאָקע אַנדערש נישט געקאָנט פאָרן, ווי נאָר אונטער אַ שוץ פון מעכטיקע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

— איר מעגט מיר גלויבן, ווייל איך בין דאָס גאַנצע לאַנד דורכגעפאָרן — האָט אַנושאַ געזאָגט — אין ערשטן בעסטן דאָרף, אין ערשטן בעסטן וואַלד וועלן די גזלנים אונז אויסהרגענען, נישט פרעגנדיק אפילו ווער מיר זענען. מ׳קאָן נישט אַנדערש אַנטלויפן, ווי צו חיילות.

— איך וועל דאָך האָבן אַן אייגענע פאַרטיע.

— ביז איר וועט זי צונויפנעמען, ביז איר וועט צו אַ באַקאַנטן דאָרף צופאָרן, וועט איר דאָס לעבן פאַרלירן.

— ידיעות וועגן פירשט באָגוסלאַוו דאַרפן בקרוב אָנקומען.

— דעם הער ברוין האָב איך געהייסן, אַז ער זאָל מיר תיכף אַלץ מודיע זיין.

ברוין האָט אָבער אַ לאַנגע צייט איר גאָרנישט מודיע געווען.

דערפאַר אָבער האָט קעטלינג ווידער געגומען באַזוכן אָלענקאַן, ווייל באַגעגנענדיק אים איינמאָל, האָט זי די ערשטע צו אים די האַנט אויסגעשטרעקט. דער ייגגער אָפיציר האָט די דאָזיקע טויבע שטילקייט געהאַלטן פאַר אַ שלעכטן סימן. לויט זיינע רייד, וואָלט דער פירשט צוליב דעם קורפירשט און די שוועדן, נישט פאַרשוויגן דעם מינדסטן ערפאָלג און גיכער וואָלט ער מגזם געווען, איידער דורך אַ שטילשווייגן די באַדייטונג פון פאַקטישע נצחונות אָפּגעשוואַכט.

— איך נעם נישט אָן, אַז ער זאָל שוין זיין אינגאַנצן פאַר־טיליקט — האָט דער יינגער אָפיציר געזאָגט — אָבער ער גע־פינט זיך אודאי אין אַ שווערן מצב, פון וועלכן ער קאָן זיך אַזוי לייכט נישט אַרויסראַטעווען.

— אַלע ידיעות קומען דאָ אָן אַזוי שפּעט — האָט אָלעגקאַ געזאָגט — און דער בעסטער באַווייז איז טשענסטאָכאָוו, וואָס די פּרטים וועגן איר וווּנדערבאַרער פאַרטיידיקונג האָבן מיר זיך ערשט דערוווּסט פון פריילײַן באַזשאָבאָהאַטאַ.

— איך האָב שוין פון דעם פריער געוווּסט, אָבער נישט פאַרשטייענדיק, אַלס אויסלענדער, דעם ווערט, וואָס דאָס דאָזיקע אָרט האָט פאַר די פּאָליאַקן, האָב איך אפילו וועגן דעם נישט דער־מאָנט. ווייל, אַז אין אַזאַ גרויסער מלחמה זאָל עפּעס אַ קליינער שלאָס אַ צייט לאַנג זיך האַלטן און אַ פּאָר שטורעמס צוריקשטויסן, טרעפט שטענדיק און מ׳גיט געוויינלעך אַזאַ פאַל נישט צו קיין באַ־דייטונג.

— דאָס וואָלט דאָך פאַר מיר געווען די בעסטע בשורה!

— איך זע טאַקע, אַז כ׳האָב שלעכט געטאָן, ווייל פון דעם וואָס עס האָט זיך, ווי איך הער איצט, פאַרלאָפן נאָך יענער פאַר־טיידיקונג׳ דרינג איך, אַז דאָס איז אַ וויכטיקע זאַך, וואָס קאָן האָבן אַ השפּעה אויף דער גאַנצער מלחמה. אָבער די פּאָלעסיער עקספּעדיציע פון פירשט איז אַ גאַנץ אַנדערע זאַך. טשענסטאָכאָוו איז ווייט, פּאָלעסיע איז נעענטער. און אַז עס איז דעם פירשט אין אָנהויב גוט געגאַנגען, געדענקט איר, ווי גיך די ידיעות זענען אָנ־געקומען... גלויבט מיר: כ׳בין אַ יינגער מענטש, אָבער פון פערצענטן יאָר פון מיין לעבן בין איך אַ זעלנער און דער נסיון זאָגט מיר, אַז די דאָזיקע שטילקייט איז אַ שלעכטער סימן.

— גיכער אַ גוטער — האָט דאָס פריילײַן זיך אָנגערופן. דערויף האָט קעטלינג געענטפערט:

— זאָל זיין אַ גוטער!.. אין אַ האַלב יאָר אַרום ענדיקט זיך מיין דינסט!.. אין אַ האַלב יאָר אַרום ווערט מיין שבועה בטל!..

אַ פּאָר טעג נאָכן דאָזיקן שמועס זענען ידיעות לסוף אָנגעקומען.

ס'האָט זיי געבראַכט הער ביעס פון הערב קאָרניאַ, וועלכן מ'האָט אין באַגוסלאַווס הויף גערופן קאָרנוטוס. געווען איז דאָס אַ פּוילישער שלאַכטשיץ, אָבער אַ פולשטענדיק פאַרפרעמדטער, ווייל שיר נישט פון זיינע ייגנעלשע יאָרן אָן האָט ער געדינט אין אויסלענדישע אַרמייען און דעריבער כמעט די פּוילישע שפּראַך פאַרגעסן, אָדער ווייניקסטנס גערעדט ווי אַ דייטש. אַ נשמה האָט ער אויך געהאַט אַ פאַרפרעמדטע, דערפאַר איז ער צו דער פערזאָן פון פירשט שטאַרק געווען צוגעבונדן. געפאָרן איז ער מיט אַ וויכטיקער שליחות קיין קעניגסבערג און אין טוראָגי האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נאָר אויף אָפּרו.

ברוין מיט קעטלינגן האָבן אים תיכף געבראַכט צו אָלענקאַן און אַנושאַן, וועלכע האָבן איצט צוזאַמען געוווינט און געשלאָפן.

ברוין האָט זיך אָן אויסגעגלייכטער אַוועקגעשטעלט פאַר אַנושאַן, דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום הער ביעס און געזאָגט:

— דאָס איז אַ קרובה פון הער זאַמאָיסקין, דעם קאַלושער סטאַראָסטע, בכן אויך פון הער פירשט, וועלכער האָט געהייסן איר צוטיילן דעם גרעסטן כבוד, און זי באַגערט צו הערן נייעס פון מויל פון אַן עד-ראיה.

הער ביעס האָט זיך אויך אויסגעגליכן, ווי בעת דער דינסט, און געוואַרט אויף אַ פראַגע.

אַנושאַ האָט נישט אָפּגעלייקנט די קרובהשאַפט מיט באַגוסלאַוון, ווייל עס האָט איר הנאה געטאָן דאָס כבוד-אָפּגעבן פון די מיליטער-לייט, זי האָט בכן דעם הער ביעס געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז ער זאָל זיך זעצן, און נאָכדעם, ווי ער האָט דאָס געטאָן, האָט זי געפרעגט:

— ווו געפינט זיך איצט דער פירשט?

— דער פירשט ציט זיך צוריק צו סאָקולקאַ-צו, הלואי בשלום! — האָט דער אָפיציר געענטפערט.

— זאָגט דעם רייִנעם אמת, ווי גייט עס אים?

— כ׳וועל זאָגן דעם ריינעם אמת — האָט דער אָפּיציר געענטפערט — און כ׳וועל גאָרנישט פאַרהוילן, ווייל איך מיין, אַז דאָס הויך־ווירדיקע פריילײַן וועט געפינען אין זיך גענוג כּוח אויסצוהערן די נישט זייער פריילעכע ידיעות.

— כ׳וועל געפינען! — האָט אַנושאַ געזאָגט, קלאַפּנדיק אונטערן קלייד מיט איין אָפּצאַס אין צווייטן פון צופרידנקייט וואָס מען רופט זי „הויך־ווירדיק פריילײַן" און וואָס די ידיעות זענען „נישט זייער פריילעכע".

— תּחילת איז אונדז געגאַנגען גוט — האָט הער ביעס געזאָגט — מיר האָבן אויפן וועג אָפּגעמעקט פון דער ערד אַ פּאָר פּאַרטיעס פון מורדים, מיר האָבן צעקלאַפּט דעם הער קזשישטאָף סאַפּיעהאַ און אויסגעקוילעט צוויי רייטער־פּאָלקן און אויך אַ פוסגייער רעגימענט, נישט איבערלאָזנדיק קיין שריד־ופּליט... דערנאָך האָבן מיר פּאַרטיליקט דעם הער האָראָטקעוויטשס חייל אַזוי, אַז ער איז אַליין קוים אַנטקומען, און אַנדערע זאָגן, אַז ער איז דערהרגעט... דערנאָך האָבן מיר פּאַרנומען די טי־קאָטשינער חורבות...

— דאָס אַלץ ווייסן מיר שוין, דערציילט גיך די נישט פריילעכע נייעס! — האָט אַנושאַ מיט אַמאָל איבערגעריסן.

— באַוויליקט זיי נאָר רויק אויסצוהערן. מיר זענען צוגע־קומען אַזש ביז דראָהיטשין און דאָרט האָט זיך דאָס בלעטל באַלד איבערגעקערט... מיר האָבן געהאַט אַ ידיעה, אַז הער סאַ־פּיעהאַ איז נאָך ווייט; דערווייל זענען צוויי אונזערע פאָרפּאָסטנס ווי אין וואַסער אַריינפאַלן. מ׳האָט אַפילו קיין עדות פון דער מפּלה נישט צוריקגעזען. אין דעם האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עפּעס חיילות גייען פאַרנט פאַר אונז. דאָס האָט גורם געווען אַ גרויסע צערודערונג. דער הער פירשט האָט גענומען קלערן, אַז אַלע פריערדיקע באַריכטן זענען געווען פאַלש און אַז דער הער סאַפּיעהאַ האָט נישט בלויז זיך דערנענטערט נאָר אויך דעם וועג אַדורכגעהאַקט. מיר האָבן זיך דעריבער גענומען צוריקציען, ווייל אויף אַזאַ אופן האָט מען געקאָנט דעם שונא פאַרנאַרן און אים צווינגען צו אַ גענעראַל־שלאַכט, וועלכער דער פירשט האָט דווקא

געוואָלט... אָבער דער שונא האָט צו דער שלאַכט זיך נישט געשטעלט. ער איז נאָר כסדר באַפאַלן און באַפאַלן, עס זענען ווידער צוועק קלענערע אָפּטיילונגען און זיי זענען צוריקגעקומען צעפּליקטערהייד. פון דעמאָלט אָן האָט אונז אַלץ גענומען אין דער האַנט צערונען ווערן, מיר האָבן קיין מנוחה נישט געהאַט נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. מ'האָט אונז די וועגן פאַרדאָרבן, די דאַמבעס דורכגעהאַקט, פּראָוויאַנט איבערגעכאַפּט, ס'האָבן אָנגעהויבן אַרומצוגיין קלאַנגען, אַז הער טשאַרניעצקי אַליין רודפט אונז: דער זעלנער האָט נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, דער מוט איז געפאַלן, אין לאַגער גופא זענען די מענטשן פאַרשוווּנדען, ווי זיי וואָלטן פון דער ערד איינגעשלונגען געוואָרן. אין ביאַליסטאָק האָט דער שונא ווידער פאַרכאַפּט אַ גאַנצע אָפּטיילונג, דעם פירשטס בופעטן און קאָטשן און אויך האַרמאַטן. כ'האָב נאָך קיינמאָל אַזעלכעס נישט געזען. מ'האָט דאָס אויך נישט געזען אין די פריערדיקע מלחמות. דער פירשט איז אַריינגעפאַלן אין אַ רציחה. ער האָט געוואָלט איין גענעראַלשלאַכט און געמוזט יעדן טאָג פירן צען קלענערע שלאַכטן... און פאַרשפּילן. אונזערע רייען זענען צערודערט געוואָרן. אונזער צעטומלטקייט און שרעק איז אָבער געווען אין לשער, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז הער סאַפּיעהאַ אַליין האָט זיך נאָך נישט דערנענטערט און אַז דאָס האָט זיך נאָר אַ מעכטיקע אָפּטיילונג אַרויסגעקריגן פאַר אונז און אַזוי פיל מפּלות אונז פאַרשאַפט... אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג זענען געווען טאָטערישע חיילות...

דעם אָפּיצירס ווייטערדיקע ווערטער האָט איבערגעריסן אַ קוויטש פון אַנושאַן, וועלכע האָט זיך מיט אַמאָל אַ וואָרף־געטאָן אָלענקאַן אויפן האַלז אַרויף און אַ געשריי־געטאָן:

— הער באַביניטש!

דער אָפּיציר איז פאַרבליפט געוואָרן, אַז ער האָט דערהערט דעם נאָמען, אָבער ער האָט געמיינט, אַז דער פחד און שנאה האָבן ביים הויך־ווירדיקן פרייליין דאָס דאָזיקע געשריי פון דער ברוסט אַרויסגעריסן, ער האָט דעריבער ערשט אין אַ ווייַלע אַרום געזאָגט:

— וועמען גאָט האָט מיט גרויסקייט באַשאָנקען, דעם האָט
ער אויך געגעבן כוח צרות איבערצוטראָגן, באַוויליקט דעריבער
זיך צו באַרויקן! אַזוי הייסט טאַקע דער דאָזיקער מחבל, וועל=
כער האָט דעם גורל פון דער גאַנצער עקספּעדיציע אונטערגע=
גראָבן און נאָך גורם געווען שאָדנס אָן א שיעור און אָן אַן
ערך. זיין נאָמען, וועלכן דאָס הויך=ווירדיקע פריילין האָט מיט
אַזאַ פלאַדיקער פלינקייט געטראָפן, ווערט איצט אין אונזער לאַ=
גער דורך צלעמענס מיילער מיט אימה און ווילדן כעס איבער=
געחזרט...

— דעם דאָזיקן הער באַבינעטש האָב איך אין זאַמאָשטש
געזען — האָט אַנושאַ גיך זיך אָנגערופן — און ווען כ'וואָלט
זיך געווען אָנשטויסן...

דאָ איז זי אַנטשוויגן געוואָרן און קיינער האָט זיך נישט
דערוווסט, וואָס עס וואָלט אין אַזאַ פאַל געשען?

דער אָפיציר האָט נאָך א ווײַלע שטילשוויַיגן ווידער אַזוי
געזאָגט:

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פייכטע און וואַרעמע וועטערס,
גאָרנישט כדרך=הטבע, קאָן מען זאָגן, ווייל מיר האָבן געהאַט א
ידיעה, אַז אין דרום פון דער רעפּובליק האַלט נאָך אָן אַ שאַר=
פער ווינטער, און מיר גאָר האָבן געטאָפּיעט אין די פרילינג
וואַסערן, וועלכע האָבן אונזער שווערע קאַוואַלעריע צו דער ערד
צוגעשמידט. ער ווידער האָט געהאַט לייכטע מענטשן און אונז
ערשט רעכט אַטאַקירט. אויף יעדן שריט האָבן מיר איבערגע=
לאָזט וועגנס און האַרמאַטן, אַזוי, אַז לסוף איז אונז אויסגעקו=
מען צו גיין אינגאַנצען אָן וועגנס און האַרמאַטן. די אַרומיקע
תושבים האָבן אין זייער בלינדער פאַרביסנקייט אָפּן די אָנפאַלער
צוגעהאָלפן... עס וועט געשען, ווי גאָט וועט ווילגעפעלן, אָבער
איך האָב אין א פאַרצווייפלטן מצב איבערגעלאָזט דעם גאַנצן לאַ=
גער און דעם פירשט גופא, וואָס ווי אַלס צולאָג צו די צרות
לאָזט אים דער בייזער פיבער נישט אָפּ און נעמט ביי אים
אויף גאַנצע טעג די כוחות אַוועק. א גענעראַל=שלאַכט וועט בקרוב

דאָך זיין, און מיט וואָס זי וועט זיך אויסלאָזן, ווייסט איין גאָט...
נסים דאַרף מען האָבן.

— ווו האָט איר איבערגעלאָזט דעם פירשט?

— אויף אַ מהלך פון אַ טאָג פון סאָקולקאַ; דער פירשט האָט בדעה זיך צו פאַרשאַנצן אין סוכאָוואָליאַ אָדער אין דאָרטיקן יאַנאָוו און אויפצונעמען אַ שלאַכט. הער סאַפּיעהאַ געפינט זיך אויף אַ מהלך פון צוויי טעג. ווען איך בין אַרויסגעפאָרן, האָבן מיר אַ ביסל פרייען אָטעם געכאַפּט, ווייל פון אַ געפאַנגענעם זענען מיר דערגאַנגען, אַז באַבינִיטש אַליין איז אין הויפּט־לאַגער אַוועקגע־פאָרן, און אָן אים ווען די טאַטערס זיך נישט דערוועגן אַזוי נאָענט זיך צוצורוקן, באַגנוגנדיק זיך נאָר מיט אַרומפּליקן די פאָרפּאָסטנס. דער פירשט, וועלכער איז אַן אומפאַרגלייכלעכער אַרמיי־פירער, לייגט אַרויף אַלע האָפנונגען אויף דער גענעראַל־שלאַכט, אָבער דאָס איז גערעדט געוואָרן, ווען ער איז געזונט, אַז עס כאַפּט אים אָבער אָן דער פיבער, מוז ער אַנדערש טראַכטן, און די בעסטע ראיה איז דאָס, וואָס ער האָט מיך קיין פרייסן אַרויסגעשיקט?

— צו וואָס פאָרט איר אַהין?

— אָדער דער פירשט וועט די שלאַכט געווינען אָדער פאַר־שפּילן. אויב ער וועט פאַרשפּילן, וועט דאָס גאַנצע קורפירשטלעכע פרייסן בלייבן אָן אַ שוץ און עס קאָן גרייליך געמאָלט זיין, אַז הער סאַפּיעהאַ זאָל אַריבער די גרענעץ, כדי דעם קורפירשט צו אַ באַשלוס צו באַוועגן... איז אָט (איך זאָג דאָס, ווייל מען דאַרף דאָ נישט מאַכן דערפון קיין סוד) פאָר איך מתרה זיין, אַז מען זאָל עפּעס אַ שוץ פאַר יענע פּראָווינצן צוטראַכטן, ווייל אומגעבעטענע געסט קאָנען אין אַ צו גרויסער חברותא אָנקומען. דאָס איז אַן ענין פון קורפירשט און פון די שוועדן, מיט וועלכע אונזער הער איז פאַרבונדן און פון וועלכע ער האָט אויך אַ רעכט צו דערוואַרטן הילף.

דער אָפיציר האָט געענדיקט.

אַנושאַ האָט אים נאָך פאַרוואָרפן מיט אַ סך פראַגן, איינ־האַלטנדיק מיט מאַטערניש די געהעריקע ערנסטע מינע, דערפאַר

אָבער, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי זיך געפילט ווי אויפ־געבוּנדן און גענומען מיט די הענט איבערן קליידל קלאַפּן, אויף די אָפּצאָסן ווי אַ טרענדערל זיך דרייען, אַלענקאַן אין די אויגן קושן, דעם שווערד־טרעגער פאַר די עקן פון די אַרבל ציען און שרייען;

— נו וואָס? וואָס האָב איך געזאָגט? ווער האָט דעם פירשט באַגוסלאַוו מפּלות פאַרשאַפט? אפשר הער סאַפּיעהאַ?.. אַ פייג הער סאַפּיעהאַ! ווער וועט אויך די שוועדן מפּלות פאַרשאַפן? ווער וועט די בוגדים אויסראָטן? ווער איז דער גרעסטער ריטער, דער גרעסטער העלד? הער אַנדזשעי! הער אַנדזשעי!...

— וועלכער הער אַנדזשעי?... — האָט אַלענקאַ, בלאַס־ווערנדיק, מיטאַמאָל געפרעגט.

— האָב איך דיר גאָרנישט געזאָגט, אַז ער הייסט אַנדזשעי? ער האָט מיר דאָס אַליין געזאָגט. הער באַביניטש! הער באַביניטש! זאָל לעבן הער באַביניטש!... אַפילו הער וואָלאָדיאָווסקי וואָלט שוין אויך קיין גרעסערע גבירות נישט באַוויזן... וואָס איז דיר, אַלענקאַ?

פריילין בילעוויטש האָט אויפגעשווידערט, ווי זי וואָלט וועלן פון זיך אַראָפּטרייסלען די משא פון שווערע געדאַנקען.

— גאָרנישט! כ'האָב געמיינט, אַז דעם דאָזיקן נאָמען טראָגן נאָר בוגדים. ווייל ס'איז געווען איינער, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען דעם קיניג אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן די שוועדן, אָדער דעם פירשט באַגוסלאַוו צו פאַרקויפן און ער האָט אויך גע־הייסן... אַנדזשעי.

— זאָל אים גאָט באַשטראָפן! — האָט דער שווערד־טרע־גער אַרויסגעפּלאַצט — צו וואָס דאַרט בוגדים פאַרן שלאָפן־גיין דערמאָנען. לאָמיר זיך בעסער פרייען, אַז עס איז דאָ איבער וואָס!

— זאָל נאָר דער הער באַביניטש דאָ אָנקומען! — האָט אַנושאַ צוגעגעבן — איז אַזוי! כ'וועל, כ'וועל, בכּיון וועל איך ברוינען נאָך מער דעם קאָפּ פאַרדרייען, כּדי ער זאָל דאָס גאַנצע הייל אויפבוּנטעווען און מיט די מענטשן, מיט די פערד און מיט אונז צוזאַמען צום הער באַביניטש אַריבערגיין...

— טוט דאָס! טוט דאָס! — האָט דער אויפגעלייגטער שווערד־טרעגער אויסגערופן.

— און שפּעטער וועל איך ווייזן אַ פייג די דאָזיקע אַלטע דייטשן... אפשר וועט ער גאָר פאַרגעסן יענץ אומווירדיקע מיידל און מיך ליב... באַ...

דאָ האָט זי ווידער אַ שטילינקן פישטשע־געטאָן, די אויגן מיט די הענט פאַרשטעלט, אַ צאָרנדיקער געדאַנק האָט איר פּלוצ־לינג געמוזט קומען אין קאָפּ אַריין, ווייל זי האָט מיט איין פויסטל אין צווייטן אַ קלאַפּ־געטאָן און געזאָגט:

— און אַז ניִשט, וועל איך מיטן הער וואָלאָדיאָווסקי חתונה האָבן!

7 קאַפּיטל

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט אין גאַנץ טוויראָגי געני־מען קאָכן ווי אין אַ קעסל. אין איין אָוונט זענען אָנגעקומען צערודערטע קופּעס פון באָגוסלאַווס חיילות. צו דרייסיק אָדער פערציק רייטער, איינגעדאַרטע, אָפּגעריסענע, גיכער אויף גע־שפּענסטער, ווי אויף מענטשן ענלעכע, און זיי האָבן געבראַכט אַ ידיעה וועגן באָגוסלאַווס מפּלה ביי יאַנאָוו. מ'האָט אין איר אַלץ פאַרלוירן: די אַרמיי, די האַרמאַטן, די פערד, די וועגנס. זעקס טויזנט פון די גלענצנדיקסטע זעלנער זענען אַרויס מיטן פירשט צו דער דאָזיקער מלחמה, און צוריקגעקומען זענען קוים פיר הונדערט רייטער, וועלכע דער פירשט אַליין האָט פון דער שחיטה מציל געווען.

פון די פּאָליאַקן איז, אַחוץ סאַקאָוויטשן, קיין איין לע־בעדיקער נפש נישט צוריקגעקומען, ווייל די אַלע, וואָס זענען אין דער שלאַכט נישט געפאַלן, וועלכע דער שרעקלעכער באַ־ביניטש האָט אין די קליינע קאַמפן נישט אויסגעקוילעט, זענען אַריבער צום הער סאַפּיעהאַ. אויך אַ סך אויסלענדישע אָפיצירן

האָבן בעסער גוטוויליק געוואָלט אַריבערגיין צום זיגער. מיט איין וואָרט: נאָך קיינמאָל איז קיינער פון די ראַדזיוווילס נישט צוריקגעקומען פון אַ מלחמה־עקספּעדיציע מער צעניוזקט, פאַרניכטעט און צעקלאַפּט.

און פונקט ווי די הויפישע חונפים האָבן פריער נישט געוווסט קיין מאָס אין רימען באָגוסלאַוון אַלס פּירער, אַזוי האָבן איצט אַלעמענס מיילער זיך געהאַלטן אין איין באַקלאָגן אויף דער לא־יצלחדיקער פירונג פון דער מלחמה; צווישן די יתר־הפליטה פון די זעלנער האָט געהערשט אַן אומאויפהערלעכע אויפרעגונג, וועלכע האָט אין די לעצטע טעג פון צוריקצוג אַריינגעבראַכט אין די רייען אַ פולשטענדיקע אויפרודערונג און ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער פירשט האָט געהאַלטן פאַר בעסער צו בלייבן אַביסל הינטערשטעליק.

צוזאַמען מיט סאַקאָוויטשן האָט ער זיך פאַרהאַלטן אין ראַסיעני. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם פון די זעלנער, איז האַסלינג תיכף אַוועק מיטן נייעס צו אַלענקאַן.

— די הויפּט־זאַך איז — האָט זי נאָכן אויסהערן דעם באַריכט צו אים געזאָגט — צי הער סאַפּיעהאַ און יענער באַביניטש יאָגן־נאָך דעם פירשט און צי זיי האָבן בדעה די מלחמה אין די דאָזיקע מקומות איבערצוטראָגן?

— פון די אויסזאָגענישן פון די זעלנער קאָן מען גאָרנישט דערגיין — האָט דער אָפיציר געענטפערט — ווייל די שרעק טרייבט־איבער אַלע סכנות, פאַראַן דעריבער אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז הער באַביניטש איז שוין דאָ האַרט נעבן אונז. דערפון אָבער, וואָס דער פירשט מיט סאַקאָוויטשן זענען געבליבן אונטערוועגנס, דרינג איך, אַז אַזוי גיך וועט מען זיי נישט נאָכיאָגן.

— אָבער נאָכיאָגן וועט מען דאָך זיי? ס'איז דאָך שווער אַנדערש זיך פאָרצושטעלן! ווער וואָלט דאָס נאָך אַ נצחון נישט געיאָגט אַ צעקלאַפּטן שונא.

— דאָס וועט מען ערשט זען. וועגן עפּעס אַנדערש האָב איך מיט אייך געוואָלט רעדן. דער פירשט מוז מחמת דער

קרענק און די מפלות זיין צערייצט, און אַלס הפקר=מענטש זיך נישט אָפּשטעלן פאַר אומאיבערגעלייגטע מעשים... צעשיידט זיך נישט איצט מיט דער מומע און מיטן פרייליַין באַזשאָבאָהאַטאַ; זייט נישט מסכּים דערויף, אַז מען זאָל דעם הער שווערד=טרעגער קיין טילזשאַ אַרויסשיקן, ווי ס'איז דאָס לעצטע מאָל פאַר דער עקספּעדיציע געשען,

אַלענקאַ האָט גאָרנישט געענטפערט; דעם שווערד=טרעגער האָט מען באמת קיין טילזשאַ קיינמאָל נישט אַרויסגעשיקט, נאָר ת'ות ער איז נאָכדעם, ווי דער פירשט האָט אים מיטן העמערל אַזעץ־געטאָן, אַ פּאָר טעג קראַנק געווען, האָט סאַקאָוויטש, כּדי פאַר מענטשן דעם פירשטס טאַט צו פאַרהוילן, בכּיון אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער אַלטער איז קיין טילזשאַ אַרויסגעפאָרן. אַלענקאַ האָט פאַר קעטלינגן וועגן דעם בעסער געוואָלט שווייגן, ווייל דעם שטאָלצן מיידל איז אַ בושה געווען אויסצוזאָגן, אַז עמיצער האָט איינעם פון די בילעוויטשס ווי אַ הונט געשלאָגן.

— כ'דאַנק אייך פאַר דער התראה — האָט זי נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן געזאָגט.

— כ'האָב עס געהאַלטן פאַר מיין חוב...

אָבער איר האַרץ איז ווידער פול געוואָרן מיט פאַרביטערונג, ערשט נישט לאַנג איז עס דאָך פון קעטלינגן געווענדט געווען, אַז די דאָזיקע נייע סכּנה זאָל נישט שוועבן איבער איר קאָפּ, ווען ער וואָלט מרוצה געוואָרן צו אַנטלויפן, וואָלט זי דאָך געווען שוין ווייט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל פריי פון באָגוסלאַוון.

— הער ריטער — האָט זי געזאָגט — ס'איז אַן אמת גליק פאַר מיר, וואָס די דאָזיקע התראה איז נישט נוגע אייער האָנאָר און וואָס דער פירשט האָט קיין באַפעל נישט אַרויסגעגעבן, אַז איר זאָלט מיך נישט מתרה=זיין.

קעטלינג האָט פאַרשטאַנען דעם שטאָך און געענטפערט מיט אַ רעדע, אויף וועלכער אַלענקאַ האָט זיך פון אים נישט געריכט:

— וואָס שייך מיין זעלנערישער דינסט און וואָס דער האָ-

נאָר דיקטירט מיר אָפּצוהיטן, וועל איך דאָס דערפילן, אָדער מיטן לעבן באַצאָלן. קיין אַנדערע ברירה האָב איך נישט און וויל נישט האָבן. מחוץ פון דער דינסט מעג איך פאַרהיטן פון מעשים־תעתועים. ווי א פּריוואַט־מענטש לאָז איך דעריבער ביי אייך דעם דאָזיקן פּיסטאָלעט און זאָג: פאַרטיידיקט זיך, ווייל די סכּנה איז נאָענט, אין אַ נויט־פאַל — דערהרגעט! דעמאָלט וועט מיין שבועה בטל ווערן און איך וועל אייך אײלן צו הילף.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך פאַרנייגט און און זיך אַ קער־געטון צו דער טיר, אָבער אָלענקאַ האָט אים פאַרהאַלטן.

- הער ריטער, באַפרייט זיך פון דער דאָזיקער דינסט, פאַרטיידיקט אַן ערלעכע זאַך, פאַרטיידיקט געקריוודעטע, ווייל איר זענט ראוי דערצו, ווייל איר זענט איידל, ווייל ס'איז אַ שאָד, אַז איר זאָלט דינען אַ בוגד...

דערויף האָט קעטלינג געענטפערט:

— כ'וואָלט מיך שוין לאַנג געווען באַפרייט און אין די־מיסיע אָפּגעגעבן, ווען נישט דאָס, וואָס כ'האָב געמיינט, אַז בלייבנדיק דאָ וועל איך אייך קאָנען נוצלעך זיין. היינט איז צו שפּעט. ווען דער פירשט וואָלט צוריקגעקומען אַ זיגער וואָלט איך קיין איין רגע זיך נישט געקווענקלט... ווען ער קומט אָבער צוריק אַ באַזיגטער, ווען עס קאָן זיין, אַז דער שונא יאָגט אים נאָך, וואָלט עס געווען אַ פּחדנות צו פאַרלאַנגען אַ דעמיסיע, כּל־זמן דער אָפּגעלאָפענער טערמין וועט מיך נישט באַפרייען. איר וועט געגוג זיך צוקוקן, ווי נידריקע מענטשן פאַרלאָזן מאַסנווייז דעם געשלאָגענעם, אָבער מיך וועט איר צווישן זיי נישט זען... זייט געזונט. דער דאָזיקער פּיסטאָלעט וועט אפילו אַ פאַנצער לייכט דורכקלאַפּן...

קעטלינג איז אַרויסגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק אויפן טיש דאָס געווער, וועלכעס אָלענקאַ האָט תּיכּף באַהאַלטן. צום גליק, האָבן זיך די סברות פון יונגן אָפיציר און איר אייגענע מורא אַרויסגעוויזן פאַר אומבאַגרינדעט.

דער פירשט איז אָנגעקומען אין אָוונט צוזאַמען מיט סאַקאַוויטשן און פּעטערסאָנען, אָבער ער איז געווען אַזוי נידערגעשלאָגן און קראַנק, אַז ער האָט קוים אויף די פיס געקאָנט אײַנשטיין. דערצו האָט ער אַליין רעכט נישט געוווּסט, צי הער סאַפּיעהאַ יאָגט נישט נאָך אָדער צי ער האָט באַבינישן מיט לײַכטע פּאָלקן נישט געשיקט אים נאָכיאָגן.

באָגוסלאַוו האָט אמת דעם לעצטן אין דער אַטאַקע געהאַט אומגעוואָרפן אײנעם מיטן פערד, אָבער ער האָט זיך נישט דערוועגט זיך אײַנצורעדן, אַז ער האָט אים דערהרגעט, ווײַל עס האָט זיך אים געדוכטן, אַז די שווערד האָט זיך אים בעתן שניט אַראָפּגעגליטשט איבער באַבינישס העלם. איבעריקנס, האָט ער דאָך אים שוין אַ מאָל פון אַ פּיסטאָלעט געשאָסן גלײַך אין פּנים אַרײַן און ס׳האָט אים גאָרנישט געשאַדט.

ס׳האָט דעם פירשט דאָס האַרץ ווײ־געטאָן אויפן געדאַנק, וואָס אַזאַ באַבינישט וועט מאַכן פון זײַנע גיטער, אַז ער וועט אַ מאָל מיט זײַנע טאָטערס אין זיי זיך אַרײַנרײַסן. אָבער פאַרטיידיקן זיי האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס! און נישט בלויז די גיטער, נאָר אַפילו די אייגענע פּערזאָן. צווישן זײַנע געדונגענע אָפיצירן איז נישט געווען קיין סך אַזעלכע, ווי קעטלינג און מ׳האָט געדאַרפט זיך ריכטן, אַז אויף דער ערשטער ידיעה וועגן דערנענטערן זיך פון סאַפּיעהאַס חיילות, וועלן זיי אַלע אים פאַרלאָזן.

דער פירשט האָט אויך בדעה געהאַט זיך אויפצוהאַלטן אין טוראָגי לענגער, ווי צוויי אָדער דרײַ טעג, ווײַל ער האָט געזאָלט אײַלן אין קיניגלעכן פּרײַסן, צום קורפירשט און שטײַנבאָקן, וועלכע האָבן אים געקאָנט פאַרזאָרגן מיט פרישע כּוחות און אָדער באַנוצן צום אײַננעמען די פּרײַסישע שטעט, אָדער אַרויסשיקן צו הילף צום קיניג אַליין, וועלכער האָט געפּלאַנט אַן עקספּעדיציע טיף אין דער רעפּובליק אַרײַן.

אין טוראָגי האָט מען נאָר געדאַרפט איבערלאָזן אײנעם פון די אָפיצירן, וועלכער זאָל אַרײַנברענגען אַ סדר אין די צעקלאַפּטע רעשטלעך פון חייל, אָפּיאָגן זיך פון די פּאַרטיעס פון שוועדן

און שלאַכטע, באַשיצן די גיטער פוןביידע ראַדזיוויל׳ס און פאַר־שטענדיקן זיך מיט לעווענהויפּטן, דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון די שוועדישע חיילות אין זשאַמעט.

צו דעם צוועק האָט דער פירשט, נאָכן אָנקומען קיין טוירא־גי און נאָכן דורכשלאָפן די נאַכט, גערופן אויף אַ באַראַטונג סאַ־קאָוויטשן, דעם איינציקן, וועלכן ער האָט געקאָנט טרויען און פאַר אים דאָס האַרץ עפענען.

מאָדנע איז געווען דער ערשטער „גוט מאָרגן״ אין טויראַגי, וואָס ביידע פריינט האָבן זיך געזאָגט נאָך דער אומגליקלעכער עקספּעדיציע. אַ געוויסע צייט האָבן זיי זיך איינער דעם אַנדערן שטילשווייגנדיק אָנגעקוקט. דער ערשטער האָט דער פירשט זיך אָנגערופן:

— נו וואָס! דער טייוול האָט גענומען!

— גענומען! — האָט סאַקאָוויטש איבערגעחזרט.

— ס׳האָט נישט אַנדערש געקאָנט זיין ביי אַזעלכע וועטערס. ווען כ׳וואָלט געהאַט מער לייכטע פאַלקן, אָדער ווען דער נישט־גוטער וואָלט נישט געווען אָנגעטראָגן דעם דאָזיקן באַביניטש... אַ מייסטער אויף צוויי קלעפּ מיט אַמאָל! ער האָט זיך משנה־שם געווען דער רשע. דערציילט קיינעם נישט וועגן דעם, ווייל דאָס וועט נאָך זיין רום פאַרגרעסערן.

— איך וועל נישט דערציילן... אָבער צי די אָפיצירן וועלן נישט אויספּויקן, וועל איך נישט גוט־זאָגן, ווייל איר האָט דאָך אים, ווען ער איז פאַר אייערע פיס געלעגן, פּרעזענטירט אַלס אָרשער כאָראָנזשי.

— די דייטשע אָפיצירן קענען זיך נישט אויף פּוילישע נע־מען. זיי איז אַלץ איינס; קמיטשיץ, אָדער באַביניטש! אָ, צום טייוול, ווען איך באַקום אים אין די הענט אַריין! און איך האָב אים דאָך געהאַט... און ער האָט מיר נאָך די מענטשן אויפגעבונטע־וועט, גלאָוביטשס אָפּטיילונג אַוועקגעפירט!.. דאָס מוז זיין עפּעס אַ ממזר פון אונזער בלוט, ס׳קאָן אַנדערש נישט זיין!.. כ׳האָב אים געהאַט... און ער איז אַנטקומען!.. דאָס ברענט מיך מער, ווי די גאַנצע פאַרשפּילטע עקספּעדיציע.

— איר האָט אים געהאַט, אָבער פאַרן פרייז פון מיין קאָפּ.

— יאַש! כ׳וועל דיר אָפן זאָגן: באָדאַי וואָלט מען פון דיר דאָרטן די הויט אַראָפּגעשינדן, אַבי איך וואָלט פון קמיטשיצס הויט אַ פּויק געקאָנט מאַכן!

— אַ דאַנק, באָגוש! ווייניקער האָב איך פון אייער פריינטשאַפט נישט געקאָנט דערוואַרטן.

דער פירשט האָט זיך צעלאַכט:

— וואָלסטו דאָס געמאַכט יעלות אויף סאַפּיעהאַס בראָט-פאַן... אַלע דיינע געמיינהייטן וואָלט מען פון דיר אַרויסגעבריט. בנאמנות, כ׳וואָלט דאָס וועלן זען!

— און איך וואָלט אייך וועלן זען אין דער האַנט פון קמיטשיצן, פון אייער טייערן קרוב. מיטן פּנים זענט איר אין אים נישט געראָטן, אָבער פיגורן האָט איר ביידע ענלעכע און פיס האָט איר פון איין מאָס און איר לעכצט נאָך איין מיידל, נאָר זי, הגם זי האָט נאָך נישט געפּרוווט, שטויסט זי זיך אָן, אַז יענער איז געזונטער און אַז ער איז אַ בעסערער זעלנער.

— מיט אַזעלכע צוויי ,ווי דו, וואָלט ער זיך אַן עצה געגעבן, אָבער איך בין אים איבערן בויך אַריבערגעפאָרן... און ווען כ׳וואָלט געהאַט צוויי מינוטן צייט, וואָלט איך דיר איצט געקאָנט מיין וואָרט געבן, אַז מיין קוזינדל לעבט שוין נישט. ביסט תמיד נישט געווען קיין גרויסער חכם און דערפאַר האָב איך דיך ליב באַקומען, אָבער אין די לעצטע צייטן איז דיר דער שכל אינגאַנצן פאַרטעמפּט געוואָרן.

— איר האָט תמיד געהאַט די חכמה אין די פּיאַטעס און דערפאַר האָט איר געמאַכט פּליטה פאַר סאַפּיעהאַן אַזוי, אַז כ׳האָב אייך מער נישט ליב און בין אַליין גרייט צו גיין צו סאַפּיעהאַן.

— אויף אַ שטריק!

— אויף דערזעלבער, מיט וועלכער מ׳וועט ראַדזיווילן בינדן.

— גענוג!

— גרייט צו דינען, גנעדיקער הער פירשט!

— מ׳וואָלט געדאַרפט דערשיסן אַ פּאָר פון יענע רייטער,

וואָס שרײַען אַמײסטן, און אײנפירן אָרדנונג.

— כ'האָב הײַנט אינדערפרי געהײסן זעקס אויפהענגען. זײ זענען שוין אָפּגעקילט געוואָרן, אָבער זײ טאַנצן נאָך געשמאַק אויף דער שטריק, ווײַל ס'איז אַ שטאַרקער ווינט.

— האָסט גוט געטאָן. הער! ווילסטו בלײַבן אין טוירהאָגער גאַרניזאָן, ווײַל כ'מוז דאָ עמיצן איבערלאָזן.

— אי כ'וויל און אי כ'בעט מיר די דאָזיקע פונקציע איבערצוגעבן. קײנער וועט דאָס בעסער נישט אויספירן. דער זעלנער האָט פאַר מיר מער מורא ווי פאַר אַנדערע, ווײַל ער ווײסט, אַז בײַ מיר גײט קײן ליצנות נישט אָן. און צוליב לעוונהויפּטן איז אויך בעסער, אַז עס זאָל בלײַבן אַ מער חשובער אָפיציר, ווי פאַטער-סאָן.

— ווערסטו זיך מיט די מורדים אַן עצה געבן?

— איך פאַרזיכער אײַך, אַז די זשאַמעטער סאָסנעס וועלן פון פאַרגאַנגענעם יאָר געבוירן פּירות, נאָך שווערערע ווי די שישקעס. פון די פירערן וועל איך צװײ רעגימענטן פוס-גײער צונױפשטעלן און אויף מײַן שטײגער אויסבילדן. אויף די גיטער וועל איך אַכטונג געבן און אויב די מורדים וועלן אײנס פון זײ באַפאַלן, וועל איך באַלד וואַרפן אַ חשד אויף עפּעס אַ רײַכן שלאַכטשיץ און אים אויסקוועטשן ווי קעז אין אַ זאַק. פאַרן אָנהויב דאַרף איך נאָר אַזוי פיל געלט, אַז איך זאָל קאָנען די שכירות אויסצאָלן און מיט פוס-גײער זיך פאַרזאָרגן.

— וואָס כ'וועל קאָנען, וועל איך איבערלאָזן.

— פון די נדן-געלטער?

— וואָס הײסט?

— דאָס הײסט: פון בילעוויטשס געלטער, וועלכע איר האָט זיך אַלס נדן פריער-אויס אַלײן אויסגעצאָלט.

— ווען דו וואָלסט געקאָנט עפּעס אויף אַ לײטישן אופן דעם דאָזיקן שווערד-טרעגער דעם קאָפּ אַראָפּדרײען וואָלט גוט געווען, ווײַל דאָס רעדט זיך אַזוי לײַכט, אָבער דער שלאַכטשיץ האָט דאָך אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג.

— כ'וועל זיך באמיען. עס ווענדט זיך נאָר, צי ער האָט דאָס געשריפטס נישט אַרויסגעשיקט, אָדער צי דאָס מיידל האָט עס אין העמד נישט איינגענייט. איר וואָלט נישט וועלן נאָכזען?..

— ס'וועט קומען דערצו, אָבער איצט מוז איך פאָרן און חוץ־דעם בין איך פון דעם פאַרשאָלטענעם פיבער אינגאַנצן אָן כוחות געבליבן.

— זייט מיך מקנא, וואָס איך בלייב אין טוּיראָגי.

— עפּעס האָסטו אַ מאָדנעם חשק, נאָר... צי ווילסטו נישט אַ מאָל... כ'וואָלט דיך געהייסן אויף שטיקער צערייסן... פאַרוואָס רייסטו זיך עפּעס אַזוי צו דער דאָזיקער פונקציע?

— ווייל כ'וויל חתונה האָבן.

— מיט וועמען? — האָט דער פירשט געפרעגט און זיך אויפן בעט צ'ויפגעזעצט.

— מיט פרייליין באָזשאָבאָהאַטאַ קראַשיענסקאַ.

— דאָס איז אַ גוטער איינפאַל, דאָס איז אַ טייערער איינפאַל! — האָט באַגוסלאַוו נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן געזאָגט — כ'האָב געהערט וועגן עפּעס אַ פאַרשריבענעם פאַרמעגן...

— יאָ, נאָכן הער לאָנגין פּאָדביפּיענטאַ. איר ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ רייכע משפּחה דאָס איז, און יענעם לאָנגינס נחלאות ליגן אין אַ פּאָר פּאָוויאַטן. אמת, אַז אַ טייל פון זיי האָט עפּעס אַ שלישי־שבשלישי נאָך קשיעלן פאַרכאַפּט, און אַ צווייטן טייל שטייען מאָסקווער חיילות. עס וועלן זיין פּראָצעסן, געשלעגן און כּכסוכים און איבערפאַלן אָן אַ שיעור, אָבער איך וועל זיך אַן עצה געבן און קיין איין שפּאַן ערד קיינעם נישט אָפּטרעטן. דערביי איז מיר דאָס מיידל זייער געפעלן געוואָרן, ווייל זי איז שיין און באַחנט. איך האָב שוין באַמערקט באַלד נאָכדעם, ווי מיר האָבן זי גענומען, אַז זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי שרעקט זיך, און מיט די אויגן האָט זי צו מיר געשאָסן. לאָמיך נאָר דאָ אַלס קאָמענדאַנט פאַרבלייבן, וועט זיך פון ליידיק־גיין ממילא אַ ליבשאַפט צווישן אונז זיך פאַרבינדן...

— איינס זאָג איך דיר אָן חתונה האָבן פאַרוואָר איך דיר נישט, אָבער — הער מיך נאָר גוט אויס — קיין שום

געוואַלט־טאַטן, פאַרשטייסט? ווייל דאָס איז אַ מיידל פון די וישניאָוויעצקיס, אַ נאָענטע פון דער פירשטין גריזעלדאַ אַליין, און פון אַלטונג צו איר וויל איך די פירשטן נישט באַליידיקן, און דעם קאַלושער סטאַראָסטע אויך נישט.

— ס׳איז איבעריק דאָס וואָרענען — האָט סאַקאָוויטש געענטפערט — ווייל קוים וויל איך אויף אַ לייטישן אופן חתונה האָבן, מוז איך אויך וועגן איר הסכם זיך באַמיען אויף אַ לייטישן אופן.

— כ׳וואָלט וועלן, אַז זי זאָל דיר ווייזן אַ פייג.

— איך קען איינעם, וועלכן מ׳האָט געוויזן אַ פייג, הגם ער איז אַ פירשט, אָבער כ׳מיין, אַז מיר וועט דאָס נישט טרעפן. דאָס דאָזיקע שיסן מיט די אויגן גיט מיר עפּעס מאָדנע צו מוט.

— טשעפּע נישט דעם, וועלכן מ׳האָט אָפּגעזאָגט, כדי ער זאָל דיך פאַר אַ שוטה מיט הערנער נישט מאַכן. כ׳וועל דיר אַ חוץ דעם צום הערב נאָך צוגעבן הערנער, אָדער דו וועסט דיר אַ צונאָמען צו דיין פאַמיליע־נאָמען צוטשעפּן; סאַקאָוויטש מיט הערנער! אדרבא, האָב חתונה יאַש, האָב חתונה און גיב צו וויסן וועגן דער חופּה, וועל איך זיין אַן אונטערפירער.

אויף סאַקאָוויטשס אַזוי אויך שרעקלעכן פּרצוף האָט אַ ווילדער כעס זיך אָפּגעשלאָגן. די אויגן זענען אים אַ ווילע ווי מיט אַ רויך פאַרלאָפן געוואָרן, אָבער באַלד איז ער געקומען צו זיך און אויסטייטשנדיק אין אַ קאַטאָוועס דעם פירשטס ווערטער, האָט ער געענטפערט:

— אומגליקלעכער! אויף שטיגן זענט איר אַן פרעמדער הילף נישט בכוח צו גיין, און איר דראָט. איר האָט דאָ אייער פריילייַן בילעוויטש, נו נעמט זיך צו איר, שטרויענער גבור נו! איר וועט נאָך באַבינישס קינדער האָדעווען!

— אַז דאָס לשון זאָל דיר אָפּגענומען ווערן, רשע איינער. דו מאַכסט גאָר חוזק פון דער קרענק, וועלכע האָט שיר נישט צו מיר אַ סוף געמאַכט? הלואַי זאָל מען דיך אַזוי פאַרכּישופן.

— וואָס האָב איך מורא פאַר כּישוף! צייטנווייז, אַז איך זע, ווי אַלץ גייט צו כּדרך־הטבע, מיין איך, אַז כּישוף איז אַ נאַרישקייט.
— ביסט אַליין אַ נאַר! שווייג, אַל תּפתּח פּה לשטן! ווערסט מיר וואָס אַמאָל מער פאַרעקלט.
— הלואי וואָלט איך נישט געווען דער לעצטער פּאָליאַק וואָס איז אייך טריי געבליבן, ווייל פאַר מיין פּריינטשאַפט צאָלט מען מיר אָפּ בלויז מיט אומדאַנקבאַרקייט. כ'וועל צוריקקערן אין אַ היימיש ווינקעלע און וועל זיצן רויק, אָפּוואַרטנדיק אויפן סוף פון דער מלחמה.
— אַך, לאָז גורו! דו ווייסט, אַז כ'האָב דיך ליב.
— ס'איז מיר שווער דאָס איינצוזען. דער טייוול האָט אין מיר איינגעפלאַנצט די דאָזיקע ליבשאַפט צו אייך. אויב ס'איז פאַראַן אין עפּעס אַ כּישוף, איז עס אין דעם.
סאַקאָוויטש האָט געזאָגט דעם אמת, ווייל ער האָט טאַקע באַגוסלאַוון ליב געהאַט; דער פירשט האָט וועגן דעם געוווסט און דערפאַר האָט ער אים אָפּגעצאָלט, אויב נישט מיט אַ טי־פער דאַנקבאַרקייט, איז מיט אַ דאַנקבאַרקייט. וואָס פּוסטע מענטשן פילן תּמיד צו די, וועלכע פאַרערן זיי.
דעריבער האָט ער גערן מסכּים געווען אויף זיינע פּלע־נער בנוגע אַנושאַ באָזשאָבאָהאַטאַן און באַשלאָסן אים אַליין פּערזענלעך מיטצוהעלפן.
צו דעם צוועק דאָט ער אַרום מיטאָג־צייט, ווען ער האָט זיך געפילט געזונטער ווי געוויינלעך, געהייסן זיך אָנטאָן און איז אַוועק צו אַנושאַן.
— כ'בין געקומען ווי אַן אַלטער באַקאַנטער דערוויסן זיך וועגן אייער געזונט — האָט ער געזאָגט — און פרעגן, צי דאָס אויפהאַלטן זיך אין טוריאָגי, איז אייך געפעלן געוואָרן?
— ווער עס איז אין געפאַנגענשאַפט, דעם מוז אַלץ גע־פעלן ווערן — האָט אַנושאַ מיט אַ קרעכץ געזאָגט.
דער פירשט האָט זיך צעלאַכט.
— איר זענט נישט אין געפאַנגענשאַפט. מ'האָט אייך

זענען צוזאַמען מיט סאַפּיעהאַס זעלנער, דאָס איז אמת און כ׳האָב אייך געהייסן שיקן אהער, אָבער נישט פֿון זיכערקייט־וועגן. קיין האָר וועט אייך נישט גערירט ווערן, איר זאָלט וויסן זיין, אַז איך שעץ זעלטן עמעצן אַזוי, ווי די פֿירשטין גריזעלדאַ, צו וועמענס הארצן איר זענט נאָענט. סיי די ווישניאָוויעצקיס און סיי די זאַמאָיסקיס זענען מיינע קרובים. איר וועט דאָ געפֿינען יעדע פֿרייהייט און יעדע שוץ, און איך קום ווי אַ גוטער פֿריינט און זאָג אַזוי: איר ווילט, פֿאָרט, כ׳וועל אייך געבן אַ באַגלייטונג, הגם איך האָב אַליין קנאַפּ זעלנער, אָבער איך ראָט צו בלייבן. אויף וויפֿיל איך האָב געהערט, האָט מען אייך אַרויסגעשיקט צוריקצוגעווינען פֿאַרשריבענע גיטער. איר דאַרפֿט אָבער וויסן, אַז איצט איז קיין צייט נישט צו טראַכטן וועגן דעם און אַז אַפֿילו אין די רויקע צייטן איז הער סאַפּיעהאַס פּראָטעקציע גאָרנישט ווערט, ווייל ער קאָן גאָר אין וויטעבסקער קאַנט אויפֿטאָן, דאָ גאָרנישט. איבעריקנס, וועל איך זיך אַליין מיטן דאָזיקן ענין נישט פֿאַרנעמען, נאָר דורך קאָמיסאַרן... איר וואָלט געדאַרפֿט אַ מענטש, אַ גוטן פֿריינט און אַ בריה צוגלייך, פֿאַר וועלכן מענטשן זאָלן אי דרך־ארץ און אי מורא־האָבן. אַזעלכער, ווען ער וואָלט זיך דערמיט פֿאַרנומען, וואָלט ער זיך אודאי נישט געלאָזט שטרוי, אַנשטאַט קערנער אין דער האַנט זיך אַריינלייגן.

— ווו וועל איך, אַ יתומה, געפֿינען אַזאַ אַפּוטרופּס? — האָט אַנושאַ זיך אָנגערופֿן.

— טאַקע אין טויראָגי.

— דער גנעדיקער הער פֿירשט וואָלט באַוויליקט אַליין.

דאָ האָט אַנושאַ צונויפֿגעלייגט די הענטלעך און מיט אַזוי פֿיל חן אַ קוק געטאָן באַגוסלאַוון אין די אויגן אַריין, אַז ווען דער פֿירשט וואָלט נישט געווען אַזוי מיד און צעבראָכן, וואָלט ער אודאי ווייניקער אויפֿריכטיק געווּמען זאָרגן וועגן סאָקאָוויטשס זאַך, אָבער אַזוי ווי ליבשאַפֿטן זענען אים נישט געקראָכן איצט אין קאָפּ אַריין, האָט ער גיך געענטפֿערט:

— ווען כ'וואָלט נאָר געקאָנט, וואָלט איך קיינעם אזא יאַנקבאַרע עובדא נישט אָנפאַרטרויט, אָבער איך פאָר אַוועק, ווייל איך מוז. אויף מיין אָרט וועט אַלס קאָמענדאַנט אין טויראָגי פאַרבלייבן דער אָשמיאַנער סטאַראָסטע, סאַקאָוויטש, אַ גרויסער ריטער, באַרימטער זעלנער און אַזאַ דורכגעטריבענער מענטש, וואָס נאָך אַזא איינער איז אין גאַנץ ליטע נישטאָ. איך חזר בכן איבער: בלייבט אין טוראָגי, ווייל פאָרן איז נישטאָ וווהין, מחמת עס איז אומעטום פול מיט רויבער און די גזלנים און מורדים באַפאַלן אויף אַלע וועגן. סאַקאָוויטש וועט אייך דאָ געבן שוץ, סאַקאָוויטש וועט זייך אָפּהיטן, סאַקאָוויטש וועט זיך ארומקוקן, וואָס מ'קאָן טאָן, כדי צוריקצובאַקומען די דאָזיקע נחלאות, און קוים וועט ער זיך דערצו נאָר אַ נעם־טאָן, בין איך ערב, אַז קיינער אין דער וועלט וועט עס שנעלער צו אַ גליקלעכן סוף נישט דערפירן. דאָס איז מיין פריינט, איך קען אים דעריבער און וועל אייך וועגן אים נאָר אַזוי פיל זאָגן, אַז ווען איך אליין וואָלט אייערע גיטער געווען פאַרכאַפּט און דערנאָך זיך דערווסט, אַז סאַקאָוויטש טרעט קעגן מיר אַרויס, וואָלט איך בעסער וועלן גוטוויליק זיך פון זיי אָפּזאָגן, ווייל מיט אים איז אַ סכנה צו פירן אַ קאַמף

— העד סאַקאָוויטש זאָל נאָר וועלן אַ יתומה קומען צו הילף...

— זייט נאָר נישט צו אים שטרענג, וועט ער פאַר אייך אַלץ טאָן, ווייל אייער שיינקייט האָט זיך אים טיף אין האַרצן איינגעבאַקן. ער גייט שוין אַרום און בענקט...

— ווו קום איך צו ווערן עמיצן אין האַרצן איינגעבאַקן.

— אַ מיידל אַ שעלמע! — האָט דער פירשט געטראַכט און הויך האָט ער צוגעגעבן:

— זאָל־זשע סאַקאָוויטש דערקלערן, ווי אַזוי דאָס איז געשען, און איר זייט נאָר נישט שטרענג צו אים, ווייל דאָס איז אַ מענטש אַן איידעלער און פון אַ מיוחסדיקער משפחה, איך ווינטש אייך נישט דעריבער אַזעלכן פוגע־בכבוד צו זיין.

8 קאַפּיטל

צומאָרגנס אין דער פרי האָט דער פירשט דערהאַלטן אַן אויפפאָדערונג פון קורפירשט, אַז ער זאָל וואָס גיכער איילן קיין קעניגסבערג איבערנעמען די קאָמאַנדע איבער די פריש ווערבירטע חיילות, וועלכע האָבן געזאָלט גיין קיין מאַלבאָרג אָדער קיין דאַנציג. דער בריוו האָט אויך אַנטהאַלטן ידיעות וועגן קאַרל גוסטאַווס דרייסטער עקספּעדיציע אין אינטערשטן טייל פון דער רעפּובליק אַזש ביז די רוסישע מדינות. דער קורפירשט האָט פאָרויסגעזען אַ שלעכטן סוף פון דער עקספּעדיציע, אָנער טאַקע דערפאַר האָט ער געשטרעבט צו שטעלן זיך בראש פון וואָס גרעסערע כוחות, כדי אין אַ נויט־פאַל צו ווערן פאַר דעם אָדער יענעם צד אומבאַדינגט נויטיק, טייער זיך פאַרקויפן און דעם גורל פון דער מלחמה מכריע זיין. איבער די דאָזיקע טעמים האָט ער דעם יונגן פירשט געבעטן זיך צוצושטעלן אין גרעסטן איילעניש, און אַזוי ווייט איז אים געגאַנגען וועגן אויסמיידן לאַנגעשהיות, אַז נאָכן ערשטן קוריער האָט ער אַרויסגעשיקט אַ צווייטן, וועלכער איז אָנגעקומען מיט צוועלף שעה שפּעטער.

ער פירשט האָט בכן נישט געהאַט קיין איין רגע צו פאַר־
לירן און נישט געגנוג צייט אויף אַפּצורוען, הגם דער פיבער איז
ווידער צוריקגעקומען מיט דער אַלטער קראַפט. מ'האָט אָבער גע־
מוזט פאָרן. און איבערגעבנדיק סאַקאָוויטשן די מאַכט האָט ער צו
אים געזאָגט:

— ס'קאָן זיין, אַז מ'וועט דעם שווערד־טרעגער און דאָס
מיידל דאַרפן קיין קעניגסבערג אַריבערפירן. דאָרט וועט לייכטער
אָנקומען שטילערהייט פון דעם פגע־רע פטור צו ווערן; — און
דאָס מיידל, אויב איך וועל נאָר זיין געזונט, וועל איך מיט זיך
מיטנעמען אין לאַגער אַריין, ווייל כ'האָב שוין גענוג די דאָזיקע
צערעמאָניעס.

— גוט, וועט אויך די צאָל פון די חיילות קאָנען פאַרגרע־
סערט ווערן — האָט בּיים געזעגענען זיך סאַקאָוויטש געזאָגט.

מיט אַ שעה שפּעטער איז דער פירשט שוין נישט געווען
אין טויראַגי. ס'איז געבליבן סאַקאָוויטש, אַלס אַליין־הערשנדיקער
מושל, וועלכער האָט איבער זיך אָנערקענט נאָר איין מאַכט:
אַנושאַ באַזשאַבאָהאַטאַס מאַכט. און ער האָט דעם שטויב פאַר אי־
רע פיס געגנומען אַוועקבלאָזן, ווי אַנימלט דער פירשט אַליין פאַר
אַלענקאַס פיס. צוימענדיק זיין ווילדע נאַטור, איז ער געווען העפ־
לעך, אויפגעכאַפּט אויפן ווינק יעדן פאַרלאַנג און יעדן געדאַנק,
און צו גלייכערצייט זיך געהאַלטן פון דער וויטנס, מיטן גאַנצן
יראַת־הכבוד, וואָס אַ וועלטלעכער קאַוואַליר דאַרף אַרויסווייזן צו
אַ פריילין, וואָס איר האַרץ און איר האַנט באַמיט ער זיך צו גע־
ווינען.

איר ווידער איז, דעם אמת געזאָגט, דאָס דאָזיקע קיניגין אין
טויראַגי געפעלן געוואָרן; ס'איז איר אָנגענעם געווען צו טראַכטן,
אַז ווען דער אָוונט רוקט־אָן, לאָזן זיך אין די אונטערשטע זאַלן,
אין די קאָרידאָרן, אין וואָפן־מאַגאַזין, אין גאָרטן, וואָס איז נאָך
מיט פראָסט באַדעקט געווען, הערן זיפצן פון עלטערע און יינגע־
רע אָפיצירן, אַז עס זיפצט אפילו דער אַסטראָלאָג, קוקנדיק פון
זיין איינזאַמען טורעם אין די שטערן אַריין, אַז אפילו דער אַלטער
שווערד־טרעגער רייסט איבער די אָוונט־תפילה מיט זיפצן.

אַ גוטע נשמה, האָט זי זיך דאָך געפרייט, וואָס די דאָזיקע ליידנשאַפטלעכע ליבע־געפילן זענען נישט געווענדעט צו אַלענקאַן, נאָר צו איר: זי האָט דערביי אַ צופרידענע אויך אין זין געהאַט באַבינישן, ווייל זי האָט געשפּירט איר מאַכט און זי האָט זיך געטראַכט, אַז אויב ביז איצט איז קיינער דעם נסיון פון איר בליק נישט בייגעשטאַנען, האָט זי אויך אין זייך האַרץ מיט אירע אויגן געמוזט אַ טיפן חותם אויסברענען.

— ווען יענער וועט ער פאַרגעסן, ס'קאָן אַנדערש נישט זיין, ווייל מען צאָלט אים דאָרט אָפּ מיט אומדאַנקבאַרקייט, און אַז דאָס וועט געשען, ווייסט ער ווו מיך צו זוכן און ער וועט מיך זוכן.. רוצח איינער!

באַלד דערויף האָט זי אין האַרצן געדראָט:

— וואַרט! ס'וועט דיר אויסגיין די נשמה, ביז דו וועסט דערלעבן די נחמה...

סאַקאָוויטשן האָט זי דערווייל גערן געזען, הגם זי האָט אים נישט זייער ליב געהאַט. אמת אַז ער האָט זיך געפלייסט ריינצוואַשן זיך פאַר אירע אויגן פון דעם חשד אין בגידה, אויף דעם זעלבן אופן, ווי עס האָט דאָס באָגוסלאַוו פאַרן שווערד־טרעגער געטאָן. ער האָט איר געזאָגט, אַז מיטן שוועד איז שוין אַ שלום געווען געשלאָסן, די רעפּובליק האָט שוין געזאָלט פריי־ער אָפּטרעטן און אויסבליען, אָבער ה"ר סאַפּיעהאַ האָט צוליב זיינע פּריוואַטע פּניות אַלץ קאַליע־געמאַכט.

אַנושאַן, וועלכע איז אין די זאַכן געווען נישט שטאַרק באַהאַוונט, זענען די דאָזיקע ווערטער אַיין אויער אַריין און פון צווייטן אַרויס. דערפאַר אָבער האָט זי עפּעס אַנדערש איבערראַשט אין די דערציילונגען פון זשמיאַ־ער סטאַראָסטע.

— די בילעוויטשעס — האָט ער געזאָגט — שרייען געוואַלד אויף זייערע עוולות און געפאַנגענשאַפט, אָבער דאָ איז זיי דאָך גאָרנישט געשען און עס וועט זיי נישט געשען. דער פירשט האָט זיי פון טויראָגי נישט אַרויסגעלאָזט, אמת, אָבער דערגיט איז ער זייער טובה אויפן געווען, ווייל אַ פּאָר הונדערט שריט אויף יענער זייט טויער האָבן זיי שוין פון די רויבער אָדער

פון די וואַלד-גזלנים געקאָנט אומקומען. ער האָט זיי נישט ארויסגעלאָזט אויך דערפאַר, וואָס ער האָט דאָס פריילין בילעוויטש ליב באַקומען. אויך דאָס איז אמת! ווער אָבער ווייס אויף אים דערפאַר פאַריבל האָבן? צי וואָלט אַן אַנדערער וואָס פאַרמאָגט אַ האַרץ, פול מיט בענקעניש און ליידנשאַפטלעכע געפילן, אַנדערש געטאָן? ווען ער וואָלט נישט געהאַט אַזעלכע ערלעכע כוונות, וואָלט ער אַוודאי, אַלס אַ שררה מיט אַזאַ גרויסער תקיפות, געקאָנט טאָן, וואָס זיין האַרץ גלוסט, אָבער ער האָט געוואָלט חתונה-האָבן, ער האָט דאָס דאָזיקע האַרטנעקיקע מיידל געוואָלט אַרויפהייבן צו זיין פירשטלעכן שטאַנד, מיט גליקן זי באַשיטן, די קרוין פון די ראַדזיווילס אויף איר קאָפּ אַרויפלייגן, און די דאָזיקע אומדאַנקבאַרע מענטשן צאָלן אים דערפאַר אָפּ מיט רכילות, באַשמוצנדיק זיין רום און ערלעכן נאָמען...

אַנושאַ, וועלכע האָט נישט שטאַרק געגלויבט אין דעם, האָט נאָך דעם אייגענעם טאָג געפרעגט אָלענקאַן, צי ס'איז אמת אַז דער פירשט האָט מיט איר געוואָלט חתונה-האָבן? אָלענקאַ האָט נישט געקאָנט אָפּלייקענען, און אַזוי ווי זיי זענען שוין געווען אינטים באַפריינדעט, האָט זי אָנגעגעבן אירע טעמים. אַנושאַן זענען זיי אויסגעקומען גערעכט און באַפרידיקנדיק, אָבער זי האָט זיך דערביי געטראַכט, אַז די בילעוויטשס איז פונדעסטוועגן נישט געווען אַזוי שלעכט אין טוראָגי, און אַז דער פירשט מיט סאַקאָוויטשן זענען נישט געווען אַזעלכע גזלנים, ווי דער ראָסיענער שווערד-טרעגער האָט זיי אָפּגעמשפט.

דערפאַר טאַקע, אַז עס זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן הער סאַפּיעהאַ מיט באַבינישטשן, אַז נישט בלויז זיי דערנענטערן זיך נישט צו טוראָגי, נאָר זיי האָבן מיט אייליקע מאַרשן זיך אַרויסגעלאָזט קעגן שוועדישן קיניג, אַזש העט צו לוווּר-צו, איז אַנושאַ תחילת אַריינגעפאַלן אין אַ רציחה, און דערנאָך האָט זי זיך גענומען איבערלייגן, אַז אויב זיי זענען נישטאָ, נוצט נישט צו אַנטלויפן פון טוראָגי, ווייל מ'קאָן דאָס לעבן פּטור ווערן

אָדער אין בעסטן פאַל רויק לעבן פאַרבייטן אויף אַ געפאַנגענ־שאַפט פול מיט סכנות.

ס'איז מהאי טעמא געקומען צו אַמפּערנישן צווישן איר און אַלענקאַן מיטן שווערד־טרעגער; אָבער אַפילו זיי האָבן אויך געמוזט מודה זיין, אַז מחמת הער סאַפּיעהאַס אָוועקגיין וועט דאָס אַנטלויפן ווערן זייער שווער, אויב נישט לחלוטין אוממעגלעך, בפרט, אַז אין לאַנד האָט וואָס אַמאָל מער געקאָכט און קיינער פון די איינוווינער האָט מיטן מאָרגנדיקן טאָג נישט געקאָנט זיכער זיין. אגב, ווען זיי וואָלטן אַפילו אַנושאַס טענות נישט גערעכט געגעבן, וואָלט אָן איר הילף, איבער דער וואַכעדיקייט פון סאַקאָוויטשן און פון די איבעריקע אָפיצירן, אוממעגלעך געווען צו אַנטלויפן. איין קעטלינג איז זיי טריי געווען, אָבער אָן קיין שום פּלאַן, וואָס איז סותר זיינע דינסט־פליכטן, האָט ער זיך געלאָזט אַריינציען, דערביי איז ער אָפּט נישט געווען אין טויראָגי, ווייל סאַקאָוויטש האָט אים אַלס אויסגעפּרוווטן זעלנער און פעיקן אָפיציר גערן באַנוצט קעגן די באַוואָפנטע מחנות פון די קאָנפעדעראַטן און רויבער, און דערפאַר אָפּט פון טויראָגי אַרויסגעשיקט.

און אַנושאַ האָט זיך דאָרט געשפּירט וואָס אַמאָל בעסער.

סאַקאָוויטש האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע אַ חודש נאָכן פירשטס אַרויספאָרן, אָבער דאָס דורכגעטריבענע מיידל האָט אים געגעבן אַ ביטערע תשובה, אַז זי קען אים נישט, אַז זי האָט וועגן אים פאַרשידנס געהערט, אַז זי האָט אים נאָך נישט געהאַט קיין צייט ליב צו באַקומען, אז אָן רשות פון דער פירשטין גריזעלדאַ קאָן זי נישט חתונה האָבן און לסוף, אַז זי וויל אים אויספּרוּוון אַ יאָר צייט.

דער סטאַראָסטע האָט דעם כעס געדריקט אין זיך, דעם זעלבן טאָג פאַר אַ נישטיקער עבירה געהייסן געבן אַ רייטער דרייטויזנט שמיץ, נאָך וועלכע מ'האָט דעם אומגליקלעכן זעלנער קובר געווען, ער האָט אָבער אויף אַנושאַס באַדינגונגען געמוזט מסכים זיין. זי ווידער האָט דעם שררהלע צוגעזאָגט, אַז גויס

ער וועט דינען נאָך טרייער, פלייסיקער און הכנעהדיקער, וויפל ער אין אַ יאָר אַרום סיי ווי קריגן נאָך אַזוי פיל, וויפל עס וועט איר וויל געפעלן.

אויף אַזאַ אופן האָט זי זיך געשפּילט מיטן בער, אָבער זי האָט שוין באַוויזן אַזאַ שליטה איבער אים צו באַקומען, אַז ער האָט אַפילו דאָס געבּרום דערשטיקט און איר נאָר גע-ענטפערט:

— אַחוץ אומטריישאַפט דעם פירשט, קאָנסט איר אַלץ פון מיר פאַרלאַנגען, אַפילו דאָס, אַז איך זאָל אויף די קני גיין...

ווען אַנושאַ וואָלט געוווסט, ווי שרעקלעך די גאַנצע געגנט ליידט איבער סאַקאָוויטשעס אומגעדולד, וואָלט זי אים אפשר נישט אַזוי געררייצט. די זעלנער און שטאָט-לייט אין טוויראָגי האָבן פאַר אים געציטערט, ווייל ער האָט אָן שום שולד מערדערלעך באַשטראָפט. די געפאַנגענע האָבן אין קייטן געגוססט פון הונגער אָדער זיי זענען געבּרענט געוואָרן מיט אַנגעגליטן אייזן.

נישט איינמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז דער ווילדער סטאַ-ראָסטע וויל זיין צעבּרויזטע און פון הייסער ליבע צעהיצטע נשמה אין מענטשלעכן בלוט אָפּקילן, ווייל ער פלעגט זיך מיט אַמאָל אויפכאַפּן און אַליין זיך אויף עקספּעדיציעס אַרויסלאָזן.

און אין דאָס רוב פאַלן האָט די הצלחה אים צוגעשפּילט. ער האָט די מחנות פון די מורדים אויסגעקוילעט ביז איינעם; די פויערן, וואָס זענען אין געפאַנגענשאַפט גענומען געוואָרן, האָט ער געהייסן די רעכטע האַנט אָפּהאַקן און זיי אָפּגעלאָזט אַהיים, כדי זייערע נאָענטע אָפּצושרעקן.

דער גרויל פון זיין נאָמען האָט טוויראָגי ווי מיט אַ מויער אַרומגענומען; אַפילו גרעסערע אָפּטיילונגען פון פאַטריאָטן האָבן זיך נישט דערוועגט צו לאָזן זיך ווייטער, ווי ביז ראַסיעני.

אומעטום איז שטיל געוואָרן, און ער האָט פון די דייַטשע שלעפּערס, פון די אָרטיקע פויערן, פאַרן געלט, וואָס אין

אַרויסגעקוועטשט געוואָרן פון די אַרומיקע תּושבים און פון דער שלאַכטע, פאַרמירט אַלץ נייע פאַלקן און געוואַקסן אין כוחות, כדי אין פאַל פון אַ שווערער נויט זיי זיין פירשט צוצושטעלן.

אַ טרייערן און אַ שרעקלעכערן דינער האָט באַגוסלאַוו נישט געקאָנט געפינען.

אויף אַנושאַן אָבער, האָט סאַקאָוויטש געקוקט, וואָס אַמאָל האַרציקער מיט זיינע שרעקלעכע בלייך-בלאָע אויגן און פלעגט איר אויף דער פלייט שפילן.

אָט אַזוי איז דאָס לעבן אין טוראָגי פאַר אַנושאַן אַריבער פריילעך און אינטערעסאַנט, פאַר אַלענקאַן שווער און לאַנגוויילִיק. איינע האָט געשטראַלט פון שמחה, ביי דער צווייטער איז דאָס פּנים געוואָרן וואָס אַמאָל בלאַסער, ערנסטער, שטרענגער, די שוואַרצע ברעמען האָבן זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער צונויפגעצויגן אויפן ווייסן שטערן, אַזוי אַז לסוף האָט מען זי גערופן באָגע. און זי האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון אַ גזירה. זי האָט זיך אָנגעהויבן איינצולעבן מיטן געדאַנק, אַז זי וועט עס ווערן, אַז גאָט אַליין פירט זי דורך יסורים, דורך נסיונות, הינטער די מויערן פון קלויסטער צו אַ מנוחהדיקן לעבן.

דאָס איז שוין נישט געווען דאָס אייגענע מיידל מיט דער רייצנדיקער פאַררויטלטקייט אויפן פּנים און מיטן גליק אין די אויגן, נישט די אייגענע אָלענקאַ, וועלכע האָט אַנימלט, פאַרנדיק אין שליטן מיט איר חתן, דעם הער אַנדזשעי קמיטשיץ, געשריגן: „העי! העי! דורך וועלדער און פעלדער!"

ס'איז געוואָרן פרילינג אויף גאָטס וועלט. די וואַסערן פון באַלטישן ים, וואָס זענען פון אייז לויז-געוואָרן, האָט גענומען וויגן אַ שטאַרקער, אָבער וואַרעמער ווינט, דערנאָך האָבן די ביימער זיך צעבליט, בלומען האָבן פון די רויע בלעטער-הילעס אויסגעשפּראָצט, דערנאָך האָט די זון גענומען ווערן הייס, און דאָס אָרעמע מיידל האָט אומזיסט אויסגעקוקט אויפן סוף פון דער טוראָגער געפאַנגענשאַפט, ווייל אי אַנושאַ האָט נישט קיין חשק געהאַט צו אַנטלויפן און אי ס'איז אין לאַנד געוואָרן וואָס אַמאָל שרעקלעכער.

שווערד און פייער האָבן אַזוי געבושעוועט, גלייך ווי גאָטס

רחמים וואָלט זיך שוין אויף אייביק פון דער וועלט אָפּגעטאָן. אדרבא, ווער עס האָט זיך אום ווינטער צו דער שווערד אָדער צו דער שפּיז נישט געכאַפּט, דער האָט עס אום פריליגג געטאָן; דער שניי האָט קיין שפּורן נישט אויסגעגעבן, ווייל דער וואַלד האָט גע-געבן אַ בעסער באַהעלטעניש און די וואָרעמקייט האָט די מלחמה לייכטער געמאַכט.

ידיעות זענען ווי די שוואַלבן קיין טויראָגי אָנגעפלויגן, אַמאָל שלעכטע, אַמאָל פריילעכע. סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האָט דאָס כשרע מיידל מיט אַ תּפלה געהייליקט און באַגאָסן מיט טרערן פון צער אָדער שמחה.

קודם-כּל האָט מען גערעדט וועגן אַ מוראדיקן אויפשטאַנד פון גאַנצן פאָלק. וויפיל עס זענען געוועזן ביימער אין די וועלדער פון דער רעפּובליק, וויפיל זאַנגען ס׳האָבן זיך אויף אירע פעל-דער געוויגט, וויפיל שטערן ס׳האָבן אין די נעכט צווישן באַלטישן ים און די טאַטראַ-בערג געפינקלט, אַזויפיל מלחמה-לייט האָבן זיך קעגן די שוועדן אויפגעהויבן: די שלאַכטע, וואָס איז מיט גאָטס רצון צו דער שווערד און צו דער מלחמה געבוירן געוואָרן; די וואָס האָבן אויסגעאַקערט קנייטשן אין דער ערד און זי מיט קער-נער פאַרזייט; די וואָס האָבן אין די וויסטענישן פון די בין-שטעק, פון סמאָלע זידן, פון דער האַק אָדער פון דער ביקס געלעבט; די, וואָס וווינענדיק ביי די ברעגעס פון די טייכן, האָבן זיי זיך מיט פיש-כאַפּן באַשעפטיקט; די וואָס האָבן מיט סטאַדעס אין די סטעפּעס זייערע געצעלטן אויפגעשלאָגן — זיי אַלע האָבן זיך גע-כאַפּט צום כּלי-זין, כּדי דעם שונא פון לאַנד צו פאַרטרייבן.

דער שוועד איז שוין בטל געוואָרן אין דער דאָזיקער מאַכט, ווי אין אַן איבערגעגאַנגענעם טייך.

צו דער פאַרוווּנדערונג פון דער גאַנצער וועלט האָט די רעפּובליק, וועלכע איז נאָך ערשט נישט לאַנג געווען מאַכטלאָז, געפונען צו איר פאַרטיידיקונג מער שווערדן, ווי עס האָט זיי גע-קאָנט האָבן דער דייטשער קייזער אָדער דער פראַנצויזישער קיניג.

דערנאָך זענען געקומען ידיעות וועגן קאַרל גוסטאַוון, ווי

ער איז געגאנגען וואס א מאל טיפער אין דער רעפובליק מיט די פיס אין בלוט געטונקט, מיטן קאפ אין רויך און פלאמען געהילט און געלעסטערט. מ'האט זיך א ליאדע רגע געריכט צו הערן א ידיעה וועגן זיין טויט און אומקום פון אלע שוועדישע חיילות.

טשארניעצקיס נאמען האט זיך וואס א מאל מעכטיקער געלאזט הערן פון איין עק לאנד אין צווייטן, די שונאים מיט א שרעק ארומגענומען, און די פוילישע הערצער מוט אריינגעגאסן.

— „ער האט געזיגט ביי קאזשעניצע!“ — האט מען אין איין טאג געזאגט, „ער האט געזיגט ביי יאראסלאוו!“ — האט מען מיט א פאר וואכן שפעטער איבערגעחזרט. „ער האט געזיגט ביי סאנדאמיעזש!“ — האט א ווייטערווידערקלאנג איבערגעחזרט. מ'האט זיך נאר געחידושט, פון וואנען עס נעמען זיך נאך אזוי פיל שווערדן נאך אזעלכע פאגראמען.

לסוף זענען אנגעפלויגן נייע סטאדעס שוואלבן און צוזאמען מיט זיי א קלאנג, אז דער קיניג און די גאנצע שוועדישע ארמיי זענען צווישן דער ווייסל און סאן איינגעקלעמט געווארן. ס'האט זיך געדאכט, אז אט, אט עקט עס זיך.

אפילו סאקאוויטש האט אין טויראגי אויפגעהערט צו גיין אויף עקספעדיציעס, ער האט נאר גאנצע נעכט בריוו געשריבן און אין פארשידענע זייטן פונאנדערגעשיקט.

דער שווערד־טרעגער איז געווען ווי צעדולט. יעדן טאג אין אוונט איז ער צו אלענקאן מיט ידיעות אריינגעפאלן. צייטנווייז האט ער זיך געביסן די הענט, ווען ער האט זיך דערמאנט, אז ער מוז זיצן אין טויראגי. די אלטע זעלנערישע נשמה האט געבענקט נאכן שלאכט־פעלד. צום סוף האט ער זיך פארשפארט אין זיין דירה און גאנצע שעהן איבער עפעס געגומען זיך פארטראכטן. איינמאל האט ער אלענקאן פלוצלינג אין די ארעמס אריינגעכאפט, זיך צעכליפעט מיט א גרזיסן געוויין און צו איר געזאגט:

— טייער מיידעלע מיינס, איינציק טעכטערל, אָבער דאָס פּאָטערלאַנד איז טייערער.

און צוזאַמען מיט פּאַרטאַגס איז ער נעלם געוואָרן; ווי ער וואָלט אין דער ערד געוואָרן איינגעזונקען.

אָלענקאַ האָט נאָר געפונען אַ בריוו. אין וועלכן עס זענען געווען געשריבן די ווייטערדיקע ווערטער:

„זאָל גאָט דיך בענטשן, טייער קינד. איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז מען היט דיך און נישט מיך און אַז מיר אַליין וועט לייכטער זיין צו אַנטקומען. זאָל גאָט משפטן, צי איך האָב דאָס, אָרעמע יתומה, געטאָן, ווייל ס'איז אין מיין האַרץ נישטאָ קיין רחמנות און קיין פאָטערלעכע ליבשאַפט צו דיר. אָבער כ'בין שוין מער צו ענוים נישט בכוח געווען אַריבערצוטראָגן און כ'האָב נישט געקאָנט, איך שוועך ביי די וווּנדען פון האַר קריסטוס, כ'האָב שוין נישט געקאָנט לענגער דאָ איינזיצן. ווייל ווען איך האָב זיך געטראַכט, אַז דאָרט גיסט זיך דאָס ריינסטע פּוילישע בלוט פאַרן פאָטערלאַנד און פרייהייט, און פון מיין בלוט איז קיין איין טראָפּן אין דאָזיקן טייך נישטאָ, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די מלאכים אין הימל וועלן מיך דערפאַר פאַרשעלטן... ווען איך וואָלט נישט געבוירן געוואָרן אויף אונזער הייליקער זשאַמעטער ערד, וו עס אָטעמען ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד און העלדישקייט, ווען איך וואָלט נישט געבוירן געוואָרן אַ שלאַכטשיץ און אַ בילעוויטש, וואָלט איך ביי דיר פאַרבליבן און דיך געהיטן. אָבער ווען דו וואָלסט געווען אַ מאַנסביל, וואָלסטו דאָס אייגענע געטאָן, וועסט דעריבער אויך מיר פאַרגעבן, וואָס איך האָב דיך ווי דניאלן איינע אַליין אין לייבנגרוב אַוועקגעוואָרפן. אָבער אַזוי ווי גאָט האָט אין זיין דערבאַרעמדיקייט אים שומר־ומציל געווען, מיין איך, אַז אויך דיך וועט די הייליקסטע בתולה, אונזער קיניגין באַשיצן".

אָלענקאַ האָט מיט טרערן באַגאָסן דעם בריוו, זי האָט אָבער פאַר דעם דאָזיקן שריט דעם פעטער מער ליב באַקומען, ווייל איר האַרץ איז פול געוואָרן מיט שטאָלץ. דערווייל איז אין טויראַגי געוואָרן נישט קיין קליין גערודער. סאַקאָוויטש אַליין

האָט אריינגעפּלאַצט צום מיידל מיט אַ גרויסער רציחה און נישט אראָפּנעמענדיק דאָס היטל פון קאָפּ האָט ער געפרעגט:

— ווו איז אייער פעטער?

— דאָרט, ווו אַלע, אחוץ די בוגדים, זענען!.. אין דער מלחמה!

— איר האָט וועגן דעם געוווּסט!.. — האָט דער סטאַראָסטע געשריגן.

און זי, אַנשטאָט צעטומלט צו ווערן, איז זי צו אים אַביסל נענטער צוגעגאַנגען און אָפּמעסטנדיק אים מיט די אויגן, מיט דער טיפסטער פאַראַכטונג, האָט זי אָפּגעענטפערט:

— כ'האָב געוווּסט — איז וואָס?

— עי! וועגן נישט דער פירשט!.. איר וועט דעם פירשט אַ דין-חשבון אָפּגעבן!..

— נישט דעם פירשט און נישט זיין משרת. און איצט זייט מוחל!..

און מיטן פינגער אים די טיר אָנגעוויזן.

סאַקאָוויטש האָט אַ קריץ-געטאָן מיט די ציין און איז אַרויסגעגאַנגען.

דעם זעלבן טאָג האָט אין גאַנץ טוריאָגי געהילכט פון דער ידיעה וועגן נצחון ביי וואַרקאַ און אַזאַ אימה איז געפאַלן אויף אַלע אָנהענגער פון די שוועדן, אַז אפילו סאַקאָוויטש האָט זיך נישט דערוועגט צו באַשטראָפן די גלחים, וועלכע האָבן עפנטלעך אין די אַרומיקע קירכעס „טע דעום" געזונגען.

אַ גרויסע משא איז אים אויף פון האַרץ אַראָפּגעפאַלן, ווען ס'איז מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אָנגעקומען פון מאַלבאָרג באָגוסלאַווס אַ בריוו מיט דער מיטטיילונג, אַז דער קיניג האָט זיך פון דער קלעם אַרויסגעדרייט. אָבער די אַנדערע נייעס זענען געווען גאָר נישט קיין פריילעכע. דער פירשט האָט געפאָדערט הילף און אין טוריאָגי נישט געהייסן מער חיילות איבערלאָזן, ווי דאָס איז נויטיק פאַר דער זיכערקייט פון אָרט.

די גרייטע שווערע רייטער זענען צונויפגענומען אַרויסגעגאַנ־

נען און צוזאַמען מיט זיי קעטלינג, עטינגען, פּיץ-גרעגאָרי, הקיצור אַלע חשובערע אָפיצירן, א חוץ ברוינען, אָן וועלכן סאַקאָוויטש האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין.

טויראָגי איז נאָך מער פּוסט געוואָרן, ווי נאָך דעם פּירשטס אַרויספאָרן.

אַנוש אַ באָזשאָבאָהאטאַן האָט אָנגעהויבן צו ווערן לאַנגווייליק און זי האָט ערשט רעכט גענומען סאקאָוויטשן מאַטערן. ער ווידער האָט געטראַכט, צי עס וואָלט נישט גלייך געווען קיין פרייסן זיך אַריבערצוטראָגן, ווייל די פּאַרטיעס, וואָס זענען דערמוטיקט געוואָרן דורכן אַוועקגיין פון די חיילות, האָבן ווידער גענומען אַריבערוקן זיך הינטער ראָסיענ׳ און נענטער צו טויראָגי צוקומען. די בילעוויטשעס אַליין האָבן פון די בירגער, קליינע שלאַכטע און פויערן צונויפנעמען ביז פינף הונדערט רייטער. זיי האָבן שטאַרק צעשלאָגן דעם פאָלקאָווניק ביצאָוו, וועלכער האָט קעגן זיי אַרויסמאַרשירט און זיי האָבן אומבּרחמנותדיק אַ תּל-געמאַכט פון ראַדזיווילס אַלע דערפער.

די באַפעלקערונג האָט זיך צו זיי גערן געשאַרט, ווייל קיין שום משפּחה, אַפילו די כלעבאָוויטשס אַליין, איז ביים פאָלק נישט געווען אַזוי געאַכפּערט און אָנגעזען. סאַקאָוויטשן איז אַ שאָד געווען טויראָגי אויפן באַראָט פון די שונאים איבערצולאָזן, ער האָט אויך געוווסט, אַז אין פרייסן וועט אים שווער אָנקומען זיך צו פאַרשאַפן געלט, פאַרשטאַרקונגען, אַז דאָ איז ער מושל-בכפּה און דאָרט וועט זיין מאַכט מוזן בטל ווערן, פונדעסטוועגן האָט ער וואָס אַמאָל מער פאַרלוירן די האָפנונג צו קאָנען אין טויראָגי זיך דערהאַלטן.

דער צעקלאַפּטער ביצאָוו האָט זיך באַהאַלטן אונטער זיין שוץ און די ידיעות וואָס ער האָט געבראַכט וועגן דער מאַכט און וווקס פון דער מרידה, האָבן סאַקאָוויטשן סוף-כל-סוף באַוויגן אויסצוקלייבן פרייסן.

און ווי אַ מענטש אַן אַנטשלאָסענער, וואָס האָט ליב גיך אויסצופירן דאָס, וואָס ער פּלאַנט, האָט ער אין צען טעג פאַר-

ענדיקט די הכנות, אַרויסגעגעבן באַפעלן און געזאָלט זיך לאָזן אין וועג אַריין.

מיט אַמאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אומגעריכטן ווידערשטאַנד און דאָס פון אַ זייט, פון וועלכער ער האָט זיך צום ווייניקסטן דערויף געריכט, — פון אַנושאַ באַזשאַבאָהאַטאַס זייט.

אַנושאַ האָט נישט בדעה געהאַט צו פאָרן קיין פּרייסן. אין טוראָגי איז איר גוט געווען. די פאָרטשריט פון די קאָנפעדעראַטן-פּאַרטיעס האָבן זי כּלל נישט אָנגעשראָקן און ווען די בילעוויטשס וואָלטן זיך אפילו געוואָרפן אויף טויראָגי, וואָלט איר דאָס נאָך אַ הנאה געטאָן. זי האָט דערביי פאַרשטאַנען, אַז אין דער פרעמד, צווישן די דייטשן, וואָלט זי אינגאַנצן געוואָרן אָנגעוויזן אויף סאַקאָוויטשס חסד, אַז עס וואָלט דאָרט לייכטער געקאָנט קומען צו וועלכע עס איז התחייבותן, וועלכע זי האָט גאָרנישט קיין חשק אויף זיך צו נעמען, זי האָט דעריבער באַשלאָסן זיך איינצושפּאַרן, אַז זי מוז בלייבן. אָלענקאַ, וועלכע זי האָט מיט אירע טעמים באַקענט, האָט נישט בלויז זיי גערעכט געגעבן, נאָר זייער שטאַרק, מיט טרערן אין די אויגן, געגומען זי בעטן רחמים, אַז זי זאָל דאָס אַרויספאָרן נישט צולאָזן.

— דאָ קאָן די ישועה נאָך קומען, נישט הייגט, איז מאָרגן — האָט זי געזאָגט — דאָרט זענען מיר ביידע פאַרלוירן.

אַנושאַ ווידער האָט איר דערויף געענטפערט:

— זעסטו! האָסט זיך ווייניק אויף מיר אָנגעבייזערט דערפאַר, וואָס איך האָב אויך דעם סטאַראָסטעס געוואָלט דעם קאָפּ פאַרדרייען, הגם איך האָב וועגן גאָרנישט געוווסט, די פירשטין בריזעלדאַ זאָל אַזוי לעבן, נאָר דאָס איז עפּעס פון זיך אַליין געקומען. און איצט וואָלט ער אַ סך געווען קוקן אויף מיין ווידערשטאַנד, ווען דער קאָפּ וואָלט אים נישט געווען פאַרדרייט? נו וואָס?

— אמת, אַנושאַ, אמת! — האָט אָלענקאַ געזאָגט.

— זאָרג נישט, בלימעלע שיינס! מיר וועלן זיך פון טוראָ-

גי מיט קיין פוס נישט אַרויסרירן, כ׳וועל נאָך סאַקאָוויטשן אַ רעכט ביסל מאַטערן.

— זאָל גאָט העלפן, אַז דו זאָלסט פועלן.

— איך זאָל נישט פועלן?... כ׳וועל פועלן איינמאָל דערפאַר וואָס עס גייט אים וועגן מיר, און צווייטנס, ווייל ווי איך מיין־גייט אים אויך וועגן מיינע גיטער. ברוגז ווערן מיט מיר קאָן ער זייער לייכט און אפילו מיט דער שווערד מיך פאַרוואונדן, אָבער אין אַזאַ פאַל וואָלט אַלץ לאיבוד־געגאַנגען.

און ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זי איז גערעכט. סאַקאָוויטש איז צו איר געקומען אַ פריילעכער און אַ זיכערער אין זיך, און זי האָט אים אויפגענומען מיט אַ זייער גרינגשעצנדיקן מי־נעלע.

— מ׳זאָגט — האָט זי געפרעגט — אַז מחמת מורא פאַר הער בילעוויטשס ווילט איר קיין פרייסן אַנטלויפן?

— נישט פאַר די הערן בילעוויטשס — האָט ער געענטפערט קנייטשנדיק די ברעמען — און נישט מחמת מורא, נאָר איך וועל זיך אַריבערטראָגן אַהין, כדי איך זאָל קענען די רוצחים מיט פרי־שע כוחות קאָנען קעמפן.

— טאָ פאָרט געזונטערהייט.

— וואָס הייסט? מיינט איר, אַז איך וועל פאָרן אָן אייך, מיין איינציקע האָפנונג?

— אַ פחדן זאָל אין אַנטלויפן זען זיין האָפנונג, נישט איך מיר. איר זענט פאַרטרויעלעך, און איך, אַז איך וואָלט געדאַרפט אַ נאָענטן פריינט, וואָלט איך אודאי נישט צו אייך אָנגעקומען.

סאַקאָוויטש איז בלאָס געוואָרן פון כעס. ער וואָלט איר גע־בעגעבן, ווען זי וואָלט נישט געווען אַנושאַ באָזשאַבאָהאַטאַ! גע־דענקענדיק אָבער פאַר וועמען ער שטייט, האָט ער זיך צוריקגע־האַלטן, זיין שרעקלעך פנים מיט אַ שמייכל זיס געמאַכט און גע־ענטפערט, כלומרשט אין קאַטאָוועס;

— עי, כ׳וועל נישט פרעגן! כ׳וועל אַריינזעצן אין קאָטש און אַוועקפירן!

— אַזוי? האָט דאָס מיידל געפרעגט — ווער איך הייסט עס

אקעגן דעם פירשטס פנות, אין געפאנגענשאפט דאָ געהאַלטן? אויב אזוי זאָלט איר וויסן זיין, אז אויב איר וועט דאָס טאָן, וועל איך אין מיין לעבן מער קיין וואָרט צו אייך נישט רעדן, אזוי זאָל מיר גאָט העלפן, ווייל איך בין אין לובני אויפגעצויגן געווארן און פאר פחדנים האָב איך די גרעסטע פאראַכטונג. הלואי וואָלט איך גאָרנישט אריינגעפאלן אין אזעלכע הענט!.. הלואי וואָלט מיך הער באביניטש קיין ליטע געפירט, ווייל דער האָט פאר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט!

— גאָט מיינער! — האָט סאַקאָוויטש אויסגערופן — זאָגט־זשע מיר על־כל־פנים, פארוואָס ווילט איר קיין פרייסן נישט פאָרן?

אָבער אנושאַ האָט גענומען מאכן דעם אָנשטעל, אז זי וויינט און איז פארצווייפלט.

— זיי האָבן מיך, ווי די טאָטערס, אין געפאַנגענשאַפט גענומען. הגם איך בין דורך פירשטין גריזעלדאַ אויפגעצויגן געווארן און קיינער האָט אויף מיר קיין רעכט נישט געהאַט. גענומען און פארשפאַרט, ווילן מעבר־לים ארויספירן, פארמשפטן מיך אויף גלות, און ס'וועט נישט לאַנג דויערן, וועט מען פון מיר נאָך מיט צוואַנגען דאָס פלייש רייסן! אָ גאָט! אָ גאָט!

— האָט־זשע מורא פאר דעם גאָט, צו וועלכן איר רופט!

— האָט דער סטאראסטע אויסגעשריגן — ווער וועט פון אייך מיט צוואַנגען דאס פלייש רייסן?

— ראַטעוועט מיך אַלע הייליקע! — האט אנושאַ שלוכ־צנדיק איבערגעחזרט.

סאַקאָוויטש האָט אליין נישט געוווסט וואָס ער זאָל טאָן; ס'האט אים געשטיקט א ווילדע רציחה, אַ כעס; ווײַלנווייז האט ער געמיינט, אז ער וועט משוגע ווערן, אדער, אז אנושאַ איז משוגע געווארן. צום סוף האט ער זיך איר צו די פיס גע־ווארפן און צוגעזאגט אז ער וועט בלייבן אין טוראגי. דעמאלט האט זי אים גענומען בעטן, אז ער זאל אוועקפארן, אויב ער האט מורא. מיט וואס זי האָט אים צו דער גרעסטער פאר־

צוזייפלונג דערפירט, אזוי, אז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַרויס־גייענדיק, האָט ער געזאָגט:

— גוט! מיר בלייבן אין טוראַגי, און צי איך האָב מורא פאַר די הערן בילעוויטשס, וועט מען בקרוב זען.

און דעם אייגענעם טאָג נאָך האָט ער צוזאַמענגענומען די יתר־הפליטה פון ביצאַוס צעקלאַפּטע חיילות און זיינע אייגענע מענטשן און איז אַוועק, אָבער נישט קיין פּרייסן, נאָר הינטער ראַ־סיעני, קעגן די הערן בילעוויטשס, וועלכע האָבן אין די גירלאַקאַ־ליער וועלדער זייער לאַגער געהאַט אויפגעשלאָגן. זיי האָבן זיך נישט געריכט אויף קיין שום איבערפאַל, ווייל די ידיעה וועגן דעם, אַז די חיילות זאָלן אַרויס פון טוראַגי, האָט מען שוין זייט אַ פּאָר טעג איבערגעחזרט אין דער סביבה. איבערפאַלנדיק זיי אומגעריכט, האָט דער סטאַראָסטע זיי צעטראָגן מיט די שווערדן און קאָפּיטעס. דער שווערד־טרעגער אַליין, וואָס אונטער זיין קאָמאַנדע איז די אָפּטיילונג געשטאַנען, איז פון פּאָגראָם ניצול געוואָרן, אָבער צוויי בילעוויטשס פון אַן אַנדערער ליניע געגען געפאַלן; מיט זיי אַ דריט חלק פון די זעלנער; די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. אַ פּאָר צענדליק געפאַנגענע האָט דער סטאַראָסטע גע־בראַכט קיין טוראַגי, און געהייסן אַלע אומברענגען, נאָך איידער אַנושאַ האָט געקאָנט זיך פאַר זיי אָננעמען.

וועגן פאַרלאָזן טוראַגי האָט מען שוין נישט גערעדט און דער סטאַראָסטע האָט דאָס גאָרנישט גענויטיקט טאָן, ווייל נאָך דעם דאָזיקן נייעם נצחון האָבן די פּאַרטיעס זיך נישט דערוועגט אַריבער־צוגיין אויף דער זייט דוביסאַ.

סאַקאָוויטש איז ביי זיך גרויס געוואָרן און זיך גערימט, אַז ווען לעווענהויפּט וואָלט אים נישט צוגעשיקט אַ טויזנט גוטע ריי־טער, וואָלט ער אין גאַנץ זשאַמעט די מרידה דערשטיקט. אָבער לעווענהויפּט איז שוין אין די דאָזיקע מקומות נישט געווען; און אַנושאַ האָט שלעכט אויפגענומען דעם סטאַראָסטעס באַרימעריי.

— מיטן שווערד־טרעגער — האָט זי געזאָגט — איז עס לייכט צוגעגאַנגען... אָבער ווען דאָרט וואָלט געווען דער, פאַר וועלכן איר מיטן פירשט האָט ביידע געמאַכט פליטה, וואָלט

איר אודאי אויך אָן מיר קיין פרייסן אויף יענער זייט ים אַרויס-געפאָרן.

דעם סטאַראָסטע האָבן די דאָזיקע ווערטער אַ שטאָך-געטאָן ביז אין די זיבעטע ריפּ אַריין.

— קודם-כּל רעדט זיך נישט איין, אַז פּרייסן איז אויף יענער זייט ים, ווייל אויף יענער זייט ים איז שוועדן, און צווייטנס פאַר וועמען האָב איך דאָס אַזוי מיטן פירשט געמאַכט פּליטה?

— פאָרן הער באַבּיניטש! — האָט זי געענטפערט פאַרנייגנדיק זיך מיט גרויס דרך-ארץ.

— הלואי איך זאָל אים אַמאָל טרעפן אויף אַ מהלך פון דער לענג פון אַ שווערד.

— איר וואָלט אודאי טיף ווי אַ שווערד אין דער ערד געלעגן... אָבער רופט נישט אַרויס דעם וואָלף פון וואַלד!

סאַקאָוויטשן האָט זיך טאָקע נישט געגלוסט דעם דאָזיקן וואָלף פון וואַלד אַרויסצורופן, ווייל הגם ער איז געווען אַ מענטש פון אַן אומפאַרגלייכלעכן מוט, האָט ער פונדעסטוועגן פאַר באַביניטשן געפילט כּמעט אַ פאַנאַטישע שרעק, אַזאַ אימהדיקער אָנדענק איז נאָך אים פון דער לעצטער מלחמה פאַרבליבן. ער האָט דערביי נישט געוווסט, צי ער וועט נישט אינגיכן דעם דאָזיקן מוראדיקן נאָמען ווייער דערהערן.

נאָך איידער אָבער ער האָט זיך איבער גאַנץ זשאַמעט צעהילכט, איז צו דער רעכטער צייט אָנגעקומען עפּעס אַן אַנדערע ידיעה, פאַר מאַנכע איז דאָס געווען די פריילעכסטע פון אַלע פרייַלעכע, פאַר סאַקאָוויטשן אָבער אַ שרעקלעכע בשורה, וועלכע עס האָבן אין דריי ווערטער איבערגעחזרט אַלעמענס מיילער אין דער גאַנצער רעפּובליק:

— וואַרשע איז גענומען!

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די ערד האָט זיך געשפּאָלטן אונטער די פיס פון די בוגדים, אָדער אַז דער גאַנצער שוועדישער הימל פאַלט אויף זייערע קעפּ צוזאַמען מיט אַלע אָפּגעטער, וועלכע האָבן, ביז־איצט אויף אים ווי די זונען געלויכטן. ס׳האָט זיך די אייגענע אויערן נישט געוואָלט גלויבן, אַז דער קאַנצלער אָקסענסטיער-

נאַ איז אין געפאַנגענשאַפט, ערסקען איז אין געפאַנגענשאַפט, לעווענהויפט איז אין געפאַנגענשאַפט, ווראַנגעל איז אין געפאַנגענשאַפט, וויטעמבערג, דער גרויסער וויטעמבערג אַליין, וועלכער האָט די גאַנצע רעפּובליק מיט בלוט באַגאָסן, וועלכער האָט אַ העלפט פון איר נאָך פאַר קאַרלס אָנקומען אונטעריאָכט, איז אין געפאַנגענשאַפט! אַז דער קיניג יאַן קאַזשימיעזש טריומפירט, און נאָכן נצחון וועט ער די זינדיקע משפטן.

און די בשורה איז געפלויגן ווי אויף פליגל, זי האָט געבריזט ווי אַ גראַגאַט איבער דער גאַנצער רעפּובליק, זי איז געגאַנגען דורך דערפער, ווייל איין פויער האָט זי דעם צווייטן איבערגעחזרט; זי איז געגאַנגען דורך פעלדער, ווייל די תבואות האָבן מיט איר גערוישט; זי איז געגאַנגען דורך וועלדער, ווייל איין סאָסנע האָט זי דער צווייטער איבערגעחזרט, די אָדלערס האָבן וועגן איר אין דער לופט געקראַקעט — און ערשט יעצט האָט יעדער, וואָס האָט נאָר אַ פוס און אַ האַנט געהאַט, זיך צום געווער געכאַפּט.

כהרף-עין האָט מען אַרום טוראָגי אין דער גיראַלקאָליער מפּלה פאַרגעסן. סאַקאָוויטש, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג אַזוי שרעקלעך געווען, איז אין אַלעמענס, יאָ, אפילו אין זיינע אייגענע אויגן נעבעכדיק געוואָרן: די פּאַרטיעס האָבן אויפסניי גענומען די שוועדישע אָפּטיילונגען באַפאַלן; די בילעוויטשס, וועלכע זענען שוין געקומען צו זיך נאָכן לעצטן פּאָגראָם, זענען בראש פון זייערע פויערן און די רעשטלעך פון דער לאַודער שלאַכטע, ווידער אַריבער די דוביסאַ.

סאַקאָוויטש האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן, ווו ער זאָל זיך קערן און ווענדן, פון וואַנען ער זאָל אויסקוקן אויף הילף. ער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט קיין ידיעות פון פירשט באָגוסלאַוו און אומזיסט האָט ער זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווו ער איז, ביי וועלכע חיילות קען ער זיך איצט געפינען? און ווײַלבוויין איז אים אַ שרעקלעכע מורא באַפאַלן, צי דער פירשט איז אויך נישט אַמאָל אין געפאַנגענשאַפט אַריינגעפאַלן.

אַ גרויל האָט אים אָנגעכאַפּט, ווען ער האָט זיך דער־מאָנט, וואָס דער פירשט האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט די וועגנס קיין ווארשע אָפּשיקן און אַז אויב מ'וועט אים מאַכן פאַר קאָמענדאַנט איבערן גאַרניזאָן אין דער הויפּט־שטאָט, וויל ער בעסער דאָרט זיין, ווייל פון דאָרט איז לייכטער אויף אַלע זייטן זיך אומצוקוקן.

— ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין מענטשן, וועלכע האָבן מיט זיכערקייט געדרונגען, אַז דער פירשט איז אַריינגע־פאַלן אין יאַן קאַזשימיעזשס הענט.

— ווען דער פירשט וואָלט נישט געווען אין ווארשע — האָבן זיי געזאָגט — צו וואָס וואָלט דאַן אונזער לייטזעליקער האר אין דער אַמנעסטיע, וואָס ער האָט לכתּחילה געגעבן אַלע פאַ־ליאַקן, וועלכע זענען ביים גאַרניזאָן פאַרבליבן, אים איינעם אויסגעשלאָסן? ער מוז שוין זיין אין קיניגס רשות, און אַזוי ווי ס'איז באַקאַנט, אַז פירשט יאַנוש קאָפּ האָט געזאָלט אָפּ־געהאַקט ווערן, וועט אוודאי אויך באָגוסלאַווס קאָפּ אַזאַ סוף האָבן.

נאָך לאַנגע טראַכטענישן איז סאַקאָוויטש געקומען צו דער זעלבער איבערצייגונג און ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער פאַרצווייפלונג, ווייל ערשטנס, האָט ער דעם פירשט ליב געהאַט, און צווייטנס, האָט ער געוווּסט, אַז אין פאַל, ווען דער דאָזיקער מעכטיקער פּראָטעקטאָר זאָל אומקומען, וועט די ווילדסטע חיה קאָנען גיכער געפינען אַ מקום־מקלט אין דער רעפּובליק, איידער, ער, וועלכער איז געווען דעם בוגדס רעכטע האַנט.

ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס בלייבט אים נאָך איין זאַך: נישט צורעכענען זיך מער מיט אַנוסאַס ווידערשטאַנד און צו אַנטלויפן יין פּרייסן, דאָרט זוכן ברויט, דינסט.

— אָבער וואָס וועט זיין — האָט דער סטאַראָסטע נישט איינמאָל זיך איין געפרעגט — אַז אויך דער קורפירשט וועט זיך דערשרעקן פאַרן כּעס פון דער פּוילישער מאַיעסטעט און אַלע פּליטים אַרויסגעבן?

ס'איז נישט געווען קיין אויסוועג, און אַ מקום-מקלט זיידן מעבר-לים, אין שוועדן גופא.

צום גליק איז נאָך אַ וואָך פון דער דאָזיקער אומזיכער-קייט און פיין אָנגעקומען פון פירשט באָגוסלאַוו אַ שליח מיט אַ לאַנגן אייגנהאַנטיקן בריוו:

„וואַרשע איז ביי די שוועדן אָפּגאַומען געוואָרן — האָט דער פירשט געשריבן — מיינע וועגנסון חפצים זענען פאַרנע-פאַלן געוואָרן. צוריקציען זיך איז שוין שפּעט, ווייל די שנאה צו מיר איז דאָרט אַזוי גרויס, אַז איך בין פון דער אַמנעסטיע געווען אויסגעשלאָסן. מיינע מענטשן זענען האַרט ביים טויער פון וואַרשע דורך באַביניטשן צעפליקט געוואָרן. קעטלינג איז אין געפאַנגענשאַפט. דער שוועדישער קיניג, דער קורפירשט און איך, צוזאַמען מיט שטיינבאָקן און אַלע כוחות גייען מיר צו דער הויפּט-שטאָט, ווו עס וועט איינגיכן פאָרקומען אַ גענעראַל-שלאַכט. קאַרל שווערט, אַז ער וועט זי געווינען, הגם קאַזשי-מיעזשס געשיקטקייט אין דער אָנפירונג פון דער מלחמה האָט אים נישט ווייניק צעטומלט. ווער וואָלט זיך דאָס געריכט, אַז אין דעם עקס-יעזואיט זיצט אַזאַ גרויסער סטראַטעגיקער? אָבער איך האָב דאָס נאָך ביי בערעסטעטשקאַ איינגעזען, ווייל דאָרט איז אַלץ מיט זיין און ווישניאָוויעצקיס קאָפּ געשען. מיר לייגן אַרויף אונזער האָפנונג אויף דעם, אַז דער לאַנד-שטורם, וועלכן קאַזשימיעזש האָט ביי זיך געהאַט אין אַ צאָל פון אַ פּאָר צענדליק טויזנט, וועט זיך צעקריכן אהיים, אָדער אַז די ערש-טע התלהבות וועט זיך אָפּקילן און ער וועט זיך אַזוי גוט נישט שלאָגן! הלואי גאָט זאָל אַריינברענגען עפּעס אַ מהומה אין לומפּן-געזינדל, דעמאָלט וועט קאַרל קאָנען זיי אַ הויפּט-מפּלה פאַרשאַטן, הגם, וואָס עס וועט זיין דערנאָך, ווייסט מען נישט און די גענעראַלן זאָגן זיך שטילערהייט, אַז די דאָזיקע מרידה איז ווי אַ הידרע, וועלכער עס וואַקסן אַלץ נייע קעפּ אָן. עס רעדט זיך: „צוערשט וואַרשע צוריקנעמען". ווען איך האָב דאָס פון קאַרלס מויל דערהערט, האָב איך געפרעגט, וואָס עס וועט דערנאָך זיין? ער האָט גאָרנישט געענטפערט. און דאָ ווערן

אונזערע כּוחות וואָס אַמאָל קנאַפּער. אָבער זייערע וואַקסן. אַ נייע מלחמה אָנצוהויבן איז נישטאָ מיט וואָס. אי דער מוט איז שוין נישט דער זעלבער און אי קיינער פון אונזערע שטייט שוין נישט צו אַזוי לייכט צו די שוועדן, ווי אין אָנהויב. דער פּעסער דער קורפירשט שווייגט, ווי תמיד, אָבער איך זע שוין גוט, אַז אויב מיר וועלן די שלאַכט פאַרשפּילן, וועט ער אַ טאָג דערנאָך נעמען שלאָגן די שוועדן, כּדי זיך אין קאַזשימיעזשס חסדים איינצוקויפן. ס'איז שווער צו ווערן אַ נבֿנע, אָבער מיר מוזן! הלוואי מ'זאָל מיך נאָר אָננעמען און איך זאָל אַרויס בשלום, נישט אָנווערנדיק דאָס גאַנצע פאַרמעגן. מען מוז נאָר צו גאָט האָבן בטחון, אָבער פון דער מורא איז שווער זיך צו באַפרייען און מען דאַרף זיך ריכטן אויף דאָס שלעכטע. דערפאַר, אַלץ, וואָס מען קאָן פון האָב און גוטס פאַר אַ מזומנעם גראָשן פאַרזעצן אָדער אַפילו פאַרקויפן, זאָלסטו דאָס טאָן, ווען מען זאָל אַפילו דאַרפן שטילערהייט מיט די קאָנפעדעראַנטן אין עסקים זיך אַריינלאָזן. אַליין זאָלסטו מיט אַלע וועגנס קיין בירזשע פאָרן, ווייל פון דאָרט איז נאָענט צו קורלאַנד, כ'וואָלט דיך געהייסן פאָרן קיין פּרייסן, אָבער דאָרט וועט בקרוב פאַר פייער און שווערד נישט זיכער זיין, ווייל באַלד נאָכן פאַרנעמען וואַרשע האָט מען באַבּיניטשן דעם אויפטראָג געגעבן, אַז ער זאָל דורך פּרייסן גיין קיין ליטע די מרידה אונטערהייצן און אויפן וועג ברענען און קוילן. און דו ווייסט דאָך, אַז ער קאָן דאָס. מיר האָבן אים געוואָלט כאַפּן ביים בוג און שטיינבאָק אַליין האָט קעגן אים אַרויסגעשיקט אַ גרעסערע אָפּטיילונג, פון וועלכער ס'איז אָבער קיין שריד-ופליט נישט געבליבן. נעם עס נישט אויף זיך צו וועלן זיך פאַרמעסטן מיט באַבּיניטשן, ווייל די ביסט עס נישט בכּוח צו טאָן, נאָר אייל זיך קיין בירזשע.

„דער פּיבער האָט מיך אינגאַנצן אָפּגעלאָזט, בפרט אַז די געגנט דאָ איז אַ הויכע און אַ טרוקענע און נישט אַזאַ זומפּיקע, ווי אין זשאַמעט. גאָט זאָל דיך שיצן א. א. וו.

אויף וויפיל דער סטאַראָסטע האָט זיך דערפרייט, וואָס דער בירשט לעבט און איז געזונט, אויף אַזוי פיל האָבן אים די וויי-

עס באַאומרויקט. ווייל אויב דער פירשט האָט פאַרויסגעזען, אַז אַפילו אַ געוווּנענע גענעראַל־שלאַכט וועט נישט בכוח זיין אויסצוגעסערן דעם שלעכטן מצב פון די שוועדן, טאָ וואָס האָט ער ערשט געקאָנט דערוואַרטן אין דער צוקונפט? ס׳קאָן זיין, אַז דעם פירשט וועט זיך איינגעבן צו געפינען אַ שוץ אונטערן מאַנטל פון כיטרן קורפירשט און אים, דעם הער סאַקאָוויטש, אונטער דעם פירשטס מאַנטל, אָבער וואָס טוט מען דערווייל אין קיין פרייסן?

הער סאַקאָוויטש האָט אויך אָן פירשטס עצות געוווּסט, אַז ער דאַרף באַבּיניטשן נישט גיין אין וועג אַריין. ער האָט דערצו נישט געהאַט קיין כוחות און אויך נישט קיין חשק. איז געבליבן בירזשע, אָבער אויך דאָס איז צו שפּעט! אויפן וועג קיין בירזשע ליגט בילעוויטשס פאַרטיע, ליגט אַ מאַסע אַנדערע פון שלאַכטע, פויערן, גלחים און גאָט ווייסט פון וועמען נאָך, וועלבע וועלן בלויז אויף דער ידיעה זיך צונויפנעמען און אים צעשטויבן, אַז עס וועט פון אים קיין אָנצייכעניש נישט בלייבן, און ווען זיי זאָלן זיך אַפילו נישט צונויפנעמען, ווען ער זאָל זיי מקדים זיין דורך אַ בחפזונדיקן און דרייסטן מאַרש, וועט מען אויפן וועג אין יעדן דאָרף, אויף יעדן זומפּ, אין יעדן פעלד און וואַלד אַ שלאַכט מוזן פירן. ווי גרויס וואָלטן די כוחות געמוזט זיין, כדי כאָטש מיט אַ דרייסיק רייטער ביז בירזשע אָנצושפּאַרן? בלייבן ווידער אין טוראָגי? אויך דאָס איז שלעכט, ווייל בינו־לבינו וועט בראש פון אַ מעכטיקער טאָטערישער מחנה דער שרעקלעכער באַבּיניטש אָנקומען; אַלע פּאַרטיעס וועלן צו אים זיך צונויפלויפן און ער וועט טוראָגי ווי מיט אַ מבול פאַרפלייצן און נעמען אַזאַ נקמה, וואָס אַזעלכע איז ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט געהערט געוואָרן.

צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט דער ערשט נישט לאַנג אַזוי דרייסטער סטאַראָסטע דערשפּירט, אַז ער איז אומבאהאָלפן, אַז ער איז נישט בכוח עפּעס אונטערצונעמען, אַז ער איז אָפּהענטיק אין אַ מאָמענט פון סכנה.

און אויפן צווייטן טאָג האָט ער ביצאָון, ברוינען און נאָך
אַ פּאָר חשובערע אָפיצירן אויף אַ בעראַטונג גערופן.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו בלייבן אין טוראָגי און צו
וואַרטן אויף נייעס פון װאַרשע.

אָבער ברוין איז פון דער דאָזיקער אסיפה גלייך אוועק
אויף אַ צווייטער בעראַטונג, דהיינו: צו אַנושאַ באַזשאָבאָהאָטאַ.

לאַנג, לאַנג האָבן זיי זיך ביידע בעראָטן, צום סוף איז
ברוין ארויסגעגאַנגען אַ שטאַרק אויפגערעגטער און אַנושאַ האָט,
ווי אַ שטורעם צו אַלענקאַן אריינגעפלאַצט.

— אַלענקאַ! די צייט איז געקומען! — האָט זי באַלד
אויף דער שוועל אויסגעשריגן — מיר מוזן אַנטלויפן!

— ווען? — האָט דאָס מוטיקע מיידל געפרעגט און איז
דערביי אַביסל בלאַס געוואָרן, זי האָט זיך אָבער תיכף אויפ־
געשטעלט צום צייכן, אַז זי איז שוין גרייט!

— מאָרגן, מאָרגן! ברוין האָט די קאָמאַנדע, אין סאַקאָ־
וויטש וועט שלאָפן אין דער שטאָט, ווייל הער דזשעשוך וועט
אים אויף אַ באַל פארבעטן. הער דזשעשוך איז שוין לאַנג
איבערגעדייבערט און וועט אים עפּעס צום וויין צומישן. ברוין
זאָגט, אַז ער וועט אַליין גיין און פופציק רייטער מיטפירן. אוי,
אַלענקאַ, אַלענקאַ! ווי גליקלעך איך בין! ווי גליקלעך איך בין!

דאָ האָט אַנושאַ זיך געוואָרפן דעם פרייליין בילעוויטש
אויפן האַלז און גענומען זי דריקן מיט אַזאַ גדולה, אַז יענע
האָט אַזש אַ פאַרחידושטע געפרעגט:

— וואָס איז דיר אַנושאַ? דו האָסט דאָך שוין לאַנג
געקאָנט ברוינען דערצו אָנרעדן?

— כ'האָב געקאָנט אָנרעדן? יאָ, כ'האָב געקאָנט! האָב
איך דיר נאָך גאָרנישט געזאָגט? אָ גאָט! גאָט! דו ווייסט גאָר־
נישט? הער באַבּיניטש גייט דאָ אהער! סאַקאָוויטש און זיי
אַלע שטאַרבן שיר נישט פון שרעק!.. הער באַבּיניטש גייט!
ברענט! קוילעט! פון איין אָפּטיילונג האָט ער קיין זכר נישט
איבערגעלאָזט, שטיינבאָקן אַליין האָט ער אַ מפּלה פאַרשאַפט
ער גייט מיט גיכע מאַרשן, ווי ער וואָלט זיך געאיילט! און צו

וועמען קאָן ער זיך דאָ איילן? זאָג, צי בין איך נישט א באַר?

דאָ האָבן טרערן א פינקל=געטאָן אין אַנושאַס שוואַרץ=אַפּלען, אָלענקאַ ווידער האָט די האַנט ווי צו א תּפלה צונויפ=געלייגט און אויפהויבנדיק די אויגן, געזאָגט:

— צו וועמען ער זאָל זיך נישט איילן, זאָל גאָט אים מצליח זיין, זאָל ער אים בענטשן און באַשיצן!

9 קאַפּיטל

ווילנדיק זיך דורכקריגן פון וואַרשע אין פירשטלעכן פּרייסן און קיין ליטע, האָט הער קמיטשיץ באַלד אין אָנהויב באמת נישט געהאַט קיין לייכטע מערכה, ווייל נישט ווייטער, ווי אין סעראָצק איז געשטאַנען אַ גרויסע שוועדישע מאַכט. קאַרל גוס־טאַוו האָט אין זיין צייט איר בפירוש געהייסן דאָרט אָפּשטעלן, כדי זי זאָל שטערן די באַלאַגערונג פון וואַרשע, אָבער היות וואַרשע איז שוין געווען גענומען, האָט די דאָזיקע אַרמיי דער־ווייל נישט געהאַט עפּעס בעסערס צו טאָן, ווי נישט דורכצולאָזן די אָפּטיילונגען, וועלכע יאַן קאַזשימיעזש וואָלט קיין ליטע אָדער פּרייסן וועלן שיקן. אין איר שפּיץ איז געשטאַנען דוגלאַס, אַ דורכגעטריבענער מלחמה־מאַן וואָס איז ווי קיינער פון די שווע־דישע גענעראַלן געווען אַ מומחה אויף צו פירן אַפּגעריסענע קאַמפּן, און די צוויי פּוילישע בוגדים: ראַדזשעיאָווסקי און ראַ־דזיוויל. עס זענען מיט זיי געווען צוויי טויזנט אויסגעצייכנטע פוס־גייער און אַזוי פיל רייטער און אַרטילעריע. אַז זיי האָבן געהערט וועגן קמיטשיצס עקספּעדיציע, האָבן די פירער, וועלכע

האָבן אַזוי אויך געדאַרפט זיך דערנענטערן צו ליטע, כדי צו ראַטעווען טיקאָטשין, וועלכע איז אויפסנייַ באַלאַגערט געוואָרן דורך די מאַזורן אין פּאָלעסיע, ברייט אויסגעשפּרייט נעצן פאַרן הער אַנדזשעי, אין דריי־עק ביים בוג, צווישן סעראָצק פון איין זייט, זלאָטאָריאַ פון דער צווייטער זייט און אָסטראָלענקאָ אין שפּיץ.

און קמיטשיץ האָט געמוזט דורכגיין דורכן דאָזיקן דריי־עק, ווייל ער האָט זיך געאײַלט, און דאָרט־אַרום איז דער וועג אים געווען צום נאָענטסטן. ער האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט, אַז ער איז אין אַ נעץ, אָבער היות ער איז געווען געוווינט צו אַזאַ אופן פון מלחמה־האַלטן, האָט ער זיך נישט אָפּגעשראָקן ער האָט גערעכנט דערויף, אַז די דאָזיקע נעץ איז צו שטאַרק אויסגעצויגן און דעריבער זענען די אויגן אין איר אַזוי ברייט, אַז אין אַ נויט־פאַל וועט ער זיך קאָנען דורך זיי דורכקריגן.

נאָכמער: הגם מ׳האָט אים פעסט נאָכגעיאָגט, איז ער נישט בלויז אָפּגעט פרונגען, נישט בלויז זיך אַרויסגעדרייט, נאָר אויך אַליין נאָכגעיאָגט. קודם כל איז ער הינטער סעראָצק אַריבער דעם בוג, האָט מיטן ברעג פון טייך ביז ווישקאָוו אָנגעשפּאַרט, אין בראַנשטשיק דרייהונדערט רייטער, וואָס זענען אויף אויסשפּירונג אַרויסגעשיקט געוואָרן, פאַרטיליקט ביז איינעם אַזוי, אַז עס איז, ווי דער פירשט האָט געשריבן, קיין שריד־ופליט פון זיי נישט געבליבן. דוגלאַס אַליין האָט אין דלוגאָשיאָדלאָ זיך אויף אים אַ וואָרף־געטאָן, אָבער קמיטשיץ האָט די רייטער צעקלאַפּט, זיך מחוץ זיי דורגעקריגן און אַנשטאַט אין גרעסטן אײַלעניש צו אַנטלויפן, איז ער פאַר זיי אין די אויגן געגאַנגען אַזש ביז נאַרווע, וועלכע ער איז אַריבערגעשווומען. דוגלאַס איז געבליבן ביי איר ברעג, וואַרטנדיק אויף שיפלעך, אָבער ביז מ׳האָט זיי געבראַכט איז קמיטשיץ אין דער טיפער נאַכט ווידער דורכן טייך צוריק געקומען און וואַרפנדיק זיך אויף די פאָדערשטע שוועדישע וואַכן, האָט ער אַרייַנגעבראַכט אַ בהלה און אַ צעטי־שעניש און דוגלאַסעס גאַנצע דיוויזיע.

דער אַלטער גענעראַל איז נבהל ונשתומם געוואָרן פון דעם דאָזיקן אויפטו, אָבער צומאָרגנס איז זיין פאַרוואונדערונג געווען

נאָך גרעסער, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אז קמיטשיץ איז די ארמיי ארומגעגאַנגען און צוריקקומענדיק אויפן אָרט, פון וועלכן מ'האָט אים ווי אַ חיה אַרויסגעטריבן האָט ער אין בראַנ־שטשיק פאַרכאַפּט די שוועדישע וועגנס, וואָס זענען די אַרמיי נאָכגעפאָרן, צוזאַמען מיטן שלל און דער קאַסע און דערביי אויסגעקוילעט די באַגלייטונג פון פינף הונדערט פוס־גייער.

עס זענען צייטנווייז אריבער גאַנצע טעג, וואָס די שוועדן האָבן מיטן בלויזן אויג געזען זייערע טאַטערס אין עק פון האַ־ריוואָנט און זיי האָבן צו זיי נישט געקאָנט דערגרייכן. דערפאַר האָט הער אַנדזשעי יעדע ווײַלע עפּעס אָפּגעפּליקט. דער שוועדישער זעלנער איז מיד און מאַט געוואָרן, און די פּוילישע פּאָלקן, וועלכע האָבן זיך נאָך געהאַלטן ביי ראַדזשעיאָווסקין, הגם זיי זענען באַשטאַנען פון נישט־קאַטאָליקן, האָבן נישט גערן געדינט. דערפאַר האָט די באַפעלקערונג מיט התלהבות צוגעדינט דעם באַרימטן פּאַרטיזאַנט. ער האָט געוווּסט וועגן יעדער באַוועגונג, וועגן דער קלענסטער אָפּטיילונג, וועגן יעדן וואָגן, וואָס איז אַרויסגעפאָרן, אָדער איז געבליבן פון הינטן. אָפטמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז ער שפּילט זיך מיט די שוועדן, אָבער דאָס זענען געווען שפּילערייען פון אַ טיגער. די גע־פאַנגענע האָט ער נישט געלאָזט לעבן, ער האָט די טאָטערס געהייסן זיי אויפהענגען, ווייל דאָס אייגענע האָבן איבעריקנס די שוועדן אין דער גאַנצער רעפּובליק געטאָן. ווײַלנווייז האָט מען געקאָנט מיינען, אַז עס איז אים באַפאַלן אַ ווילד משוגעת, ווייל ער פלעגט מיט אַ בלינדער, עזותדיקער דרייסטקייט זיך וואַרפן אויף איבערוועגנדיקע כוחות.

— אַ משוגענער פּירט־אָן מיט דער דאָזיקער אָפּטיילונג — האָט דוגלאַס וועגן אים געזאָגט.

— אָדער אַ ווילדער הונט — האָט ראַדזשעיאָווסקי צו־געגעבן.

באָגוסלאַוו האָט געהאַלטן, אַז אי דאָס ערשטע און אי דאָס צווייטע, נאָר צונויפגעפּאָרט מיט אַן אויסגעצייכנטן זעלנער, מיט שטאָלץ האָט ער אויך דערציילט די גענעראַלן, אַז ער

האָט דעם דאָזיקן ריטער צוויי מאָל מיט דער אייגענער האַנט אויף דער ערד אומגעוואָרפן.

באַבינישש האָט טאַקע באַזונדערס אים מיט דער גרעס־טער פאַרביטערונג גערודפט. ער האָט אים אַ פּנים געזוכט; אַליין אַ פאַרפאָלגטער, האָט ער פאַרפאָלגט.

דוגלאַס האָט זיך משער געווען, אַז עס מוז אין דעם זיין עפּעס אַ פּריוואַטע שנאה.

דער פירשט האָט נישט געלייקנט, הגם ער האָט קיין שום דערקלערונגען נישט געגעבן. ער האָט אויך באַבינישן מיט דער אייגענער מטבע אָפּגעצאָלט, ווייל נאָכטוענדיק דעם ביישפּיל פון כאָוואַנסקין, האָט ער באַשטימט אַ פּרייז פאַר זיין קאָפּ, און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט ער באַשלאָסן אויסצוגיצן זיין שנאה צו אים און טאַקע דורך איר אין אַ נעץ אים אַריינפירן.

— ס'איז שוין פּשוט אַ חרפה אַזוי לאַנג מיטן דאָזיקן רוצח זיך צו ראַנגלען — האָט ער געזאָגט צו דוגלאַסן און ראַדזשעיאָווסקין — ער דרייט זיך אַרום אונז, ווי אַ וואָלף אַרום דער סטאַדע, און גליטשט זיך פון צווישן די פינגער אַרויס. איך וועל גיין מיט אַ נישט גרויסער אָפּטיילונג אים צו אַ קאַמף אָנלאָקן, און אַז ער וועט זיך אויף מיר וואַרפן, וועל איך אים אַזוי לאַנג אויף מיר אָויפהאַלטן, ביז איר וועט מיט אייערע חיילות נישט אָנקומען; דעמאָלט וועלן מיר דעם פויגל פון דער פּאַסטקע נישט אַרויסלאָזן.

דוגלאַס, וועלכן דאָס געיעג איז שוין לאַנג נמאס גע־וואָרן, האָט געשטעלט נאָר אַ שוואַכן ווידערשטאַנד, טענהנדיק, אַז ער קאָן און דאַרף נישט איינשטעלן דאָס לעבן פון אַזאַ גרויסן מלוכה־מאַן און קרוב פון מלכים, כּדי צו כאַפּן איין רויבער, אָבער אַז דער פירשט האָט זיך איינגעשפּאַרט, האָט ער נאָכגעגעבן.

ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז דער פירשט וועט גיין מיט אַן אָפּטיילונג פון פינף הונדערט רייטער, אָבער יעדן רייטער וועט ער היגטער די פּלייצעס אָוועקזעצן אַ פוס־גייער מיט אַ ביקס.

דער צוועק פון דער דאָזיקער המצאה האָט געזאָלט זיין אַריינצו־פירן באַביניטשן אין אַ טעות.

— ער וועט זיך נישט איינהאַלטן, אַז ער וועט דערהערן וועגן נאָר פינף הונדערט רייטער און ער וועט בלי־ספק אָנגרייפן — האָט דער פירשט געזאָגט — אָבער אַז די פּוס־גייער וועלן אים אין די אויגן אַריין אַ שפּיי טאָן, וועלן זיינע טאָטערס זיך צעפליען ווי זאַמד... און אַליין וועט ער פאַלן אָדער מיר וועלן אים באַקומען לעבעדיקערהייט...

דעם דאָזיקן פּלאַן האָט מען דורכגעפירט גיך און מיט אַ גרויסער פּינקטלעכקייט. קודם־כל האָט מען אין משך פון צוויי טעג אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג, אַז אַן אָפּטיילונג פון פינף הונדערט רייטער זאָל אונטער באַגוסלאַווס קאָמאַנדע אַרויסגעשיקט ווערן. די גענעראַלן זענען זיכער געווען, אַז די אָרטיקע באַפעלקערונג וועט וועגן דעם מודיע זיין באַביניטשן. ס'איז טאַקע אַזוי געשען.

דער פירשט האָט אין אַ טיפער און פינסטערער נאַכט זיך געלאָזט קיין וואָנסאָוו און יעלאָנקאַ, איז אין טשערעווין אַריבער צום טייך און איבערלאָזנדיק די רייטער אין הוילן פעלד, האָט ער די פּוס־גייער באַהאַלטן אין די נאָענטע וועלדלעך, כדי זיי זאָלן אומגעריכט קאָנען פון דאָרט אַרויסקומען. דערווייל האָט דוגלאַס געזאָלט מאַרשירן מיטן ברעג פון דער נאַרוואַ, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער גייט קיין אָסטראָלענקאַ ראַדזשעיאָווסקי ווידער האָט מיט לייכטערע רייטער־פּאָלקן געזאָלט צונטערקומען פון קשיענזשאָפּאָלע.

אַלע דריי פירער האָבן גענוי נישט געוווּסט, ווי באַביניטש איז אין דעם מאָמענט, ווייל פון די פויערן האָט מען דאָס בשום אופן נישט געקאָנט דערגיין, און די רייטער האָבן קיין טאָטערס נישט געקאָנט כאַפּן. דוגלאַס האָט אָבער אָנגענומען, אַז באַביניטשס הויפּט־כוחות שטייען אין שניאַדאָוו און ער האָט זיי געוואָלט אַרומרינגלען אַזוי, אַז ווען באַביניטש וועט אַרויסמאַרשירן קעגן פירשט באַגוסלאַוו, זאָל ער אים פון דער ליטווישער גרענעץ אונטערקומען און דעם צוריקצוג אים אָפּשניידן.

אַלץ האָט ווי צוגעדינט די שוועדישע פּלענער. קמיטשיץ איז טאַקע געווען אין שניאַדאָוו און קוים איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה וועגן באָגוסלאַווס אָפּטיילונג, איז ער תּיכּף פאַרפאַלן געוואָרן אין די וועלדער, כּדי בײַ טשערווין אומגעריכט פון זיי אַרויסצוקריכן.

פאַרקערעווענדיק פון דער נאַרוואַ האָט דוגלאַס אין אַ פּאָר טעג אַרום אָנגעטראָפן אויף שפּורן פון אַ טאָטערישן מאַרש און ער איז געגאַנגען מיט דעם זעלבן וועג, ער איז, הייסט עס באַביניטשן שוין פון הינטן נאָכגעגאַנגען. די היץ האָט מוראַדיק געמאַטערט די פערד און די מענטשן, וואָס זענען אין אײַזערנע בלעכן געווען אָנגעטאָן, אָבער דער גענעראַל האָט נישט געקוקט אויף די דאָזיקע מניעות און איז געגאַנגען פאָרויס, שוין פולשטענדיק זיכער, אַז ער וועט באַביניטשס מחנה באַפאַלן אומגעריכט און אין מאָמענט פון אַ שלאַכט.

נאָך צוויי טעג מאַרשירן האָט ער לסוף אָנגעשפּאַרט אַזוי נאָענט צו טשערעווין, אַז מ׳האָט דעם רויך פון די כאַלופּעס געזען. דעמאָלט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און באַזעצנדיק אַלע דורכגענג, די קלענסטע שטעגן, האָט ער געוואַרט.

מאַנכע אָפיצירן האָבן פרייוויליק געוואָלט גיין און תּיכּף אָנגרייפן, אָבער ער האָט זיי צוריקגעהאַלטן, זאָגנדיק:

— אַז באַביניטש וועט נאָכן אָנגריף אויפן פירשט אײַנזען, אַז ער האָט צו טאָן נישט בלויז מיט רײַטער, נאָר אויך מיט פוסגייער, וועט ער זיך מוזן צוריקציִען... און אפשר צוריקקערן נאָר מיטן אַלטן וועג... דעמאָלט וועט ער צו אונדז, ווי אין די אָפענע אָרעמס אַרײַנפאַלן.

ס׳איז בכן נאָר געבליבן אויפצושפּיצן די אויערן, צי עס טראָגט זיך נישט אָן אַ געהייל פון טאטערס און די ערשטע שאָסן פון ביקסן.

דערווײַל איז אַריבער אַ טאָג און אין די טשערווינער וועלדער איז שטיל געווען, ווי עס וואָלט דאָרט קיינמאָל קיין זעלנערישער פוס נישט געשטאַנען.

דוגלאַס איז געוואָרן אומגעדולדיק און פאַרנאַכט האָט ער

אַ קליינע אָפּטיילונג צו די פעלדער אַרויסגעשיקט, אָנזאָגנדיק, אַז זי זאָל זיין זייער פּאָרזיכטיק.

די אָפּטיילונג איז צוריקגעקומען שפּעט אין דער נאַכט און האָט גאָרנישט געהאַט געזען און גאָרנישט געפינען. פּאַרטאָגס האָט דוגלאַס אַליין מיט אַלע כּוחות זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג אַריין.

נאָך אַ פּאָר שעה מאַרשירן איז ער צוגעקומען צו אַן אָרט, אויף וועלכן ס'איז קענטיק געווען, אַז דאָרט זענען געשטאַנען זעלנער. מ'האָט געפינען רעשטלעך פון סוכאַרעס, צעהאַקט גלאָז, שטיקלעך פון מלבושים און אַ פּאַסעק מיט פּאַטראָנעס, וועלכע ס'האָבן באַנוצט די שוועדישע פוס-גייער; אָבער אין ערגעץ האָט מען זיי נישט געזען. ווייטער אויף דער פייכטער לאָנקע האָט דוגלאַס פּאָדערשטע וואַך באַמערקט אַ סך טיפע שפּורן פון שווערע רייטער-פערד, און אויפן ברעג סימנים פון טאָטערישע פערד; נאָך ווייטער איז געלעגן אַ נבלה פון איין פערד, פון וועלכן די וועלף האָבן אָקאָרשט געהאַט די בעבעכעס אַרויסגעצויגן. אויף אַ פּאָר הונדערט שריט פון דאָרט האָט מען געפינען אַ טאָטערישע פייל אָן אַ שפּיץ. באָגוסלאַוו האָט אַ פּנים זיך צוריקגעצויגן און באַבינטש איז אים נאָכגעגאַנגען.

דוגלאַס האָט פאַרשטאַנען, אַז עס האָט געמוזט געשען עפּעס אומגעווינלעכס.

אָבער וואָס? דערויף איז נישט געווען קיין תּשובה. דוגלאַס האָט זיך פאַרטראַכט. מיט אַמאָל האָט זיינע מחשבות איבערגעריסן אַן אָפיציר פון דער פּאָדערשטער וואַך.

— הויך-ווירדיקער הער! — האָט ער געזאָגט — דורך די קוסטעס זעט מען אויף אַ מרחק פון אַ פּאָר הונדערט שריט אַ פּאָר מענטשן אין אַ קופּע. זיי רירן זיך נישט, ווי זיי וואָלטן אויף דער וואַך געשטאַנען. כ'האָב צוריקגעהאַלטן די וואַך, כּדי אייך וועגן דעם צום מעלדן.

— רייטער, אָדער פוס-גייער? — האָט דוגלאַס געפרעגט.

— פוס-גייער, זיי זענען פיר, אָדער פינף מאַן אין אַ קופּע, מ'קאָן נישט גוט אָנציילן, ווייל די צווייגן פאַרשטעלן, אָבער עס

שלאָגט פון זיי אַ געלע קאָליר, ווי דאָס וואָלטן אונזערע שיסער געווען.

דוגלאַס האָט מיט די קני דאָס פערד אַ דריק־געטאָן, האָט האַסטיק אַ יאָג־געטאָן צו דער ערשטער וואַך און זיך מיט איר געלאָזט לויפן פאָרויס דורך די קוסטעס, וואָס זענען וואָס אַ מאָל שיטערער געוואָרן, האָט מען ווייטער אין טיפן וואַלד געזען אַ גרופּע זעלנער, וואָס זענען פולשטענדיק אומבאַוועגלעך אונטער אַ בוים געשטאַנען.

-- אונזערע, אונזערע! — האָט דוגלאַס געזאָגט — דער פירשט מוז זיין נאָענט.

-- אַ פלא! — האָט דער אָפיציר אין אַ ווילדע אַרום זיך אָנגערופן — זיי שטייען אויף דער וואַך און קיינער פון זיי רופט זיך נישט אָן הגם מיר גייען מיט אַ רעש.

אין־דעם האָבן די קוסטעס זיך אויסגעלאָזט און עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ וואַלד מיט ברייטע בלויזן. דעמאָלט האָבן דוג־לאַס און זיינע מענטשן דערזען, ווי פיר מענטשן שטייען אינ־איינעם, האַרט איינער נעבן צווייטן און ווי זיי וואָלטן אויף דער ערד געקוקט. כון קאָפּ האָט ביי יעדן אַ שוואַרצער פאַס אַרויסגעשטאַרט.

-- הויך־ווירדיקער הער! — האָט דער אָפיציר מיט אַ מאָל געזאָגט — די דאָזיקע מענטשן הענגען!

-- יאָ! — האָט דוגלאַס געענטפערט.

און צוויילנדיק די טריט האָבן זיי זיך אויף אַ ווילע האַרט נעבן די טויטע קערפּערס אָפּגעשטעלט. פיר פוס־גייער זענען געהאָנגען אויף פעטליעס צוזאַמען, ווי אַ קופּע העז, מיט די פיס קוים אויף אַ צאָל איבער דער ערד געהויבן, ווייל אויף אַ נידריקער צווייג.

דוגלאַס האָט אויף זיי אַ קוק־געטאָן גענוג גלייכגילטיק און דערנאָך האָט ער געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— דערפון ווייסן מיר, אַז אי דער פירשט און אי באַ־ביניטש זענען דאָ אַרום דורכגעגאַנגען.

און ער האָט זיך ווידער פאַרטראַכט, ווייל ער האָט אַליין

טפשו נישט געוווּסט, צי ער זאָל ווייטער גיין מיטן דאָזיקן וואַלד־וועג, אָדער זיך אַריבערקלייבן אויפן גרויסן אָסטראָלענ־קער שליאַך.

דערווייל האָבן זיי מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער ווידער צוויי טויטע קערפּערס אַנטדעקט. דאָס זענען אַ פּנים געווען הינ־טערשטעליקע אָדער קראַנקע זעלנער, וואָס זענען געכאַפּט גע־וואָרן דורך באַבּיניטשס טאַטערס, וועלכע זענען דעם פירשט נאָכגעגאַנגען.

אָבער פאַרוואָס האָט דער פירשט זיך צוריקגעצויגן?

דוגלאַס האָט אים צו גוט געקענט, דאָס הייסט סיי זיין מוט און סיי זיין אויסגעפּרוווטקייט אין מלחמה־פירונג, אַז ער זאָל אַפילו אויף אַ רגע דעם געדאַנק צולאָזן, דאָס דער פירשט האָט נישט געהאַט קיין גענוגנדיקע סבות דערצו. ס'האָט דאָרט אָן ספק עפּעס געמוזט פאָרקומען.

ערשט צומאָרגנס איז די זאַך אויפגעקלערט געוואָרן. העל־ביעס קאָרניאַ איז מיט אַן אָפּטיילונג פון דרייסיק רייטער אָנגעקומען פון פירשט באָגוסלאַוו מיט דער מיטטיילונג, אַז דער קיניג יאַן קאַזשימיעזש האָט אויף יענער זייט בוג אַרויסגעשיקט קעגן דוגלאַסן דעם וויצע־העטמאַן גאָשיעווסקי מיט זעקס טויזנט ליטווישע און טאָטערישע רייטער.

— מיר האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט — האָט העלביעס בעזאָגט — נאָך איידער באַבּיניטש איז אָנגעקומען, ווייל ער איז געגאַנגען זייער פאָרזיכטיק, שלעפּנדיק און לאַנגזאַם. העט גאָשיעווסקי געפינט זיך אַ פיר אָדער פינף מייל פון דאַנען. באַקומענדיק די ידיעה, האָט דער פירשט זיך געמוזט בהפזונדיק צוריקציען, כדי זיך צו פאַרייניקן מיטן הער ראַדזשע־יאָווסקי, וועלכער האָט לייכט געקאָנט פאַרטיליקט ווערן. גייענ־דיק אָבער גיך האָבן מיר זיך בשלום פאַרייניקט. דער פירשט האָט באַלד אויך פאַנאַנדערגעשיקט אין אַלע זייטן אָפּטיילונגען צו אַ פּאָר צענדליק רייטער מיט אַ מיטטיילונג צו אייך, הויך־ווירדיקער הער. אַ סך פון זיי וועלן אַריינפאַלן אין טאָטערישע

אָדער פויערישע הענט, אָבער אין אזא מלחמה קאָן אנדערש נישט זיין.

— ווו זענען דער פירשט און דער הער ראַדזשעיאָוו־סקי?

— צוויי מייל פון דאַנען, ביים ברעג.

— האָט דער פירשט דאָס גאַנצע חייל מיטגעבראַכט?

— די פוס־גייער האָט ער געמוזט איבערלאָזן און זי קליבט זיך דורך די געדיכטסטע וועלדער, כדי פון די טאָטערס זיך אויסבאַהאַלטן.

— אַזעלכע רייטער ווי די טאָטערישע קאָנען אפילו דורך די גרעסטע געדיכטענישן גיין. איך ריכט זיך שוין נישט צו זען די דאָזיקע פוס־גייער. אָבער קיינער איז אין דעם נישט שולדיק און דער פירשט האָט געהאַנדלט, ווי א געניטער פי־רער.

— דער פירשט האָט איין גרעסערע אָפּטיילונג א וואָרף־געטאָן צו אָסטראָלענקאָ־צו, כדי דעם ליטווישן שאַץ־מייסטער אין א טעות אריינצופירן. זיי וועלן זיך אָן שהיות לאָזן אהין, מיינענדיק, אַז אונזערע גאַנצע ארמיי איז אַוועק קיין אָסטראָ־לענקאָ.

— דאָס איז גוט — האָט דער דערפרייטער דוגלאַס גע־זאָגט — מיר וועלן זיך מיטן הער שאַץ־מייסטער אַן עצה געבן.

אין נישט פארלירנדיק קיין איין מינוט האָט ער געהייסן מאַרשירן, כדי זיך מיטן פירשט באָגוסלאַוו און ראַדזשעיאָווסקין צו פאַרייניקן. דאָס איז געשען נאָך דעם אייגענעם טאָג צו דער גרויסער שמחה באַזונדערס פון הער ראַדזשעיאָווסקין, וועל־כער האָט פאַר געפאַנגענשאַפט מער מורא געהאַט ווי פאַרן טויט, ווייל ער האָט געוווסט, אַז אַלס בוגד און חייב אין אַלע אומגליקן פון דער רעפּובליק, וואָלט אויף אים געוואַרט א האַר־בער פּסק.

איצט אָבער, נאָכן פאַרייניקן זיך מיט דוגלאַסן, האָט די שוועדישע אַרמיי באַטראָפן העכער פיר טויזנט מאַן, זי האָט

דעריבער מיט הצלחה געקאָנט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם וויצע-העטמאַנס כוחות. ער האָט אַכט געהאַט זעקס טויזנט רייטער, אָבער די טאָטערס, אַ חוץ באַביניטשס, וועלכע זענען געווען זייער גוט אויסגעבילדעט, האָבן אין אַן אָנגריף-מלחמה נישט געקאָנט באַנוצט ווערן, און אויך הער גאָשיעווסקי אַליין, הגם ער איז געווען אַ דורכגעטריבענער און געלערנטער מלחמה-פירער, האָט אָבער נישט געקאָנט, אַזוי ווי טשאַרניעצקי, אין די מענטשן אַזאַ פייער אָנצינדן, אַז זיי זאָלן פאַר קיין שום זאַך זיך נישט צוריקשרעקן.

דוגלאַס האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען צו וואָס יאַן קאַזשימיעזש האָט געקאָנט אַרויסשיקן דעם וויצע העטמאַן אויף יענער זייט בוג. דער שוועדישער קיניג צוזאַמען מיטן קורפירשט האָבן מאַרשירט אויף וואַרשע, צו אַ גענעראַל-שלאַכט האָט בכן פריער אָדער שפּעטער געמוזט דאָרט קומען. און הגם קאַזשימיעזש איז שוין געשטאַנען בראש פון אַן אַרמיי, וואָס איז אין כוחות געווען גרעסער פון די שוועדן און בראַנדענבורגער, פונדעסטוועגן האָבן זעקס טויזנט מוטיקע זעלנער מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ צו גרויסן כוח, אַז דער פּוילישער קיניג זאָל זיך גוטוויליק פון אים באַפרייען.

אמת, אַז הער גאָשעווסקי האָט אויך באַביניטשן פון אַ צרה אַרויסגעראַטעוועט, אָבער באַביניטשן צו הילף האָט דאָך דער קיניג נישט געדאַרפט אַ גאַנצע דיוויזיע אַרויסשיקן. ס'איז בכן אין דער דאָזיקער עקספּעדיציע געווען עפּעס אַ פאַרבאָרגענער ציל, וועלכן דער שוועדישער גענעראַל האָט, נישט-געקוקט אויף זיין גאַנצער חריפות, נישט געקאָנט תופס זיין.

אין אַ בריוו פון שוועדישן קיניג, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן מיט אַ וואָך שפּעטער, האָט זיך געשפּירט אַ גרויסע אומרויקייט און עפּעס ווי אַ שרעק צוליב דער דאָזיקער עקספּעדיציע, אָבער אַ פּאָר ווערטער האָבן אויפגעקלערט איר צוועק. לויט קאַרל גוסטאַווס מיינונג איז דער העטמאַן אַרויסגעשיקט געוואָרן נישט כדי זיך צו וואַרפן אויף דוגלאַסעס אַרמיי, נישט כדי צו גיין קיין ליטע דעם דאָרטיקן אויפשטאַנד אונטערצו-

שטיצן, ווייל דאָרט האָבן שוין די שוועדן אַזוי אויך קיין עצה זיך נישט געקאָנט געבן, נאָר כּדי דאָס פּירשטלעכע פּרייסן, און דער עיקר זיין מזרחדיקן טייל, וואָס איז אינגאַנצן אָן חייל געבליבן, צו באַדראָען.

— „מ'האָט אויסגערעכנט דערויף — האָט דער קיניג געשריבן — אַז עס וועט דורכדעם אונטערגעגראָבן ווערן דעם קורפירשטס טריישאַפט צום מאַלבאָרגער טראַקטאַט און צו אונז, וואָס עס קאָן לייכט געשען, ווייל ער איז צו גלייכער צייט גרייט צו מאַכן יד-אחת מיט קריסטוסן קעגן טייוול און מיטן טייוול קעגן קריסטוסן. כּדי פוןביידע אַ נוצן צו ציען".

דער בריוו האָט זיך געענדיקט מיטן אויפטראַג, אַז דוגלאַס זאָל מיט אַלע כּוחות זיך באַמיען דעם העטמאַן קיין פּרייסן נישט צוצולאָזן, און אויב הער גאָשיעווסקי וועט אין משך פון אַ פּאָר וואָכן נישט באַווייזן דאָרט אַריינצומאַרשירן, וועט ער אָן ספק מוזן צוריקקערן קיין וואַרשע.

דוגלאַס האָט איינגעפונען, אַז די עובדה, וואָס מ'האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, שטייגט כּלל נישט אַריבער זיינע כּוחות. ערשט גאָר נישט לאַנג האָט ער מיט אַ געוויסער הצלחה געשטעלט אַ ווידערשטאַנד אַפילו טשאַרניעצקין אַליין, דעריבער איז גאָשיעווסקי פאַר אים נישט געווען שרעקלעך. ער האָט זיך אמת נישט געריכט זיין דיוויזע צו פאַרטיליקן, אָבער ער איז געווען זיכער, אַז עס וועט זיך אים איינגעבן זי איינצוהאַלטן אויף אַן אָרט און אַלע אירע באַוועגונגען צו האַמעווען.

פון דעם מאָמענט אָן האָבן טאַקע ביידע אַרמייען אָנגעהויבן זיך זייער קונציק אונטערצוקומען איינע דער צווייטער און אויסמיידנדיק אַ הויפּט-שלאַכט האָבן זיי ביידע איינע די אַנדערע זיך געפלייסט אַרומצוגיין. ביידע פירער האָבן ווירדיק ריוואַליזירט צווישן זיך, דער אויסגעפרוווטער דוגלאַס האָט אָבער אויף אַזויפיל געהאַט די אויבער-האַנט, אַז העכער ווי ביז אסטראָלענקא האָט ער צום וויצע-העטמאַן נישט צוגעלאָזט.

און הער באַביניטש, וועלכער איז פון באָגוסלאַווס הינטער-גאַנג ניצול געוואָרן, האָט זיך אויך כּלל נישט געאיילט צו פאַריי-

גיקן זיך מיט דער ליטווישער דיוויזיע, ווייל ער האָט מיט אַ געוואַלדיקן ברען זיך פאַרנומען מיט יענע פוס־גייער, וועלכע באָגוסלאַוו האָט אין זיין בחפזונדיקן מאַרש צו ראַדזשעיאָווסקין אויפן וועג געכוזט איבערלאָזן. זיינע טאָטערס, געפירט דורך די אָרטיקע וואַלד־מענטשן, זענען זיי נאָכגעגאַנגען בייטאָג און ביי נאַכט, אויפכאַפנדיק יעדע ווייַלע די אומפאָרזיכטיקע אָדער די, וואָס זענען הינטערשטעליק געבליבן. דער דוחק אין פּראָוויאַנט האָט לסוף געצוווּנגען די שוועדן צו טיילן זיך אויף קליינע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן לייכטער זיך געקאָנט באַמיען וועגן שפּייז, אָבער דערויף האָט הער באַבינטש נאָר געוואַרט.

איינטיילנדיק זיין מחנה אויף דריי קאָמאַנדעס, אונטער זיין אייגענער אָנפירונג און אונטער אַקבאַ־אולאַנס און סאָראָקאַס אָנפירונג, האָט ער אין אַ פּאָר טעג אויסגעקוילעט דעם גרעסטן טייל פון די דאָזיקע פוס־גייער. דאָס איז געווען ווי עפּעס אַן אומאויפהערלעכע אָבלאַווע אויף מענטשן איבער די וואַלד־געדיכטענישן, קשאַקעס און רוירן, פול מיט ליאַרעם, יעלות, געשרייען שיסערייַ און טויט.

זי האָט באַבינטשס נאָמען פאַרשאַפט אַ גרויסן רום צווישן די מאַזורן. די מחנות האָבן זיך צונויפגענומען און פאַרייניקט מיטן הער גאָשיעווסקי ערשט הארט ביי אָסטראָלענקאַ, ווען דער חיצע־העטמאַן, וואָס זיין עקספּעדיציע איז נאָר געווען אַ דעמאָנסטראַציע, האָט שוין געהאַט באַקומען אַ באַפעל צו מאַרשירן צוריק קיין וואַרשע. נאָר אַ קורצע צייט האָט הער באַבינטש זיך געקאָנט פרייען מיט די באַקאַנטע, דהיינו: מיטן הער זאַגלאָבאַ און וואָלאָדיאָווסקין, וועלכע האָבן בראַש פון לאַודער פּאָלק באַגלייט דעם העטמאַן. זיי האָבן זיך אָבער זייער האַרציק באַגריסט, ווייל עס האָט זיי שוין פאַרקניפּט אַ נאָענטע פריינטשאַפט און צוגעבונדנקייט. ביידע יונגע פּאָלקאָווניקעס האָבן זיך מצער געווען, וואָס זיי האָבן דאָס מאָל גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן קעגן באָגוסלאַוון, אָבער הער זאַגלאָבאַ האָט זיי געטרייסט, צוגיסנדיק זיי אָפּט צו די גלעזער און זאָגנדיק אַזוי:

— שאַט נישט! מײַן קאָפּ אַרבעט שוין פון מאַי אָן איבער המצאות, און איך האָב אים נאָך קײנמאָל אומזיסט נישט געבראָכן. כ'האָב שוין אַ פּאָר אויסגעצײכנטע אײַנפאַלן, אָבער אויף אָנווענדן זײ איז שוין קײן צײַט נישטאָ, סײַדן בײַ וואַרשע, וווּהין מיר וועלן אַלע מאַרשירן.

— איך מוז קײן פּרײַסן! — האָט באַבינישט זיך אָנגערופן — און קײן וואַרשע וועל איך נישט גײן.

— וועט זיך אײַך דען אײַנגעבן אַריבערצוקריגן זיך קײן פּרײַסן? — האָט וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט.

— אַזוי ווי אַ גאָט איז אין הימל, אַזוי וועל איך מיך דורכקריגן און דאָס בין איך אײַך הײליק מבטיח, אַז איך וועל אײַנאָרדנען אַ גרויסאַרטיקע שחיטה, ווײַל איך וועל אַ זאָג=טאָן צו מײַנע טאַטערס: „געהוליעט זאָל ווערן!" זײ האָבן אויך דאָ חשק די מענטשן מיט די מעסערס אין די העלזער אַרײַנצופּאָרן, אָבער כ'האָב זײ אָנגעזאָגט, אַז פאַר יעדע געוואַלט=טאַט וועל איך באַשטראָפן מיט דער תּליה! דערפאַר אָבער אין פּרײַסן וועל איך זיך אַלײן אויך לאָזן וויל=גײן. פאַרוואָס זאָל איך זיך דען נישט דורכקריגן! איר האָט נישט געקאָנט, אָבער דאָס איז עפּעס אַנדערש, ווײַל ס'איז לײַכטער אַ גרעסערע מאַכט דעם וועג צו פאַרצוימען, אײדער אַזאַ מחנה, ווי מײַנע, מיט וועלכער ס'איז לײַכט זיך צו באַהאַלטן. נישט אײנמאָל בין איך שוין דאָ אין די קשאַקעס געזעסן און דוגלאַסעס מענטשן זענען האַרט נעבן אונז פאַרבײַגעגאַנגען און האָבן אַפילו וועגן דעם נישט געוווּסט. דוגלאַס וועט אוודאי אײַך נאָכגײן און מיר דאָ אַ פרײַ פעלד איבערלאָזן.

— אָבער איר האָט אים אויך, ווי איך הער, מיד און מאַט געמאַכט! — האָט וואָלאָדיאָווסקי מיט צופרידנהײט געזאָגט.

— האַ, שעלמאַ! — האָט הער זאַנלאַבאַ צוגעגעבן — יעדן טאָג האָט ער געמוזט דאָס העמד בײַטן, אַזוי האָט ער געשוויצט. איר זענט שוין אַפילו כאָוואַנסקין געשיקטער נישט אונטערגעקומען און דאָס מוז איך אײַך ..ודה זײַן, אַז איך

גלייך וואָלט עס בעסער נישט געמאַכט, ווען איך וואָלט אויף זייער אָרט געווען, הגם הער קאָניעצפּאָלסקי האָט נאָך געזאָגט, אַז פאַר אָפּגעריסענע קאָמפּן איז קיין בעסערער ווי זאַגלאָבאַ ניטאָ.

— עס דאַכט זיך מיר — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט צו קמיטשיצן — אַז אויב דוגלאַס וועט צוריקקומען, וועט ער ראַדזי-ווילן דאָ איבערלאָזן, כּדי ער זאָל אייך אָנגרייפן.

— הלוואי! איך האָף אויך אַזוי — האָט קמיטשיץ מונטער געזאָגט — אַז איך וועל אים נעמען זוכן, און ער מיך אויך, וועלן מיר זיך דאָך אַוודאי געפינען, אַ דריט מאָל וועט ער שוין איבער מיר נישט אַריבערפאָרן, און אויב ער וועט אַריבערפאָרן, וועל איך זיך שוין אַוודאי מער נישט אויפהויבן. אייערע סודות געדענק איך זייער גוט און אַלע לובניער קונץ-שטיק ליגן מיר גוט אין זכרון. יעדן טאָג פּרוּוו איך זיי אויס מיט סאָראָקאַן, כּדי איך זאָל זיך די הענט אויסאַרבעטן.

— וואָס פאַר אַ ווערט האָבן המצאות! — האָט וואָלאָדיאָוו-סקי אויסגערופן — דער עיקר איז די שווערד!

דער דאָזיקער משפּט האָט אַ ביסל געטראָפן דעם הער זאַגלאָבאַן, וועלכער האָט טאַקע זיך אָנגערופן:

— יעדע ווינט-מיל מיינט, אַז דער עיקר איז מיט פליגל צו פאָכן און ווייסט איר, מיכאַלעק פאַרוואָס? ווייל זי האָט פלעגעס אונטערן דאַך, אַנדערש געזאָגט; אין קאָפּ. די מלחמה קאַנאָנען שטיצט זיך אויף המצאות, אַ נישט וואָלט ראָך געקאָנט אין גרויס-העטמאַן און איר וויצע-העטמאַן.

— און וואָס מאַכט הער קאָוואַלסקי? האָט קמיטשיץ גע-פרעגט.

— הער קאָוואַלסקי? ער טראָגט שוין אַן אייזערנעם העלם אויפן קאָפּ און מיט רעכט, ווייל דאָס בעכטע קרויט איז פון קעסל. ער האָט זיך אין וואַרשע אָנגעשטאָפּט מיט של״ל, האָט זיך פאַר-שאַפט אַ פייבעם נאָמען און איז אַוועק צו די הוזאַרן, צום פירשט פּאָניאַטאָווסקי, און אַלץ דערפאַר, כּדי ער זאָל מיט דער שפּי-ריך קאַרלען זיך קאָנען פאַרמעסטן. ער קומט יעדן טאָג צו

אונזער געצעלט און קוקט מיט אויפגעריסענע שליפיעס, צי אַ העלזל פון אַ פלעשל קוקט פון שטרוי נישט אַרויס. כ׳קאָן דעם דאָזיקן בחור פון שכרות נישט אָפּגעווינען. עס העלפט נישט קיין, גוטער ביישפּיל. אָבער איך האָב אים נביאות - געזאָגט, אַז ס׳ וועט אים באַנג-טאָן, וואָס ער האָט דעם לאודער פאַלק פאַרלאָזט. שעל מע׳ אומדאַנקבאַרער! פאַר אַ זויפל טובות, וואָס כ׳האָב אים געטאָן האָט ער צוליב אַ שפּיז מיך פאַרלאָזט!

— איר האָט אים אויפגעצויגן?

— מיין גנעדיקער הער! מאַכט מיך נישט פאַר קיין בערן - טרייבער! דעם הער סאַפּיעהאַ, וועלכער האָט מיך וועגן דעם גע- פרעגט, האָב איך געזאָגט, אַז ער מיט ראָכן האָבן געהאַט איין לערער, אָבער נישט איך בין עס געווען, ווייל אין די יינגע יאָרן בין איך געווען אַ בעדנער און האָב גוט געקאָנט קלעפּקעס אַריינשטעלן.

— קודם - כל האָט איר דאָס דעם הער סאַפּיעהאַ נישט דערוועגט זיך צו זאָגן — האָט וואָלאָדיאָווסקי זיך אָנגערופן — און צווייטנס, איר האָט פלומרשט תרעומות אויף קאָוואַלסקין, און דאָך האָט איר אים ליב, ווי דאָס לעבן.

— ער איז מיר ליבער פון אייך, הער מיכאַל, ווייל היץ - קעפּ האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט סובל זיין און אויך ני׳ט קיין שלימזלס, וואָס אויפן אָנבליק פון ערשטן בעסטן מיידל ווערן זיי באַלד די כפרה און נעמען מאַכן קאָזשלקעס, ווי די דייטשע מוץ , הינטלעך.

— אָדער ווי יענע מאַלפּעס ביי די קאַזאַנאָווסקיס, מיט וועלכע איר האָט מלחמה געהאַלטן!

— לאַכט, לאַכט, איר וועט אַ צווייט מאָל אַליין וואַרשע איינגעמען!

— מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, אַז איר האָט זי איינגענומען?

— ווער דען האָט דאָס קראָקעווער טויער מיט שטורעם גענומען? ווער האָט די געפאַנגענשאַפט פאַר די גענעראַלן צו געטראַכט! זיי זיצן אין זאַמאָשטש אויף ברויט און וואַסער און יעדעס מאָל, ח׳ען וויטעמבערג גיט אַ קוק אויף וראַנגלען זאָגט

ער: „זאַגלאָבאַ האָט אונז דאָ אַריינגעזעצט!" — און בײדע צעװײנען זיך. װען הער סאַפּיעהאַ װאָלט נישט קראַנק געװען און ער װאָלט איצט דאָ געװען, װאָלט איך אײך געזאָגט, װער עס האָט דער ערשטער די שװעדישע צװאַנג פֿון דער װאַרש װער הויט אַרויסגעצויגן.

— געדענקט אין גאָט! — האָט קמיטשיץ אויסגערופֿן — טוט דאָס פּאַר מיר און שיקט מיר אַ ידיעה װעגן דער שלאַכט, װאָס גרייט זיך איצט בײַ װאַרשע. די טעג אין די נעכט װעל איך אויף די פֿינגער ציילן און פֿון קיין רו נישט װיסן, ביז איך װעל עפּעס יכערס נישט געװויער - װערן.

זאַגלאָבאַ האָט אַ פֿינגער צום שטערן צוגעלייגט.

— הערט - אויס מיין פּאָליטיק — האָט ער זיך אָנגערופֿן — װייל דאָס, װאָס איך װעל זאָגן, װעט אַזוי זיכער מקוים װערן... װי עס איז זיכער דאָס, אַז דאָס דאָזיקע גלאָז שטייט פּאַר מיר... עס שטייט, אָדער עס שטייט נישט?

— ס'שטייט, ס'שטייט! רעדט!

— די דאָזיקע גענעראַל - שלאַכט, אָדער מיר װעלן ז' פֿאַרשפּילן, אָדער געװינען...

— דאָס װייסט יעדער! האָט װאָלאָדיאָװסקי איבערגעריסן.

איר װאָלט בעסער געשװיגן, הער מיכאַל, און געלערנט זיך. אָנגעמענדיק, אַז מיר װעלן די דאָזיקע שלאַכט פֿאַרשפּילן, װייסט איר, װאָס עס װעט װייטער זיין?.. זעט איר! איר װייסט נישט, װייל אייערע שפּיציקע װאָנסעלעך רירן זיך שוין אונטער אייער נאָז, װי בײַ אַ האָז.. זאָג איך אייך דעריבער, אַז עס װעט גאָר נישט זיין...

קמיטשיץ, װעלכער איז געװען זייער אַ היציקער, האָט זיך אויפגעכאַפּט, מיטן גלאָז אין טיש אַ קלאַפּ - געטאָן און אויס-גערופֿן:

— איר רעדט שטותים!

— איך זאָג, אַז עס װעט גאָרנישט זיין! — האָט זאַגלאָבאַ װייטער געזאָגט — איר זענט נאָך ייִנג, פֿאַרשטייט איר דאָס נישט, אַז בײַ דעם איצטיקן מצב קאָן אונזער קיניג, אונזער טייער

פּאַטערלאַנד, אונזערע חיילות פּופּציק שלאַכטן איינע נאָך דער אַנדערער פאַרשפּילן... און די מלחמה וועט ווייטער אָנהאַלטן, ווי פריער, די שלאַכטע וועט זיך צונויפנעמען, מיט איר אויך אַלע נידריקער שטאַנדן... און וועט זיך נישט איינגעבן איין מאָל, וועט זיך איינגעבן אַ צווייט מאָל, ביז דעם שונאס מאַכט וועט נישט צערונען און צעפלאָסן ווערן. אָבער אַז די שווערן וועלן איין גרע־סערע שלאַכט פאַרשפּילן, וועט זיי צוזאַמען מיטן קורפירשט אַלס צולאָג דער טייוול נעמען און זיי וועלן שוין מער קיין תקומה נישט האָבן.

דאָ איז זאַגלאָבאַ געוואָרן אויפגערוימט, האָט אויסגעליי־דיקט דאָס גלאָז, מיט אים אין טיש אַ זעץ - געטאָן און ווייטער געזאָגט:

הערט, ווייל איר וועט דאָס נישט פון יעדן איינעם דער־הערן, ווייל נישט יעדער קאָן מיט זיין מוח אַזוי טיף אַלץ באַ־נעמען. נישט איינער טראַכט זיך: וואָס וועלן מיר דאָ נאָך דער־לעבן? וויפיל שלאַכטן, וויפיל מפּלות, וועלכע קאָנען גריילעך געמאָלט זיין, ווען מען האַלט מלחמה מיט אַזאַ קאַרל... וויפיל טרערן? וויפיל פאַרגאָסן בלוט? וויפיל שווערע אָנשיקענישן? און נישט איינער ווערט פון ספקות איבערוועלטיקט און נישט איינער לעסטערט קעגן דער מידת - הרחמים פון גאָט און פון דער היי־ליקסטער מוטער... און איך זאָג אייך אַזוי: ווייסט איר, וואָס פאַר אַ סוף עס וועלן האָבן די דאָזיקע ווילדע שונאים? — זיי וועלן האָבן אַ מפּלה; ווייסט איר, וואָס אונזער סוף וועט זיין? — מיר וועלן אָפּהאַלטן אַ נצחון! זיי וועלן אונז שלאָגן נאָך הונדערט מאָל... גוט... אָבער מיר וועלן שלאָגן צום הונדערט און ערשטן מאָל און ס'וועט נעמען אַן עק.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט הער זאַגלאָבאַ אויף אַ ווײלע די אויגן צוגעמאַכט, ער האָט זיי אָבער באַלד געעפנט, מיט די בלישטשנדיקע שוואַרץ - אַפּלען אַ קוק - געטאָן פאַר זיך און מיט אַ מאָל אַ געשריי - געטאָן מיט אַלע כוחות.

— אַ נצחון! אַ נצחון!

קמיטשיק איז אַזש רויט געוואָרן פון שמחה.

— בנאמנות, ער איז גערעכט! בנאמנות, ער איז גערעכט! עס קאָן אַנדערש נישט זיין! עס מוז זיך אַזוי אויסלאָזן!

— מען מוז שוין מודה זיין, אַז עס פעלט אייך דאָ גאָרנישט — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט און זיך אַזעץ־געטאָן אין קאָפּ אַריין — די רעפּובליק פאַרנעמען קאָן מען, אָבער איינזיצן אין איר איז נישט לייכט... אַזוי אַז סוף כל סוף מוז מען זיך פון איר אָפּטראָגן.

— האַ! וואָס? ס'פעלט גאָרנישט! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט, קלייבנדיק נחת פון דעם שבח — אויב אַזוי, וועל איך אייך נאָך נביאות זאָגן. גאָט איז צו די גערעכטע לייטזעליק! איר (דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו קמיטשיצן) וועט דעם בוגד ראַדזיוויל ביי־קומען, גיין קיין טוריאָגי, דאָס מיידל אָפּנעמען, מיט איר חתונה האָבן, קינדער אויפציען... זאָל מיר אַ געשוויר אויף דער צונג אַרויסוואַקסן, אויב ס'וועט נישט זיין אַזוי, ווי איך האָב געזאָגט. גאָט מיינער! איר זאָלט מיך נאָר נישט דערווערגן!

הער זאַגלאָבאַ האָט מיט רעכט זיך באַוואָרנט, ווייל הער קמיטשיק האָט אים אַ כאַפּ־געטאָן אין זיינע אָרעמס, אויפגעהויבן אין דער הויך און אַזוי געגומען קוועטשן, אַז דעם אַלטן זענען די אויגן אַרויסגעקראָכן, און קוים האָט ער זיך ווידער געשטעלט אויף די אייגענע פיס, קוים האָט ער אָפּגעסאָפּעט, האָט שוין הער וואָלאָדיאָווסקי, זייער אַן אייפגעהייטערטער, אים פאַר דער האַנט אָנגעכאַפּט.

— מיין ריי! זאָגט, וואָס דערוואַרט מיך?

— גאָט איז צו אייך לייטזעליק, הער מיכאל!.. אייער הינדעלע וועט אייך אויסבריען אַ גאַנץ סטאַדעלע... האָט נישט קיין נ״ר״א. אוף!

— ויוואַט! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אויסגעשריגן.

אָבער צוערשט ווען מיר מיט די שווערדן אַ סוף מאַכן! —
האָט זאַגלאָבאַ צוגעגעבן.

— מיר וועלן מאַכן! מיר וועלן מאַכן! — האָבן די יונגע
פּאַלקאָווניקעס אויסגערופן, קלאַפּנדיק מיט די שווערד.
וויוואַט! אַ נצחון!

10. קאַפּיטל

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט הער קמיטשיץ זיך דורכגעקריגן אין די גערענעצן פון קורפירשטלעכן פּרייסן ביי רייגראָד. דאָס איז אים געגנוג לייכט אָנגעקומען, ווייל פאַר דעם וויצע־העטמאַנס אוועקגיין איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אין די וועלדער און זיך דאָרט אַזוי באַהאַלטן, אַז דוגלאַס איז זיכער געווען, דאָס אויך זיין מחנה האָט צוזאַמען מיט דער גאַנצער טאָטעריש־ליטווישער דיוויזיע קיין וואַרשע אוועקמאַרשירט, און ער האָט אין די שלעסלעך נאָר קליינע גאַרניזאָנען איבערגעלאָזט אויף צו באַשיצן די דאָזיקע מקומות.

דוגלאַס איז אויך נאָכגעגאַנגען גאָשיעווסקין און צוזאַמען מיט אים אויך ראַדזשעיאָווסקי און ראַדזיוויל.

קמיטשיץ האָט זיך וועגן דעם דערוווסט נאָך פאַרן אַריבערגיין די גרענעץ און עס האָט אים גוט פאַרדראָסן, וואָס ער וועט נישט קאָנען פּנים־אל־פּנים מיט זיין דם־שונא זיך טרעפן און וואָס די שטראָף וועט באָגוסלאַוון אפשר טרעפן פון אַנדערע

הענט, פון די הענט פון הער וואָלאָדיאָווסקין, וועלכער האָט אויך געשווירן פון אים נקמה צו נעמען.

נישט קאָנענדיק אָבער נעמען קיין נקמה פאַר די עולות פון דער רעפּובליק און פאַר זיינע אייגע עולות פון בוגד גופא, האָט ער אויף אַ שוידערלעכן אופן נקמה גענומען פון קורפירשטס גיטער.

די זעלבע נאַכט נאָך, אין וועלכער די טאַטערס האָבן דעם גרענעץ - סלופּ געמיטן, איז דער הימל רויט געוואָרן פון פייער-פלאַמען, האָבן זיך דערהערט קולות און אַ געיאָמער פון מענטשן, וואָס זענען געטרעטן געוואָרן מיט די פיס פון דער מלחמה. ווער עס האָט אויף פויליש רחמים געקאָנט בעטן, דער איז אויפן באַפעל פון פירער פאַרשוינט געוואָרן; דערפאַר אָבער זענען די דייטשע ישובים, די קאָלאָניעס, דערפער און שטעטלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ים פון פלאַמען, און דער איבערגעשראָקענער איינ-ווינער איז געגאַנגען אונטערן מעסער.

און נישט אַזוי גיך צעגיסט זיך דער אייל איבער ים, ווען די שיפער גיסן אים אויס כדי צו באַרויקן די כוואַליעס׳ ווי גיך עס האָט זיך די דאָזיקע מחנה טאַטערס און פרייוויליקע אי-בער דער רויקער און ביז - איצט באַוואָרנטער געגנט צעגאָסן. ס׳האָט זיך געדוכטן, אַז יעדער טאַטער האָט געקאָנט מגילגול ווערן אין צוויי און אין דריי, צו זיין אין אַ פאָר ערטער אויף אַ מאָל און ברענען און קוילן. מ׳האָט נישט געשוינט אפילו די תבואות אויף די פעלדער, אפילו די בוימער אין די גערטנער.

אַזוי פיל צייט האָט הער קמיטשיץ זיינע טאַטערס געהאַלטן אויף דער צוים, אַז איצט, ווען ער האָט זיי לסוף ווי סטאַדעס רויב - פייגל נאָכגעלאָזט, האָבן זיי כמעט ווי צעדולטע זיך גע וואָרפן קוילן און ברענען. איינער האָט אַריבערגעיאָגט דעם צווייטן און אַזוי ווי קיין געפאַנגענע האָבן זיי נישט געקאָנט נעמען, האָבן זיי זיך פון אין דער פרי ביזן אָוונט געבאָדן אין מענטשלעכן בלוט.

הער קמיטשיץ אַליין, וועלכער האָט אין האַרצן נישט ווייניק ווילדקייט פאַרמאָגט, האָט זי אינגאַנצן פון דער קייט אָפּגעלאָזט

און הגם ער האָט אַליין די הענט אין בלוט פון אומבאַוואָפנטע נישט איינגענעצט, האָט ער דאָך מיט פאַרגעניגן געקוקט אויף דעם פאַרגאָסענעם בלוט. אין האַרצן איז ער דערביי רויק געווען און דאָס געוויסן האָט אים גאָרנישט פאָרגעוואָרפן, ווייל דאָס איז דאָך געווען נישט - פויליש און דערצו נאָך אַפּיקורסיש בלוט, ער האָט דעריבער אַפילו געהאַלטן, אַז גאָט און באַזונדערס די הימלישע קדושים וועלן אים דערפאַר נאָך בענטשן.

דער קורפירשט, דער וואַסאַל, דאָס הייסט אַ דינער פון דער רעפּובליק, וועלכער האָט פון אירע חסדים געלעבט, האָט דאָך דער ערשטער זיין אומריינע האַנט אויף זיין קיניגין און האַרין אויפגעהויבן, ער האָט בכן פאַרדינט אַ שטראָף, און הער קמיטשיץ איז בכן געווען נאָר אַ וועדקצייג פון גאָטס גרימצאָרן.

דערפאַר האָט ער יעדן אָוונט געזאָגט די תּפלה ביי דער שיין פון ברענענדיקע דייטשע ישובים, און ווען די קולות פון די געהרגעטע האָבן אים צעטומלט די רעיונות, האָט ער נאָך אַמאָל אָנגעהויבן, כּדי אויף דער נשמה דער עברה פון נישט דאַווענען בכּוונה נישט אַרויפצוציען.

אָבער נישט בלויז בלוט - דורשטיקייט האָט ער אין זיין האַרץ גענערט, ווייל אַ חוץ גאָטספאָרכטיקייט, האָבן עס נאָך באַלעבט פאַרשיידענע געפילן, פאַרבונדן מיט זכרונות פון אַמאָליקע יאָרן. אָפט האָט ער זיך דערמאָנט אין יענע יאָרן, ווען ער איז כאָוואַנסקין מיט אַזאַ גרויסן רום אונטערגעקומען און די אַלטע חברים האָבן זיך אים ווי לעבעדיקע פאַר די אויגן געשטעלט. קאָקאָשינסקי, דער ריזיקער קולוויעץ - היפּאָצענטאַורוס, דער געפלעקטער ראַניצקי מיטן סענאַטאָרישן בלוט אין די אָדערן־אוהליק, וואָס פלעגט אַזוי שיין שפּילן, רעקוש, וועלכער האָט קיין מענטשלעך בלוט אויף זיין געוויסן נישט געהאַט, און זענד, וועלכער האָט קונציק נאָכגעמאַכט די קולות פון פייגל און כל המינים חיות.

— זיי אַלע, אַחוץ אפשר איין רעקוטש, ברענען אין גיהנום, און אָט! זיי וואָלטן זיך איצט מחיה געווען, זיי וואָלטן זיך אין

בלוט געבאָדן, דערבײַ קיין זינד נישט באַגאַנגען און דאָך דער רעפּובליק אַ נוצן געבראַכט!..

דאָ האָט הער אַנדזשעי אַ קרעכץ - געטאָן אויפן געדאַנק, וואָס פאַר אַ געפערלעכע זאַך עס איז די הפקרות, אויב אין דער פריער יוגנט פאַרשטעלט זי אויף אייביק דעם וועג צו שיינע מעשים.

אָבער מער ווי וועגן אַלץ האָט ער געטראַכט וועגן אַלענקאַן. וואָס מער ער האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין די פּרייסישע גרענעצן, אַלץ שטאַרקער האָבן אים געברענט די ווונדן פון האַרץ, גלייך ווי יענע פלאַמען, וואָס ער האָט אָנגעצונדן, וואָלט אויך דאָס אַלטע ליבע - פייער אויפגעבלאָזן. יעדן טאָג כמעט האָט ער אין האַרצן געזאָגט צום מיידל:

— ייער טײַבעלע, האָסט שוין אפשר אין מיר פאַרגעסן, און אַז דו דערמאָנסט דיך יאָ, ווערט דײַן האַרץ נאָר מיט ביטערניש אָנגעפולט. איך אָבער, אַ וויטער, צי אַ נאָענטער, בײַנאַכט און בײַטאָג, בעת דער אַרבעט און מי פאַרן פאָטערלאַנד, תמיד טראַכט איך וועגן דיר און די נשמה פליט צו דיר דורך וועלדער און וואַסערן, ווי אַ מיד פ געלע, כדי בײַ דײַנע פיס זיך אָוועקצולייגן. דער רעפּובליק און דיר איינער וואָלט איך דאָס גאַנצע לעבן אַוועקגעגעבן, אָבער ווײ וועט זײַן צו מיר, אויב דו וועסט מיך אויף אייביק פון דײַן האַרץ פאַרשטויסן!

אַזוי טראַכטנדיק, איז ער וואָס אַמאָל העכער צו צפון מיטן גרענעץ - פאַס געגאַנגען, האָט געברענט און געקוילעט, און קיינעם דאָס לעבן נישט געשענקט. אַ שרעקלעכע בענקעניש האָט אים גענאָגט. ער וואָלט וועלן מאָרגן זײַן אין טויראָגי, און דערווײַל איז דער וועג געוועזן נאָך אַזוי ווײַט און אַזוי שווער, ווײַל לסוף האָבן אין דער גאַנצער פּרייסישער פּראָווינץ אַלע גלאָקן גענומען אויף אַלאַרם קלינגען.

ווער עס האָט נאָר געקאָנט האָט זיך געכאַפּט צום געווער, כדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די שרעקלעכע מחבלים; מ'האָט אַראָפּגעבראַכט די גאַרניזאָנען אַפילו פון זייער אָפּגעלעגענע שטעט, מ'האָט פאַרמירט פאָלקן אַפילו פון די שטעטישע ייִנגלעך

און באַלד האָבן אומעטום אַ צוואַנציק פויערז קעגן איין סאָטער זיך געקאָנט אַקעגנשטעלן.

קמיטשיץ האָט זיך, ווי אַ רוח, געוואָרפן אויף די דאָזיקע מחנות, האָט געהאַקט, צעטריבן, געהאָנגען, אַוועקגעדרייט זיך, באַהאַלטן זיך און ווידער אַרויפגעשוווּמען אויף דער כוואַליע פון פייער, אָבער ער האָט שוין נישט געקאָנט גיין אַזוי גיך, ווי פריער. נישט איינמאָל איז אויפן טאָטערישן שטייגער אויסגעקומען ●אַרפאַלן צו ווערן און גאַנצע וואָכן יך אויסצובאַהאַלטן אין וואַלד - געדיכטעניש, אָדער אין די וואַסער - שטעקעלעך ביי די ברעגעס פון די אָזערעס. די באַפעלקערונג האָט זיך אַרויסגעשאָטן וואָס אַמאָל געדיכטער, ווי קעגן אַ וואָלף, און ער האָט אויך געביסן ווי אַ וואָלף, וואָס ממיתט מיט איין ביס פון די שאַרפע ציין און ער האָט זיך נישט בלויז פאַרטיידיקט. נאָר אויך אָנגעגריפן.

ליב - האָבנדיק צו טאָן אַן אַרבעט בשלימות, האָט ער צייטנווייז, נישט געקוקט אויפן געיעג, אַזוי לאַנג זיך נישט גערירט פון עפּעס אַן אָרט, ביז ער האָט עס נישט מיט דער שווערד און פייער אויף אַ פּאָר מייל חרוב געמאַכט. זיין נאָמען איז, מען ווייסט נישט ווי אַזוי, אין די מענטשלעכע מיילער אַרייַנגעפאַלן און ער האָט, געהילט אין גרויל און אימה, אַזש ביז די ברעגעס פון באַלטישן ים אָפּגעהילכט.

הער באַביניטש האָט אמת געקאָנט צוריק אַריין אין די גרענעצן פון דער רעפּובליק און נישט - געקוקט אויף די שוועדישע קאָמאַנדעס, שנעלער מאַרשירן קיין טויראָגי, אָבער ער האָט דאָס נישט געוואָלט טאָן, ווייל ער האָט באַגערט נישט בלויז זיך, נאָר אויך דער רעפּובליק צו דינען.

דערווייל זענען אָנגעקומען ידיעות, וועלכע האָבן די אָרטיקע תושבים צוגעגעבן מוט צו פאַרטיידיקונג און נקמה, און הער באַביניטשס האַרץ מיט אַ טיפן צער דורכגענומען. ס'האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג וועגן דער גרויסער שלאַכט ביי וואַרשע, וועלכע דער פּוילישער קיניג זאָל האָבן פאַרשפּילט. „קאַרל גוסטאַוו און דער קורפירשט האָבן צעקלאַפּט קאַזשימיעזשס אַלע חיילות" — האָט מען זיך מיט שמחה אין פרייסן איבערגעחזרט. „וואַרשע איז

ווידער געגומען: דאָס איז דער גרעסטער נצחון אין דער גאַנצער מלחמה אין איצט וועט שוין זיין אַ סוף צו דער רעפּובליק!"

אַלע מענטשן, וועלכע די טאַטערס האָבן געכאַפּט און זיי קוילן אונטערגעלייגט, כדי פון זיי ידיעות אַרויסצובאַקומען, האָבן געזאָגט דאָס אייגענע, געוועזן אויך גוזמאדיקע ידיעות, ווי געוויינלעך אין אומזיכערע מלחמה-צייטן. לויט די דאָזיקע ידיעות איז פון די חיילות קיין זכר נישט געבליבן, די העטמאַנעס זענען געפאַלן, און יאַן קאַזשימיעזש איז געגומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

האָט, הייסט עס, אַלץ זיך געזאָלט ענדיקן! איז די אויפגעוואַכטע און נצחונרייכע רעפּובליק נאָר געווען אַ פאַרבלענדעניש? אַזוי פיל מאַכט, אַזוי פיל חיילות, אַזוי פיל גרויסע מענטשן און באַרימטע מלחמה-פירער; די העטמאַנעס, דער קיניג, דער טשאַרניעצקי מיט זיין אומבאַזיגבאַרער דיוויזיע, דער הער קרוין מאַרשאַל, אַנדערע שררות מיט זייערע חיילות, אַלץ איז געגאַנגען לאיבוד, אַלץ איז ווי אַ רויך פאַרפלויגן! און נישטאָ שוין קיין אַנדערע פאַרטיידיקער פון דאָזיקן אומגליקלעכן לאַנד, ווי די לויזע פאַרטיעס פון די מורדים, וועלכע וועלן אודאי אויף דער ידיעה וועגן דער מפּלה ווי אַ נעפּל צעפלאָסן ווערן?!

הער קמיטשיץ האָט זיך די האָר פון קאָפּ געריסן און די הענט געבראָכן, האָט פולע הויפנס פייכטע ערד געכאַפּט און צום ברענענדיקן קאָפּ צוגעדריקט.

— אויך איך וועל פאַלן! — האָט ער צו זיך געזאָגט — אָבער פריער וועט די דאָזיקע ערד פון בלוט צעווייקט ווערן!

און ער האָט געגומען מלחמה-האַלטן ווי אַ הפקר-מענטש; ער האָט זיך שוין מער נישט אויסבאַהאַלטן, נישט פאַרפאַלן געוואָרן אין די וועלדער און וואַסער-שטעקעלעך, ער האָט געזוכט דעם טויט, געוואָרפן זיך ווי אַ מטורף אויף כוחות, דריי מאָל גרעסערע פון זיינע, און זיי מיט די שווערדן און קאָפּיטעס אויף שטויב צעריבן. אין זיינע טאָטערס זענען אָפּגעשטאָרבן אַלע רעשטלעך פון מענטשלעכע געפילן און זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטאַדע ווילדע חיות. דאָס רויבערישע פאָלק, וואָס איז

נישט זייער מסוגל געווען צום קאַמף אויפן אָפֿענעם פעלד, האָט נישט פאַרלירנדיק גאַרנישט פון זיין פעיקייט צו אונטערשטעלן נעצן און צו הינטערגענג, דורך דער כּסדרדיקער פּראַקטיק, דורך די כּסדרדיקע קאַמפן זיך אַזוי אויסגעבילדעט, אַז עס האָט ברוסט קעגן ברוסט געקאָנט שלאָגן זיך מיט דער בעסטער קאַוואַלעריע אין דער וועלט און בייקומען אַפילו די פּירעקן פון דער שוועדישער דעלעקאַרלישער גוואַרדיע. אין די גראַנגלען מיטן באַוואָפנטן פּרייסישן געזינדל האָבן הונדערט אַזעלכע טאָטערס לייכט אומגעבראַכט צוויי הונדערט און דריי הונדערט געזונטע, מיט ביקסן און שפּיזן באַוואָפנטע יינגען.

קמיטשיץ האָט זיי אָפּגעלערנט פון אָנלאָדענען זיך מיט שלל, זיי האָבן גע ומען נאָר געלט, און דאָס אויך נאָר גאָלד, וועלכעס זיי האָבן איינגענייט אין די זאָטלען. דערפאַר, אַז איינער פון זיי איז אומגעקומען, האָבן די איבעריקע זיך מיט אַ ווילדער רציחה ווענן זיין פערד און זאָטל געשלאָגן. זיי זענען אויף אַזאַ אופן נתעשר געוואָרן, אָבער דערביי גאָרנישט פאַרלוירן פון זייער כּמעט איבערמענטשלעכער געשיקטקייט. איבערצייגנדיק זיך, אַז ביי קיין שום פּירער אין דער וועלט וואָלטן זיי נישט געהאַט אַזאַ שפע, זענען זיי צו באַבינימשן צוגעבונדן געוואָרן, ווי די יאַגד - הינט צום יעגער און מיט אַן עכט מאָכמעדאַנישער ערלעכ- קייט האָבן זיי נאָך די שלאַכטן אין די הענט פון סאָראָקאַן און פון די קעמפּליטשס אָפּגעגעבן דעם גרעסטן חלק פון שלל, וואָס געהערט צום „באַגאַדיר".

— אַללאַ! — פּלעגט אַקבאַ - אולאַן זאָגן — ווייניק פון זיי וועלן זען באַקטשי - סעריי, אָבער די, וואָס וועלן צורקקומען, וועלן אַלע ווערן פירשטן.

באַבינימש, וועלכער האָט פון לאַנג אָן געקענט פון דער מלחמה רייך ווערן, האָט אָנגעקליבן ריזיקע אוצרות! דע פּאַר אָבער דעם טויט, וועלכן ער האָט מער געזוכט, ווי דאָס גאָלד, האָט ער נישט געפונען.

ס'איז ווידער אַריבער אַ חודש אויף ראַנגלענישן און האַ- רעוואַניע, וואָס שטייגן אַריבער אַלע מענטשלעכע השגות. די פערד-

הגם זיי זענען מיט גערשט און פרייסישן ווייץ געפּאַשעט געוואָרן,
האָט מען אומבאַדינגט געמוזט געבן כאָטש אַ פּאָר טעג אָפּרו. דער
יינגער פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט אַגב אויך געוואָלט ידיעות צי-
נויפקלייבן און די בלויזן אי, די רייען מיט נייע פּריוויליקע
אויספילן, האָט דעריבער נעבן דאָספּאַדע זיך צוריקגעצויגן אין
די גרענעצן פון דער רעפּובליק.

ידיעות זענען אינגיכן אָנגעקומען און דאָס אַזעלכע פריי-
לעכע, אַז קמיטשיץ איז שיר נישט פון זינען אַראָפּ. ס'האָט זיך
אַרויסגעשטעלט פאַר אַן אמת' אַז דער מוטיקער, אָבער אומ-
גליקלעכער יאַן קאַזשימיעזש האָט פאַרשפּילט די גרויסע דריי-
טאָגיקע שלאַכט ביי וואַרשע, אָבער איבער וואָס פאַר אַ סיבה,?

דער לאַנד - שטורעם איז אין זיין גרעסטן טייל פריער פּאַ-
נאַנדערגעגאַנגען אַהיים און דער איבערגעבליבענער טייל האָט זיך
שוין נישט געשלאָגן מיט אַזאַ מסירת - נפש, ווי ביים איינעמען
וואַרשע און דעם דריטן טאָג האָט אים באַהערשט אַ מהומה. דער-
פאַר אָבער אין די ערשטע צוויי טעג האָט דער נצחון זיך גענייגט
אויף דער פּוילישער זייט. די רעגולערע חיילות האָבן שוין נישט
אין אָפּגעריסענע קאַמפן פון איינצלנע אָפּטיילונגען, נאָר אין אַ
גרויסער שלאַכט מיט דעם אַממייסטן אויסגעצבילדעטן חייל אין איי-
ראָפּע, אַרויסגעוויזן אַזאַ סיגול און האַרטנעקיקייט, אַז אַפילו די
שוועדישע און בראַנדענבורגישע גענעראַלן זענען פאַרבליפט גע-
וואָרן.

דער קיניג יאַן קאַזשימיעזש האָט אַן אומשטערבלעכן רום
זיך פאַרשאַפט. מ'האָט געזאָגט, אַז ער קאָן אַלס פירער זיך גלייכן
מיט קאַרל גוסטאַוון און אַז ווען אַלע זיינע פאַראָרדנונגען וואָלטן
אויסגעפירט געוואָרן, וואָלט דער שונא די הויפּט - שלאַכט פאַר-
שפּילט און די מלחמה וואָלט געווען געענדיקט.

קמיטשיץ האָט שוין געהאַט ידיעות פון עדי - ראיה, ווייל
ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף שלאַכטע, וועלכע האָט געדינט אין
לאַנד - שטורעם און אַנטייל גענומען אין דער שלאַכט. איינער פון
זיי האָט אים דערציילט וועגן גלענצנדיקן אָנגריף פון די הוזאַרן,
בעת וועלכן קאַרל אַליין, וועלכער האָט נישט געקוקט אויף די

הייסע בקשות פון די גענעראַלן און נישט געוואָלט זיך צוריקציען, איז שיר נישט אומגעקומען. אַלע האָבן אויך באַשטעטיקט, אַז עס איז נישט אמת, דאָס די חיילות זאָלן זיין צעקלאַפּט געוואָרן אָדער אַז די העטמאַנס זענען געפאַלן. להיפּך גאָר, די גאַנצע מאַנט, אַ חוץ דעם לאַנד - שטורעם, איז געבליבן אומבאַרירט און אין אַ גוטער אָרדנונג זיך צוריקגעצויגן.

אויף דער וואַרשעווער בריק, וועלכע האָט זיך איינגעבראָכן, האָט מען פאַרלוירן נאָר האַרמאַטן, אָבער „דעם גייסט האָט מען דורך דער ווייסל אַריבערגעפירט". דאָס חייל האָט געשווירן, אַז אונטער דער קאָמאַנדע פון אַזאַ פירער, ווי יאַן קאַזשימיעזש, וועט עס אין קומענדיקן צוזאַמענשטויס צעשלאָגן קאַרל גוסטאַוון, דעם קורפירשט און וועמען מ'וועט דאַרפן, ווייל די דאָזיקע שלאַכט איז נאָר געווען אַ פּרווו, און הגם אַ נישט מזלדיקער, דאָך אָבער פול מיט מוט פאַר דער צוקונפט.

קמיטשיץ האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, פון וואַנען די ערש-טע ידיעות זענען געווען אַזעלכע שרעקלעכע. מ'האָט אים דער-קלערט, אַז קאַרל גוסטאַוו האָט בכיון פאַנאַנדערגעשיקט די גוזמא-דיקע נייעס, אָבער אין תוך גענומען האָט ער רעכט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן. די שוועדישע אָפיצירן, וועלכע הער אַנדזשעי האָט מיט אַ וואָך שפּעטער געכאַפּט, האָבן די דאָזיקע סברא באַ-שטעטיקט.

ער האָט זיך פון זיי אויך דערוווּסט, אַז באַזונדערס האָט דער קורפירשט געלעבט אין גרויס שרעק און וואָס אַמאָל מער וועגן דער אייגענער הויט גענומען טראַכטן, אַז אַסך פון זיינע חיילות זענען געפאַלן ביי וואַרשע און די איבעריקע זענען באַפאַלן געוואָרן פון אַזעלכע שווערע קרענק, אַז זיי מאַכן אַ תל פון זיי נאָך מער, ווי די שלאַכטן. און דערווייל האָבן די גרויס - פּאָליאַקן, וועלכע ווילן באַצאָלן פאַר אוישטשע און פאַר אַלע עוולות, זיך אַ וואָרף - געטאָן אויף דער בראַנדענבורגישער מאָנאַרכיע גופא, און ברענען און קוילן, איבערלאָזנדיק נאָר וואַסער און ערד. לויט די רייד פון די אָפיצירן איז נאָענט געווען די שעה, אין וועלכער דער

קורפירשט וועט אַוועקוואַרפן די שוועדן און מיטן שטאַרקערן זיך פאַראייניקן.

— אויב אַזוי דאַרף מען אים אַ ביסל צובראָטן — האָט קמיטשיץ זיך געטראַכט — כדי ער זאָל דאָס טאָן וואָס גיכער.

און האָבנדיק שוין אויסגערוטע פערד און אויסגעפילטע בלויזן, איז ער ווייטער אַריבער די גרענעץ און ווי אַ מלאך־המשחית אויף די דייטשע ישובים זיך געוואָרפן.

פאַרשידענע „פּאַרטיעס” האָבן זיין ביישפיל נאָכגעטאָן. ער האָט אנגעטראָפן שוין אויף אַ שוואַכערן ווידערשטאַנד און ערשט רעכט זי צעהוליעט. די נייעס זענען אָנגעקומען וואָס אַמאָל פריילעכערע, אַזעלכע פריילעכע, אַז עס איז אין זיי שווער געווען צו גלויבן.

צוערשט האָט מען גענומען דערציילן, אַז קאַרל גוסטאַוו, וועלכער האָט נאָך דער וואַרשעווער שלאַכט אַזש ביז ראַדאָם זיך געריקט, ציט זיך איצט צוריק אין אַ קאַרק־ברעכערישן איילעניש צום קיניגלעכן פּרייסן. וואָס איז געשען? פאַרוואָס ציט ער זיך צוריק? — דערויף איז אַ צייט לאַנג קיין תשובה נישט געווען, ביז עס האָט לסוף איבער דער רעפּובליק ווידער אַ הילך־געטאָן דער נאָמען פון הער טשאַרניעצקין. ער האָט געזיגט ביי ליפּיעץ, ער האָט געזיגט ביי סטשעמעשנאָ, האַרט ביי וויסלאַ האָט ער אויסגעקוילעט די היטערשטע וואַך פון אַנטלויפנדיקן קאַרל, און דערוויסנדיק זיך דערנאָך, אַז צוויי טויזנט רייטער קערן צוריק פון קראָקע, איז ער זיי באַפאַלן און קיין שויד־ופליט נישט איבערגעלאָזט. פאַלקאָווניק פאָרגעל, דעם גענעראַלס ברודער, פיר אַנדערע פאַלקאָווניקעס, דריי מאַיאָרן, דרייצן ריטמייסטערס און דריי און צוואַנציק פאָרוטשניקעס זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. אַנדערע האָבן די צאָל טאָפּלט אָנגעגעבן, נאָך אַנדערע האָבן אין התלהבות שוין פאַרזיכערט, אַז ביי וואַרשע האָט יאַן קאַזשימיעזש נישט אַ מפּלה, נאָר אַ נצחון אָפּגעהאַלטן און אַז זיין אָפּמאַרשירן אין לאַנג אַריין איז נאָר געווען אַ שפּיצל אויף צו באַגראָבן דעם שונא.

הער קמיטשיץ אַליין האָט אויך גענומען אַזוי טראַכטן, ווייל זייענדיק אַ זעלנער נאָך פון די יינגלשע יאָרן אָן, איז ער אויף מלחמה־קונסט געווען אַ מבין, און ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט וועגן אַזאַ נצחון, נאָך וועלכן ס'זאָל דעם שונא ערגער זיין. און די שוועדן איז משמעות געוואָרן ערגער און דוקא זייט דער וואַרשעווער שלאַכט.

דאָ האָט הער אַנדזשעי זיך דערמאָנט אין הער זאַגלאָבאַס ווערטער, ווען ער האָט ביים לעצטן באַגעגעניש געזאָגט, אַז די נצחונות וועלן שוין די שוועדן גאָרנישט העלפן און אַז איין פאַר־שפּילטע הויפּט־שלאַכט קאָן זיי אומברענגען.

— דאָס איז אַ קאָפּ פון אַ קאַנצלער! — האָט קמיטשיץ זיך געטראַכט — ער זעט די צוקונפט, ווי אויף דער האַנט.

דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אין הער זאַגלאָבאַס ווייטערדיקן נביאות־זאָגן, אַז ער, קמיטשיץ, אָדער באַבּיניטש, וועט קיין טוי־ראָגי אָנשפּאַרן, זיין אָלענקא צוריקגעפינען, זי איבערבעטן, מיט איר חתונה האָבן און קינדער געבוירן צום רום פון לאַנד. אַז ער האָט זיך דאָס דערמאָנט, איז אים אַ פייער אַריין אין די אָדערן, ער האָט שוין קיין איין רגע נישט געוואָלט פאַרלירן, נאָר די פּרוסאַקעס און די שחיטה אויף אַ צייט אָפּלאָזן און קיין טויראָגי פליען.

אין־דעם, ערב דעם אַרויספאָרן, איז צו אים אָנגעקומען אַ לאָודער שלאַכטשיץ פון הער וואָלאָדיאָווסקיס פּאָלק מיט אַ בריוו פון קליינעם ריטער.

„מיטן ליטווישן וויצע־העטמאַן און פירשט טיש־מייס־קער גייען מיר נאָך באָגוסלאַוון און וואַלדעקן (האָט הער מיכאַל געשריבן). פאַרייניקט זיך מיט אונז, ווייל עס וועט זיין אַ שעת־הכּושר פאַר אַ געהעריקער נקמה, און אויך די פּרוסאַקעס פאָרן צרות־אָנטאָן דער רעפּובליק דאַרף מען באַצאָלן".

הער אַנדזשעי האָט די אייגענע אויגן נישט געוואָלט גלויבן און אַ געוויסע צייט האָט ער חושד געווען דעם שלאַכטשיץ, אַז ער איז אודאי דורך עפּעס אַ פּרייסישן אָדער שוועדישן קאָמענ־דאַנט בכּוון אונטערגעשיקט געוואָרן, כּדי אים צוזאַמען מיט זיין

אָפּטיילונג אין אַ פאַרבאַרגענעם נעץ אַריינפירן. האָט הער גאַשיצקי סאַקע געזאָלט אַ צווייט מאָל מאַרשירן קיין פרייסן? ס׳איז אוממעגלעך געווען נישט צו גלויבן. דאָס כּתב איז געווען הער וואָלאָדיאָווסקיס, דער הערב הער וואָלאָדיאָווסקיס, און אויך דעם שלאַכטשיץ האָט הער אַנדזשעי זיך דערמאָנט. ער האָט אים בכּן געגומען חוקר - ודורש זיין, ווו הער גאָשעווסקי געפינט זיך און וואוהין ער האָט בדעה צו גיין.

דער שלאַכטשיץ איז געווען אַ נישקשהדיקער תּם. ס׳איז נישט זיין עסק צו וויסן, וואוהין דער הער העטמאַן וויל גיין; ער ווייסט נאָר, אַז דער העטמאַן מיט דער זעלבער ליטוויש-טאָטערישער דיוויזיע געפינט זיך אויף אַ מהלך פון צוויי טעג און אַז מיט אים איז אויך דער לאודער פאָלק. אויף אַ צייט האָט הער טשאַרניעצקי זיך אים געהאַט געבאָרגט, אָבער ער האָט אים שוין לאַנג צוריקגעשיקט און איצט גייען זיי, ווו דער וויצע - העטמאַן פירט זיי.

— מ׳זאָגט — האָט דער שלאַכטשיץ געענדיקט — אַז מיר וועלן גיין קיין פרייסן און דער זעלנער איז מלא - שמחה... איבעריקנס, אונזער זאַך איז צו פאָלגן און צו שלאָגן.

אויסהערנדיק דעם באַריכט האָט קמיטשיץ זיך לאַנג נישט מיישב געווען, זיך אויסגעדרייט מיט זיין אָפּטיילונג און איילִיק אַוועק צום העטמאַן, און אין צוויי טעג אַרום, שוין שפּעט אין דער נאַכט, איז ער אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון הער וואָלאָדיאָווסקין, וועלכער האָט אים פעסט געדריקט און באַלד אויסגעשריגן:

— גראַף וואָלדעק און פירשט באָגוסלאַוו זענען אין פּראַסטקי, זיי שיטן פאַרשאַנצונגען, כּדי זיך מיט אַ באַפעסטיקטן לאַגער צו באַוואָרענען. מיר וועלן זיך אַ לאָז טאָן צו זיי.

— היינט? — האָט קמיטשיץ געפרעגט.

— מאָרגן פאַרטאָגס, דאָס הייסט אין צוויי אָדער דריי שעה אַרום.

דאָ זענען זיי זיך ווידער געפאַלן אין די אָרעמס.

— עפעס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז גאָט וועט אים איבעו-
געבן אין אונזערע הענט! — האָט קמיטשיק אַ גערירטער אויס-
גערופן.

— איך מיין אויך אַזוי.

— איך האָב מנדר געווען ביזן טויט צו פאַסטן דעם טאָג,
אין וועלכן כ׳וועל זיך מיט אים טרעפן.

— גאָטס מיטהילף קאָן נישט שאַטן — האָט הער מיכאַל
זיך אָנגערופן — איך וועל אויך נישט פילן קיין קנאה, אויב דער
דאָזיקער גורל וועט אויספאַלן אויף אייך, ווייל אייער עולה איז
גרעסער.

— מיכאַל! אַן איידעלערן ריטער פון אייך האָב איך נישט
געזען!

— נו, לאָמיך נאָר אייך אָנקוקן, ווי איר זעט אויס,
יענדרעק. איר זענט פון ווינט שוין אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן, אָ-
בער איר האָט זיך שוין איינמאָל אויסגעצייכנט. מיט גרויס דרך-
ארץ האָט די גאַנצע דיוויזיע אויף אייער אַרבעט געקוקט. גאַרנישט,
נאָר חורבות און הרוגים. איר זענט אַן אויסגעצייכנטער זעלנער.
אַפילו דעם הער זאַגלאָבאַ, ווען ער וואָלט דאָ געווען, וואָלט
שווער געווען עפעס בעסערס וועגן זיך אויסצוטראַכטן.

— גאָט מיינער! ווו איז דען הער זאַגלאָבאַ?

— ער איז געבליבן ביים הער סאַפּיעהאַ, ווייל ער איז
אינגאַנצן געשוואָלן געוואָרן פון ווייבען און קלאָגן נאָך ראָך קאָ-
וואַלסקין...

— איז ראָך קאָוואַלסקי אומגעקומען?

וואָלאָדיאָווסקי האָט די ליפּן פאַרביסן.

— איר ווייסט, ווער עס האָט אים דערהרגעט?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?.. זאָגט!

— פירשט באָגוסלאַוו!

קמיטשיק האָט זיך אַ דריי-געטאָן אויפן אָרט, ווי פון אַ
שפּיז געשטאָכן און ער האָט מיט אַ ציטערדיי לופט אין זיך אַרייג-
געצויגן, צום סוף האָט ער מוראדיק מיט די ציין אַ קריץ-געטאָן

און וואַרפנדיק זיך אויף דער באַנק האָט ער אַ שטילשווייגנדיק דעם קאָפּ אויף די הענט אָנגעשפּאַרט.

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט און געהייסן דעם דינער די משקה ברענגען, דערנאָך האָט ער זיך געזעצט נעבן קמיטשיצן, האָט אָנגעגאָסן גלעזער און געזאָגט:

— ראַך קאָוואַלסקי איז אומגעקומען מיט אַזאַ ריטערלעכן טויט, אַז הלוואַי קיינער פון אונז זאָל מיט קיין ערגערן טויט נישט שטאַרבן. גענוג, אַז איך וועל אייך זאָגן, אַז קאַרל אַליין האָט נאָך דער שלאַכט אים אַ לויה געפּראַוועט און אַ גאַנצער רעגימענט פון גוואַרדיע האָט איבער זיין טרומנע פון ביקסן געשאָסן.

— וואָלט ער כאָטש נישט געפאַלן פון די דאָזיקע הענט, פון די דאָזיקע טייוולאָנישע הענט! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

— יאָ, פון באָגוסלאַווס הענט, כ'ווייס דאָס פון הוזאַרן, וועלכע האָבן מיט די אייגענע אויגן זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער טרויעריקער סצענע.

— זענט איר דאָרט נישט געווען?

— אין דער שלאַכט קלויבט מען זיך נישט אויס קיין אָרט, נאָר מען שטייט, ווו מ'הייסט. ווען איך וואָלט דאָרט געווען, איז אָדער איך וואָלט איצט דאָ נישט געווען, אָדער באָגוסלאַוו וואָלט אין פּראָסטקי קיין וואַלן נישט געשאָטן.

— דערציילט, ווי אַלץ איז צוגעגאַנגען. אין האַרץ וועט נאָר נאָך מער שנאה צוקומען.

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך אָנגעטרונקען, האָט די געלע וואָנסעלעך אָפּגעווישט און אָנגעהויבן:

— ס'האָבן אייך אודאי נישט געפעלט קיין ידיעות וועגן דער וואַרשעווער שלאַכט, ווייל אַלע רעדן וועגן איר, איך וועל דעריבער וועגן איר אויך נישט מאריך זיין. אונזער לייטזעליקער האַר... זאָל אים גאָט געבן געזונט און אריכת - ימים, ווייל ביי אַן אַנדערן קיניג וואָלט דאָס פאָטערלאַנד אונטערגעגאַנגען מיט חרפּות און בזיונות... האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אויסגעצייכנטן פירער. ווען עס וואָלט געווען אַזאַ געהאָרכזאַמקייט, ווי ער איז

אַ פירער, ווען מיר וואָלטן אים ווערט געווען, וואָלטן די בראָניקער געווען פאַרשריבן אַ נייעם פּוילישן נצחון ביי וואַרשע, וואָס וואָלט זיך געקאָנט גלייכן מיט די נצחונות ביי גרונוואַלד און בערעסטעטשקאַ. הקיצור, דעם ערשטן טאָג האָבן מיר די שוועדן געשלאָגן. דעם צווייטן טאָג האָט דאָס מזל גענומען זיך בויגן דאָ אויף דער זייט, דאָ אויף יענער זייט וואָגשאָל, אָבער מיר האָבן אַלץ געהאַט די אויבער-האַנט. אָט דעמאָלט איז צו דער אַטאַקע אַוועק דאָס ליטווישע הוזאַרן-פּאָלק, אין וועלכן אויך ראָך האָט געדינט אונטער דער קאָמאַנדע פון פירשט פּאָלובינסקי, דעם גרויסן זעלנער. כ'האָב זיי געזען, ווען זיי זענען געגאַנגען, ווי כ'זע אייך, ווייל כ'בין מיט די לאודער געשטאַנען אויף אַ הויכקייט ביי די פאַרשאַנצונגען. זיי זענען געווען צוועלף הונדערט מענטשן און פערד, וואָס אַזעלכע האָט די וועלט נישט געזען. זיי זענען געגאַנגען אויף אַ הונדערט שריט נעבן אונז און כ'זאָג אייך, די ערד האָט אונטער זיי געציטערט. מיר האָבן געזען ווי די בראַנדענבורגער פוס-גייער האָבן אין גרעסטן איילעניש די פּיקעס אין דער ערד אַריינגעשטעקט, כדי דעם ערשטן אימפּעט זיך אַקעגנצושטעלן. אַנדערע האָבן געקנאַלט פון ביקסן, אַז דער רויך האָט זיי אַזש אינגאַנצן פאַרשטעלט. מיר גיבן אַ קוק: די הוזאַרן האָבן שוין די פערד נאָכגעלאָזט. גאָט, וואָס פאַר אַן אימפּעט! זיי זענען אין רויך אַריינגעפאַלן... נעלם געוואָרן! די זעלנער ביי מיר נעמען שרייען: „זיי וועלן צעברעכן! זיי וועלן צעברעכן!" אַ ווײַלע זעט מען גאָרנישט. ביז עס האָט עפּעס אַ הילך-געטאָן און ס'האָט זיך דערהערט אַ געקלימפּער, ווי אין טויזנט שמידרייען וואָלטן קאָוואַלעס מיט האַמערס געקלאַפּט. מיר געבן אַ קוק: יעזוס, מאַריאַ! דעם קורפירשטס פוס-גייער ליגן שוין אויסגעשפּרייט, ווי קאָרן, איבער וועלכן אַ שטורעם טראָגט זיך אַריבער, און זיי זענען שוין העט נאָך זיי! נאָר די פאָנען פינקלען! זיי לאָזן זיך אויף די שוועדן! זיי האָבן זיך אַ וואָרף-געטאָן אויף די רייטערס — די רייטערס ליגן אויסגעצויגן! זיי האָבן זיך אַ וואָרף-געטאָן אויף אַ צווייטן רעגימענט — אויסגעצויגן! דאָ נעמט קראַכן האַרמאַטן דונערן... מיר זעען זיי, ווען דער ווינט בלאָזט-פּאַנאַ-

דער דעם רויך. זיי ברעכן די שוועדישע פוס - גייער... אַלץ צע-לויפט זיך, אַלץ פאַלט, שפּאַלט זיך, זיי גייען ווי אויף אַן אָפענעם וועג... זיי זענען שוין שיר נישט דורך דער גאַנצער אַרמיי דורכ-געגאַנגען! . זיי שטויסן זיך צוזאַמען מיטן פּאָלק פון דער רייטער, גוואַרדיע, צווישן וועלכער קאַרל שטייט... אויך די גוואַרדיע איז ווי פון אַ וויכער צעטריבן געוואָרן!..

דאָ האט וואָלאָדיאָווסקי די דערציילונג איבערגעריסן, ווייל קמיטשיץ האָט מיט די פויסטן די אויגן פאַרשטאָפּט און גענומען שרייען;

— גאָט, גאָט! איינמאָל זען און פאַלן!

— אַזאַ אַטאַקע וועלן שוין מיינע אויגן נישט זען — האָט דער קליינער ריטער ווייטער געזאָגט — מ'האָט אונז אויך געהייסן אַ שפּרינג - טאָן... מער האָב איך נישט געזען, אָבער דאָס, וואָס איך וועל דערציילן, האָב איך געהערט פון אַ שוועדישן אָפיציר, וועלכער איז דעמאָלט ביי קאַרלס זייט געשטאַנען און מיט די אייגענע אויגן אַלץ געזען. ווען די הוזאַרן האָבן שוין אַלץ געהאַט צעבראָכן אויפן וועג, האָט דער אייגענער פאָרגעל, וועלכער איז שפּעטער ביי ראַוואַ אין אונזערע הענט אַריינגעפאַלן, זיך אַ וואָרף געטאָן צו קאַרלס הענט; „קיניג, ראַטעוועט שוועדן! ראַטעוועט זיך אַליין! — האָט ער געשריגן — טרעט אָפּ! טרעט אָפּ! קיין שום כוח וועט זיי נישט צוריקהאַלטן!" — אָבער קאַרל האָט דערויף גע-ענטפערט: „עס נוצט נישט פאַר זיי צוריקצוטרעטן, מ'דאַרף שטעלן אַ ווידערשטאַנד אָדער אומקומען!" עס לויפן צו אַנדערע גענע-ראַלן, זיי בעטן רחמים, ער וויל נישט. ער האָט זיך אַ לאָז - גע-טאָן פאָרויס... זיי האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן און די שוועדן זענען כהרף - עין צעבראָכן געוואָרן. ווער עס איז געפאַלן, דער איז צעטרעטן געוואָרן; די איבעריקע האָבן זיך צעשאָטן, ווי אַר-בעס. דאָ האָבן זיי גענומען זיי האַקן. דער קיניג האָט זיך צוויי מאָל אָפּגעשלאָגן; ס'איז צו אים צוגעלאָפן קאָוואַלסקי און ער האָט אים דערקענט, ווייל ער האָט אים שוין צוויי מאָל געזען. אַז ער נעמט זיך אויף אים וואַרפן!.. אַ רייטער האָט פאַרשטעלט דעם קיניג... אָבער די, וואָס האָבן דאָס געזען, זאָגן, אַז אַ דונער

הרגעס נישט גיכער, ווי ראָך האָט אים אויף צוויי צעהאַקט. דעמאלט האָט דער קיניג אַליין זיך אויף אים אַ וואָרף געטאָן...

וואָלאָדיאָווסקי האָט ווידער די דערציילונג איבערגעריסן און סיך אָפּגעטעטעמט, אָבער קמיטשיץ האָט תיכּף אויסגערופן:

— ענדיקט שוין, ווייל די נשמה שפּרינגט מיר אַרויס!

— זיי האָבן זיך צונויפגעטשעפּעט אין מיטן פעלד, אַז די פערד האָבן זיך אַזש מיט די ברוסטן צוזאַמענגעשטויסן. אַ מהומה! אַ קאָכעניש! „כ'גיב אַ קוק — דערציילט אונז דער אָפיציר — דער קיניג צוזאַמען מיטן פערד ליגן שוין אויף דער ערד!" ער האָט זיך אַרויסגעקריגן, דאָס צינגל פון פּיסטאָלעט אַ צי געטאָן, נישט געטראָפן. ראָך כאַפּט אים אָן פאַרן קאָפּ, ווייל דער קאַפּעלוש איז אים אַראָפּגעפאַלן. שוין האָט ער די שווערד אויפגעהויבן, שוין האָבן די שוועדן געחלשט פון שרעק, ווייל ס'איז געווען צו שפּעט צו גיין צו הילף, ווי באָגוסלאַוו איז מיט אַמאָל ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן און קאָוואַלסקין גלייך אין אויער אַריין אויסגעשאָסן, אַז דער קאָפּ צוזאַמען מיטן העלם איז אים צעשמעטערט געוואָרן.

— גאָט מיינער! האָט ער שוין נישט געהאַט קיין צייט די שווערד אַראָפּצולאָזן?! — האָט הער אַנדזשעי אויסגעשריגן, רייסנדיק זיך פאַר די האָר.

— גאָט האָט אים נישט געטאָן דעם חסד — האָט הער מיכאל געענטפערט — מיר האָבן זיך מיט זאַגלאָבאַן משער געווען, וואָס עס איז געשען. דער פויער האָט פון די יינגלשע יאָרן אָן געדינט ביי די ראַדזיווילס, האָט זיי געהאַלטן פאַר זיינע הארן און אויפן אָנבליק פון אַ ראַדזיוויל איז ער אודאי מטושטש געוואָרן. ס'איז אים אפשר קיינמאָל נישט געקומען אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, אַז מ'קאָן אויף אַ ראַדזיוויל אַ האַנט אויפהויבן. עס טרעפט, עס טרעפט! האַ! ער האָט דערפאַר מיטן לעבן באַצאָלט. אַ מאָדנער מענטש איז הער זאַגלאָבאַ, ער איז אים נישט געווען נישט קיין קרוב און נישט קיין גואל, און פונדעסטוועגן וואָלט אַן אַנדערער נאָך אַ זון אַזוי נישט געקלאָגט... און דעם אמת געזאָגט, איז נישט געווען אויף וואָס, ווייל אַזאַ רומפּולן טויט

וואָס זיך יעדער געווונטשן. דער שלאַכטשיץ און דער זעלנער חערן דאָך נאָר געבוירן דערצו, אַז זיי זאָלן אויב נישט היינט, איז מאָרגן דאָס לעבן פאַרלירן, און וועגן קאָוואַלסקין וועט די געשיכטע שרייבן און די קומענדיקע דורות וועלן אים שבחים נאָכזאָגן.

הער וואָלאָדיאָווסקי איז אַנטשוויגן געוואָרן אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך איבערגעצלמט און געזאָגט:

— אַן אייביקע רו באַוויליק אים צו געבן, האַר, און אַן אייביקע ליכטיקייט זאָל אים לייכטן...

— אויף אימער און אייביק — האָט קמיטשיץ פאַרענדיקט.

אַ געוויסע צייט האָבן ביידע תפלות געשעפטשעט, בעטנדיק אפשר וועגן אַזאַ טויט פאַר זיך, אַבי נישט פון באָגוסלאַווס האַנט, לסוף האָט הער מיכאל געזאָגט:

— קסיאָנדז פּיעקאַרסקי האָט אונז מבטיח געווען, אַז ער איז גלייך אין גן - עדן אַרײַנגעקומען.

— אַודאי, אויב אַזוי זענען אים אונזערע תפלות אויך נישט נויטיק.

— תפלות זענען תמיד נויטיק, ווײַל זיי וועלן אויפן חשבון פון אַנדערע פאַרשריבן ווערן, און אפשר אויף אונזער אייגענעם.

קמיטשיץ האָט אַ זיפץ - געטאָן.

— מען דאַרף האָבן בטחון אין גאָטס רחמים — האָט ער געזאָגט — איך האָף אויך, אַז פאַר דעם, וואָס כ'האָב אין פּרייסן אויפגעטאָן, וועלן מיר אַ פּאָר יאָר כּף - הקלע געשענקט ווערן.

— אַלץ ווערט דאָרט פאַרצייכנט. אַלץ, וואָס דער מענטש צעהאַקט דאָ מיט דער שווערד, ווערט דאָרט דורך די הימלישע סעקרעטאַרן פאַרשריבן.

— איך האָב אויך געדינט ביי ראַדזיווילן — האָט קמיטשיץ געזאָגט — אָבער איך וועל אויפן אָנבליק פון אַ ראַדזיוויל נישט מבולבל ווערן. גאָט, גאָט! פּראָסטקי איז דאָך נישט ווייט! געדענק, האַר, אַז ער איז אויך דיין שונא, ווײַל ער איז אַן אפיקורס, וועלכער האָט נישט איינמאָל קעגן דיין הייליקער אמונה געלעסטערט!

— און דעם פּאַטערלאַנדס אַ שונא! — האָט וואָלאָדיאָווסקי צוגעגעבן — לאָמיר האָפן, אַז זיין סוף דערנענטערט זיך. הער זאַגלאָבאַ האָט דאָס אייגענע נאָך יענער אַטאַקע פון די הוזאַרן נביאות - געזאָגט, און ער האָט עס געזאָגט אין צער, אין טרערן, ווי ער וואָלט פון גאָטס גייסט באַהויכט געווען. ער האָט דערביי באָגוסלאַוון אַזוי פאַרשאָלטן, אַז די צוהערער האָבן זיך אַזש די האָר אויף די קעפּ געשטעלט. פירשט קאַזשימיעזש מיכאַל, וועלכער מאַרשירט מיט אונז קעגן אים, האָט אויך געזען אין חלום צוויי גילדענע טראָמפּייטן, וועלכע די ראַדזיווילס טראָגן אין זייער הערב, און זיי זענען געווען צעביסן דורך אַ בער, און באַלד אויפן צווייטן טאָג האָט ער געזאָגט: „אָדער מיר, אָדער עמיצן פון די אַנדערע ראַדזיווילס וועט אַן אומגליק טרעפן".

— דורך אַ בער? — האָט קמיטשיץ, בלאַס - ווערנדיק, געפרעגט.

— יאָ.

הער אַנדזשעיס פּנים האָט אויפגעשיינט, ווי עס וואָלט אויף אים דער אָפּגלאַנץ פון מאָרגנשטערן געפאַלן, די אויגן האָט ער אין דער הויך אויפגעהויבן, די הענט צום הימל אויסגעצויגן און מיט אַ פרייליכער שטים אויסגערופן:

— איך האָב דאָך אין הערב אַ בער. געלויבט ביסטו, האַר, אין די הויכן!.. געלויבט ביסטו, הייליקסטע מוטער!.. גאָט, גאָט! כ'ביז נישט ווערט דעם דאָזיקן חסד!

דערהערנדיק דאָס איז וואָלאָדיאָווסקי אויך שטאַרק גערירט געוואָרן, ווייל ער האָט באַלד דערקענט, אַז אין דעם שטעקט אַ מופת פון הימל.

— יענדרעק! — האָט ער אויסגערופן — פון זיכערקייט וועגן נעם פאַר דער שלאַכט פעסט אַרום קריסטוסעס פיסלעך, און איך וועל אים וועגן סאַקאָוויטשן בעטן.

— פראָסטקי! פראָסטקי! — האָט קמיטשיץ ווי אין פיבער איבערגעחזרט — ווען לאָזן מיר זיך אין וועג אַריין?

— פאַרטאָגס, און ס'וועט שוין באַלד טאָגן.

קמיטשיק איז צוגעגאַנגען צום אויסגעהאַקטן פענסטערל פון דער כאַלופע, האָט אַ קוק - געטאָן אין הימל אַריין און אויס-געגערופן:

— די שטערן לעשן זיך שוין, זיי לעשן זיך שוין. אַוועַ מאַריאַ.

אין - דעם האָט זיך דערהערט אַ ווייט קרייען פון אַ האָן און צו גלייכער צייט האָט אָפּגעהילכט אַ שטיל שאַלן פון אַ טראָמפּייטל. אַ ביסל שפּעטער האָט אין גאַנצן דאָרף זיך גענומען רודערן, ס'האָט זיך געהערט אַ געקלאַנג פון אייזן, אַ הירזשעריי פון פערד. טונקעלע מאַסן פון רייטער האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן פלאַץ.

די לופט האָט זיך גענומען אָנזאַפּן מיט ליכט; אַ בלאַסע שיין האָט באַזילבערט די שפּיצן פון די שפּיזן, געפינקלט אויף די שווערדן, אַרויסבאַקומען פון שאָטן וואָנסעדיקע, בייזע פּנימער, העלמען, פעלץ - היטלען. טאָטערישע שפּפּסן - היטלען, פעלצ, לעך, פייל - און - בויגנס. לסוף האָט דאָס חייל מיטן הער קמי-טשיק אין דער פאָדערשטער וואַך אָפּגעמאַרשירט קיין פראָסטקי: די חיילות האָבן זיך אין אַ לאַנגער שלענגלדיקער ליניע איבערן וועג אויסגעצויגן און געגאַנגען מונטער.

די פערד האָבן שטאַרק גענומען ניסן אין די ערשטע רייען, נאָך זיי אויך די אַנדערע, אין וואָס די זעלנער האָבן געזען אַ גוטן סימן פאַר זיך.

ווייסע נעפּלען האָבן נאָך באַדעקט די לאָנקעס און פעלדער,

אַרום און אַרום איז שטיל געווען, נאָר די דערקאַטשעס האָבן אין די פייכטע גראָזן געטרעלט.

---

11. קאַפּיטל.

דעם 6 סעפּטעמבער זענען די פּוילישע חיילות צוגעקומען צו וואָנסאָש און זיך פאַרהאַלטן אויף אָפּרו, כדי די פערד און די מענטשן זאָלן פאַר דער שלאַכט זיך קאָנען מיט כוחות אָננעמען. דער שאַץ-מייסטער האָט באַשלאָסן פיר אָדער פינף טעג זיך ז׳אָרט אויפצוהאַלטן, אָבער די געשעענישן האָבן אים געצוואונגען זיין באַשלוס צו ענדערן.

דעם הער באַבּיניטש, אַלס מענטש, וואָס קען דאָס גרענעץ-געביט, האָט מען אַרויסגעשיקט אויף אַן אויסשפּירונג, מיטגעבנדיק אים צוויי לייכטע ליטווישע פאָלקן און אַ פרישע אָפּטיילונג טאַ-טערס, ווייל זיינע אייגענע טאָטערס זענען געווען צו פיל פאַר-מאַטערט.

דער שאַץ-מייסטער האָט פאַרן אָפּפאָרן אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך באַמיען וועגן אַ געפאַנגענעם און אַז ער זאָל מיט ליידיקע הענט נישט צוריקקומען. באַבּיניטש האָט נאָר אַ שמייכל-געטאָן, טראַכטנדיק זיך, אַז מ׳דאַרף אים ערשט דאָס נישט אָנזאָגן

און אַז ער וועט ברענגען געפאַנגענע, ווען אַפילו ער זאָל זיי דאַרפן אויף יענער זייט אָקאָפּעס אין פּראָסטקי זוכן.

ער איז טאַקע אין צוויי מעת-לעת אַרום צוריקגעקומען און מיטגעבראַכט אַ צוואַנציק פּרוסאַקעס און שוועדן, דערונטער דעם חשובן אָפיציר פאַן רעסעל קאַפּיטאַן פון באָגוסלאַווס פּריי-סישן רעגימענט.

מ׳האָט קמיטשיצס אָפּטיילונג אויפגענומען אין לאַגער מיט אַ גרויסן אַפּלאָז. דעם קאַפּיטאַן האָט מען מען נישט געדאַרפט גע-מען אויף אַ חקירה-ודרישה, ווייל באַבינישט האָט, צוליגנדיק אים אַ שווערד צום האַלז, דאָס שוין אויפן וועג געטאָן. פון זיינע אויסזאָגענישן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז נישט בלויז גראַף וואַלדעקס פּרייסישע פּאָלקן שטייען אין פּראָסטקי, נאָר אויך זעקס שוועדישע רעגימענטן אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל-מאַ-יאָר איזראַעל, דערפון פיר רייטער-פּאָלקן אונטער דער קאָמאַנ-דע פון פּעטערס, פּ׳יטיאַטסאָן, טויבען, אַמערשטיין און צוויי פוס-גייער-פּאָלקן, אונטער דער קאָמאַנדע פון די ברידער ענגעל. פון פּרייסישע פּאָלקן, וועלכע זענען געווען גוט באַוואָפנט, זענען אַ חוץ גראַף וואַלדעקס אייגענעם פּאָלק, נאָך געווען די פּאָלקן פון פירשט וויסמאַר, ברונצעל, קאָנאַבערג, גענעראַל וואַל-ראַט, און אויך פיר פּאָלקן פון באָגוסלאַווס קאָמאַנדע; צוויי פון דער פּרייסישער שלאַכטע און צוויי זיינע אייגענע.

די הויפּט-קאָמאַנדע האָט לפנים געהאַט גראַף וואַלדעק, אָבער אין דער אמתן האָט ער אין אַלץ געפאָלגט דעם פירשט באָגוסלאַוו, וועמענס השפעות ס׳האָט זיך אונטערגעגעבן אויך דער שוועדישער גענעראַל איזראַעל.

אָבער די וויכטיקסטע ידיעה, וואָס פאַן רעסעל האָט געגעבן, איז געווען די, אַז קיין פּראָסטקי צו הילף איילן פון עלק צוויי טויזנט געקליבענע פּאָמערישע פוס-גייער, און גראַף וואַלדעק-וועלכער האָט מורא, אַז די דאָזיקע אָפּטיילונגען זאָלן נישט פאַרכאַפּט ווערן דורך די טאָטערס, וויל אַרויסגיין פון באַפעסטיטן לאַגער און ערשט נאָכן פאַרייניקן זיך מיט זיי אַ צווייט מאָל

זיך פאַרשאַנצען. פירשט באָגוסלאַוו איז, לויט רעסעלס רייד, ביז איצט געווען קעגן פאַרלאָזן פּראַסטקי און ערשט אין די לעצטע טעג האָט ער זיך דערצו געלאָזט צורעדן.

דערהערנדיק דאָס, האָט הער גאָשיעווסקי זיך שטאַרק דער־פרייט, ווייל ער איז שוין זיכער געווען, אַז דער נצחון וועט אים נישט מיידן. דער שונא וואָלט לאַנג זיך געקאָנט פאַרטיידיקן אין די אָקאָפּעס, אָבער סיי די שוועדישע און סיי די פּרייסישע רייטער וועלן אין אָפענעם פעלד נישט קאָנען אויסהאַלטן דעם אָנגריף פון דער ליטווישער קאַוואַלעריע.

פירשט באָגוסלאַוו האָט דאָס אַ פּנים גוט פאַרשטאַנען, ווי דער שאַץ - מייסטער און דערפאַר טאַקע האָט ער נישט שטאַרק געהאַלטן פון וואַלדעקס פּלענער. אָבער ער איז צו פוסט, אַז ער זאָל נישט אָפּטרעטן פאַר אַ פאָרוואורף אַפילו פון אַ צו גרויסער פאַרזיכטיקייט. אַגב האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין געדולד. מ'האָט כמעט זיכער געקאָנט רעכענען, אַז עס וועט אים נמאס ווערן צו ליגן אין די וואַלן און אַז ער וועט אין דער אָפענער שלאַכט גיין זוכן רום אין נצחון. דער שאַץ - מייס־טער האָט זיך נאָר געדאַרפט איילן, כדי צו וואַרפן זיך אויפן שונא גראַד אין מאָמענט, ווען ער וועט די אָקאָפּעס פאַרלאָזן.

אַזוי האָבן געהאַלטן אי ער אַליין און די אַנדערע פּאָל־קאָווניקעס, ווי האַסון - בעי, וועלכער האָט מיט די טאָטערס אָנגעפירט, הער וואָינילאָוויטש פון קיניגלעכן חייל הער קאָרסאַן, פּאָלקאָווניק פון די לייכטע ליטווישע רייטער, הער וואָלאָדיאָווסקי, קאָטוויטש און הער באַבינישט. אַלע האָבן מסכים געווען, אַז מ'דאַרף אויפן ווייטערדיקן אָפּרו מוותר זיין און אין דער נאַכט, דאָס הייסט אין אַ פּאָר שעה אַרום זיך לאָזן אין וועג אַריין, דערווייל האָט הער קאָרסאַן זיין פאָן - טרעגער, ביעגאַנסקין, באַלד אַרויסגעשיקט, אַז ער זאָל צוגיין צו פּראָסטקי און דעם אָנקומענ־דיקן חייל יעדע שעה מודיע זיין, וואָס אין לאַגער טוט זיך. וואָלאָ־דאָווסקי און באַבינישט ווידער האָבן רעסעלן אין זייער קוואַרטיר אַריינגענומען, כדי עפּעס מער פון אים וועגן באָגוסלאַוון צו דער־גיין.

דער קאַפּיטאַן איז תחילת געווען שטאַרק אָנגעשראָקן, ווייל ער האָט נאָך קמיטשיצס שווערד אויפן האַלז געשפּירט, באַלד אָבער האָט אים דער ווײַן די צונג אויפגעבונדן. און היות ער האָט אַ מאָל, דינענדיק אין דער רעפּובליק אין אַן אויסלענדישן רעגימענט, פּויליש זיך אויסגעלערנט האָט ער דעריבער געקאָנט אויך ענטפערן אויף די פראַגן פון קליינעם ריטער, וועלכער האָט קיין דייטש נישט פאַרשטאַנען.

— שוין לאַנג דינט איר ביים פירשט באָגוסלאַוו? — האָט דער קליינער ריטער געפרעגט.

— איך דין נישט אין הויף־חייל פון פירשט — האָט רעסעל געענטפערט — נאָר אין קורפירשטס פּאָלק, וואָס איז אונטער זיין קאָמאַנדע אָפּגעגעבן געוואָרן.

— קענט איר אויך דעם הער סאַקאָוויטש נישט?

— דעם הער סאַקאָוויטש פלעג איך זען אין קעניגסבערג.

— ער איז ביים פירשט?

— ניין. ער איז אין טוראָגי געבליבן.

דער קליינער ריטער האָט אַ זיפץ־געטאָן און מיט די וואָנסעלעך באַוויגן.

— כ'האָב נישט קיין מזל, ווי תמיד! — האָט ער געזאָגט.

— נעמט זיך נישט צום הארצן, מיכאַל — האָט באַבּיניטש זיך אָנגערופן — איר וועט אים געפינען, און אויב נישט, וועל איך אים געפינען.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו רעסעלן:

— איר זענט אַן אַלטער זעלנער, איר האָט געזען ביידע אַרמייען, און אונזער קאַוואַלעריע קאָנט איר פון לאַנג־אָן; ווי מיינט איר, אויף וועמענס זייט וועט זיין דער נצחון?

— אויב זיי וועלן זיך אייך אַקעגנשטעלן מחוץ די אָקאָפּעס, וועט ער זיין אויף אייער זייט, אָבער די אָקאָפּעס וועט איר אָן פוס־גייער און האַרמאַטן נישט איינעמען, בפרט, אַז דאָרט ווערט אַ פירשט ראַדזיוויל קיין שום זאַך נישט געטאָן.

— פאַר אַזאַ גרויסן מלחמה־פירער האַלט איר אים?

— נישט בלויז איך, נאָר דאָס איז אַלעמענס מיינונג איןביידע חיילות. מ׳זאָגט אויך, אַז ביי וואַרשע האָט זיין מאַיעסטעט דער שוועדישער קיניג אין אַלץ זיין עצה געפאָלגט און דערפאַר די גרויסע שלאַכט געוואונען. דער פירשט, אַלס פּאָליאַק, קען בעסער אייער אופן מלחמה - האַלטן און קאָן גיכער אַן עצה אויסגעפינען. כ׳האָב אַליין געזען, ווי דער שוועדיקער קיניג האָט נאָכן דריטן טאָג פון דער שלאַכט פאַרן פראָנט פון די חיילות דעם פירשט אַרומגענומען און געקושט. אמת, אַז ער האָט אים דאָס לעבן געהאַט צו פאַרדאַנקען, ווייל ווען נישט דעם פירשטס שאָס... נאָ! אַ שרעק צו טראַכטן!.. דאָס איז דערביי אַן אומפאַרגלייכלעכער ריטער, מיט וועלכן קיינער קאָן זיך מיט קיין שום געווער נישט פאַרמעסטן.

— עי! — האָט הער וואָלאָדיאָוסקי זיך אָנגערופן — ס׳וואָלט זיך אפשר געפונען אזעלכער...

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער אימהדיק מיט די וואָנסעלעך באַוויגן. רעסעל האָט אַ קוק - געטאָן אויף אים און איז מ׳ט אַמאָל רויט געוואָרן. אַ ווייַלע האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז אָדער דאָס גאַנצע בלוט וועט אים אין קאָפּ אַריין אַ שלאָג - טאָן, אָדער ער וועט מיט אַ געלעכטער אַרויספּלאַצן; לסוף האָט ער זיך אָבער דערמאָנט, אַז ער איז אין געפאַנגענשאַפט, ער האָט זיך דעריבער באַלד באַרויקט.

קמיטשיץ ווידער האָט אויף אים אַ קוק - געטאָן מיט זיינע גראַע אויגן און געזאָגט מיט אַביסל צונויפגעפּרעסטע ליפּן:

— מאָרגן וועט מען זען...

— און באָגוסלאַוו איז איצט געזונט? — האָט וואָלאָדיאָוסקי געפרעגט — ווייל דער פיבער האָט דאָך אים אַזוי לאַנג געטרייסלט און געמוטשט אָפּשוואַכן?..

— ער איז שוין לאַנג געזונט, ווי אַ פיש און נעמט קיין שום רפואות נישט. דער מעדיקער האָט אים תחילת געוואָלט געבן פאַרשיידענע פאַרהיטונג - מיטלען, אָבער גראַד נאָכן נעמען דאָס ערשטע מיטל האָט זיך געמאַכט אַן אַטאַקע. זי האָט זיך שוין אָבער מער נישט איבערגעחזרט. פירשט באָגוסלאַוו האָט דעם

מעדיקער געהייסן אין לייליכער וואַרפן און דאָס האָט אים געהאָלפן, ווייל דער מעדיקער אַליין האָט פון שרעק קדחת באַקומען.

— וואַרפן אין לייליכער? — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט.

— כ'האָב אַליין געזען — האָט רעסעל געענטפערט — מ'האָט צוויי לייליכער צונויפגעלייגט, אין מיטן דעם מעדיקער אַריינגעלייגט און דערנאָך האָבן פיר געזונטע טראַבאַנטען אָנגענומען די לייליכער פאַר די עקן און גענומען דעם אומגליקלעכן אַזוי וואַרפן, אַז ער איז שיר נישט צען איילן הויך אונטערגעפלויגן, און זיי, קוים האָבן זיי אים געכאַפּט, האָבן זיי אים ווידער גענומען וואַרפן. גענעראַל איזראַעל, גראַף וואַלדעק און דער פירשט האָבן זיך פאַר די זייטן געהאַלטן פון געלעכטער. איך און אַ סך אַנדערע צופירן האָבן זיך אויך צוגערוקט צום דאָזיקן ספּעקטאַקל, ביז דער מעדיקער איז אין חלשות נישט געפאַלן. דער פירשט איז דערנאָך פולשטענדיק געזונט געוואָרן.

הגם וואָלאָדיאָווסקי און קמיטשיץ האָבן באַגוסלאַוון פיינט געהאַט, האָבן זיי זיך אָבער אויך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער, הערנדיק וועגן דאָזיקן שפּאַס. הער באַבינישט ווידער האָט זיך מיט די הענט איבער די קני אַ זעץ געטאָן און אויסגעשריגן!

— האַ! שעלמע, ווי ער האָט זיך אַן עצה געגעבן!

— מ'דאַרף דעם הער זאַגלאָבאַ זאָגן וועגן דער דאָזיקער סגולה — האָט דער קליינער ריטער זיך אָנגערופן.

— צום פיבער האָט דאָס געהאָלפן — האָט רעסעל געזאָגט — אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז דער פירשט האַלט נישט גינוג אין דעם יצר-הרע און דערפאַר וועט ער קיין טיפן עלטער נישט דערלעבן.

— איך מיין אויך אַזוי — האָט באַבינישט דורך די ציין אַ ברום געטאָן — אַזעלכע, ווי ער, לעבן נישט לאַנג.

— לאָזט ער זיך אין לאַגער אויך נאָך חוילגיין? — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט.

— אודאי! — האָט רעסעל געענטפערט — גראַף וואַלדעק האָט נישט איינמאָל געלאַכט, זאָגנדיק, אַז דער פירשט פירט מיט זיך אַ פרויען - צימער... איך אַליין האָב געזען צוויי שיינע מיידלעך, וועגן וועלכע די הויף - לייט האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי דינען צו פּרעסן די קרויזן...

דערהערנדיק דאָס איז באַבינישט רויט און בלאַס געוואָרן, מיט אַמאָל האָט ער זיך פון אָרט אַ ריס - געטאָן און אָנכאַפּנדיק ריסעלן פאַר דער האַנט, האָט ער אים גענומען האַסטיק טרייסלען.

— דאָס זענען פּוילישע אָדער דייטשע מיידלעך? זאָגט!

— נישט קיין פּוילישע — האָט דער איבערגעשראָקענער רעסעל געענטפערט — איינע איז אַ פּרייסישע שלאַכטשאַנקע און די צווייטע אַ שוועדין, וועלכע האָט פריער געדינט ביים גענעראַל איזראַעלס ווייב.

באַבינישט האָט אַ קוק - געטאָן אויף וואָלאָדיאָווסקין און זיך אָפּגעעטעמט; דער קליינער ריטער האָט אויך אָפּגעעטעמט און אויפגעהערט מיט די וואָנסעלעך צו באַוועגן.

— דערלויבט מיר צו גיין אָפּרוען — האָט רעסעל זיך אָנגערופן — כ'בין שרעקלעך פאַרמאַטערט, ווייל אַ טאָטער האָט מיך צוויי מייל אויף אַ שטריק געפירט.

קמיטשיץ האָט אַריינגערופן סאָראָקאָן און אים דעם געפאַנגענעם איבערגעגעבן, דערנאָך האָט ער זיך מיט האַסטיקע טריט צום הער וואָלאָדיאָווסקי אַ קער - געטאָן.

— שוין גענוג! — האָט ער געזאָגט — כ'וויל בעסער אומקומען, כ'וויל בעסער הונדערט מאָל אומקומען, איידער לעבן כסדר אין אַזאַ שרעק און אומזיכערקייט. אָט איצט, ווען רעסעל האָט וועגן יענע מיידלעך דערמאָנט, האָב איך געמיינט, אַז ס'האָט מיר עמיצער מיט אַ האַמער אין מוח דערלאַנגט.

דערויף האָט הער וואָלאָדיאָווסקי מיט דער שווערד אַ קלאַפּ געטאָן.

— צייט צו מאַכן אַ סוף! — האָט ער געזאָגט.

אין - דעם האָט מען ביים העטמאַנס קוואַרטיר אין אַ טראָמפּייט געבלאָזן און באַלד האָבן אין אַלע ליטווישע פּאָלקן זיך אָנ-

גערופן טראָמפּייטלעך און אין די טאַטערישע אָפּטיילונגען פּיי־פּעלעך.

דאָס חייל האָט זיך גענומען צונויפקלייבן און מיט אַ שעה שפּעטער האָט עס אַרויסמאַרשירט.

נאָך איידער זיי זענען אַ מייל אָפּגעגאַנגען, איז אָנגעלאָפן אַ שליח פון פּאַן־טרעגער ביעגאַנסקי, פון הער קאָרסאַקס פּאָלק, מיט אַ ידיעה צום העטמאַן, אַז מ׳האָט געכאַפּט אַ פּאָר רייטער פון אַ גרעסערער קופּע, וועלכע האָט פון דער זייט טייך פאַרנומען אַלע פּויערישע וועגנס און פערד. פאַרהערט אויפן אָרט, האָבן זיי אויסגעזאָגט, אַז דער אָבאָז און דאָס גאַנצע חייל זאָל צומאָרגנס אַכט אַ זייגער אין דער פרי פאַרלאָזן פּראָסטקי און אַז די באַ־פעלן זענען שוין אַרויסגעגעבן.

— לאָמיר לויבן גאָט און אונטעריאָגן די פערד — האָט דער שאַך־מייסטער דערויף געזאָגט — ביזן אָוונט וועלן שוין די דאָזיקע חיילות נישט זיין!

מ׳האָט בכן דאָס טאָטערישע חייל געשיקט, אַז עס זאָל אין גרעסטן גאַלאָפּ מאַרשירן און זיך באַמיען וואָס גיכער אַריינצוקריגן זיך צווישן וואַלדעקס חיילות און יענע פּרייסישע פוס־גייער׳ וואָס איילן צו הילף. נאָך זיי האָבן זיך די ליטווישע פּאָלקן אַ לאָז־געטאָן מיט קליינע טריט, און היות דאָס זענען על־פּי־רוב געווען לייכטע פּאָלקן, זענען זיי געגאַנגען אַזוי שנעל, אַז זיי האָבן שיר נישט די טאָטערס אָנגעיאָגט.

קמיטשיץ איז אַוועק אין דער ערשטער טאָטערישע וואַך און האָט זיין אָפּטיילונג אַזוי געיאַגט, אַז פון די פערד האָט אַזש אַ פּאַרע געזעצט. אויפן וועג האָט ער זיך אויפן זאָטל געלייגט, מיטן ...ען אין פערדישן קאַרק געשלאָגן און מתפּלל געווען מיט אַלע כוחות פון דער נשמה:

— נישט פאַר מיין עולה לאָז מיך, גאָט, נקמה נעמען, נאָר פאַר די בזיונות, וועלכע דאָס פאָטערלאַנד איז אויסגעשטאַנען. איך בין אַ פּושע, איך בין דיינע חסדים נישט ווערט, אָבער דערבאַרעם זיך איבער מיר, דערלויב מיר דאָס דאָזיקע אַפּיקורסישע בלוט צו פאַ...גיסן און איך וועל דיר דאַנקען דערמיט, וואָס איך וועל פאַסטן

און מלקות זיך שלאָגן יעדע וואָך אין דעם טאָג מיין גאַנצן לעבן!
דערנאָך האָט ער נאָך צו דער הייליקסטער טשענסטאָכאָ־ווער בתולה, וועלכער ער האָט מיט זיין אייגענעם בלוט געדינט, און צו זיין פּאַטראָן תּפלה ־ געטאָן און נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אויף אַזאַ אופן מיט זייער מיטהילף באַוואָרנט, האָט ער באַלד דערשפּירט, אַז זיין האַרץ ווערט פון אַ גרויסער האָפענונג באַלעבט, אַז אַן אויסערגעוויינלעכער כּוח נעמט דורך זיינע אברים, אַזאַ כּוח׳ פאַר וועלכן אַלץ מוז צעשטויבט און צעפלאָסן ווערן. ס׳האָט זיך אים געדוכטן, אַז פון די אָרעמס וואַקסן אים אַרויס פליגל; אַ שמחה האָט אים ווי אַ וויכער אַרומגעכאַפּט און ער איז געפלויגן בראש פון די טאָטערס, אַז פונקען האָבן זיך אַזש פון אונטער די קאָפּיטעס פון זיין פערד געשאָטן. טויזנטער ווילדע מלחמה־מענטשן, אַראָפּגעבויגן אויף די פערדישע קאַרקן, האָבן הינטער אים געיאָגט.
די כוואַליע פון שפּיציקע היטלעך האָט זיך געוואַקלט צום טאַקט פון פערדישן גאַלאָפּ, די פיילן ־ בויגנס האָבן זיך געוויקלט אויף די פּלייצעס, פאַר זיי איז געלאָפן דער אָפּהילך פון ד׳ פערדישע טריט, פון הינטן האָט זיך אָנגעטראָגן דאָס שטילע גע־דויש פון די אָניאָגנדיקע ליטווישע פּאָלקן, וואָס איז ענלעך געווען אויפן גערויש פון אַן איבערפולטן טייך.
און זיי זענען געפלויגן אין דער פרעכטיקער, אויסגעשטערנ־טער נאַכט, וועלכע האָט די וועגן און פעלדער באַדעקט, ווי אַ ריזיקע סטאַדע רויב ־ פייגל, וואָס האָבן פון דער וויטנס בלוט דערשנאַפּט.
זיי האָבן געמיטן פרוכפּערדיקע פעלדער, וועלדער, לאָנקעס, ביז דער לבנה ־ סערפּ איז לסוף בלאַס געוואָרן און זיך אַ נייג ־ געטאָן צו מערב. דעמאָלט האָבן זיי די פערד איינגעהאַלטן און זיך אָפּגעשטעלט זיי אָנצופּאַשען צום לעצטן מאָל. זיי זענען שוין געווען נישט ווייטער, ווי אַ האַלבן דייטשן מייל פון פּראָסטקי.
די טאָטערס האָבן פון די הענט געגומען פּאַשען די פערד מיט גערשט, כּדי זיי זאָלן פאַר דער שלאַכט מיט פרישע כּוחות זיך אָננעמען. קמיטשיץ ווידער האָט זיך אויף אַ רעזערוו ־ פערד אי־בערגעזעצט און איז געפאָרן ווייטער, כּדי צו וואַרפן אַ בליק אויפן לאַגער פון שונא.

נאָכן אָפּפאָרן אַ האַלבע שעה האָט ער אין די געוויקסן ביי אַ טייכל אָנגעטראָפן אויף יענע אָפּטיילונג, וועלכע הער קאָרסאַק האָט אויף אויסשפּירונג געהאַט ארויסגעשיקט.

— נו וואָס? — האָט הער קמיטשיץ דעם פאַן - טרעגער געפרעגט — וואָס הערט מען?

— זיי שלאָפן שוין נישט און טומלען, ווי די בינען אין אַ בין - שטאָק — האָט דער פאַן - טרעגער געענטפערט — זיי וואָלטן זיך שוין געוועןן געלאָזט אין וועג אַריין, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט גענוג פורן.

— קאָן מען דעם לאַגער זען ערגעץ פון דער נאָענט?

— יאָ, פון יענער הויכקייט, וואָס איז מיט קשאַקעס באַדעקט. דער לאַגער ליגט העט דאָרט אונטן ביים טייך. איר ווילט אַ קוק - טאָן?

— פירט מיך.

דער פאַן - טרעגער האָט זיך אַ לאָז - געטאָן מיטן פערד און זיי זענען אויף דער הויכקייט ארויפגעפאָרן. דער הימל איז אין מזרח שוין רויט געוואָרן און דער לופט האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט אַ גילדענעם ליכט, אָבער ביים טייך, אויפן צווייטן נידריקן ברעג, איז נאָך געלעגן אַ געדיכטער נעפּל. באַהאַלטן אין די קשאַקעס, האָבן זיי געקוקט אין דאָזיקן נעפּל, וועלכער איז וואָס אַ מאָל שיטערער געוואָרן.

צום סוף האָט זיך אין טאָל אויף אַ מרחק פון אַ פּאָר הונדערט שריט אָפּגעדעקט אַ פּירקאַנטיקער וואַל: קמיטשיצס בליק האָט זיך אין אים גיריק איינגעגראָבן, אָבער אין דער ערשטער רגע האָט ער נאָר דערזען די נעפּלדיקע שטריכן פון געצעלטן, וועגנס, וואָס זענען געשטאַנען אין דער מיט, אין דער לענג פון די וואַלן. פלאַמען פון פייער - הויפנס האָט מען שוין נישט געזען, נאָר אַ רויך איז אין הויכע פּאַסן צום הימל אויפגעגאַנגען צום צייכן פון אַ שיינעם וועטער. אָבער ווען דער נעפּל האָט שוין געהאַט זיך שטאַרק צעפּלאָסן, האָט הער באַבינישט מיט דער הילף פון שפּאַקטיוו געקאָנט פאַנאַנדערשיידן די בלאָע שווערישע און די געלע

פרייסישע פאָנען, וואָס האָבן אויף די וואַלן אַרויסגעשטעקט, און דערנאָך די מאַסן זעלנער, האַרמאַטן און פערד.

אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ שטילקייט, וועלכע איז נאָר איבערגעריסן געוואָרן דורכן שאַרף פון די קשאַקעס, וואָס זענען דורכן ווינטל באַוויגן געוואָרן, און דורכן פריילעכן פרי-מאָרגנדיקן געצוויטשער פון די פייגל. אָבער פון לאַגער האָט זיך אָנגעטראָגן אַ געשטיקט גערויש.

משמעות, קיינער איז שוין דאָרט נישט געשלאָפן, אַ פנים, מ'האָט זיך געגרייט צום מאַרש, ווייל אין מיטן וואַל האָט גע-הערשט אַן אומגעוויינלעכע באַוועגונג. גאַנצע פאָלקן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן פון איין אָרט אין צווייטן, מאַנכע זענען אַרויס פאַר די וואַלן; אַרום די וועגנס האָט געהערשט אַן אומגעוויינ-לעך פאָרעניש. מ'האָט אויך די האַרמאַטן פון די וואַלן אַראָפ-געשלעפט.

— עס קאָן אַנדערש נישט זיין, נאָר זיי גרייטן זיך צום מאַרש — האָט קמיטשיק געזאָגט.

— אַלע געפאַנגענע האָבן דאָס אויסגעזאָגט. זיי ווילן זיך מיט זייערע פוס - גייער פאַרייניקן. זיי ריכטן זיך נישט, אַז דער הער העטמאַן זאָל זיי קאָנען אָנגרייפן פריער, ווי אין אָוונט, און ווען ער זאָל אַפילו יאָ אָנגרייפן, ווילן זיי בעסער אַ שלאַכט אין אָפענעם פעלד אויפנעמען, איידער יענע פוס - גייער מפקיר זיין.

— אַ צוויי שעה וועלן אַריבער, ביז זיי וועלן אַרויסמאַר-שירן, און אין צוויי שעה אַרום וועט דער שאַץ - מייכטער דאָ זיין.

— געלויבט איז גאָט!

— שיקט נאָך מענטשן, אַז זיי זאָלן דאָרט צו לאַנג זיך נישט אויפהאַלטן.

— לויט באַפעל.

— האָבן זיי נישט אַרויסגעשיקט עפעס אָפּטיילונגען אויף דער זייט טייך?

— אויף דער זייט איז קיין איינער נישט אַרויסגעגאַנגען.
זיי האָבן אַרויסגעשיקט, אָבער צו זייערע פוס-גייער, וועלכע קומען אָן פון עלק.

— גוט! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

און ער איז אַראָפּגעפּאָרן פון בערגל, און באַפעלנדיק דער אָפּטיילונג זיך ווייטער צו באַהאַלטן אין די געוויקסן, האָט ער אַליין מיטן גערסטן אימפּעט צוריק צום פּאָלק זיך אַ לאָז-געטאָן.

הער גאָשיעוווסקי האָט זיך גראָד אויפן פערד געזעצט, ווען באַבינישט איז אָנגעקומען. גיך האָט אים דער יינגער ריטער דערציילט, וואָס ער האָט געזען און ווי עס איז די פּאָזיציע פון דער געגנט; דער העטמאַן האָט דעם באַריכט אויסגעהערט מיט גרויס צופרידנהייט און אָן שהיות די פּאָלקן אין ווייטערדיקן וועג אַריין געשיקט.

אָבער דאָס מאָל איז צוערשט געגאַנגען באַבינישטס מחנה, נאָך איר די ליטווישע פּאָלקן: וואָיניל‎אָוויטשס, דער לאודער, דעם העטמאַנס אייזערנער פּאָלק און די אַנדערע. די טאָטערס זענען געבליבן הינטער זיי, וויל וועגן דעם האָט שטאַרק געבעטן האַסון-בעי, וועלכער האָט מורא געהאַט, צי זיינע מענטשן וועלן אויסהאַלטן דעם ערשטן אָנדראַנג פון די שווערע רייטער. ער האָט אויך געהאַט נאָך אַן אַנדערע אויסרעכנונג.

ער האָט געוואָלט, אַז בעת די ליטווישע פּאָלקן וועלן זיך אַ וואָרף-טאָן אויפן פראָנט פון די חיילות, זאָל ער מיט די טאָטערס קאָנען פאַרכאַפּן דעם אָבאָז, אין וועלכן ער האָט זיך געריכט אויף אַ בשפעדיקן שלל. דער העטמאַן האָט מסכים געווען מיינענדיק מיט רעכט, אַז די טאָטערס וואָלטן דאָס חייל אפשר ווייך אָנגעגריפן, אָבער אויפן אָבאָז וועלן זיי זיך אַ וואָרף-טאָן מיט אַ ווילדן אימפּעט און אַ מהומה אַרויסרופן, בפרט, אַז די פרייסישע פערד זענען נישט צוגעוווינט צו זייער אימהדיקן געהייל.

אין צוויי שעה אַרום, ווי קמיטשיץ האָט פאָרויסגעזאָגט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי יענעם בערגל, פון וועלכן די אָפּטיילונג האָט אויף די וואַלן אַראָפּגעקוקט און וועלכעס האָט איצט דעם

מאַרש פון אַלע חיילות פאַרשטעלט. אויפן אָנבליק פון אָנקומענדיקן מי־ליטער איז דער פאָן־טרעגער בליץ שנעל צוגעלאָפן מיט דער ידיעה אַז נאָכדעם, ווי דער שונא האָט צוריקגעצויגן די וואַכן פון יענער זייט טייך, האָט ער שוין אַרויסמאַרשירט און אַז דער עק פון אַבאָז גייט איצט גראָד אַרויס פון וואַל.

דערהערנדיק דאָס האָט הער גאָשיעווסקי אַרויסגעצויגן דעם שטאָב פון רעדל ביים זאָטל און געזאָגט:

— אויב אַזוי קאָנען זיי זיך שוין מער נישט אומדרייען, ווייל די וועגנס פאַרשטעלן דעם וועג. אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליקן גייסט! ס'איז נישט נויטיק זיך לענגער צו באַהאַלטן!

און ער האָט געגעבן אַ צייכן דעם פאָן - טרעגער, יענער האָט די פאָן אויפגעהויבן און אין אַלע זייטן גענומען פאָכן. אויפן דאָזיקן צייכן האָבן אַלע פאָנען זיך גענומען וויגן, ס'האָבן זיך צעשאַלט די טראָמפּייטן און האָרנס, ס'האָבן זיך צעלאַרעמט די טאָטערישע פייפלעך, זעקס טויזנט שווערדן האָבן אין דער לופט אויפגעבליצט און זעקס טויזנט העלזער האָבן אַ געשריי געטאָן:

— יעזוס מאַריאַ!

— אַלאַ - הו - אַלאַ!

דערנאָך האָט איין פּאָלק נאָכן צווייטן גענומען פון הינטערן בערגל ז'ן אַרויסרוקן. אין וואַלדקעס לאַגער האָט מען זיך אַזוי גיך אויף די געסט נישט געריכט, ווייל ס'איז דאָרט אַנטשטאַנען אַ פיבערדיקע באַוועגונג. די פויקן האָבן גענומען הילכן אָן אויפהער; די פּאָלקן האָבן זיך מיטן פראָנט צום טייך אַ קער - געטאָן.

מיטן בלויזן אויג האָט מען שוין געקאָנט דערזען די גענע־ראַלן און פּאָלקאָווניקעס, וואָס זענען צווישן די רעגימענטן דורכ־געפלויגן. אין דער מיט איז מען אין גרעסטן איילעניש מיט די האַרמאַטן אַריינגעפאָרן, כדי זיי מיט דער פאָדערשטער זייט צום טייך אויסצושטעלן.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען ביידע אַרמייען שוין געווען אָפּ־געגרוקט פון זיך נישט מער ווי אויף טויזנט שריט. ס'האָט זיי

נאָר אָפּגעטיילט אַ גרויס פעלד, וואָס אין זיין מיט איז געפלאָסן אַ טייכל.

נאָך אַ ווײַלע און דער ערשטער פּאַס פון ווייסן רויך איז פון דער פרייסישער זייט צו די פּאָליאַקן אויפגעגאַנגען.

די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויב

דער העטמאַן אליין איז צו קמיטשיצס אָפּטיילונג צוגע־שפּרונגען.

— וואַרפט זיך, העד באַביניטש! וואַרפט זיך אין גאַנצן גאַנצן! אָט אויף די וואַנט׳

און מיטן שטאַב אָנגעוויזן אויף אַ בלישטשענדיקן רייטער־פּאָלק.

— מיט מיר! — האָט העד אַנדזשעי אַ קאָמאַנדע געגעבן.

און אַ דריק־טוענדיק דאָס פערד מיט די שפּאָרנס, האָט ער זיך געלאָזט פליען צום טייך. נאָך איידער זיי זענען אַ שאָס פון אַ בויגן אָפּגעלאָפן, האָבן די פערד שוין גענומען דעם גרעסטן אימפּעט און געלאָפן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן, אויסגעצויגן ווי די ווינט־הינט. אַראָפּגעבויגן אויף די קאַרקן האָבן די רייטער מיט אַ געהייל נאָך צוגעשמיסן די פערד, וועלכע האָבן דאַכט זיך שוין די ערד נישט אָנגערירט; מיט דעם זעלבן אימפּעט זענען זיי אַרײַנגעפאַלן אין טייך, וועלכער האָט זיי נישט צוריקגעהאַלטן, ווייל זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַן אָרט, וווּ דער טייך איז געווען זייער פלאַך און זאַמדיק; זיי זענען צוגעפאַלן צום צווייטן ברעג און זיך געלאָזט ווייטער פליען.

זעענדיק דאָס, האָט דער פּאָלק פון די געפּאַנצערטע רייטער זיך אַ לאָז־געטאָן צו זיי, תּחילת מיט קליינע טריט, דער־נאָך אַ ביסל האַסטיקער און ווען די טאָטערס האָבן זיך שוין געהאַט דערנענטערט אויף אַ צוואַנציק שריט, האָט זיך דערהערט אַ דייטשע קאָמאַנדע; „פייער!" און טויזנטער אָרמעס, באַוואָפנט מיט פּיס אָלעטן, האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו די אָנלויפנדיקע רייטער.

אַ פּאַס רויך איז דורכגעפלויגן פון אייַן עק ריי אין צווייטן, דערנאָך האָבן צוויי לאָזע רייטער און פערד מיט אַ קראַך זיך צוזאַמענגעשטויסן. די פערד האָבן זיך אין ערשטן צוזאַמענשטויס אויף די הינטערשטע פיס געשטעלט; איבער די קעפּ פון די קעמפנדיקע האָבן דורך דער גאַנצער לענג פון דער ליניע אַ פינקל - געטאָן שווערדן, ווי אַ בליציקער זיגזאַג וואָלט פון איין עק אין צווייטן דורכגעפלויגן. דעם אימהדיקן געקלאַנג פון אייזן אין העלמען און פּאַנצערס האָט מען אַזש אויף דער צווייטער זייט טייך דערהערט. ס'האָט זיך געדוכטן, אַז דאָס קלאַפּט מען אין שמידערייען מיט האַמערס און שטאָלענע בלעכן.

די ליניע האָט זיך אין איין רגע אויסגעבויגן אין אַ האַלבּ-עיגול, ווייל בעת דער מיטן פון די רייטער איז דורכן ערשטן אָנדראַנג צוריקגעשטופּט געוואָרן' זענען די פליגל, אויף וועלכע ס'איז געפאַלן אַ קלענערער אימפּעט, אַלץ געשטאַנען אויף אָן אָרט, אָבער אויך אין מיטן האָבן די פּאַנצער - זעלנער נישט גע-לאָזט זיך צערייסן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיקע שחיטה. פון איין זייט האָט דאָס ריזיקע, געפּאַנצערטע חייל זיך אָנגע-שפּאַרט אויף דער מעכטיקער משא פון די פערד, פון דער צווייטער זייט האָבן די גראָע טאָטערישע חמרים עס געשטויסן מיטן כוח פון אימפּעטיקן אָנדראַנג, האַקנדיק און בראָקנדיק מיט אַזאַ אומבאַ-גרייפלעכער פלינקייט, וועלכע קאָן נאָר ביי אַן אויסערגעוויינלע-כער לייכטקייט און געניטקייט געמאָלט זיין. פּונקט ווי ווע[l]-געדיכטע חמרים האַלץ - העקער וואַרפן זיך אויף אַ וואַלד פון סאָסנעס, הערט מען נאָר דאָס קלאַפּן פון די העק און פון צייט צו צייט פאַלט אַ הויכער בוים מיט אַ מוראדיקן קראַך, אַזוי האָט אויך יעדע ווייל[ע] אַ רייטער דעם בלישטשענדיקן קאָפּ אַראָפּגעבויגן און אונטערן פערד אַרונטערגעפאַלן. די שווערדן פון קמיטשיצס מענטשן האָבן זיי געפינקלט אין די אויגן, זיי פאַר-בלענדט, געררוישט נעבן די פּנימער, אויגן, הענט. אומזיסט הויבט דער מעכטיקער זעלנער די שווערע שווערד אויף, נאָך איידער ער לאָזט זי אַראָפּ, שפּירט ער שוין, ווי אַ קאַלטע שאַרף דרינגט - אַריין אין קערפּער, די שווערד רוקט זיך אים דאַן פון דער האַנט

אַרויס און אַליין פאַלט ער מיט אַ פאַרבלוטיקטן פּנים אויפן קאַרק פון פערד. און פונקט ווי אַ סטאַדע אָסעס באַפאַלט אין גאָרטן אַ מענטש, וואָס וויל פּירות אַראָפּשאָקלען, און אַז יענער האַקט מיט הענט, וואַרפט זיך, בויגט זיך, קאָנען זיי דורכדרינגען צום פּנים, צום האַלז און יעדע בייסט זיך אין אים אַריין מיט אַ שטעכעדיקער שפּיז, אַזוי האָבן אויך קמיטשיצס פאַרביטערטע און אין אַזוי פיל שלאַכטן אויסגעבילדעטע מענטשן זיך געוואָרפן בלינדערהייט, געשניטן, געביסן, געשטאָכן און מיט וואָס אַ מאָל אַ גרעסערער ווילדקייט טויט און שרעק פאַרשפּרייט, אַריבערשטייגנדיק זייערע קעגנער אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל אַ מומחה אין זיין פאַך שטייגט אַריבער אַפילו דעם געזונטסטן פויער וועלכן עס פעלט פּראַקטיק.

די פּרייסישע רייטער האָבן בכן גענומען פאַלן אין וואָס אַ מאָל גרעדיכטערע מאַסן און דער מיטן, אין וועלכן הער קמיטשיץ אַליין האָט געקעמפט, איז אַזוי שטאַרק שיטער געוואָרן, אַז אַ ליאַדע רגע האָט ער שוין געקאָנט דורכגעריסן ווערן. די געשרייען פון די אָפיצירן, וועלכע האָבן די זעלנער אין אָפּגעשוואַכטן אָרט צונויפגערופן, זענען פאַרהילכט געוואָרן דורכן געטומל און ווילדע קולות, די רייי האָט זיך נישט גענוג גיך צונויפגעדריקט, און קמיטשיץ האָט געשטויסן וואָס אַ מאָל מעכטיקער. אַליין באַוואָפנט אין אַ שטאָלענעם רינגל-פאַנצער, וועלכן ער האָט פון הער סאַפּיעהאַן אַ מתנה באַקומען, האָט ער געקעמפט ווי אַ פּראָסטער זעלנער, האָבנדיק הינטער זיך די יינגע קעמליטשס און סאָראָקאַן. זייער עובדא איז געווען דאָס לעבן פון זייער האַר אָפּצוהיטן און יעדעס מאָל האָט איינער פון זיי זיך אַ קער-געטאָן אויף רעכטס אָדער אויף לינקס און אַ מוראדיקן שטויס דערלאַנגט. ער ווידער האָט אויף זיין ברוינעם פערד אין גרעסטן גרעדיכטעניש אַריינגעפּראַלט און קענענדיק הער וואָלאָדיאָווסקיס אַלע סודות און פאַרמאָגנדיק אַ ריזיקע קראַפט, האָט ער מענטשלעכע לעבנס ווי די ליכט געלאָשן. צייטנווייז האָט ער מיט דער גאַנצער שווערד אַ שטויס-געטאָן, צייטנווייז קוים מיטן עק דערלאַנגט, צייטנווייז מיט איר בליץ-שנעל אַ דריי-געטאָן און אַ רייטער איז מיטן

קאָפּ־אַראָפּ אונטערן פערד אַרונטערגעפלויגן, גלייך ווי אַ דונער וואָלט אים פון זאָטל אַראָפּגעשליידערט. אַנדערע זיך ציִען צוריק פאַרן שרעקלעכן מאַן.

לסוף האָט הער אַנדזשעי אַ שניט־געטאָן דעם פאָן־טרעגער אין דער שלעף אַריין, און דער האָט נאָר ווי אַ געקוילעטער האָן אַ קריי־געטאָן און די פאָן פון דער האַנט אַרויסגעלאָזט; אין דער רגע האָט דער מיטן זיך דורכגעריסן און די אויסגעמישטע פליגל האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין צוויי צעיודערטע קופּעס, וועלכע האָבן זיך בחפזונדיק צו די ווייטערדיקע ליניעס פון די פּרייסישע חיילות צוריקגעצויגן.

קמיטשיץ האָט דורכן אויפגעריסענעם מיטן טיף אין פעלד אַריין אַ קוק־געטאָן און דערזען, ווי אַ רעגימענט פון רויטע דראַגונער פליט ווי אַ ווירבל די דורכגעריסענע רייטער צו הילף.

— שאַט נישט! — האָט ער זיך געטראַכט — אין אַ ווײַלע אַרום וועט וואָלאָדיאָווסקי דורך דעם זעלבן טייך מיר קומען צו הילף...

דערווייל האָט אַ הילך־געטאָן אַזאַ מעכטיקע האַרמאַטןשיסעריי, אַז די ערד האָט זיך אין אירע יסודות צעטרייסלט; די ביקסן האָבן גענומען קנאַלן פון גראָבן אַזש העט ביז צו די אַמייסטן אַרויסגערוקטע רייען פון שונא. דאָס גאַנצע פעלד האָט זיך באַדעקט מיט אַ רויך און אין דאָזיקן רויך האָבן קמיטשיצס פרייוויליקע צוזאַמען מיט די טאָטערס זיך צונויפגעטשעפּעט מיט די דראַגונער,

אָבער פון דער זייט פון טייך איז קיינער נישט אָנגעקומען צו הילף.

ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער שונא האָט בכיון קמיטשיצס מחנה דורכן טייך דורכגעלאָזט און דערנאָך האָט ער דאָס דורכגאַנג־אָרט גענומען אַזוי מוראדיק באַשיסן פון האַרמאַטן און ביקסן, אַז קיין איין לעבעדיקער מענטש האָט עס נישט געקאָנט דורכגיין.

די ערשטע זענען צו אים אַוועק הער קיִרסאַקס מענטשן און זיי זענען צוריקגעקומען אין אומאָרדנונג; נאָך זיי איז וואָ־

ניל﬏ווישס פאַלק אַ העלפּט וועג דורכגעגאַנגען און זין צוריקגע־צויגן, אפילו לאַנגזאַם, ווייל געווען איז דאָס אַ קיניגלעכער פּאָלק, איינער פון די מוטיקסטע אין דער גאַנצער אַרמיי, אָבער ער האָט אָנגעווירן צוואַנציק אָפיצירן, אָנגעזעענע שלאַכטשיצעס, און יינציק זעלנער.

דאָס וואַסער אין דורכגאַנגס - אָרט, דאָס איינציקע אין גאַנצן טייך, האָט אַזוי געפּליעסקעט אונטער די קוילן, ווי אונטער אַ שווערן גאָס - רעגן. די האַרמאַטן - קוילן זענען אַריבערגע־פלויגן אויף דער צווייטער זייט, פונאַנדערוואַרפנדיק וואָלקנס זאַמד.

דער שאַץ - מייסטער אַליין איז געשטער צוגעפּאָרן און אַז ער האָט אַ קוק - געטאָן, האָט ער איינגעזען, אַז עס איז אומ־מעגלעך, דאָס איין לעבעדיקער מענטש זאָל זיך אויפן אַקעגנ־איבערדיקן ברעג קאָנען אַריבערקריגן.

און דאָך האָט פון דעם געקאָנט אָפּהענגיק זיין דער גורל פון דער שלאַכט. דעם העטמאַנס שטערן האָט זיך דעריבער שטאַרק פאַרכמאַרעט. אַ ווײַלע האָט ער דורכן שפּאַקטיוו געקוקט אויף דער גאַנצער ליניע פון שונאס חיילות און אַ געשריי געטאָן אויפן דינסט - אָפיציר:

— לויף צו האַסון - בעין, זאָלן די טאָטערס ווי עס איז דורכן טיפן ברעג זיך אַריבערקלייבן און אויפן אָבאָז זיך וואַרפן. וואָס זיי וועלן אין די וועגנס געפינען, איז זייער! קיין האַרמאַטן זענען דאָרט נישטאָ, נאָר מיטן טייך וועלן זיי האָבן אַן אַרבעט.

דער אָפיציר האָט אין גרעסטן איילעניש אַ פלי - געטאָן; דער העטמאַן ווידער האָט זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער, צום אָרט, ווו עס איז אונטער אַ וועדבע אויף דער לאָנקע געשטאַנען דער לאודער פּאָלק, און זיך נעבן אים אָפּגעשטעלט.

וואָלאָדיאָווסקי איז געשטאַנען אין זיין שפּיץ, אַ טריבער, אָבער אַ שווייגנדיקער, ער האָט נאָר געקוקט אין העטמאַנס אויגן און מיט די וואָנסעלעך באַוויגן.

— ווי מיינט איר? — האָט דער העטמאַן געפרעגט — די טאָטערס וועלן דעם טייך אַריבער?

— די טאַטערס וועלן אַריבעַר, אָבער קמיטשיץ וועט אומ־קומען! — וואָס וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט.

— גאָט מייגער! — האָט דער העטמאַן מיט אַמאָל אויס־געשריגן — דער דאָזיקער קמיטשיץ אויב ער האָט נאָר אַ קאָפּ אויפן קאַרק, קאָן ער געווינען די שלאַכט און נישט אומקומען!

וואָלאָדיאָווסקי האָט גאָרנישט געענטפערט, דאָך אָבער האָט ער זיך אין האַרצן געטראַכט.

— מ׳האָט געדאַרפט אָדער קיין איין פּאָלק אויף יענער זייט טייך נישט אַריבערשיקן, אָדער פינף...

אַ ווײַלע האָט דער העטמאַן ווידער געקוקט דורכן שפּאַקטיוו אויפן ווייטן כאַאָס, וועלכן הער קמיטשיץ האָט אויף יענער זייט טייך אַרויסגערופן; אין דעם האָט דער קליינער ריטער, וועלכער האָט לענגער נישט געקאָנט איינשטיין, זיך צוגערוקט און האַלטנ־דיק די שווערד מיט דער שאַרף אַרויף, האָט ער זיך אָנגערופן:

— הויכווירדיקער הער! אויף אַ באַפעל וואָלט איך אפשר געפּרוווט נאָך דורכגיין?

— שטייט! — האָט דער שאַך־מייסטער געענג שאַרף געענטפערט — גענוג, אַז יענע וועלן אומקומען.

— זיי קומען שוין אום! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

דאָס געטומל איז באמת געוואָרן דײַטלעכער און וואָס אַ מאָל מעכטיקער. קמיטשיץ האָט זיך אַ פּנים צוריקגעצויגן צום טייך.

— ביי גאָט! אויף דאָס האָב איך געוואַרט! — האָט דער העטמאַן מיט אַמאָל אויסגעשריגן און ער איז בליץ־שנעל צו וואָ־ניל־אָוויטשס פּאָלק צוגעשפּרונגען.

הער קמיטשיץ האָט זיך טאַקע צוריקגעצויגן. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך געוואָרפן אויף די רויטע דראַגונער, האָבן זײַנע מענטשן זיך געשלאָגן מיט זיי, אָנשטרענגענדיק די לעצטע כּוחות; אָבער ס׳האָט זיי שוין אָטעם אין דער ברוסט אויסגעפּילט, די פאַרמאַטערטע הענט זענען אָפּגעשטאַנען, די צאָל פון די הרוגים איז וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרן און נאָר די האָפענונג, אַז אַ

ליאַדע רגע וועט קומען הילף פון יענער זייט טייך, האָט אין זיי נאָך דעם מוט אונטערגעהאַלטן.

דערווייל איז אַריבער אַ האַלבע שעה און דאָס אויסגעשריי „שלאָג!" האָט זיך נישט געלאָזט הערן; דערפאַר אָבער האָט באָגוסלאַווס פּאָלק פון שווערע רייטער אַ שפּרינג-געטאָן די רויטע דראַגונער צו הילף.

— דער טויט רוקט-אָן! — האָט קמיטשיץ געטראַכט, זעענדיק, ווי זיי לויפן אָן פון אַ זייט.

אָבער געווען איז דאָס אַ זעלנער, וועלכער האָט ביז דער לעצטער רגע קיינמאָל זיך נישט מיאש געווען, נישט בלויז אין זיין לעבן, נאָר אויך אין נצחון. די לאַנגע פּראַקטיק, פול מיט איינשטעלענישן, האָט אים אויך פאַרשאַפט אַ גרויסע מלחמה-קעגטעניש; נישט אַזוי גיך צינדט זיך אָן און לעשט זיך אַן אָוונטבליק, ווי גיך עס האָט אין קמיטשיצס קאָפּ זיך פאָלגנדיקער געדאנק דורכגעטראָגן;

— אַ פּנים, אַז דורכן טייך קאָנען זיי זיך צום שונא נישט אַריבערקריגן, און אויב זיי קאָנען נישט, וועל איך זיי אַרויסהעלפן...

און היות באָגוסלאַווס פּאָלק איז שוין געווען נישט ווייטער, ווי אויף הונדערט שריט, און גייענדיק מיטן גאַנצן אימפּעט האָט ער אַ ליאַדע רגע געקאָנט אָנגרייפן און זיינע טאָטערס פּאַרטיליקן, האָט הער אַנדזשעי דאָס פייפעלע צום מויל אויפגעהויבן און אַזאַ מוראדיקן פייף-געטאָן, אַז די באָענטסטע דרגונער-פערד האָבן זיך אַזש אויף די הינטנס אַראָפּגעזעצט.

דעם פייף האָבן תיכּף איבערגעחזרט די אַנדערע פייפעלעך פון די טאָטערישע עלטסטע און נישט אַזוי גיך דרייט דער וויכער דאָס זאַמד אַרום, ווי גיך די גאַנצע אָפּטיילונג האָט די פערד צום אַנטלויפן אויסגעדרייט.

דער יתר-הפליטה פון די רייטער, די רויטע דראַגונער און באָגוסלאַווס פּאָלק האָבן זיך אין גאַלאָפּ געלאָזט זיי נאָכיאָגן.

די געשרייען פון די אָפיצירן: „פאָרויס!" און „גאָט מיט אונז!" האָבן ווי אַ שטורעם געהילכט און ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט

אַ הונדערטלעכע סצענע. אויפֿן ברייטן פֿעלד איז די צערודערטע
און אויסגעמישטע טאַטערישע מחנה האַסטיק געלאָפֿן גלייך צום
דורכגאַנג פֿון טייך, וואָס איז מיט קוילן פֿאַרשאָטן געוואָרן, און
זי איז געפֿלויגן, ווי פֿון פֿליגל געטראָגן. יעדער טאָטער האָט זיך
צוגעטוליעט צום פֿערד, איינגעפּלאַטשט זיך, איינגעגראָבן זיך אין
דער גזשיבע און קאַרק, אַזוי, אַז ווען נישט די כמאַרע פֿיילן
וואָס איז צו די רייטערס געפֿלויגן, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז
בלויז פֿערד אָן רייטערס לויפֿן; הינטער זיי איז מיט אַ געפּילדער,
געשריי און געהילך פֿון פֿערדישע טריט געלאָפֿן אַ ריזיק חייל,
בלענדנדיק מיט די אויפֿגעהויבענע שווערדן אין זייערע רעכטע
הענט.

דער טייך איז געווען וואָס אַ מאָל נענטער; זיי זענען
אָפּגעלאָפֿן אַ הונדערט שריט, נאָך פֿופֿציק שריט און אַ פּנים
אַז די טאָטערישע פֿערד האָבן שוין די לעצטע כּוחות אָנגעשטרענגט
ווייל דער מרחק צווישן זיי און די פּרייסישע רייטער האָט זיך
גענומען גיך פֿאַרקלענערן.

מיט אַ פּאָר מינוטן שפּעטער האָבן די ערשטע רייען פֿון
די שווערע רייטער שוין גענומען האַקן מיט די שווערדן די
טאָטערס, וואָס זענען געלאָפֿן צולעצט, דער טייך איז שוין געווען
זייער נאָענט. ס'האָט זיך געדוכטן, אַז נאָך אַ פּאָר שפּרינג און
די פֿערד וועלן אים דערגרייכן.

מיט אַמאָל איז געשען עפּעס אויסטערלישס.

ווען די טאָטערס זיינען צוגעלאָפֿן צום דורכגאַנג, האָט אַן
אַ מהדיקער פֿייף זיך ווידער דערהערט אויף די פֿליגל פֿון דער
מחנה און אָנטשאָט אַריינצוּוואַרפֿן זיך אין טייך, כּדי אויף
איר צווייטן ברעג אַ רעטונג צו זוכן, האָט די מחנה זיך צעטיילט
אויף צוויי קופּעס און מיט דער גיכקייט פֿון אַ סטאַדע שוואַלבן
אַ פֿלי - געטאָן אויף רעכטס און אויף לינקס אין דער לענג פֿון
טייך.

אָבער די שווערע פֿאָלקן, וואָס האָבן זיי נאָכגעיאָגט און
וואָס זייערע פֿערד האָבן שוין געהאַט גענומען דעם גרעסטן אימפּעט
זענען טאַקע מיטן כּוח פֿון דאָזיקן אימפּעט אַריין אין טייך און

ערשט אין וואַסער האָבן די רייטער גענומען איינהאַלטן די צע־
בריקעוועטע פערד.

די אַרטילעריע, וועלכע האָט ביז־איצט דעם דורכגאַנג
פאַרשאָטן מיט אַ רעגן פון קוילן, איז מיט אַמאָל אַנטשוויגן
געוואָרן, כדי אין די אייגענע מענטשן נישט צו טרעפן.

אָבער אויפן דאָזיקן מאָמענט האָט ווי אויף אַ ישועה סאַקע
געוואַרט העטמאַן גאָשיעווסקי.

און די שווערע רייטער האָבן נאָך כמעט נישט געהאַט
דאָס וואַסער אָנגערירט, ווי וואָיניללאָוויטשס שרעקלעכער קיניגלעכער פּאָלק האָט זיך צו זיי ווי אַ הוראַגאַן אַ לאָז־געטאָן׳ נאָך
אים דער לאודער פּאָלק, נאָך אים קאָרסאַקס, נאָך זיי דעם העט־
מאַנסביידע פּאָלקן, נאָך זיי דער פּריי־וויליקער, נאָך אים דער
פּאַנצער־פּאָלק פון פירשט טיש־מייסטער מיכאַל ראַדזיוויל.

אַ מוראַדיק געשריי: „שלאָג! הרגע!" האָט אָפּגעהילכט אין
דער לופט און נאָך איידער די פּרייסישע פּאָלקן האָבן באַוויזן די
פערד צוריקצוציען, זיך צו פאַרהאַלטן, מיט די שווערדן זיך צו
פאַרשטעלן, האָט וואָיניללאָוויטשס פּאָלק זיי צעטריבן אויף אַלע
זייטן, אַ תל געמאַכט פון די רויטע דראַגונער, צוגעשפּאַרט באָגוס־
לאַווס פּאָלק, צעקלאַפּט אים אויף צוויי און זיך אַ לאָז־געטאָן
אין פעלד אַריין צו דער פּרייסישער הויפּט־אַרמיי.

דער טייך איז אין איין רגע פון בלוט רויט געוואָרן, די
האַרמאַטן האָבן אויפסניי גענומען דונערן, אָבער שוין צו שפּעט,
ווייל אַכט פּאָלקן פון די ליטווישע רייטער זענען שוין מיט אַ
ליאַרעם און רעש געפלויגן איבערן פעלד און די גאַנצע שלאַכט
האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף דער צווייטער זייט פון טייך.

דער שאַץ־מייסטער אַליין איז געפלויגן ביי איינעם פון
זיינע פּאָלקן מיט אַ שיינענדיקן פּנים פון גליק און מיט אַ פייער
אין די אויגן, ווייל קוים האָט ער די רייטער אויף יענער זייט טייך
אַריבערגעפירט, איז ער אין נצחון שוין זיכער געווען.

האַקנדיק און בראַקנדיק אויף אַלע זייטן, האָבן די
פּאָלקן פאַר זיך געיאָגט די רעשטלעך פון די דראַגונער און ריי־
טער, וועלכע האָבן דאָס פעלד מיט הרוגים באַלייגט, בפרט, אַ

די שווערע פערד האָבן נישט געקאָנט געגוג איילִיק אַנטלויפן און נאָר די יאָגנדיקע פאַר די קוילן פאַרשטעלט.

דערווייל האָבן וואַלדעק, באַגוסלאַוו ראַדזיוויל און איזראַעל אַרויסגעשיקט זייער גאַנצע קאַוואַלעריע, כּדי דעם אָנדראַנג צוריק־צוהאַלטן און אַליין האָבן זיי בחפזון די פוס־גייער צוגעגרייט. איין פּאָלק נאָכן אַנדערן איז פון לאַגער אַרויסגעלאָפן און זיך אויפן פעלד אויסגעשטעלט. מ'האָט די שווערע שפּיזן מיט די אונטערשטע עקן אַרויף אַריינגעקלאַפּט, אויסבויגנדיק זיי ווי אַ מחיצה אַקעגן שונא.

אין דער צווייטער ריי האָבן די שיסער די רויכן פון די ביקסן אַרויסגעצויגן. צווישן די פיר־עקן פון די פּאָלקן האָט מען אין גרעסטן איילעניש די האַרמאַטן אַוועקגעשטעלט. סיי באָגוסלאַוו, סיי וואַלדעק, סיי איזראַעל האָבן זיך נישט איינגערעדט, אַז זייער קאַוואַלעריע וועט לאַנג קאָנען אויסהאַלטן דעם אָנגריף פון די פּוילישע רייטער אין זייער גאַנצע האָפנונג זענען געווען די האַר־מאַטן און די פוס־גייער. דערווייל האָבן די רייטער־פּאָלקן שוין פאַר די פוס־גייער ברוסט קעגן ברוסט זיך צוזאַמענשטויסן. אָבער ס'איז געשען דאָס, וואָס די פּרייסישע פירער האָבן פאָרויס־געזען.

דער אָנדראַנג פון די ליטווישע רייטער איז געווען אַזאַ שרעקלעכער, אַז גאַנצע מאַסן פון קאַוואַלעריע האָבן אויף קיין איין רגע זיי נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און דער ערשטער הו־זאַרן־פּאָלק האָט די קאַוואַלעריע, ווי אַ קלין דעם בוים צע־שפּאָלטן און נישט אַרויסלאָזנדיק די שפּיזן זענען זיי געגאַנגען דורכן געדיכטעניש, ווי אַ שיף, געטריבן פון אַ האַסטיקן ווינט־גייט צווישן כוואַליעס. אָט, אָט זעט מען שוין וואָס אַמאָל נענטער די פאָנען; אין אַ ווײַלע אַרום האָבן די קעפּ פון די הוזאַרן־פערד זיך אַרויסגעוויזן פון די פּרייסישע מאַסן.

— אַכטונג! — האָבן אַ געשריי־געטאָן די אָפיצירן, וואָס זענען געשטאַנען אין פיר־עק פון די פוס־גייער.

אויפן דאָזיקן רוף האָבן די פּרייסישע קנעכט זיך פעסט אויף די פּיס אַרונטערגעזעצט און אָנגעשפּאַנט די הענט, וועלכע

האָבן די שפּיזן געהאַלטן. און אַלעמענס הערצער האָבן האַסטיק אין די ברוסטן געקלאַפּט, ווייל די שרעקלעכע הוזאַרן האָבן זיך שוין אינגאַנצן אַרויסגענורעט און געפלויגן גלייך צו זיי.

— פייער! — האָט זיך ווידער אַ קאָמאַנדע דערהערט

די ביקסן האָבן זיך צעקנאַלט אין דער צווייטער און דריטער ריי פון פיר - עק, אַ רויך האָט איינגעהילט די מענטשן. נאָך אַ ווײַלע: דער ליאַרעם פון אָנפליענדיקן פאָלק ווערט וואָס אַמאָל נענטער. אָט, אָט לויפן זיי שוין צו!... מיט אַמאָל האָט ד׳ ערשטע ריי פון די פוס - גייער אין רויך, האַרט איבער זיך, שיר נישט איבער די קעפּ, דערזען טויזנטער פערדישע קאָפּיטעס, פאַנאַנדערגעבלאָזענע נאָז - לעכער, ברענענדיקע אויגן; ס׳האָט זיך געהערט אַ קנאַקן פון צעבראָכענע שפּיזן; מוראדיקע קולות האָבן די לופט אויפגעריסן; פּוילישע שטימען שרייען: „שלאָג!" — און דייטשע: „גאָט ערבאַרעם דיך מיינער!"

דער פאָלק איז צעקלאַפּט, צעשטויבט, אָבער צווישן די איבעריקע נעמען די האַרמאַטן דונערן. שוין לויפן אויך די אַנדערע פאָלקן צו; יעדער ווערט אין אַ ווײַלע אַרום אויפן וואַלד פון די שפּיזן זיך אָנשטויסן, אָבער ס׳קאָן זיין, אַז נישט יעדער וועט אים דורכברעכן, ווייל קיין איינער פאַרמאָגט נישט אַזאַ שרעקלעכן כוח, ווי וואָיניצאָוויטשס פאָלק. די געשרייען ווערן אויפן גאַנצן שלאַכט - פעלד וואָס אַמאָל שטאַרקער: מ׳זעט גאָרנישט. אָבער פון דער קעמפנדיקער מאַסע נעמען ווידער אין אומאָרדנונג אַרויס לויפן קופּעס פון געלע פוס - גייער פון עפּעס אַן אַנדערן פאָלק וועלכער איז אַ פנים אויך צעקלאַפּט געוואָרן.

רייטער אין גראָער הלבשה יאָגן זיי נאָך, האַקן און טרעטן מיט אַ געשריי:

— לאַודאַ! לאַודאַ!

דאָס האָט הער וואָלאָדיאָ סקי אַ סוף געמאַכט צום צווייטן פיר - עק.

אָבער די אַנדערע „שטעקן" נאָך; נאָך קאָן דער נצחון זיך אַריבערבויגן אויף דער פּרייסישער זייט, בפרט, אַז ביים אַבאָז שטייען

צוויי נישט געדירטע רעגימענטן, און היות מ׳האָט דעם אָבאָז געלאָזט צו רו, קאָנען זיי יעדע רגע צוגערופן ווערן.

וואַלדעק האָט שוין אמת פאַרלוירן דעם קאָפּ. איזראַעל איז נישטאָ, ווייל מ׳האָט אים מיט דער קאַוואַלעריע אַרויסגעשיקט, אָבער באָגוסלאַוו שטייט אויף דער וואַך, ער רעגירט מיט אַלץ, פּירט־אָן מיט דער גאַנצער שלאַכט און זעענדיק, אַז די סכנה ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, שיקט ער אַרויס דעם העד ביעס נאָך יענע רעגימענטן.

העד ביעס לאָזט נאָך דאָס פערד און אין אַ האַלבער שעה אַרום קערט ער צוריק אָן אַ היטל, מיט אַ פּחד און יאוש אויפן פּנים.

— טאַטערס אין אָבאָז! — שרייט ער, צולויפנדיק צו באָגוסלאַוון.

אין דער רגע דערהערט זיך טאַקע אויפן רעכטן פליגל אַן אוממענטשלעך געהייל, וועלכעס ווערט מיט יעדער רגע וואָס אַמאָל נענטער.

מיט אַמאָל באַווייזן זיך גרופּעס פון שוועדישע רייטער, וועלכע האָבן געיאָגט אין אַ שרעקלעכע בהלה. נאָך זיי לויפן שוין אָן געווער און אָן קאַפּעלושן פוס־גייער, נאָך זיי אין צעמישעניש, אין אומאָרדנונג, לויפן וועגנס, געשלעפּט דורך צעווילדעוועטע און איבערגעשראָקענע פערד. דאָס אַלץ פליט בלינדערהייט פון אָבאָז צו די אייגענע פוס־גייער. אין אַ ווײַלע אַרום וועלן זיי אַריינפּראַלן, זיי צעטומלען, צעקלאַפּן. בפרט, אַז פון פאָרנט לויפן אויף זיי אָן די ליטווישע רייטער

— האַסון־בעי האָט זיך אין אָבאָז אַריינגעקריגן! — האָט העט־גאַשיעוווסקי מיט התלהבות אויסגערופן און די לעצטע צוויי פּאָלקן, ווי צוויי סאָקאָלס פון אַ פויגל־שטאַנג אַרויסגעלאָזט.

און אין דער זעלבער רגע, ווען יענע פּאָלקן האָבן זיך אויף די פוס־גייער אַ וואָרף־געטאָן פון פאָרנט, האָבן זייערע אייגענע וועגנס אין זיי אַריינגעפּראַלט פון דער זייט. די לעצטע פיר־עקן פּלאַצן, ווי אונטערן קלאַפּ פון אַ האַמער. פון דער גאַנצער גלענצנדיקער שוועדיש־פּרייסישער אַרמיי ווערט איין

ריזיקע קופּע, אין וועלכער די רייטער מישן זיך אויס מיט די פּוס - גייער. די מענטשן טרעטן זיך איינער דעם צווייטן, קערן זיך איבער, שטיקן זיך, וואַרפן אַראָפּ די מלבושים, שליידערן אַוועק דאָס געווער. די רייטער שטויסן זיי, האַקן, קוועטשן, צע-מאָלן. דאָס איז שוין נישט קיין פאַרשפּילטע שלאַכט, דאָס איז איינע פון די מוראַדיקסטע מפּלות אין דער גאַנצער מלחמה.

זעענדיק אָבער, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, באַשליסט באָ-גוסלאַוו על - כּל - פּנים זיך און אַ ביסל רייטער פון פּאָגראָם מציל צו זיין

מיט אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג נעמט ער צונויף אַרום זיך אַ פּאָר הונדערט רייטער און לויפט אַוועק ווייט דורכן רעכטן פליגל, אין דער ריכטונג פון טייך - לויף.

ער האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעקריגן פון הויפּט - ווירבל, ווי אַ צווייטער ראַדזיוויל, פירשט מיכאל קאַזשימיעזש, האָט פון אַ זייט זיך אויף אים אַ וואָרף - געטאָן מיט זיינע הויף - הוזאַרן און מיט איין קלאַפּ די גאַנצע אָפּטיילונג צעטריבן.

די צעטריבענע אַנטלויפן איינצלווייז אָדער אין קליינע גרופּעלעך. נאָר דאָס גיכע לויפן פון די פערד קאָן זיי מציל זיין.

די הוזאַרן יאָגן זיי טאַקע נישט נאָך, ווייל זיי וואַרפן זיך אויף די הויפּט - קופּע פון די פּוס - גייער, וועלכע עס קוילן אויס אַלע אַנדערע פאַלקן — יעגע לויפן דעריבער ווי אַ צעטריבענע סטאַדע סאַרנעס איבערן פעלד.

באָגוסלאַוו לויפט אויף קמיטשיצס שוואַרצן פערד, ווי אַ ווינטער, באַמיענדיק זיך אומזיסט דורך געשרייען צונויפצוקלייבן אַרום זיך כאָטש אַ צוואַנציק מענטשן. קיינער הערט אים נישט; יעדער אַנטלויפט אויף אייגענער האַנט, אַ צופרידענער, וואָס ער איז ניצול געוואָרן פון פּאָגראָם און וואָס ער האָט שוין נישט דעם שונא פאַר זיך.

אָבער אומזיסט די שמחה. זיי זענען נאָך נישט אָפּגעלאָפן קיין טויזנט שריט, ווי ס׳האָט זיך מיט אַ מאָל פאַר זיי אַ געהייל

דערהערט און אַ טונקעלע טאָטערישע מאַסע האָט זיך אַרויסגערוקט פון טייך, ביי וועלכן זי האָט אַזש ביז איצט געלויערט.

געוועזן איז דאָס הער קמיטשיץ מיט זיין מחנה. נאָכן צופירן דעם שונא צום טייך האָט ער זיך געהאַט אַרויסגערוקט פון שלאַכט-פעלד און איצט איז ער צוריקגעקומען כדי די אַנטלויפנדיקע דעם צוריקצוג אָפּצושניידן.

זעענדיק די צעשפּרייטע רייטער, האָבן די טאָטערס אין איין רגע זיך אַליין אויך צעשפּרייט, כדי זיי פרייער צו כאַפּן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מערדערלעכער געיעג. צו צוויי, צו דריי טאָטערס זענען אַקעגנגעלאָפן איין רייטער, וועלכער האָט זעלטן זיך פאַרטייאַדיקט, דאָס רוב האָט ער די שווערד פאַר דער שאַרף אָנגעכאַפּט און מיטן הענטל זי צו די טאָטערס אויסגעגן שטרעקט, בעטנדיק ביי זיי רחמנות. וויסנדיק אָבער, אַז זיי וועל- די דאָזיקע געפאַנגענע נישט אַוועקפירן אַ היים, האָבן די טאָטערס לעבעדיקערהייט נאָר גענומען די עלטסטע, וועלכע האָבן זיך געקאָנט אויסקויפן, דער פּראָסטער זעלנער האָט באַקומען מיט אַ מעסער איבערן האַלז און איז געשטאָרבן, נישט קאָנענדיק אפילו „גאָט!" אויסשרייען. די, וואָס זענען אַנטלאָפן און זיך נישט אונטערגעגעבן, האָט מען געשטאָכן מיט מעסערס אין די קאַרקן און אין די פּלייצעס; די, אונטער וועלכע די פערד האָבן זיך נישט אַוועקגעלייגט, האָט מען מיט שטריק אויפגעכאַפּט.

קמיטשיץ האָט זיך אַ געוויסע צייט געוואָרפן איבערן שלאַכט-פעלד, אַראָפּגעשליידערט רייטערס און מיט די אויגן געזוכט באַגוסלאַוון; לסוף האָט ער אים דערזען און תּיכּף דערקענט לויט, פערד, לויטן בלאָען באַנד אין קאַפּעלוש מיט די שוואַרצע שטרויס-פעדערן.

אַ כמאַרעלע פון ווייסן רויך האָט אַרומגעהילט דעם פירשט ווייל גראָד מיט אַ ווײַלע צוריק זענען אים באַפאַלן צוויי טאָטערס. אָבער ער האָט איינעם מיט אַ שאָס פון פּיסטאָלעט אַוועקגעלייגט און דעם צווייטן דורכגעשטאָכן מיט דער שווערד, און זעענדיק דערנאָך אַ גרעסערע מחנה, וועלכע איז געפלויגן פון איין זייט, און קמיטשיצן פון דער צווייטער זייט, האָט ער דאָס פערד מיט די

שפּאָרנס אַ דריק - געטאָן און איז געפלויגן ווי אַ הירש, געיאָגט דורך העץ - הינט.

העכער פופציק מענטשן האָבן זיך אין אַ קופּע אַ לאָז - געטאָן אים נאָכיאָגן, אָבער נישט אַלע פערד זענען געלאָפן גלייך, די קופּע האָט דעריבער באַלד זיך אויסגעצויגן אין אַ לאַנגער ליניע, וואָס איר קאָפּ האָט געבילדעט באָגוסלאַוו, דעם האַלז — מיטשיק.

דער פירשט האָט זיך אויפן זאָטל אַראָפּגעבויגן; דאָס שוואַרצער פערד האָט דאַכט זיך מיט די פיס די ערד נישט אָנגערירט, נאָר געשוואַרצט זיך אויפן גרינעם גראָז, ווי אַ שוואַלב, וואָס שוועבט איבער דער ערד; דאָס ברוינע פערד האָט ווי אַ זשוראַוול דעם האַלז אויסגעצויגן, די אויערן אַראָפּגעלאָזט און ווי פון דער אייגענער הויט געוואָלט אַרויסשפּרינגען. זיי האָבן געמיטן די איינזאַמע ווערבעס, קשאַקעס, אָלשינאָווע וועלדלעך; די טאָטערס זענען הינטערשטעליק געבליבן אויף הונדערט שריט. צווייהונדערט, דרייהונדערט, און זיי זענען געלאָפן און געלאָפן. קמיטשיץ האָט פון די שיידן די פּיסטאָלעטן אַרויסגעוואָרפן, כדי די משא גרינגער צו מאַכן, און אַליין האָט ער מיט אַ בליק, איינגעגראָבן אין באָגוסלאַוון, מיט פאַרביסענע ציין, ליגנדיק כמעט אויפן האַלז פון פערד, זיינע פאַרשוימטע זייטן מיט די שפּאָרנס געשטויסן, ביז דער שוים, וואָס איז אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן, איז לסוף אַזש רויטלעך געוואָרן.

אָבער דער מרחק צווישן אים און דעם פירשט האָט זיך נישט בלויז נישט פאַרקלענערט אויף קיין איין צאָל, נאָר גענומען זיך פאַרגרעסערן.

— אַ בראָך! — האָט הער אַנדזשעי געטראַכט — דאָס דאָזיקע פערד וועט קיין שום אָדלער אין דער וועלט נישט אָניאָגן!

און ווען נאָך אַ פּאָר שפּרינג האָט זיך דער מרחק נאָך מער פאַרגרעסערט, האָט ער זיך אויפן זאָטל אויסגעגלייכט, די שווערד אויפן לעדער אַראָפּגעלאָזט און צונויפּלייגנדיק די הענט ביים מויל, גענומען שרייען מיט אַ הילכיקער שטים.

— אַנטלויף, בוגדי פאַר קמיטשיצן! נישט היינט, וועל איך דיך מאָרגן פּאַקן!

די דאָזיקע ווערטער זענען נאָך אין דער לופט נישט פאַר־קלונגען, ווי דער פּירשט, וועלכער האָט זיי געהערט, האָט מיט אַ מאָל זיך אומגעקוקט, און זעענדיק, אַז נאָר הער קמיטשיץ אַליין יאָגט אים, האָט ער, אַנשטאַט ווייטער צו אַנטלויפן, זיך אַ דריי־אום געגעבן אין מיטן ראַפּיער אין דער האַנט זיך צו אים אַ לאָזי־געטאָן.

הער אַנדזשעי האָט פון שמחה אַ מוראַדיקן געשריי אַרויס־געלאָזט און נישט איינהאַלטנדיק דעם אימפּעט, האָט ער די שווערד צום שטערן אויפגעהויבן.

—בר־מינן! בר־מינן! — האָט דער פּירשט אויס־גערופן.

און ווילנדיק, אַז דער קלאַפּ זאָל זיין זיכערער, האָט ער דאָס פערד גענומען האַמעווען.

אַנלויפנדיק, האָט קמיטשיץ אויך זיין פערד אַזוי האַס־טיק איינגעהאַלטן אַז די קאָפּיטעס האָבן זיך אַזש אין דער ערד איינגעגראָבן, און ער האָט דעם ראַפּיער מיט דער שווערד צו־נויפגעבונדן.

זיי האָבן זיך צונויפגעקלאַמערט אַזוי, אַז ביידע פערד האָבן שיר נישט איין גאַנצעס געבילדעט. ס'האָט זיך דערהערט אַן אימה־דיק געקלאַנג פון אייזן, אַ גיכס ווי דער געדאַנק; קיין שום אויג וואָלט נישט געקאָנט אויפכאַפּן די בליציקע באַוועגונגען פון ראַ־פּיער אין דער שווערד און אויך נישט דעם פּירשט פון קמיטשיצן פאַנאַנדערשיידן. ציייטנווייז האָט באָגוסלאַווס קאַפּעלוש אַ בלענד־געטאָן, ציייטנווייז האָט קמיטשיצס העלם אַ פינקל־געטאָן. די פערד האָבן זיך געדרייט אַרום זיך. די שווערדן האָבן וואָס אַמאָל מוראַדיקער געקלונגען.

נאָך אַ פּאָר קלעפּ האָט באָגוסלאַוו אויפגעהערט דעם קעג־נער גרינגצושעצן. אַלע שרעקלעכע שטויסן, וועלכע ער האָט פון די פראַנצויזישע מייסטערס אויסגעלערנט, זענען אָפּגעשלאָגן געוואָרן. אַ געדיכטער שווייס האָט אים שוין פון שטערן אַראָפּגע־

טריפט און זיך אויפן פנים מיט דער שמינקע אויסגעמישט, ער האָט שוין געשפּירט, ווי די רעכטע האַנט שטייט אים אָפּ... אַ פאַרוווּנדערונג האָט אים אָנגעכאַפּט, דערנאָך אַז אומגעדולד, דער־נאָך אַ רציחה, ער האָט דעריבער באַשלאָסן אַן עק צו מאַכן און אַ מוראדיקן שטויס־געטאָן, אַז דער קאַפּעלוש איז אים אַזש פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן.

קמיטשיץ האָט אים אָפּגעשלאָגן מיט אַזאַ כוח, אַז דעם פירשטס ראַפּיער איז אַזש ביז צו דער זייט פון פערד אַוועק געפלויגן און נאָך איידער באָגוסלאַוו האָט באַוויזן אויפסנייַ זיך צו פאַרשטעלן, האָט ער אים מיטן סאַמע עק פון דער שווערד אין שטערן אַ שניט־געטאָן.

— קריסט! — האָט דער פירשט אויף דייטש אַ געשריי געטאָן.

און ער איז אַראָפּגעפאַלן אין גראָז. ער איז געפאַלן מיט פנים אַרויף.

הער אַנדזשעי איז אַ ווײַלע געשטאַנען, ווי געפלעפט, אָבער ער איז גיך געקומען צו זיך; די שווערד האָט ער אַראָפּגעלאָזט אויפן לעדער, איבערגעצלמט זיך, דערנאָך איז ער אַראָפּגעשפרונגען פון פערד און אָנכאַפּנדיק אויכסנײַ דאָס הענטל פון דער שווערד איז ער צוגעגאַנגען צום פירשט.

שרעקלעך האָט ער אויסגעזען, ווײַל ער איז פון מידקייט געווען בלאַס ווי אַ טיכל, ליפן האָט ער געהאַט פאַרביסענע און דאָס פנים האָט אומדערבאַרעמדיקע שנאה אויסגעדריקט.

אָט איז ער, דער פאַרביסענער און אַזוי מעכטיקער שונא, אָבער ער ליגט איצט פאַר אים אין בלוט, אַ לעבעדיקער נאָך און ביים באַוווּסטזיין, אָבער ער איז באַזיגט און נישט מיט קיין פרעמדער און אויך נישט מיט קיין כרעמדער הילף.

באָגוסלאַוו האָט אויף אים געקוקט מיט ברייט אויפגעמאַכטע אויגן, גוט אַכטונג געבנדיק אויף יעדער באַוועגונג פון זיגער, און ווען קמיטשיץ האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַרט איבער אים, האָט ער גיך אויסגערופן:

— הרגעט מיך נישט! כ׳וועל מ׳ד אויסקויפן!

אַנשטאַט צו ענטפערן, האָט קמיטשיץ מיט אַ פוס זיך אויף זיין ברוסט אָנגעשטעלט און צוגעדריקט מיטן גאַנצן כוח, דערנאָך האָט ער די שאַרף פון דער שווערד אים אויפן האַלז אָנגעשפאַרט, אַז די הויט האָט זיך אַזש אונטער איר געקנייטשט; ער האָט נאָר געדאַרפט מיט דער האַנט אַ ריר־טאָן, נאָר פעסטער אַ דריק־טאָן, אָבער ער האָט מיט אַ מאָל גישט דערהרגעט; ער האָט זיך נאָך געוואָלט מיטן אָנבליק אָנזעטיקן און דעם שונאס טויט שווערער מאַכן. די אויגן האָט ער איינגעגראָבן אין זיינע אויגן און ער איז איבער אים געשטאַנען, ווי עס שטייט אַ לייב איבער אַן אומגעוואָרפן עם באַוואָל.

אין־דעם האָט דער פירשט, וועלכן ס'איז וואָס אַ מאָל מער בלוט פון שטערן אָפּגעפלאָסן אַזוי, אַז דער גאַנצער שפּיץ קאָפּ איז ווי אין אַ קאַלוזשע געווען איינגעטונקען, זיך נאָך אַ מאָל אָנגערופן, אָבער שוין מיט אַ זייער געדעמפּטער שטים, ווייל הערצ־ אַנדזשעיס פוס האָט אים כסדר די ברוסט געדריקט:

— דאָס מיידל... הערט...

קוים האָט הער אַנדזשעי דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער דעם פוס פון פירשטס ברוסט אַראָפּגענומען און די שווערד אויפגעהויבן.

— רעד! — האָט ער געזאָגט.

אָבער פירשט באָגוסלאַוו האָט אַ געוויסע צייט נאָר טיף אָפּגעאָטעמט, לסוף האָט ער שוין מיט אַ פעסטערער שטים געענטפערט:

— דאָס מיידל וועט אומקומען, אויב איר וועט מיך דערהרגענען... באַפעלן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן!

— וואָס האָט איר מיט איר געמאַכט? — האָט קמיטשיץ געפרעגט.

לאָזט מיך אָפּ, וועל איך זי אייך אָפּגעבן, כ'שווער... אויף דער עוואַנגעליע...

דערויף האָט הער אַנדזשעי זיך מיט דער פויסט אין שטערן אַריין אַ זעץ־געטאָן, אַ ווײַלע האָט מען געזען בחוש, אַז ער־

קעמפט מיט זיך און מיט זיינע געדאנקען, דערנאָך האָט ער גע־זאָגט:

— הערט, בוגד! איך וואָלט הונדערט אַזעלכע אויסוווּרפן גאָר איין האָר אָפּגעגעבן... אָבער איך גלויב אייך נישט, פאַלשער מענטש!

— אויף דער עוואַנגעליע! — האָט דער פירשט איבערגע־חזרט — כ׳וועל אייך געבן אַ באַגלייט־בריוו און אַ שריפטלעכן באַפעל.

— זאָל זיין אַזוי, איך שענק אייך דאָס לעבן, אָבער פון די הענט אַרויסלאָזן וועל איך אייך נישט. איר וועט מיר געבן אַ שריפט... דערווייל וועל איך אייך איבערגעבן די טאטערס, ביי וועלכע איר וועט זיין אין געפאַנגענשאַפט.

— מסכים — האָט דער פירשט זיך אָנגערופן.

— געדענקט! — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט — ס׳האָבן אייך פאַר מיין האַנט נישט פאַרהיטן אייער פירשטנטום, אייערע חיילות, אייער פעכט־קונסט... און זייט וויסן, אַז יעדעס מאָל, ווען איר וועט מיר אין וועג אַריינגיין, אָדער קיין וואָרט נישט האַלטן, וועט איר זיך פאַר מיר נישט אויסבאַהאַלטן, ווען אַפילו מ׳זאָל אייך פאַר דייטשן קייזער מאַכן... ווייסט־זשע, ווער איך בין! איינמאָל האָב איך אייך שוין געהאַט אין מיינע הענט, איצט ליגט איר מיר אונטער די פיס!

— איך פאַל אין חלשות — האָט דער פירשט געזאָגט — הער קמיטשיץ, וואַסער מוז דאָ זיין ערגעץ דערנעבן... גיט מיר צו טרינקען און באַגיסט די וווּנד.

— פגרט, פאַטער־מערדער! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

אָבער דער פירשט האָט שוין געפילט, אַז זיין לעבן איז באַוואָרנט און הגם ער איז געווען פאַרוווּנדעט, האָט ער צוריק־געוווּנען די גאַנצע זיכערקייט אין זיך און זיך אָנגערופן:

— איר זענט אַ נאַר, הער קמיטשיץ! אויב איך וועל שטאַרבן וועט זי אויך...

דאָ זענען אים די ליפּן ווייס געוואָרן.

קמיטשיק איז געלאָפן זוכן, צי עס איז אין דער סביבה בישטאַ עפּעס אַ ריוו אָדער אַ קאַלוושע.

דער פירשט איז פאַרחלשט געוואָרן, אָבער אויף אַ קורצע ווײַלע און צו זיין גליק האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווייל בינו־לבינו איז אָנגעלאָפן דער ערשטער טאַטער, סעלים, אַ זון פון גאַגאַ־אַגאַ, דער פאָן־טרעגער פון קמיטשיצס אָפּטיילונג, און זע־ענדיק דעם מיט בלוט באַגאָסענעם שונא, האָט ער באַשלאָסן אים מיטן שפּיץ פון דער פאָן צו דער ערד צוצושטעכן. דער פירשט האָט אין דאָזיקן שרעקלעכן מאָמענט געפונען נאָך אַזוי פיל כוחות, אַז ער האָט דעם שפּיץ מיט דער האַנט אָנגעכאַפּט און אַזוי ווי ער איז געווען שוואַך צוגעשלאָגן, האָט ער זיך פון דרענגל אָפּ־געריסן.

דער אָפּקלאַנג פון דאָזיקן קורצן געראַנגל האָט דעם הער אַנדזשעי צוריקגערופן.

— שטיי! הינטישע נאמנה! — האָט ער אָנלויפנדיק, פון דער ווייטנס אַ געשריי־געטאָן.

דערהערנדיק די באַקאַנטע שטים האָט דער טאַטער פון שרעק צום פערד זיך צוגעדריקט. קמיטשיק האָט אים געהייסן זיך אַ לאָז־טאָן נאָך וואַסער, און אַליין איז ער געבליבן ביים פירשט ווייל פון דער ווייטנס האָט מען געזען די אָנפליענדיקע קעמ־ליטשעס, סאָראָקאָן און די גאַנצע מחנה, וועלכע האָט שוין געהאַט אַלע רייטער אויפגעכאַפּט און זיך געלאָזט זוכן דעם פירער.

דערזעענדיק דעם הער אַנדזשעי, האָבן די געטרייע טאַטערס מיט אַ הויכן אויסגעשריי די היטלעך געוואָרפן אין דער הויך.

אַקבאַ־אולאַן איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און גענו־מען זיך פאַר אים בייגן, באַרירנדיק מיט דער האַנט דעם שטערן, דאָס מויל און די ברוסט. אַנדערע האָבן אויף טאַטעריש מיט די מיילער געצמאָטשקעט און מיט גיריקע אויגן געקוקט אויפן ליגנ־דיקן ריטער און מיט יראת־הכבוד אויף זיין באַזיגער; נאָך אַנדערע האָבן זיך געלאָזט כאַפּן די צוויי פערד, דאָס ברוינע און דאָס שוואַרצע, וועלכע זענען פון דערווייטנס געלאָפן מיט צעפלאָשעטע גזשיבעס.

— אקבא - אולאַן — האָט קמיטשיק געזאָגט — דאָס איז דער פירער פון די חיילות, וועלכע מיר האָבן היינט אין דער פרי צעקלאַפּט: פירשט באָגוסלאַוו ראַדזיוויל. איך שענק אים אייך, און איר האַלט אים, ווייל פאַר אַ לעבעדיקן, אָדער פאַר אַ טויטן וועט מען אייך פאַר אים גוט באַצאָלן. איצט פאַרבינדט די ווונד, נעמט אים אויף אַ שטריק און פירט אים אין לאַגער!

— אלאַ! אַלאַ! מיר דאַנקען אייך פירער! מיר דאַנקען אייך זיגער! — האָבן די טאָטערס פה - אחד אויסגערופן.

און ווידער האָט זיך דערהערט אַ צמאָטשקען פון טויזנט ליפּן.

קמיטשיק האָט זיך געהייסן דערלאַנגען אַ פערד, אַרויפגעזעצט זיך און מיט אַ טייל טאָטערס זיך אַ לאָז געטאָן צום שלאַכט - פעלד.

פון דער ווייטנס האָט ער שוין דערזען די פאָן - טרעגער, וואָס זענען געשטאַנען מיט די פאָנען, אָבער ביי די פאָנען זע- נען קוים געווען צו צוואַנציק זעלנער, די איבעריקע האָבן זיך געיאָגט נאָכן שונא. מחנות דינער האָבן זיך געדרייט איבערן שלאַכט - פעלד, אַראָפּשינדנדיק די מתים און אַרומרייסנדיק זיך דאָ און דאָרט מיט די טאָטערס, וועלכע האָבן דאָס אייגענע געטאָן. באַזונדערס האָבן די לעצטע פשוט מוראדיק אויסגעזען מיט די מעסערס אין די הענט, וועלכע זענען ביז צו די עלנ- בויגנס געווען מיט בלוט באַנעצט. וואָלסט געמיינט, אַ סטאַדע ראָבן האָט זיך פון דער הויך אויפן שלאַכט - פעלד אַראָפּגעלאָזט. זייערע ווילדע געלעכטערס און קולות האָבן איבערן גאַנצן פעלד געהילכט.

מאַנכע האָבן, האַלטנדיק אין די ליפּן די נאָך וואַרעמע מע- סערס, מיט ביידע הענט די געפאַלענע פאַר די פיס געשלעפּט, אַנדערע האָבן געשפּאַסט און זיך מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ געוואָרפן, נאָך אַנדערע האָבן ווי אויף אַ באַזאַר די פאַרבלוטיקטע מלבושים אין דער הויך אויפגעהויבן, לויבנדיק זיי ביזן הימל אַריין אָדער באַקוקט דאָס פאַרכאַפּטע כל - זיין.

קמיטשיק איז צוערשט דורכגעפאָרן דורכן פעלד, אויף וועלכן ער האָט דער ערשטער מיט די שווערע רייטער זיך צוזאַמענגעשטויסן. מענטשלעכע און פערדישע הרוגים, צעשניטן פון די שווערדן, זענען דאָ געלעגן צעשפּרייט; אָבער דאָרט, וווּ די פּאָלקן האָבן די פוס - גייער געקוילעט, האָבן זיך גאַנצע שטויסן פון הרוגים דערהויבן, און די קאַלוזשעס פון שוין פאַרגליווערטן בלוט האָבן אונטער די פערדישע קאָפּיטעס ווי בלאָטע געפּליעסקעט

ס'איז שווער געווען דאָרט - אַרום דורכצופאָרן צווישן די שפּליטערס פון צעבראָכענע שפּיזן און ביקסן, צווישן די הרוגים, איבערגעקערטע וועגנס און טאָטערישע קופּעס, וועלכע האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט.

הער גאָשיעווסקי איז געשטאַנען נאָך ווייטער אויפן וואַל פון באַפעסטיקטן לאַגער, און נעבן אים זענען געווען דער פירשט טיש - מייסטער ראַדזיוויל, וואינילאָוויטש, וואָלאָדיאָווסקי, קאָרסאַק און אַ פּאָר צענדליק מענטשן. פון דער דאָזיקער הייכקייט האָבן זיי מיט די אויגן אַרומגענומען דאָס פעלד אַזש העט, ביז צו די ווייטסטע עקן און האָבן די גאַנצע גרויס פון זייער נצחון און שונאס מפּלה געקאָנט אָפּשאַצן.

דערזעענדיק די הערן, האָט קמיטשיק זיך צוגעאײַלט, און הער גאָשיעווסקי, וועלכער איז נישט בלויז געווען אַ גליקלעכער מלחמה - פירער, נאָר אויך אַן איידעלער מענטש, אָן אַ ברעקל קנאה אין האַרצן, האָט קוים אים דערזען, ווי ער האָט שוין אויסגעשריגן:

— אָט קומט - אָן דער אמתר זיגער! אַדאַנק אים האָבן מיר די דאָזיקע שלאַכט געוווּנען, איך דערקלער דאָס דער ערשטער פאַר אַלעמען! גנעדיקע הערן! דאַנקט דעם הער באַביניטש, ווײַל ווען נישט ער, וואָלטן מיר זיך דורכן טייך נישט אַריבערגעקריגן!

— וויוואַט באַביניטש! — האָב אַ פּאָר צענדליק שטימען אַ געשריי - געטאָן — וויוואַט! וויוואַט!

— ווו האָסטו זיך זעלנער, די קונסט פון מלחמה - פירונג געלערנט ? — האָט דער העטמאַן מיט באַגייסטערונג געפרעגט — וואָס דו האָסט אַזוי גיך פאַרשטאַנען, וואָס מען דאַרף טאָן ?

קמיטשיץ האָט נישט געענטפערט, ווייל ער איז געווען צו־פיל פאַרמאַטערט, ער האָט זיך נאָר פאַרנייגט אויף אַלע זייטן און מיט דער האַנט איבער דעם פון שווייס און פולווער - רויך באַשמוצטן פנים געפירט. די אויגן האָבן אים געלויכטן מיט אַן אומגעווייגלעכן גלאַנץ, און דערווייל האָבן די וויוואַטן כסדר געהילכט. איין אָפּטיילונג נאָך דער ענדערער איז אָנגעקומען פון פעלד אויף די פאַרשוימטע פערד און יעדע האָט אָנקומענדיק מיט אַלע כוחות זיך פאַרייניקט מיט די אויסגעשרייען לכבוד באַבינישטשן. די היט־ל ־ך זענען געפלויגן אין דער הויך, ווער עס האָט געהאַט נישט אויסגעשאָסענע באַנדאָלעטן, דער האָט געשאָסן.

מיט אַמאָל האָט הער אַנדזשעי אויפן זאָטל זיך אויפגעשטעלט און אויפהויבנדיק ביידע הענט אין דער הויך, האָט ער מיט אַ דונערדיקער שטים אויסגעשריגן:

— וויוואַט יאַן קאַזשימיעזש ! אונזער האַר און לייטזעליקער פאָטער !

דאָ איז אַנטשטאַנען אַזאַ געשריי, ווי עס וואָלט זיך אַ נייע שלאַכט אָנגעהויבן. אַן אומבאַשרייבלעכע התלהבות האָט אַלעמען ארומגענומען.

פירשט מיכאַל האָט אויסגעטאָן די שווערד מיט דער שייד, וואָס איז מיט דימענטן געווען אויסגעזעצט, און זי אוועקגעגעבן קמיטשיצן, דער העטמאַן האָט דעם אייגענעם טייערן וואָפּן - ראָק אים אויף די אַקסלען אַרויפגעוואָרפן, און קמיטשיץ האָט ווידער די הענט אין דער הויך אויפגעהויבן:

— זאָל לעבן אונזער העטמאַן, דער זיגרייכער פירער !

— זאָל ער לעבן און געזונט זיין ! — האָבן אַלע איינשטימיק אָפּגעענטפערט.

דערנאָך האָט מען גענומען די פאַרכאַפּטע פאָנען צונויפטראָגן און זיי אַריינשטעקן אין וואָל נעבן די פירער. דער שונא האָט קיין אייגע נישט מציל געווען: עס זענען געווען פרייסישע פון די

רעגולערן פּאָלק, פּרייסישן פֿון לאַנד - שטורעם, פֿון דער שלאַב-
טע, עס זענען געווען שוועדישע, פֿון באַגוסלאַווס חיל, אַ גאַנצער-
רעגנבויגן פֿון פֿאָנען האָט אויפֿן וואַל געפֿלאַטערט.

— דאָס איז איינער פֿון די גרעסטע נצחונות אין דער דאָ-
זיקער מלחמה! — האָט דער העטמאַן אויסגערופֿן — איזראַעל און
ח'אַלדעק זענען אין געפֿאַנגענשאַפֿט, די פֿאַלקאָוויקעס זענען אומגעקו-
מען, אָדער אין געפֿאַנגענשאַפֿט אַריינגעפֿאַלן, דאָס חייל איז אויסגע-
קוילעט געוואָרן, אַז עס איז פֿון אים קיין שריד-ופּליט נישט געבליבן...

דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו קמיטשיצן:

— הער באַבינישש, איר האָט אין יענעם שטח זיך אונדאי-
מיט באָגוסלאַוון צוזאַמענגעשטויסן... וואָס איז פֿון אים געוואָרן?

דאָ האָט אויך הער וואָלאָדיאָווסקי גענומען גוט קוקן קמי-
טשיצן אין די אויגן אַריין, יענער ווידער האָט גיך גע נט-
פֿערט;

— דעם פֿירשט באָגוסלאַוו האָט גאָט מיט אָט דער האַנט
באַשטראָפֿט!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער די רעכטע האַנט אויסגע-
צייגן, אָבער אין דער אותו - רגע האָט דער קליינער ריטער זיך
אים אין די אָרעמס אַריין געוואָרפֿן.

— יענדרעק! — האָט ער אויסגעשריגן — איך פֿאַרגין עס
אייך! זאָל אייך גאָט בענטשן!

— דאָס האָט איר דאָך מיר די האַנט אויסגעאַרבעט! —
האָט הער אַנדזשעי אַ גערירטער געזאָגט.

אָבער דעם ווייטערדיקן אויסגוס פֿון די ברידערלעכע גע-
פֿילן האָט איבערגעריסן דער פֿירשט טיש - מייסטער.

— צי איז מיין ברודער דערהרגעט? — האָט ער זיך גע-
פֿרעגט.

— ער איז נישט דערהרגעט — האָט קמיטשיץ געענטפֿערט —
ווייל כ'האָב אים דאָס לעבן געשענקט, אָבער ער איז פֿאַרווונדעט
און געפֿאַנגען. און אָט דאָרט פֿירן אים טאַקע מיינע טאַטערס!

די דאָזיקע ווערטער האָבן אויף הער וואָלאָדיאָווסקיס פּנים
אַן אויסדרוק פֿון שטאַרקער פֿאַרהידושטקייט אַרויסגערופֿן, די אויגן

פון די ריטער האָבן זיך אָבער אַ קער - געטאָן צום פעלד, אויף וועלכן ס׳האָט זיך באַוויזן אַן אָפּטיילונג פון אַ פּאָר צענדליק טאָטערס, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט; נאָכדעם ווי זי האָט די קופּעס פון די צעבראָכענע וועגנס געמיטן, האָט זי לסוף אויף אַ פּאָר צענדליק שריט צום וואַל זיך צוגערוקט.

מ׳האָט דעמאָלט דערזען, אַז אַ טאָטער, וועלכער איז פאָרגעגריטן, פירט אַ געפאַנגענעם; אַלע האָבן דערקענט באָגוסלאַוון, אָבער אין וואָס פאַר אַ קלאָגנדיקן מעמד!

ער, איינער פון די מעכטיקסטע שררהס אין דער רעפּובליק, ער, וועלכער האָט נאָך נעכטן וועגן אַן אומאָפּהענגיקער מלוכה געחלומט, ער, אַ פירשט פון דייטשן רייך, איז איצט געגאַנגען מיט אַ שטריק אויפן האַלז, צו - פוס, ביי אַ טאָטערישן פערד, אָן אַ קאַפּעלוש, מיט אַ פאַרבלוטיקטן קאָפּ, אַרומגעבונדן מיט אַ ברודיקער שמאַטע. אַלע ריטער האָבן אָבער אין זייערע הערצער געטראָגן אַזאַ פאַרביסענע שנאה אויפן דאָזיקן מאַגנאַט, אַז די דאָזיקע שרעקלעכע געפאַלנקייט האָט ביי קיינעם קיין רחמנות נישט געוועקט, אַדרבא, כמעט אַלע האָבן אין איין רגע אויסגעשריגן:

— אַ טויט דעם בוגד! מיט די שווערדן אים צעהאַקן! אַ טויט! אַ טויט!

און פירשט מיכאַל האָט מיט דער האַנט די אויגן זיך פאַרשטעלט, ווייל דאָס האָט מען דאָך אַ ראַדזיווויל אין אַזאַ דערנידריקונג געפירט. מיט אַ מאָל איז ער רויט געוואָרן און ער האָט אויסגעשריגן:

— גנעדיקע הערן! דאָס איז מיין ברודער, דאָס איז מיין בלוט, און איך האָב סיי דאָס לעבן און סיי דאָס פאַרמעגן פאַרן פאָטערלאַנד נישט געקאַרגט! פאַר מיינעם אַ שונא וועל איך באַטראַכטן דעם, וואָס וועט אויף דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מענטש די האַנט אויפהויבן.

די ריטערס זענען תיכף אַנטשוויגן געוואָרן.

דעם פירשט מיכאַל האָבן אַלע ליב געהאַט פאַר זיין מוט, פרייגעביקייט און מסירת - נפש פאַרן פאָטערלאַנד. ווען גאַנץ ליי-

. אין די הענט פון די צפון - לייט אריינגעפאַלן, האָט ער־איינער זיך אין ניעסוויזש פאַרטיידיקט, בעת די שוועדישע מלחמות האָט ער זיך נישט געלאָזט אָנרעדן פון יאַנושן און איז איינער פון די ערשטע צו דער טישאָווצער קאָנפעדעראַציע צוגעשטאַנען; זיין שטים האָט מען דעריבער אויך איצט געפאָלגט. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז קיינער האָט נישט געוואָלט איינרייסן מיט אַזאַ מעכ־טיקן שררה, געווגג, אַז די שווערדן זענען תיכף אין די שיידן אַ־ריינגעשטעקט געוואָרן, און אַ פּאָר אָפיצירן, וועלכע האָבן ביי די ראַדזיווילס געדינט, האָבן אַפילו אויסגערופן:

— אָפּנעמען אים ביי די טאָטערס! זאָל אים די רעפּובליק משפּטן, אָבער לאָמיר נישט לאָזן, אַז געצן - דינער זאָלן איידל בלוט מבזה זיין!

— אָפּנעמען אים ביי די טאָטערס! — האָט דער פירשט איבערגעחזרט — מיר וועלן געפינען אַן ערובניק, און אויסקויף - געלט וועט ער אַליין באַצאָלן! הער וואָנילאָוויטש, שיקט אייערע מענטשן און זאָלן זיי מיט כּוח אים נעמען, אויב מ׳וועט אַנדערש נישט קאָנען!

— איך וועל אַלס ערובניק צו די טאָטערס גיין! — האָט הער גנאָינסקי אויסגערופן.

דערוויילט האָט וואָלאָדיאָווסקי זיך צוגערוקט צו קמיטשיצן און געזאָגט:

— יענדרעק! וואָס האָט איר געטאָן? ער וועט דאָך אַרויס בשלום פון אייערע הענט!

דערויף האָט קמיטשיץ אַ שפּרינג - געטאָן ווי אַ פאַרוווּנדע־טע חיה.

— זייט מוחל, גנעדיקער הער פירשט! — האָט ער אויס־געשריגן — דאָס איז מיין געפאַנגענער! איך האָב אים דאָס לעבן געשענקט, אָבער אונטער באַדינגונגען, וועלכע ער האָט אויף זיין אַפּיקורסישער עוואַנגעליע מיר געשוווירן צו דערפילן, און זאָל איך דאָ פאַלן אַ טויטער, אויב ער וועט אַרויס פון די הענט, אין וועלכע איך האָב אים איבערגעגעבן, אויב ער וועט פריער מיר אַלץ נישט האָבן דערפילט!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער דאָס פערד אַ צי־געטאָן, דעם וועג פאַרשטעלט און שוין האָט די איינגעבוירענע היציקייט אים געגומען מיטרייסן, ווייל דאָס פנים האָט זיך אים איינגעקאָרטשעט, ער האָט די נאָז־לעכער פאַנאַנדערגעבלאָזן און פון די אויגן האָבן אים גענומען פונקען שפּריצן.

און דערווייל האָט הער וואָיִנילאָוויטש אים מיט'ן פערד שכּוּיס־געטאָן:

— אין אַ זייט, הער באַבּיניטש! — האָט ער אַ געשריי־געטאָן.

— אין אַ זייט, הער וואָיִנילאָוויטש! — האָט הער אַנדזשעי אַ דונער־געטאָן און מיטן הענטל פון דער שווערד וואָיִנילאָוויטשס פערד אַ זעץ־געטאָן מיט אַזאַ שרעקלעכן כּוח, אַז דאָס פערד האָט זיך אַוש אויף די פיס אַ וואַקל־געטאָן, ווי פון אַ קויל געטראָפן, און מיט די נאָז־לעכער אין דער ערד זיך איינגעגראָבן.

ס'איז געוואָרן אַ גרויס גערודער צווישן די ריטער, ביז הער גאָשיעוווסקי האָט זיך אַרויסגערוקט פאָרויס און זיך אָנגערופן:

— שווייגט גנעדיקע הערן! גנעדיקער הער פּירשט, מיטן כּוח פון מיין העטמאַנישער מאַכט דערקלער איך, אַז הער באַבּיניטש האָט אַ רעכט אויפן געפאַנגענעם און ווער עס וויל אים פון די טאַטערישע הענט אַרויסבאַקומען, מוז זיין באַזיגער געבן און ערבות!

פּירשט מיכאל האָט באַהערשט זיין אויפרעגונג, באַרויקט זיך און ווענדנדיק זיך מיט זיינע ווערטער צום הער אַנדזשעי געפרעגט:

— זאָגט, וואָס ווילט איר?

— אַז ער זאָל דערפילן די באַדינגונגען נאָך איידער ער וועט פון דער געפאַנגענשאַפט אַרויס.

— וועט ער זיי דערפילן נאָכדעם, ווי ער וועט אַרויס.

— דאָס קאָן נישט זיין! איך גלויב נישט!

— אויב אַזוי שווער איך פאַר אים אויף דער הייליקסטער מוטער, אין וועלכער איך גלויב, און אויפן ריטערלעכן וואָרט, אַז

אַלץ וועט אייך דערפילט ווערן. אויב נישט וועל איך אייך ערב זיין מיט מיין האָנאָר און מיט מיין פאַרמעגן.

— געגוג פאַר מיר! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — זאָל הער גנאָינסקי אַלס ערובניק פאָרן, ווייל אַנדערש וועלן די טאָטערס אַ ווידערשטאַנד שטעלן. איך באַגנוגן מיך מיטן וואָרט.

— איך דאַנק אייך הער ריטער! — האָט דער פירשט טישמייסטער געענטפערט. — איר זאָלט אויך נישט מיינען, אַז ער וועט תיכף די פרייהייט צוריקגעווינען, ווייל איך וועל אים דעם הער העטמאַן איבערענטפערן און ביז דער קיניג וועט זיין פּסק-דין אַרויסטראָגן, וועט ער בלייבן אין געפאַנגענשאַפט.

— אַזוי וועט עס זיין! — האָט דער העטמאַן געזאָגט.

און באַפעלנדיק וואָיניליאָוויטשן זיך צו זעצן אויף אַ פרישן פערד, ווייל יענץ האָט שוין קוים געזשיפּיעט, האָט ער אים צוזאַמען מיטן הער גנאָינסקי נאָכן פירשט אַרויסגעשיקט.

אָבער די זאַך איז אַזוי לייכט נישט צוגעגאַנגען. דעם געפאַנגענעם האָט מען מיט כּוח געמוזט נעמען, ווייל האסון = בעאַליין האָט אַ שאַרפן ווידערשטאַנד געשטעלט און ערשט דער אָנבליק פון הער גנאָינסקין און דאָס אָפּגערעדטע אויסקויף - געלט פון הונדערט טויזנט טאָלערס האָט אים באַרויקט

אין אָוונט האָט פירשט באָגוסלאַוו זיך שוין געפינען אין הער גאָשיעוווסקיס געצעלטן. מ'האָט אים דאָרט זאָרגעוודיק די ווונד פאַרבונדן, צוויי מעדיקער זענען פון אים אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעטרעטן און ביידע האָבן פאַר זיין לעבן גוט = געזאָגט, ווייל די ווונד, מחמת זי איז געמאַכט געוואָרן מיטן עק פון דער שווערד, איז נישט געווען קיין זייער שווערע.

הער וואָלאָדיאָוווסקי האָט קמיטשיצן נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער האָט דעם פירשט דאָס לעבן געשענקט און פון פאַרדראָס האָט ער אים אַ גאַנצן טאָג אויסגעמיטן, ערשט אין אָוונט איז הער אַנדזשעי אַליין אין זיין געצעלט געקומען.

— געדענקט אין גאָט! — האָט דער קליינער ריטער, דערזעענדיק אים, אויסגעשריגן — איך וואָלט זיך אויף דעם קיינמאָל

פון אייך נישט געריכט, אַז איר וועט דעם דאָזיקן בוגד אַ לעבע־דיקן פון די הענט אַרויסלאָזן!..

— הערט מיך אויס, מיכאל, איידער איר פאַרמשפּט מיך — האָט קמיטשיץ טריב געענטפערט — איך האָב אים שוין געהאַט אונטערן פוס און די שאַרף אים אויפן האַלז געהאַלטן, אָבער ווייסט איר, וואָס דער דאָזיקער בוגד האָט מיר דעמאָלט געזאָגט?.. אַז באַפעלן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן, אַז מ'זאָל אַלענקאַן אין טויראָגי מיטן טויט באַשטראָפן, אויב ער וועט אומקומען... וואָס האָב איך אומגליקלעכער געזאָלט טאָן? כ'האָב געקויפט איר לעבן פאַר זיין לעבן... וואָס האָב איך געזאָלט טאָן... דערבאַרעמדיקער גאָט.. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

דאָ האָט הער אַנדזשעי זיך גענומען פאַר די האָר רייסן און פון אויפרעגונג מיט די פיס טופּן, און הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— איך פאַרשטיי אייער יאוש... פאָרט... איר האָט אָפּגע־לאָזט אַ בוגד, וועלכער קאָן להבא שווערע צרות דער רעפּובליק פאַרשאַפן... אמת, יענדרעק! איר האָט היינט גרויסע פאַרדינסטן אָפּגעגעבן, אָבער לסוף האָט איר דעם טובת־הכלל פאַר אייערע פּריוואַטע אינטערעסן מקריב געווען.

— און איר, וואָס וואָלט איר אַליין געטאָן, ווען מ'וואָלט אייך געזאָגט, אַז אַ חלף ליגט אויפן האַלז פון פרייליין אַננאַ באָזשאָבאָהאַטאַ?..

וואָלאָדיאָווסקי האָט מוראדיק גענומען מיט די וואָנסעלעך באַוועגן.

— איך זאָג נישט, אַז איך קאָן אייך פאַר אַ מוסטער דינען. הם! וואָס איך וואָלט געטאָן?... אָבער סקשעטוסקי, וועלכער פאַרמאָגט אַ נשמה פון אַ רוימער, וואָלט אים קיין לעבעדיקן נישט אָפּגעלאָזט, און איך בין זיכער, אַז גאָט וואָלט נישט דערלאָזט אַז עס זאָל דערפאַר אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן ווערן.

איך בין גרייט דערפאַר אָפּצוקומען. שטראָף מיך, גאָט, נישט לויט מיין שווערן חטא, נאָר לייט דיין מדת־הרחמים... ווייל אונטערשרייבן אַ טויט־אורטייל אויף דעם טייבעלע..

דאָ האָט קמיטשיק די אויגן זיך פאַרשטעלט.

— ראַטעוועט מיך, מלאכים! קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט!

— ס'איז שוין געשען! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

דערויף האָט הער אַנדזשעי פון בוזעם פאַפירן אַרויסגענומען.

— קוקט, מיכאַל! אָט, וואָס איך האָב אַרויסבאַקומען. דאָס איז אַ באַפעל צו סאַקאָוויטשן, דאָס איז צו ראַדזיווילס אַלע אָפיצירן און צו די שוועדישע קאָמענדאַנטן... מ'האָט אים געהייסן אונטערשרייבן, הגם ער האָט קוים מיט דער האַנט געקאָנט רירן... דער פירשט טיש - מייסטער האָט אַליין אכטונג געגעבן. אָט איז איר פרייהייט, איר זיכערקייט! כ'שווער ביי גאָט, אַ גאַנץ יאָר וועל איך טאָג - טעגלעך ווי אַ צלם ליגן אויסגעצויגן, מ'יט ריטער זיך הייסן שמייסן, אַ נייע קירך וועל איך אויפשטעלן, אָבער איר לעבן וועל איך נישט מקריב זיין! איך האָב נישט קיין נשמה פון אַ רוימער... גוט! איך בין נישט קיין צדיק, ווי הער סקשעטוסקי... גוט! אָבער כ'וועל נישט מקריב זיין! ניין, צו אַלדי רוחות און זאָל מען מיך אין גיהנום ברענען און בראָטן...

קמיטשיק האָט נישט פאַרענדיקט, ווייל הער וואָלאָדיאָווסקי איז צוגעשפרונגען און אים דאָס מויל מיט דער האַנט פאַרשטאָפּט, שרייענדיק מיט שרעק:

— לעסטערט נישט! ווייל איר וועט אויף איר גאָטס נקמה אַרויפציען! קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין! פּעסט! פּעסט!

און קמיטשיק האָט זיך גענומען זעצן אין האַרץ אַריין:

„כ'האָב געזינדיקט! כ'האָב געזינדיקט! כ'האָב זיך שווער פאַרזינדיקט!" לסוף האָט דער אָרעמער זעלנער אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ גרויס געוויין' ווייל ער שוין אַליין נישט געוווסט, וואָס ער זאָל טאָן.

וואָלאָדיאָווסקי האָט אים געלאָזט זיך גוט אויסוויינען. און לסוף, אַז ער האָט זיך שוין געהאַט באַרויקט, האָט ער אים געפרעגט:

— און וואָס האָט איר איצט בדעה צו טאָן?

— כ׳וועל גיין מיט די טאַטערס דאָרט, ווו מ׳האָט מיך געשיקט. אַזש העט ביז בירזשע! זאָלן נאָר די מענטשן און די פערד זיך אָפּרוען. און וויפל איך וועל אויפן וועג נאָך קאָנען אַפּיקורסיש בלוט פאַר גאָטס רום פאַרגיסן, וועל איך פאַרגיסן.

— און איר וועט טאָן אַ גוטע זאַך. פאַרלירט נישט דעם מוט; יענדרעק! גאָט איז דערבאַרמיק!

— איך וועל גיין גלייך. גאַנץ פּרייסן איז איצט הפקר, אָר זעלטן וועל איך אודאי אויף קליינע גאַרניזאָנען זיך אָנשטויסן.

הער מיכאַל האָט אַ זיפץ - געטאָן;

— עי, כ׳וואָלט מיט אייך מיטגעגאַנגען אַזוי גערן, ווי אין גן - עדן אַריין! אָבער איך מוז זיך האַלטן ביי דער קאָמאַנדע. ווייל איז אייך, וואָס איר פירט אָן מיט פרייוויליקע... יענדרעק! הערט, ברודער! אַז איר וועט ביידע אויסגעפיגען... נעמט אויך יענע אונטער אייער שוץ, כדי עס זאָל איר קיין שום בייז נישט געשען... ווער ווייסט, אפשר איז זי מיר באַשערט...

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דער קליינער ריטער זיך געוואָרפן דעם הער קמיטשיץ אין די אָרעמס אַריין.

12. קאַפּיטל.

נאָכדעם, ווי זיי האָבן אונטער ברויגס שוין פון טוראַגי זיך
אַרויסגעקריגן, האָבן אָלענקאַ און אַנושאַ בשלום אָנגעשפּאַרט בי־
צו דער פּאַרטיע פון שווערד טרעגער, וועלכער איז דעמאָלט גע־
שטאַנען ביי אָלשאַ, בכן נישט זייער ווייט פון טוראַגי.

ווען דער אַלטער שלאַכטשיץ האָט זיי ביידע פרישע און
געזונטע דערזעען, האָט ער לכתחילה די אייגענע אויגן נישט גע־
וואָלט גלויבן, דערנאָך האָט ער פון שמחה זיך צעוויינט, און
דערנאָך איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מלחמה - ברען, אַז ער
האָט זיך שוין פאַר קיין שום סכנה נישט אָפּגעשראָקן. נישט בלויז
באָגוסלאַוו, נאָר ווען אַפילו דער שוועדישער קיניג אַליין מיט
דער גאַנצער מאַכט, וואָלט אָנגעגריפן, וואָלט דער שווערד - טרעגער
גרייט געווען צו פאַרטיידיקן זיינע מיידלעך פאַר יעדן שונא.

— צוערשט וועל איך פאַלן — האָט ער געזאָגט — איי־
דער איין האָר וועט אייך פון קאָפּ גערירט ווערן. איך בין שוין
נישט דער אייגענער מענטש, וועלכן איר האָט אין טוראַגי גע־
קענט, און איך מיין, אַז די שוועדן וועלן אונז גוט געדענקען

גירלאַקאָליע יאַסוואָיניאַ און די קלעפּ, וואָס איך האָב זיי ביי ראַסיעני גופא דערלאַנגט. אמת, אַז דער בוגד סאַקאָוויטש איז אונז אומגעריכט באַפאַלן און האָט אונז צעקלאַפּט, אָבער אָט שטייען מיר ווידער אַ פּאָר הונדערט שווערדן צו דינסט.

דער שווערד־טרעגער האָט נישט שטאַרק איבערגעטריבן, ווייל ס'איז באמת אין אים שווער געווען צו דערקענען דעם אָפּהענטיקן טויראָגער געפאַנגענעם. ער האָט שוין אַ גאַנץ אַנדערן מוט געהאַט; די ענערגיע זיינע האָט אָפּגעלעבט; אין פעלד, אויפן פערד, האָט ער זיך געפונען אין זיין עלעמענט, און זייענדיק אַ גוטער זעלנער, האָט ער באמת שוין אַ פּאָר מאָל די שוועדן אָרנטלעך אַרומגעציפּט. און היות ער האָט אין דער סביבה געהאַט אַ גרויסן אָנזען, האָבן זיך אַרום אים גערן גרופּירט די שלאַכטע און דער פּראָסטער המון, און אויך פון די ווייטערע פּאָוויאַטן האָט פון צייט צו צייט איינער פון די בילעוויטשס אַ צען אָדער אַפילו אַ פּאָר צענדליק פערד צוגעפ'רט.

— דעם שווערד־טרעגערס פּאַרטיע איז באַשטאַנען פון דריי הונדערט פויערישע פוס־גייער און אַרום פינף הונדערט רייטער. פון די פוס־גייער האָט זעלטן איינער געהאַט אַ ביקס, ס'רוב זענען זיי געווען באַוואָפנט מיט קאָסעס און ווידלעס; די קאַוואַלעריע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געמיש פון פאַרמעגלעכערער שלאַכטע, וועלכע איז מיט די דינער אין די וועלדער אַוועק, און פון דער אָרעמערער שלאַכטע פון די דערפלעך. איר באַוואָפנונג איז געווען אַ בעסערע, ווי פון די פוס־גייער אָבער זייער אַ פאַרשיידנאַרטיקע. האָפּן־שטאַנגען האָבן אַסך געהאַט אָנשטאָט שפּיזן; אַנדערע האָבן געטראָגן דאָס טייערע, אָבער אָפּטמאָל פאַרצייטישע משפחה־געווער; די פערד פון פאַרשיידענע ראַסעס און קוואַליטעט האָבן נישט געטויגט אויף אויסצושטעלן אין איין ריי.

דער שווערד־טרעגער האָט מיט אַזאַ חייל געקאָנט זיין אָן אבן־נגף פאַר די שוועדישע פּאַטרולן, ער האָט אַפילו גרעסערע רייטער־אָפּטיילונגען געקאָנט אויסקוילן, ער האָט געקאָנט אָפּרייניקן די וועלדער און דערפער פון די רויבער, וואָס גרויסע באַנדעס

זייערע, וועלכע זענען באַשטאַנען פון שוועדישע און פּרייסישע דעזערטירן און פון אָרטיקע הפקר - מענטשן, האָבן זיך מיט גזלות און רציחות פּאַרנומען, אָבער ער האָט אויף קיין שום שטאָט נישט געקאָנט זיך וואַרפן.

וואָרים די שוועדן זענען שוין קלוגער געוואָרן. באַלד נאָכן אויסברוך פון דער מרידה האָט מען אים אין גאַנץ זשאַמעט און ליטע אויסגעקוילעט די, וועלכע זענען אין קוואַרטירן איבער דער־פּער געשטאַנען צעשפּרייט; די, וועלכע זענען ניצול געוואָרן, האָבן דעריבער זיך איצט געהאַלטן אין די באַפעסטיקטע שטעט פון וועלכע זיי האָבן זיך אַרויסגערירט נאָר אויף נאָענטערע עקספּעדיציעס. אַזוי אַרום זענען די פעלדער, וועלדער, דערפלעך און קלענערע שטעט־לעך געווען אין די פּוילישע הענט, דערפאַר אָבער זענען אַלע גרעסערע שטעט געווען אין די הענט פון די שוועדן און אַרויס־טרייבן זיי פון דאָרט איז אוממעגלעך געווען.

דעם שווערד - טרעגערס פּאַרטיע איז געווען איינע פון בעס ע, די איבעריקע האָבן נאָך ווייניקער געקאָנט אויפטאָן. אויף דער גרענעץ פון ליפלאַנד האָבן די מורדים אמת אַזוי ווייט גע־קריגן חוצפּה, אַז זיי האָבן צוויי מאָל באַלאַגערט בירזשע, וועלכע האָט ביים צווייטן מאָל זיך געמוזט אונטערגעבן, אָבער דער דאָזי־קער צייטווייליקער נצחון איז געווען אַ פּועל - יוצא דערפון, וואָס דע לאַ גאַרדי האָט אַלע חיילות, וועלכע זענען געשטאַנען אין די פּאָוויאַטן, וואָס גרענעצן זיך מיט ליפלאַנד, אַוועקגעפירט אויף צו פּאַרטיידיקן ריגע קעגן דער צאַרישער מאַכט.

זיינע גלענצנדיקע און אין דער געשיכטע זעלטענע נצחונות האָבן אָבער אָנגעזאָגט, אַז יענע מלחמה וועט בקרוב זיך ענדיקן, און אַז דערנאָך וועלן קיין זשאַמעט אָנקומען נייע און פון טריומפן פאַרשכורטע שוועדישע חיילות. לעת - עתה איז אָבער אין די וועלדער געגנג זיכער געווען און די גרויסע צאָל פון די פּאַרטיעס מורדים, וועלכע זענען אַליין קיין סך נישט בכּוח געווען אויפצוטאָן, האָבן פונדעסטוועגן געקאָנט זיכער זיין, אַז דער שונא וועט זיי אין די טיפע וועלדער נישט זוכן.

דערפאַר האָט דער שווערד - טרעגער אויפגעגעבן דעם געדאַנק צו זוכן אַ מקום - מקלט אין די ביאַלאָוויעזשער וועלדער

ווייל דער וועג אהין איז געווען זייער א ווייטער, און אויפן וועג זענען געווען אסך גרעסערע שטעט, אין וועלכע עס זענען געשטאַנען גרויסע גאַרניזאָנען.

— גאָט האָט געגעבן א טרוקענעם האַרבסט — האָט ער געזאָגט צו זיינע מיידלעך — ס'וועט דעריבער לייכטער זיין צו פאַרברענגען אונטערן הוילן הימל. כ'וועל אייך הייסן א שיין געצעלטל אויפשטעלן, אין עלטערע פרוי פאַר א דינערין אייך געבן און איר וועט בלייבן אין לאַגער. נישטאָ אין די דאָזיקע צייטן קיין בעסערער מקום - מקלט ווי אין די וועלדער. מיין בילעוויטשע אין פאַרברענט אויף אַש; די הויפן וערן פון רויבער, און אָפט אויך פון שוועדישע אָפטיילונגען באַפאַלן. וווּ וועט איר נאָך אַזוי זיכער און רויק זיין, ווי דאָ ביי מיר, ווו אַ הונדערט שווערדן זענען צו מיין דיספּאָזיציע? און אַז עס וועלן שפּעטער זיך מאַכן בלאָטעס, וועל איך אייך עפּעס אַ כאַטעלע אין די טיפע וועלדער אויסגעפינען.

דער דאָזיקער געדאַנק איז דעם פרייליין באָזשאָבאָהאַטאַ זייער געפעלן געוואָרן, ווייל אין דער פּאַרטיע זענען געווען אַ פּאָר יונגע בילעוויטשס, וווילע בחורים, אַגב, האָט מען אויך אַלץ - אײנ - איינעם גערעדט דערפון, אַז הער באַבינױטש זאָל אין די דאָזיקע מקומות אָנקומען.

אַנושאַ האָט זיך גערעכט, אַז נאָכדעם, ווי ער וועט קומען אהער, וועט ער תיכף - ומיד די שוועדן פאַרטרייבן, און דער-נאָך... דערוואָך וועט זיין, וואָס גאָט וועט באַשערן. אָלענקאַ האָט אויך געהאַלטן, אַז צום זיכערסטן איז ביי דער פּאַרטיע, זי האָט נאָר געוואָלט פון טוירזאָגי זיך דערווייטערן, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז סאַקאָוויטש וועט נאָכיאָגן.

— לאָמיר גיין קיין וואָדאָקטי — האָט זי געזאָגט — דאָרט וועלן מיר זיין צווישן אייגענע. ווען אפילו עס זאָל זיין פאַר-ברחנט, זענען דאָך פאַראַן מיטרוני און אַלע אַרומיקע דערפער. ס'איז נישט מעגלעך, אַז דאָס גאַנצע לאַנד דאָרט זאָל זיין אַ זאַ ווילדסטעניש פאַרוואַנדלט געוואָרן, אין פאַל פון אַ סכנה וועט לאודאַ אונז פאַרטיידיקן.

— אָבער אַלע לאודער זענען מיט וואָלאָדיאָווסקין אוועק — האָט דער יינגער יור בילעוויטש זיך אָנגערופן.

— עס זענען געבליבן די זקנים און די יינגלעך, איבעריקנס, אין אַן עת - צרה קאָנען אַפילו די דאָרטיקע ווייבער זיך פּאַרטיי־דיקן. די וועלדער זענען דאָרט אויך גרעסער, ווי דאָ, די דאָמאַ־שעוויטשס, אָדער די גאָשטשעוויטשס וועלן אונז אַוועקפירן קיין ראָגאָוווסקאַ, ווו קיין שום שונא וועט אונז נישט אויסגעפינען.

— און נאָכדעם, ווי איך אייך וועל דאָס אָבאָזל האָבן באַ־וואָרנט, וועל איך צו די שוועדן זיך אַרויסלאָזן און אויסקוילן די־וואָס וועלן אויף די ברעגעס פון די וועלדער זיך אַרומטרייבן — האָט דער שווערד - טרעגער זיך אָנגערופן — דאָס איז אַ גוטער איינפאַל! מיר האָבן דאָ נישט וואָס צו טאָן, דאָרט קאָן מען א סך מער אויפטאָן.

ווער ווייסט, צי נישט דערפאַר האָט דער שווערד - טרעגער אַזוי גיך פאַר פרײַליין אַלעקסאַנדראַס עצה זיך אָנגעכאַפּט, ווייל אין האַרצן האָט ער אויך אַ ביסל מורא געהאַט פאַר סאַקאָוויטשן, וועלכער האָט אין אַ מאָמענט פון פאַרצווייפלונג געקאָנט זיין שרעקלעך.

די עצה איז אָבער בכלל געווען אַ קלוגע, דערפאַר איז זי אַלעמען געפעלן געוואָרן, אין דעם זעלבן טאָג נאָך האָט דער שווערד - טרעגער אונטער יור בילעוויטשס קאָמאַנדע די פוס - גייער אַרויסגעשיקט, אַז זיי זאָלן דורך די וועלדער אין דער ריכ־טונג פון קראַקינאָוו זיך דורכרייסן; אַליין האָט ער מיט צוויי טע־שפּעטער מיט די רייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין ערשט נאָכ־דעם, ווי ער האָט פריער גוט חוקר - ודורש געווען, צי פון קיין דאַני אָדער פון ראָסיעני, וועלכע ער האָט געמוזט פאַרבייגיין זענען נישט אַרויס עפּעס גרעסערע שוועדישע אָפּטיילונגען.

זיי זענען געגאַנגען געלאַסן און פאָרזיכטיק. די מיידלעך זענען געפאָרן אויף פויערישע פורלעך, און צייטנווייז אויף קליינע רייט - פערדלעך, וועגן וועלכע דער שווערד - טרעגער האָט זיך באַמיט.

אַנושא, וועלכע האָט פון יורן באַקומען אַ מתנה אַ קליין שווערדל, האָט עס מעשה־מאַגסביל זיך אַריבערגעהאָנגען אויף אַ זייד׳ענער שנור, און אין אַ הוזאַרן־היטעלע, געשיקט אויפן קאָפּ אָנגעטאָן, האָט זי, ווי אַ ריטמייסטער, דעם פּאָלק אָנגעפירט. ס׳האָבן זי געוויילט דער מאַרש און די שווערדן, וואָס האָבן אין דער זון געבלאַנקט, און די פייער־הויפנס, וואָס זענען אין דער נאַכט אָנגעצונדן געוואָרן. שטאַרק נתפעל געוואָרן פון איר זענען אויך די יינגע אָפיצירן און זעלנער, און זי האָט מיט די אויגן אין אַלע זייטן געשאָסן, אין מאַרש די צעפּ אויפגעלאָזט, כדי זיי דריי מאָל אין טאָג צו פאַרפלעכטן ביי די ברעגעס פון די קלאָרע וואַסערלעך, וועלכע האָבן איר אַ שפּיגל פאַרביטן. זי האָט אָפט געזאָגט, אַז זי וויל זען אַ שלאַכט, כדי צו געבן אַ ביישפּיל פון העלדישקייט, אין דער אמתן אָבער האָט זי צו קיין שלאַכט גאָר נישט געשטרעבט; זי האָט נאָר געוואָלט אַלע יינגע זעלנער די קעפּ פאַרדרייען, און זי האָט טאַקע אַ היפּש ביסל קעפּ פאַרדרייט.

אָלענקאַ האָט אויך ווי אָפּגעלעבט נאָכן פאַרלאָזן טוראָגי. דאָרט האָבן פון איר אַ תל געמאַכט די אומזיכערקייט פון גורל און די שטענדיקע מורא, איצט האָט זי אין די וואַלד־טיפענישן זיך זיכערער געפילט. די געזונטע לופט האָט אירע כוחות אויפגעפרישט. דער אָנבליק פון די זעלנער, געווער, דאָס גערודער און טומל פון לאַגער, האָבן ווי אַ באַלזאַם געווירקט אויף איר פאַרמאַטערטער נשמה. אויך איר האָט אַ פאַרגעניגן פאַרשאַפט דער מאַרש פון חייל און די מעגלעכע סכנות האָבן זי כלל נישט אָנגעשראָקן, ווייל אין אירע אָדערן איז דאָך ריטערלעך בלוט געפלאָסן. זי האָט זיך נישט אזוי פיל געוויזן פאַר די זעלנער און זיך נישט דערלויבט פאַר די רייען אויפן פערדל אַרומצושטיפן, דעריבער האָט זי אויך אַזוי פיל זיך די אויפמערקזאַמקייט נישט געצויגן. דערפאַר אָבער האָבן אַלע פאַר איר גרויס דרך־ארץ געהאַט.

די וואָנסעדיקע זעלנערישע פנימער האָבן געשמייכלט אויפן אָנבליק פון אַנושאַן, און ווען אַלענקאַ איז צו די פייער־הויפנס צוגעגאַנגען, האָבן זיך די קעפּ אָפּגעדעקט. דער דאָזיקער דרך־ארץ איז שפּעטער אין אַ יראת־הכבוד פאַרוואַנדלט געוואָרן.

מ׳קאָן אויך נישט זאָגן, אַז עפּעס אַ האַרץ האָט צוליב איר אין אַ יינגער ברוסט נישט אַ טיאָכקע געטאָן, נאָר די אויגן האָבן זיך נישט דערוועגט צו קוקן אויף איר אַזוי גלייך, ווי אויף יענער אוקראַינישער שפּרינג - קאָזע.

זיי זענען געגאַנגען דורך וועלדער, קשאַקעס, אָפּט אַרויס־שיקנדיק אויף אויסשפּירונגען און ערשט אויפן זיבעטן טאָג שוין שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי אָנגעקומען קיין לוביטש, וועלכע איז געלעגן ביים ראַנד פון דער לאודער געגנט, בילדנדיק ווי אַ טויער צו איר. די פערד זענען יענעם טאָג געווען אַזוי פאַרמאַ־טערט, אַז נישט געקוקט אויף אָלענקאַס טענות, איז אוממעגלעך געווען ווייטער צו מאַרשירן, דער שווערד - טרעגער האָט דערי־בער געהייסן דעם מיידל אירע משוגעתן פון קאָפּ אַרויסשלאָגן און ער האָט די פאַרטיע אויף נאַכט - לעגער צעלייגט. אַליין האָט ער זיך מיט די מיידלעך אין הויף אָפּגעשטעלט, ווייל דאָס וועטער איז געווען אַ נעפּלדיקס און זייער אַ קילס. ווי עפּעס דורך אַ וווּנדערלעכן טראַף איז דער הויף נישט געווען פאַרברענט. דער שונא האָט אים מסתּמא פאַרשוינט אויף די באַפעלן פון פירשט יאַנוש ראַדזיוויל, דערפאַר, וואָס ער האָט געהערט צו קמיטשיצן, און הגם דער פירשט האָט זיך שפּעטער דערוווּסט וועגן הער אַנדזשעיס אָפּטריניקייט, האָט ער פאַרגעסן, אָדער קיין צייט נישט געהאַט נייע באַפעלן אַרויסצוגעבן. די מורדים האָבן אַלע גיטער פאַר דאָס אייגנטום פון די בילעוויטשס באַטראַכט, די רויבער האָבן זיך נישט דערוועגט צו ראַבעווען נעבן לאודאַ. ס׳איז דערי־בער אין אים קיין שום שינוי נישט פאַרגעקומען. אָלענקאַ איז מיט אַ שרעקלעכן געפיל פון ווייטיק און פאַרביטערונג אַריין אונטער דעם דאָזיקן דאַך. זי האָט דאָ יעדעס ווינקל געקענט, אָבער כּמעט יעדעס ווינקעלע האָט דערמאָנט אין עפּעס אַ נבלה, וואָס איז דורך קמיטשיצן באַגאַנגען געוואָרן. אָט איז פאַר איר דער עס - זאַל, אויסגעפּוצט מיט בילדער פון די בילעוויטשס און מיט שייד־לעך פון וואַלד - חיות. די מיט קוילן צעהאַקטע שיידלעך הענגען נאָך אויף די נעגל, די מיט שווערדן צעשניטענע פּאָרטרעטן קוקן שטרענג אַראָפּ פון די ווענט, ווי זיי וואָלטן וועלן זאָגן: „קוק,

מיידל קוק, אונזער אייניקל, דאָס האָט ער מיט זיין אומריינער האַנט צעשניטן די בילדער פון אונזערע ערדישע געשטאַלטן, וועלכע רוען שוין לאַנג אין די קברים.״

אַלענקע האָט געשפּירט, אַז זי וועט קיין אויג נישט צוטאָן אין דאָזיקן באַפלעקטן הויז. ס׳האָט זיך איר געדוכטן, אַז אין די פינסטערע ווינקלען פון די שטובן דרייען זיך נאָך אַרום די גע. שפּענסטער פון די שרעקלעכע חברים, וואָס פון זייערע נאָזלעכער זעצט אַרויס אַ פייער. און ווי גיך איז דער דאָזיקער מענטש, וועלכן זי האָט אַזוי הייס געליבט, אַריבער פון הפקרות צו מעשים - תעתועים, און פון מעשים - תעתועים צו וואָס אַ מאָל גרעסערע פאַרברעכנס, פון צעהאַקן די פּאָרטרעטן צו אויסגעלאַסנקייט פון פאַרברענען אופּיטאַ און וואָלמאַנטאָוויטשע צום פאַרכאַפּן זי אַליין פון וואָדאַקטי, ווייטער צום דינען די ראַדזיווילס, צו בגידה, וואָס האָט איר העכסטע מדרגה דערגרייכט דורך דעם צוזאָג אויפצוהויבן די האַנט אויפן קיניג, אויפן פאָטער פון דער גאַנצער רעפּובליק...

די נאַכט איז געלאָפן, אָבער איינשלאָפן האָט די אומגליקלעכע אַלענקאַ נישט געקאָנט. אַלע וונדן פון דער נשמה האָבן זיך איר אויפגעפרישט און גענומען איר שטאַרק וויי - טאָן. אַ בושה האָט אויפסנייַ אירע באַקן געברענט; די אויגן האָבן אין דער רגע קיין טרערן נישט געלאָזט, אָבער דאָס האַרץ האָט פאַרקלעמט אַזאַ טיפער צער, אַז דאָס דאָזיקע אָרעמע מיידל איז אים גאָרנישט בכוח געווען אַריבערצוטראָגן...

אַ צער איבער וואָס? איבער דעם, וואָס עס האָט געקאָנט זיין, ווען ער וואָלט געווען אַן אַנדערער, ווען ביי זיין צעלאָזנקייט, ווילדקייט און הפקרות וואָלט ער האָטש אַן ערלעך האַרץ געהאַט, ווען ער וואָלט לסוף ווייניקסטנס געוווסט פון אַ שיעור אין זיינע פאַרברעכנס, ווען עס וואָלט עקזיסטירט עפּעס אַ גרענעץ, וועלכע ער וואָלט נישט מסוגל געווען אַריבערצוגיין. איר האַרץ וואָלט דאָך אַזוי פיל מוחל געווען...

אַנושאַ האָט באַמערקט די יסורים פון איר חברטע און זיך משער געווען די סיבה, ווייל דער אַלטער שווערד - טרעגער האָט

איר שוין פריער געהאַט די גאַנצע מעשה אויסגעפּלוידערט. בטבע אַ גוט־האַרציקע, איז זי צוגעגאַנגען צום פרייליין בילעוויטש און פאַרוואַרפנדיק איר די הענט אויפן האַלז, האָט זי געזאָגט:

— אָלענקאַ! דו ליידסט גרויסע יסורים אין דאָזיקן הויז...

אָלענקאַ האָט תחילת גאָרנישט געוואָלט רעדן, זי האָט נאָר געגומען ציטערן מיטן גאַנצן גוף, ווי אַן אָשינאָווע בלאַט, און לסוף האָט אַ שרעקלעך, פאַרצווייפלט געוויין זיך אַרויסגעריסן פון איר ברוסט. קאָנוווּלסיוו אָנכאַפּנדיק אַנושאַס האַנט, האָט זי איר העלן קאָפּ אויף איר אָרעם אָנגעשפּאַרט און אַ שלוכצן האָט זי געטרייסלט, ווי דער ווינטער אַ ביימעלע.

אַנושאַ האָט לאַנג געמוזט וואַרטן, ביז עס איז אַריבער, לסוף, אַז אַלענקאַ האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל באַרויקט, האָט זי זיך שטיל אָנגערופן:

— אָלענקאַ, לאָמיר פאַר אים מתפלל זיין...

און יענע האָט מיט ביידע הענט די אויגן פאַרדעקט.

— איך... קאָן נישט!.. — האָט זי מיט אָנשטרענגונג געזאָגט.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי די האָר, וועלכע זענען איר אויף די שלייפן אַראָפּגעפאַלן, פיבערהאַפט אַרונטערגעשאַרט און געזאָגט מיט אַן איבערגעהאַקטער שטים:

— זעסטו... איך קאָן נישט... דו ביסט אַ גליקלעכע!.. דיין באַביניטש איז אַ פיינער, אַ ווילער... פאַר גאָט... און פאַרן פאָטערלאַנד... דו ביסט אַ גליקלעכע! איך טאָר אפילו נישט מתפלל זיין... דאָ פליסט אומעטום מענטשלעך בלוט... חורבות! וואָלט ער כאָטש אין פאָטערלאַנד נישט געפעלשט! וואָלט ער כאָטש דעם קיניג זיך נישט אָנגעבאָטן צו פאַרקויפן!.. איך האָב פריער שוין אַלץ געהאַט מוחל געווען... אין קיידאַני... ווייל כ׳האָב געמיינט... ווייל כ׳האָב אים ליב געהאַט... פון גאַנצן האַרצן!.. אָבער איצט קאָן איך נישט... אָ דערבאַרעמדיקער גאָט! כ׳קאָן נישט!.. כ׳וואָלט וועלן אַליין נישט לעבן... און אַז ער זאָל שוין נישט לעבן!

דערויף האָט אַנושאַ זיך אָנגערופן:

— פאַר יעדער נשמה מעג מען מתפלל זיין, ווייל גאָט איז דערבאַרעמדיקער פון די מענטשן און ער ווייסט די סיבות, וואָס זענען אָפּט פאַר די מענטשן פאַרהוילן.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זי צו דער תפילה אַנידערגעקניט, און אָלענקא האָט זיך אויף דער ערד אויסגעשפּרייט און איז אַזוי אָפּגעלעגן ביז באַגינען.

צומאָרגנס האָט זיך איבער דער געגנט פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער שווערד-טרעגער בילעוויטש איז אין לאַודאַ. אויף דער דאָזיקער ידיעה זענען אַלע, יינג און אַלט, אַרויס אים באַגריסן. פון די אַרומיקע וועלדער זענען אַרויס איינגעהויקערטע זקנים און ווייבער מיט קליינע קינדער. צוויי יאָר האָט שוין קיינער נישט געזייט און נישט געאַקערט אויף די פעלדער. די דערפער גופא זענען אויך צום טייל געווען פאַרברענט און פוסט. די באַפעלקערונג האָט געלעבט אין די וועלדער. די מאַנסבילן אין קרעפטיקן עלטער זענען אַוועק מיטן הער וואָלאָדיאָווסקי אָדער אין פאַרשיידענע פאַרטיעס, נאָר דאָס יינגוואַרג האָט געהיטן און פאַרטיידיקט די רעשטלעך פון די שאָף און רינדער און גוט פאַרטיידיקט, ווייל די וועלדער האָבן זיי געשיצט.

מ'האָט דעם שווערד-טרעגער באַגריסט, ווי אַ גואל, מיט אַ גרויסן געוויין פון שמחה, ווייל די דאָזיקע פּראָסטע מענטשן האָט זיך געדוכטן, אַז אויב דער שווערד-טרעגער איז געקומען און דאָס „פּרייליין" קערט-צוריק אין די אַלטע נעסט, מוז שוין זיין אַ סוף צו דער מלחמה און צו די פורעניות. זיי האָבן טאַקע באַלד גענומען צוריקקערן אין די דערפער און צונויפטרייבן די האַלב-ווילדע בהמות פון די טיפסטע וועלדער.

די שוועדן זענען אמת געזעסן נישט ווייט, באַפעסטיקט מיט פאַרשאַנצונגען אין פּאָניעוויעזש, אָבער אונטערן שוץ פון שווערד-טרעגערס חייל און פון די אַנדערע אַרומיקע פאַרטיעס, וועלכע מ'האָט אין אַ נויט-פאַל געקאָנט רופן, האָט מען שוין פאַר זיי אַזוי שטאַרק נישט מורא געהאַט.

הער טאָמאַש האָט אַפילו בדעה געהאַט צו וואַרפן זיך אויף פּאָניעוויעזש, כדי דעם פּאָוויאַט אינגאַנצן אָפּצורייניקן; ער האָט

נאָר געוואָרט, אַז עס זאָלן זיך נאָך מער מענטשן אונטער זיין פאָן צונויפקלייבן און באַזונדערס, אַז מ'זאָל זיינע פוס־גייער צושטעלן ביקסן, וועלכע די דאָמאַשעוויטשס די יעגערס האָבן אין גרויסער צאָל אין די וועלדער געהאַט באַהאַלטן; דערווייל האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבער דער געגנט, פאָרנדיק פון איין דערפל אין צווייטן.

אַ טרויעריקער באַזוך איז דאָס געווען. אין וואָדאָקטי איז דער הויף געווען פאַרברענט און אַ האַלבער דאָרף; מיטרוני אויך; וואָלמאָנטאָוויטשע און בוטרימוו, וועלכע קמיטשיץ האָט אין זיין צייט געהאַט פאַרברענט, האָבן זיך נאָך דער שׂרפה ווידער אויפגעבויט און דורך אַ וווּנדערלעכן טראַף ניצול געוואָרן; דערפאַר זענען דראַזשעיקידני און מאָרגי פון די דאָמאַשעוויטשס אויף אַש געווען פאַרברענט; פאַצונעלע אַ העלפט, מאָראַזי אין גאַנצן, גאָשטשוני האָט דעם ביטערסטן מזל געהאַט, ווייל ס'איז אויך אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג אויסגעקוילעט געוואָרן, און ביי אַלע מאַנסבילן, פון די זקנים ביז די יינגלעך, זענען אויפן באַפעל פון פאָלקאָוויק ראָסאַ די הענט אָפגעהאַקט געוואָרן.

אַזוי האָט די מלחמה מוראדיק געטרעטן די דאָזיקע געגנטן אַזוי האָבן אויסגעזען די פאָלגן פון פירשט יאַנוש ראַדזיווילס בגידה.

אָבער דער שווערד־טרעגער האָט נאָך נישט באַוויזן אומעטום צו זיין און צונויפצושטעלן זיינע פוס־גייער־פאָלקן, ווי עס זענען ווידער אָנגעקומען פריילעכע און צוגלייך שרעקלעכע ידיעות, וועלכע האָבן בליץ־שנעל זיך פון איין כאַטע אין די צווייטע זיך געטראָגן.

יורעק בילעוויטש, וועלכער איז מיט אַן אָפטיילונג פון אַ פאָר צענדליק רייטער אַוועק נעבן פאַניוויעזש און געכאַפט אַ פאָר שוועדן, האָט דער ערשטער זיך דער׳וסט וועגן דער שלאַכט ביי פראָסטקי. דערנאָך זענען מיט יעדער פרישער ידיעה אָנגעקומען נייע פרטים, אַזעלכע וווּנדערבאַרע, אַז זיי האָבן געקלונגען ווי אַ מעשׂהלע.

— הער גאָשיעוווסקי — האָט מען דערציילט — האָט צע־קלאַפּט דעם גראַף וואַלדעק, איזראַעלן און דעם פּירשט באָגוסלאַוו. פון חייל איז קיין זכר נישט געבליבן, די פּירער זענען אין געפאַנגענשאַפט! גאַנץ פּרייסן איז פון אַ העליש פייער אַרומ־גענומען!

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן די מענטשלעכע מיילער גענומען איבערחזרן נאָך איין אימהדיקן נאָמען: באַביניטשס נאָמען.

— באַביניטש האָט דער עיקר צום נצחון ביי פּראָסטקי מיטגעהאָלפן — האָט מען אין גאַנץ זשאַמעט געזאָגט — באַביניטש האָט מיט דער אייגענער האַנט דעם פּירשט באָגוסלאַוו צעהאַקט און געכאַפּט.

און ווייטער:

— באַביניטש פאַרברענט דאָס קורפירשטלעכע פּרייסן, ער גייט ווי אַ מלאך־המות קיין זשאַמעט, ער קוילעט און לאָזט איבער נאָר הימל און ערד.

און לסוף:

— באַביניטש האָט טוראָגי פאַרברענט. סאַקאָוויטש איז פאַר אים אַנטלאָפן און באַהאַלט זיך אין די וועלדער...

דער לעצטער פאַל האָט זיך צו נאָענט פאַרלאָפן, אַז מען זאָל לאַנג קאָנען אין אים מסופק זיין. די ידיעה האָט זיך טאַקע אין אַלע פּרטים באַשטעטיקט.

אַנושאַ באָזשאָבאָהאַטאַ האָט די גאַנצע צייט, וואָס די דאָ־זיקע ידיעות זענען אַרומגעגאַנגען, געלעבט ווי אין אַן עולם־הדמיון. זי האָט געלאַכט און געוויינט אינאיינעם, געטופּעט מיט די פיס, ווען עמיצער האָט נישט געגלויבט און יעדן איינעם, צי יענער האָט געוואָלט, אָדער נישט געוואָלט הערן, דערציילט:

— איך קען דעם הער באַביניטש! ער האָט מיך פון זאַ־מאָשטש צום הער סאַפּיעהאַ געבראַכט. דאָס איז דער גרעסטער מלחמה־העלד אויף דער וועלט? כ'ווייס נישט, צי אפילו הער טשאַרניעצקי קאָן זיך מיט אים פאַרגלייכן. דינענדיק ביים הער סאַפּיעהאַ, האָט ער דאָס בעת דער ערשטער עקספּעדיציע דעם

פירשט באָגוסלאַוו געברענטע צרות אָנגעטאָן... איך בין זיכער, אַז ער און נישט קיין אַנדערער האָט ביי פּראָסטקי אים צעהאַקט. ער וועט געבן דעם הער סאַקאָוויטש און אַ זעלכע צען, ווי סאַקאָוויטש!.. און די שוועדן וועט ער אין איין חודש פון גאַנץ זשאַמעט אַרויסרוימען!

אירע גוט - זאָגענישן האָבן טאַקע גענומען גיך מקוים ווערן. ס'איז שוין נישט געווען דער מינדעסטער ספק, אַז דער אימהדיקער מלחמה - העלד, וואָס רופט זיך באַבינישט, האָט זיך פון טוראָגי טיף אין צפון פון לאַנד אַוועקגעלאָזט.

ביי קאָלטיניע האָט ער צעקלאַפּט דעם פּאָלקאָווניק באַלדאָן און פון זיין אָפּטיילונג קיין שריד - ופליט נישט איבערגעלאָזט; ביי וואָרניע האָט ער געקוילעט שוועדישע פוס - גייער, וועלכע האָבן זיך פאַר אים קיין טעלשי צוריקגעצויגן, ביי טעלשי האָט ער מיט די צוויי פּאָלקאָווניקעס באָרמאַן און הודענסקיעלד געפירט אַ גרעסערע זיגרייכע שלאַכט, אין וועלכער הודענסקיעלד איז געפאַלן, און באָרמאַנען מיטן יתר - הפליטה האָט ער נאָכגעיאָגט אַזש ביז זאַגורי, האַרט ביי דער זשאַמעטער גרענעץ.

פון טעלשי איז באַבינישט אַוועק קיין קורשאַני, טרייבנדיק פאַר זיך קלענערע שוועדישע אָטיילונגען, וועלכע זענען בחפזון פאַר אים אַנטלאָפן צו די גרעסערע גאַרניזאָנען.

פון טוראָגי און פּאָלאָנגאַ ביז בירזשע און ווילקאָמיע ש האָט געהילכט דער נאָמען פון זיגער. מ'האָט אַ סך דערציילט וועגן די אכזריותן, וואָס ער איז איבער די שוועדן באַגאַנגען; מ'האָט געזאָגט, אַז זיינע חיילות, וואָס זענען תחילת באַשטאַנען פון אַ נישט גרויסער אָפּטיילונג טאַטערס און אַ קליינעם פּאָלק פרייוויליקע, וואַקסן פון טאָג צו טאָג, ווייל ווער עס האָט אַ האַנט און אַ פוס, לויפט צו אים, אַלע פּאַרטיעס פּאַרייניקן זיך מיט אים, און ער נעמט זיי אין זיינע אייזערנע הענט אַריין און פירט זיי קעגן שונא.

די מוחות זענען אַזוי וווייט געווען פאַרנומען מיט זיינע נצחונות, אַז די ידיעה וועגן דער מפלה, וואָס שטיינבאָק האָט ביי פיליפּווו דעם הער גאָשיעווסקי פאַרשאַפט, איז כמעט אַריבער אָן אַ

ווידערקלאַנג. באַבּיניטש איז געווען נענטער און מיט באַבּיניטשן האָט מען זיך מער אינטערעסירט.

אַנושאַ האָט יעדן טאָג געבעטן דעם שווערד - טרעגער, אַז ער זאָל זיך גיין פאַרייניקן מיטן באַרימטן מלחמה - מאַן. אויך אָלענקאַ האָט זי אונטערשטיצט, ס׳האָבן אים געיאָגט אַלע אָפּיצירן און די שלאַכטע, וואָס האָט פון נייגעריקייט אַליין זיך צו אים געריסן.

אָבער דאָס איז נישט געווען קיין גרינגע זאַך. קודם - כּל איז באַבּיניטש געווען אין אַן אַנדערן קאַנט; צווייטנס איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אַזוי, אַז מ׳האָט גאַנצע וואָכן פון אים נישט געהערט און ער איז ווידער אַרויסגעשווומען צוזאַמען מיט אַ ידיעה וועגן אַ נייעם נצחון; דריטנס, האָבן אַלע שוועדישע אָפּטיילונגען און גאַרניזאָנען פון די שטעט און שטעטלעך, באַהאַלנדיק זיך פאַר אים, פאַרצוימט דעם וועג מיט גרויסע קופּעס; לסוף האָט הינטער ראַסיעני זיך באַוויזן אַ גרעסערע אָפּטיילונג פון סאַקאַוויטשן, וועגן וועלכן מ׳האָט געבראַכט אַ ידיעה, אַז ער מאַכט אַלץ חרוב - ומחרב פאַר זיך און מאַטערנדיק די מענטשן מיט ענויים, איז ער זיי חוקר - ודורש וועגן בילעוויטשס פאַרטיע.

דער שווערד - טרעגער האָט נישט בלויז נישט געקאָנט מאַרשירן צו באַבּיניטשן, נאָר ער האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל אים אין דער געגנט פון לאודאַ בקרוב נישט ווערן צו ענג.

נישט וויסנדיק אַליין, וואָס צו טאָן, האָט יורעק בילעוויטש פאַרטרויט, אַז ער האָט בדעה אין די ראָגאָוועער וועלדער אויף מזון זיך צוריקצוציען. יורעק האָט תּיכּף דאָס נייעס אויסגעפּלוידערט פאַר אַנושאַן, און זי איז גלייך אַוועק צום שווערד - טרעגער.

— טייער פעטערל — האָט זי צו אים געזאָגט (ווייל אַזוי האָט זי אים תּמיד גערופן, ווען זי האָט אים געוואָלט אַ ביסל אויס-מוסרן) — כ׳האָב געהערט, אַז מיר זאָלן אַנטלויפן. איז עס נישט אַ חרפּה פאַר אַזאַ אויסגעצייכנטן מלחמה - פירער צו מאַכ פּליטה בלויז אויף דער ידיעה וועגן שונאַ?

— איר מוזט אומעטום אייער נעזל אַריינשטעקן — האָט דער פאַרדאגהטער שווערד - טרעגער געענטפערט — דאָס איז נישט אייער עסק.

— גוט איר קאָנט זיך צוריקציען, און איך וועל דאָ בלייבן.

— כּדי סאַקאָוויטש זאָל אייך כאַפּן! איר וועט זען!

— סאַקאָוויטש וועט מיך נישט כאַפּן, ווייל מיך וועט הער באַביניטש באַשיצן.

— ער וועט פּאַקע וויסן, ווו איר זענט. כ'האָב שוין איינמאָל געזאָגט, אַז מיר ווערן נישט קאָן זיך צו אים דורכרייסן.

— אָבער ער קאָן קומען צו אונז. ער קאָן מיך; ווען איך זאָל אַזוי קאָנען אַרויסשיקן צו אים אַ בריוו, בין איך זיכער, אַז ער וואָלט געקומען אהער נאָכדעם, ווי ער וואָלט פריער סאַקאָוויטשן צעשלאָגן. ער האָט מיך אַ ביסל ליב געהאַט, וואָלט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט מיר צו העלפן.

— און ווער וועט זיך אונטערנעמען דעם בריוו אַוועקצוטראָגן?

— מיטן ערשטן בעסטן פויער קאָן מען שיקן...

— דאָס קאָן נישט שאַטן, דאָס קאָן נישט שאַטן, דאָס קאָן יעדנפאַלס נישט שאַטן. אַלענקאַ איז אַ חכמה, אָבער אייך פעלט אויך קיין חכמה נישט. ווען אפילו מיר זאָלן דערווייל פאַר דער איבערוועגנדיקער מאַכט אין די וועלדער זיך צוריקציען, וועט אַלץ גוט זיין, אַז באַביניטש זאָל קומען אין די דאָזיקע מקומות, ווייל אויף אַזאַ אופן וועלן מיר זיך גיכער מיט אים פאַרייניקן. פּרוווט אדרבא שליחים וועלן זיך געפינען און דאָס מענטשן זיכערע...

די דערפרייטע אַנושאַ האָט אַזוי מזלדיק געפּרוווט, אַז דעם אייגענעם טאָג נאָך האָט זי געפינען אזש צוויי שליחים און דאָס נישט קיין פויערן, ווייל איינער איז געווען יורעק בילעוויטש, דער צווייטער ברוין, ביידע האָבן גוזאָלט בעמען יעדער צו אַ בריוו מיט אַ גלייכן נוסח, כּדי אין יעדן פאַל זאָל אויב נישט דער, איז יענער אים קאָנען באַביניטשן אָפּגעבן. מיטן בריוו גופא האָט אַנושאַ געהאַט אַ שווערערע מערכה, לסוף האָט זי אים אָבער אָנגעשריבן אַזוי;

„אין דער לעצטער נויט שרייב איך צו אייך, אויב א עדענקט מיך (הגם איך בין מסופק, ווייל וואָס האָט איר דאַרפט צי עדענקען!), אַז איר זאָלט מיר קומען צו הילף. אָבער נאָר די פריינט שאַפט, וואָס איר האָט מיר אויפן וועג פון זאַמאָשטש אַרויסגעוויזן, גיט מיר די דרייסטקייט צו האָפן, אַז איר וועט מיך אין אַ צרה, נישט פאַרלאָזן. איך בין אין דער פּאַרטיע פון הער בילעוויטש, דעם גראַסיענער שווערד - טרעגער, וועלכער האָט מיר געגעבן אַ מקום מנוחה, ווייל איך האָב זיין קרובה, דאָס פריילין בילעווישט פון דער טוירעגער געפאַנגענשאַפט אַרויסגעראַטעוועט. סיי ער און סיי מיר ביידע ווערן פון אַלע זייטן באַלאַגערט דורכן שונא, דהיינו, דורך די שוועדן און דורך אַ געוויסן הער סאַקאָוויטש, וואָס פאַר זיינע זינדיקע באַגערן האָב איך געמוזט אַנטלויפן און אין לאַגער זוכן אַ מקום - מקלט. כ'ווייס, אַז איר האָט מיך נישט גערן געהאַט הגם גאָט איז אַן עדות, אַז איך האָב אייך קיין שום בייז נישט געטאָן, און כ'האָב אייך געוווּנטשן און ווינטש אייך תמיד דאָס בעסטע פון גאַנצן האַרצן. אָבער הגם איר האָט מיך נישט גערן, בעט איך אייך מציל צו זיין אַן אָרעמע יתומה פון שונאס שווערע הענט, גאָט וועט אייך דערפאַר הונדערט מאָל פאַרגעלטן און איך וועל תפלה - טאָן פאַר אייך, וועלכער איז היינט פאַר מיר נאָר אַ גוטער באַשיצער און דערנאָך וועל איך אים פאַר מיין אויסלייזער ביזן טויט אַריין באַטראַכטן..."

ווען די שליחים האָבן שוין געהאַט דעם לאַגער פאַרלאָזט, האָט אַנושאַ, זעענדיק די סכנות, אויף וועלכע זיי זענען אויסגעשטעלט, זיך דערשראָקן און דווקא זיי געוואָלט צוריקהאַלטן. מיט טרע"ן אין די אויגן האָט זי אַפילו גענומען בעטן דער שווערד - טרעגער, אַז ער זאָל זיי נישט לאָזן פאָרן, ווייל די בריוו קאָנען אויך די פויערן אַוועקטראָגן, און די פויערן וועט אויך לייכטער זיין זיך צוריקצוקריגן.

אָבער ברוין און יורעק בילעוויטש האָבן זיך אַזוי איינגעשפּאַרט, אַז קיין שום טענות האָבן נישט געהאָלפן. דער ערשטער ווירער צווייטער האָבן געפלייסט זיך אַרויסצווייזן זייער גרייטקייט צו

דינען און קיינער פון זיי האָט נישט פּאָרויסגעזען, וואָס איז דערוואַרט.

ווייל מיט אַ וואָך שפּעטער איז ברוין אַריינגעפאַלן אין די הענט פון סאַקאָוויטשן, וועלכער האָט פון אים געהייסן די הויט אַראָפּשינדן, און דער אָרעמער יורעק איז דערשאָסן געוואָרן הינטער פּאָניעוויעזש, אַנטלויפנדיק פאַר אַ שוועדישער אָפּטיילונג.

ביידע בריוו זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די שונאים.

18 קאַפּיטל.

נאָכדעם ווי ער האָט געכאַפּט ברוינען און פון אים די הויט אַראָפּגעשינדן, האָט סאַקאָוויטש זיך תיכף פאַרשטענדיקט מיטן אויבערשט האַמילטאָן, אַן ענגלענדער אין שוועדישער דינסט און קאָמענדאַנט אין פּאָניעוויעזש, כדי בשותפות אויפן שווערד - טרעגער בילעוויטשס פּאַרטיע זיך צו וואַרפן.

באַבינטש איז גראָד ערגעץ אין די וועלדער פאַרפאַלן געוואָרן און זייט אַ פּאָר טעג האָט מען פון אים גאָרנישט געהערט. איבעריקנס, וואָלט שוין סאַקאָוויטש גאָרנישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז נאָענט. ביי זיין גאַנצן מוט האָט ער אמת עפּעס אינסטינקטיוו מורא געהאַט פאַר באַבינטשן, אָבער איצט איז ער גרייט געווען אליין אומצוקומען, אַבי צו נעמען נקמה. זייט אַנושאַ איז אַנטלאָפן, האָט די רציחה קיין איין רגע נישט אויפגעהערט צו מאַטערן זיין נשמה. די אָפּגענאַרטע חשבונות און די פאַרוווּנדעטע אייגן - ליבע האָבן אים דול געמאַכט און דערביי האָט אויך דאָס האַרץ אין אים געליטן. לכתחילה האָט ער אַנושאַן פאַר אַ ווייב זיך געוואָלט נעמען נאָר צוליב די גיטער, וואָס זענען איר פאַר-

שריבן געוואָרן דורכן ערשטן חתן, דעם הער פּאָדביפּיענטאָ, אָבער שפּעטער האָט ער זיך אין איר בלינד און אויף טויט פאַרליבט, ווי נאָר אַזאַ מענטש האָט זיך געקאָנט פאַרליבן. און ס׳איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ער, וועלכער האָט אַ חוזק פאַר באָגוסלאַוון פאַר קיינעם אין דער וועלט נישט מורא געהאַט, ער, וואָס פאַר זיין בליק אַליין זענען מענטשן בלאַס געוואָרן, האָט ווי אַ הונט געקוקט דעם מיידל אין די אויגן אַריין, האָט זיך איר אונטערגעגעבן, אַרי־בערגעטראָגן אירע משוגעתן, דערפילט אַלע פאַרלאַנגען, געפּלייסט זיך אָנצושטויסן, וואָס זי האָט אין זינען.

זי האָט אויסגענוצט איר השפעה, פאַרלאָקנדיק אים מיט ווערטער, מיטן בליק, זי האָט זיך מיט אים באַדינט, ווי מיט אַ שקלאַף, און לסוף פאַרראַטן.

סאַקאָוויטש האָט געהערט צו דעם מין מענטשן, וואָס האַלטן פאַר גוט און גערעכט נאָר דאָס, וואָס איז פאַר זיי גוט, און פאַר שלעכט און זינדיק דאָס, וואָס ברענגט זיי שאָדן. אין זיינע אויגן איז אַנושאַ דעריבער באַגאַנגען דאָס שווערסטע פאַרברעך און ס׳איז פאַר איר גאָרנישט געווען קיין גענוג גרויסע שטראָף. ווען דאָס וואָלט אַן אַנדערן געטראָפן, וואָלט דער הער סטאַראָסטע געמאַכט דערפון חוזק און שפּאַט, אָבער אַז עס האָט זיין פּערזאָן באַרירט, האָט ער געגלויבט ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה און געטראַכט נאָר וועגן נקמה. ער האָט געוואָלט די שולדיקע אין די הענט אַריין באַקו־מען אַ טויטע אָדער אַ לעבעדיקע. ער וואָלט בעסער וועלן אַ לע־בעדיקע ווייל ער וואָלט פריער געקאָנט נעמען אַ ריטערלעכע נקמה, אָבער ווען דאָס מיידל וואָלט אַפילו געמוזט אומקומען בעת דעם אָנפאַל, וואָלט דאָס אים ווייניק געאַרט, אַבי אַן אַנדערער זאָל זי נישט באַקומען.

כדי זיין פּלאַן זאָל זיך זיכער איינגעבן, האָט ער צום שווערד־טרעגער געשיקט אַן איבערגעקויפטן מענטש מיט אַ בריוו כלומרשט פון באַביניטשן, אין וועלכן ער האָט אין נאָמען פון לעצטן מודיע געווען, אַז אין משך פון דער וואָך וועט ער אין וואָלמאַנטאָוויטשע זיך אָפּשטעלן.

דער שווערד-טרעגער האָט לייכט געגלויבט, און האָבנדיק בטחון אין באַביניטשס אומבאַזיגבאַרער קראַפט האָט ער אַפילו קיין סוד דערפון נישט געמאַכט, אַזוי אַז נישט בלויז ער אַליין האָט זיך אויף גוט אין וואלמאנטאוויטשע איינקוואַרטירט, נאָר דורכן אויספויקן דאָס נייעס האָט ער אויפגערודערט כמעט די גאַנצע לאודער באַפעלקערונג. אירע רעשטלעך זענען זיך צונויפגעלאָפן פון די וועלדער איינמאָל דערפאַר, ווייל ס'איז שוין געווען סוף האַרבסט און ס'האָבן זיך איינגעשטעלט גרויסע קעלטן, און צווייטנס פון בלויזער נייגעריקייט צו זען דעם באַרימטן מלחמה-העלד.

און דערווייל האָבן פון דער פּאָניעוויעזשער זייט צו וואָלמאָנטאָוויטשע - צו מאַרשירט האמילטאנס שוועדן, און פון דער קיידאַנער זייט האָט ווי אַ וואָלף זיך דורכגעגנבעט סאַקאָוויטש.

דעם לעצטן איז אָבער אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז אים גייט - נאָך אויך ווי אַ וואָלף אַ דריטער, וואָס הגם ער האָט קיין שום אויספאָדערונגען נישט דערהאַלטן, האָט ער אָבער געהאַט אַ טבע צו באַווייזן זיך דאָרט, ווו מ'האָט זיך אויף אים צום ווייניקסטן געריכט.

קמיטשיץ האָט לחלוטין נישט געוווּסט, אַז אָלענקאַ געפינט זיך אין בילעוויטשס פּאַרטיע. אין טוראָגי, וועלכע ער האָט מיט פייער און שווערד חרוב געמאַכט, איז ער דערגאַנגען, אַז זי איז אַנטרונען צוזאַמען מיטן ריילין באָזשאָבאָהאַטאַ, ער האָט אָבער אָנגענומען, אַז זיי זענען אַנטקומען אין די ביאַלאָוויעזשער וועלדער, ווו עס האָט זיך אויך באַהאַלטן פּרוי סקשעטוסקאַ און אַ סך אַנדערע שלאַכטשאַנקעס. ער האָט דאָס געקאָנט אָננעמען באַזונדערס דערפאַר, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז דער אַלטער שווערד-טרעגער האָט שוין פון לאַנג אָן בדעה געהאַט זיין ברודערס טאָכטער אין יענע טיפע וועלדער אַוועקצופירן.

הער אַנדזשעי האָט געהאַט גרויס עגמת-נפש דערפון, וואָס ער האָט זי אין טוראָגי נישט געפינען, פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך אָבער געטרייסט, וואָס זי האָט זיך אַרויסגעדרייט

פון סאַקאָוויטשס הענט און וואָס זי וועט אַזש ביזן סוף פון דער
מלחמה געפינען אַ זיכערן מקום מקלט.

נישט קאָנענדיק תיכף נאָך איר אין די וועלדער גיין, האָט
ער באַשלאָסן דעם שונא אין זשאַמעט אַזוי לאַנג אונטערצוקומען
און צרות אָנצוטאָן, ביז ער וועט אים אינגאַנצן נישט פאַרלענדן.
און די הצלחה האָט אים צוגעשפּילט אויף יעדן שריט. צייט אַנ־
דערטהאַלבן חדשים איז איין נצחון געקומען נאָכן צווייטן, באַ־
וואָפנטע מענטשן האָבן זיך צו אים געשאָטן אין אַזאַ שפע, אַז
אינגיכן האָט זיין טאָטערישע מחנה נאָר געבילדעט אַ פערט חלק
פון זיינע כוחות, לסוף האָט ער די שונאים פון גאַנץ מערב־
זשאמעט אַרויסגעביסן, און הערנדיק וועגן סאַקאָוויטשן און האַנ־
דיק מיט אים אַלטע חשבונות צו דערליידיקן, האָט ער זיך אַוועק־
געלאָזט אין זיינע אַלטע מקומות און אים נאָכגעגאַנגען.

אויף אַזאַ אופן האָבן זייביידע נאָענט צו וואָלמאָנטאָוויטשע
אָנגעשפּאַרט.

דער שווערד - טרעגער, וועלכער איז פריער געשטאַנען
נישט וויט, האָט צייט אַ וואָך שוין דאָרט רעזידירט און ס'איז
אים אַפילו נישט איינגעפאַלן, וואָסערע שרעקלעכע געסט ער וועט
בקרוב האָבן.

ביז די יינגע בוטרימס, וועלכע האָבן הינטער וואָלמאָנטאָווי־
טשע די פערד געפּאַשעט, האָבן אין אַ געוויסן אָוונט צו וויסן גע־
טאָן, אַז עפּעס אַ חייל איז אַרויס פון די וועלדער און דערנענ־
טערט זיך פון דרום - זייט. דער שווערד - טרעגער איז אָבער
געווען אַ צו אַלטער און אויסגעפּרוּווטער זעלנער, אַז ער זאָל לשם
פאָרזיכטיקייט קיין שום שריט נישט אונטערנעמען. אַ טייל פון
זיינע פוס - גייער, וואָס איז דורך די דאָמאַשעוויטשס שוין מיט
ביקסן פאַרזאָרגט געווען, האָט ער אַריינגעשטעלט אין די הייזער
וואָס זענען נישט לאַנג ווידער אויפגעבויט געוואָרן, מיטן צווייטן
טייל האָט ער באַזעצט דאָס טויער, און אַליין האָט ער מיט די
רייטער זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל פון הינטן אויף יענער זייט
פלויטן, אויפן רחבותדיקן גראָז - פּלאַץ, וואָס האָט מיט איין זייט
אַ טייכל באַרירט. דער שווערד - טרעגער האָט דער עיקר דאָס

געטאָן דערפאַר, כדי צו פאַרדינען אַ שבח פון באַביניטשן, וועלכער האָט אויף גוטע פאַראָרדנונגען געמוזט זיין א [illegible]בין; אָבער זיין גאָזיציע איז באמת געווען אַ שטאַרקע.

צייט קמיטשיץ האָט דאָס דאָרף פון נקמה פאַר אויסקוילן זיינע חברים פאַרבערנט, האָט עס זיך ביסלעכווייז צוריק אויפגעבויט; און היות די שוועדישע מלחמה האָט שפּעטער די אַרבעאיבערגעריסן, זענען אין דער הויפּט-גאַס געווען אָנגעקליבן אַ מאַסע קוילן, קלעצער, ברעטער. גאַנצע קופּעס זייערע זענען ביים טויער געווען אָנגעהויפנט, און פוס-גייער, אַפילו ווייניק אויסגעבילדעטע, האָבן זיך הינטער זיי געקאָנט לאַנג פאַרטיידיקן.

יעדנפאַלס האָבן זיי באַוואָרנט די רייטער פון ערשטן אָנגריף. דער שווערד-טרעגער האָט פאַר באַביניטשן אַזוי ווייט זיך געוואָלט באַווייזן מיט זיין באַהאַוונטקייט אין מלחמה-דינסט אַז ער האָט אַפילו אַ קליינע אָפּטיילונג אויף אויסשפּירונגען אַרויסגעשיקט.

ווי איז ער אָבער געוואָרן פאַרחידושט, און אין דער ערשטער רגע אויך איבערגעשראָקן, ווען ס'האָט פון דערווייטנס פון הינטערן וועלדל זיך דערטראָגן אַן אָפּקלאַנג פון אַ שיסעריי, דער, נאָך האָט די אַרויסגעשיקטע אָפּטיילונג זיך באַוויזן אויפן וועג, אָבער זי איז געגאַנגען אין גרעסטן איילעניש און אַ כמאַרע פון שונאים איז איר פון הינטן נאָכגעגאַנגען.

דער שווערד-טרעגער איז תיכף צוגעשפּרונגען צו די פוס-גייער, כדי די לעצטע באַפעלן אַרויסצוגעבן, און דערווייל האָבן זיך פון וועלדל גענומען אַרויסשיטן געדיכטערע מחנות פון שונאים און זיי זענען ווי אַ היישעריק צו וואָלמאָנטאָוויטשעצוגעגאַנגען, בלישטשנדיק אין דער פאַרגייענדיקער זון מיטן געווער.

דאָס וועלדל איז געווען נאָענט. נאָכדעם, ווי זיי זענען אַ ביסל צוגעפאָרן האָבן יענע רייטער דעריבער באַלד די פערד נאָכגעלאָזט, ווילנדיק מיט איין פלי דורכן טויער זיך דורכרייסן, אָבער דאָס אומגעריכטע פייער פון די פוס-גייער האָט ווי אויפן אָרט צוריקגעהאַלטן. די ערשטע רייען האָבן אַפילו אַ ביסל

אין אומאָרדנונג זיך צוריקגעצויגן און נאָר אַ פּאָר האָבן מיט די פערדישע ברוסטן ביז צו די גראָבנס אָנגעשפּאַרט.

דער שווערד-טרעגער האָט זיך דערווייל באַרויקט און צושפּרינגענדיק צו די רייטער, האָט ער אַלע, וואָס האָבן געהאַט ביקסן אָדער פּיסטאָלעטן, געהייסן די פוס-גייער גיין צו הילף.

דער שונא איז אַ פּנים אויך געווען פאַרזען מיט ביקסן, ווייל באַלד נאָכן ערשטן אָנגריף האָט ער גענומען זייער האַסטיק, הגם נישט רעגולער שיסן.

פון ביידע זייטן האָט דעריבער גענומען דונערן אַמאָל האַסטיק, אַמאָל לאַנגזאַם; די קוילן זענען מיט אַ געפּייף אַזש ביז צו די רייטער צוגעפלויגן, האָבן געקלאַפּט איבער די הייזער, איבערן פּלויט, איבער די קופּעס ברעטער; אַ רויך האָט זיך אויסגעצויגן איבער וואָלמאַנטאָוויטשע, אַ ריח פון פולווער האָט די גאַס אָנגעפילט.

אַנושאַ האָט אַזוי-אַרום געהאַט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט, דאָס הייסט אַ שלאַכט.

ביידע מיידלעך האָבן אויפן באַפעל פון שווערד-טרעגער באַלד אין דער ערשטער רגע אויף רייט-פערדלעך זיך אַרויסגעזעצט, כדי זיי זאָלן אין אַ נויטיקן פאַל, ווען דעם שונאס כוחות וואָלטן זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו גרויס, קאָנען אַנטקומען צוזאַמען מיט דער פאַרטיע. מ'האָט זיי דעריבער אין די הינטערשטע רייען אַן אָרט געגעבן.

אָבער אַנושאַן, הגם זי האָט געהאַט אַ שווערדל ביי דער זייט און אַ פוטערן היטל אויפן קאָפּ, איז באַלד אין אָנהויב די נשמה פון שרעק אַרויסגעשפּרונגען. זי, וועלכע האָט אין שלום-צייט אַזוי גוט געקאָנט זיך מיט אָפיצירן אַן עצה געבן, האָט נישט געפונען קיין לעק ענערגיע, ווען ס'איז איר אויסגעקומען פּנים אל פּנים זיך צו טרעפן אויפן שלאַכט-פעלד מיט די קינדער פון בעלאָנאַ. דאָס געפּייף און געקלאַפּ פון די קוילן האָט זי געשראָקן; דאָס געטומל, לויפעניש פון די אָפיצירן, געקנאַל פון די ביקסן און קרעכצן פון די פאַרווונדעטע האָבן זי פאַרחושט, אין

רעד ריח פון פולווער האָט איר פאַרשפאַרט דעם אָטעם אין דער ברוסט, ס'איז איר נישט גוט געוואָרן און איבלדיק, דאָס פּנים איז איר בלייך געוואָרן, ווי אַ טיכל, און זי האָט זיך גענומען קאָרטשען, און קװיטשען ווי אַ קינד; ביז איינער פון די אָפיצירן, דער ייִנגער הער אַלעשאַ פון קעמבאַרי, האָט זי געמוזט אין די אָרעמס אַריין כאַפּן. און ער האָט זי געהאַלטן פעסט, נאָך פעסטער, ווי מ'האָט געדאַרפט, און ער איז אַ בעלן געווען זי אַזוי צו האַלטן דאָס גאַנצע לעבן.

אָבער די זעלנער אַרום זיי האָבן גענומען לאַכן.

— אָ ריטער אין אַ קליידל! — האָבן זיך שטימען אָנגערופן — גייט בעסער היגער זעצן, פעדערן שלייסן!

אַנדערע ווידער האָבן געשריגן:

— הער אַלעשאַ! דער דאָזיקער פאַנצער פאַסט אייך צום אָרעם, אָבער קופּידאָ וועט דורך אים ערשט רעכט אייך מיט אַ פייל דורכלעכערן!..

און די זעלנער זענען אין אַ גוטן הומאָר אַריינגעפאַלן.

אַנדערע האָבן אָבער געוואָלט קוקן אויף אַלענקאַן, וועלכע האָט זיך גאָר אַנדערש פאַרהאַלטן. לכתּחילה, ווען אַ פּאָר קוילן אַביסל ווייטער זענען דורכגעפלויגן, איז זי אויך בלאַס געוואָרן און נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן פון אַראָפּבויגן דעם קאָפּ און פאַרמאַכן די אויגן; אָבער דערנאָך האָט דאָס ריטערלעכע בלוט זיך אין איר צעשפּילט און רויט ווערנדיק אויפן פּנים, ווי אַ רויז, האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַן אומדערשראָקענעם אויג געקוקט פאַר זיך. אירע פאַנאַנדערגעבלאָזענע נאָז־לעכער האָבן ווי מיט אַ קוויקעניש אין זיך דעם ריח פון פולווער אַריינגעצויג. און אַזוי ווי דער רויך איז אַרום דער טויער געוואָרן וואָס אַ מאָל געדיכטער און האָט די ליכטיקע שיין פאַרשטעלט, איז דאָס מוטיקע פריילין, זעענדיק, אַז די אָפיצירן רוקן־זיך פאָרויס, כדי בעסער דעם גאַנג פון דער שלאַכט נאָכצושפּירן, צוזאַמען מיט זיי מיטגעפאָרן, נישט טראַכטנדיק אַפילו וועגן דעם, וואָס זי טוט.

און צווישן די רייטער האָט מען זי שטילערהייט גענומען לויבן.

— אָט דאָס איז בלוט! דאָס איז אַ ווייב פאַר אַ זעלנער, דאָס איז אַ ריכטיקער פּרייווילליקער!

— וויוואַט פרײַליין בילעוויטש!

— לאָמיר ווייזן, וואָס מיר קאָנען, ווײַל פאַר אַזעלכע אויגן איז כּדאַי!

— אַפילו די אַמאַזאָנקעס האָבן זיך פאַר ביקסן נישט אַזוי ווייניק געשראָקן! — האָט עמיצער פון די ייִנגע זעלנער אויסגערופן, פאַרגעסנדיק אין ברען, אַז די אַמאַזאָנקעס האָבן געלעבט פאַר דער דערפינדונג פון פולווער.

— שוין צייט אַ סוף צו מאַכן. די פּוס - גייער האָבן גוט געאַרבעט און די שונאים האָבן געליטן גרויסע אבדות!

דער שונא האָט טאַקע גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן מיט די רייטער. יעדע ווײַלע האָט ער די פערד פאַנאַנדערגעלאָזט, איז צום טויער צוגעפאַלן, אָבער נאָכן זאַלפּ האָט ער זיך אין אומאָרדנונג צוריקגעצויגן, און פּונקט ווי אַ כוואַליע, וועלכע צעגיסט זיך איבערן פלאַכן ברעג, לאָזט איבער נאָך זיך מושליעס, שטיינדעלעך, טויטע פיש, אַזוי זענען אויך נאָך יעדער אַטאַקע אויפן וועג פאַרן טויער איבערגעבליבן אַ פּאָר פערדישע און מענטשלעכע קערפּערס.

לסוף האָבן די אַטאַקעס אויפגעהערט. עס זענען נאָר צוגעפאָרן פרייוויליקע, שיסנדיק געגוג אָפּט פון פיסטאָלעטן און ביקסן, אין דער זייט פון דאָרף, כּדי די אויפמערקזאַמקייט פון בילעוויטשס מענטשן אויף זיך צו ציען. דערפאַר אָבער האָט דער שווערד - טרעגער, וועלכער איז אויפן דאַך פון אַ הייזל אַרויפגעקראָכן, דערזעען אין די הינטערשטע רייען פון שונא אַ באַוועגונג צו די פעלדער און קשאַקעס, וואָס האָבן זיך לינקס פון וואָלמאָנטאָוויטשע געצויגן.

— זיי וועלן פּרווון פון יענער זייט! — האָט ער אויסגעשריגן און באַלד אַ טייל פון די רייטער געשיקט צווישן די כאַפּופעס, אַז זיי זאָלן פון די גערטנער געבן דעם שונא אַ ווידערשטאַנד.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט אַ נייע שלאַכט, אָנ ער אויך מיט הייס געווער, זיך צעפלאַקערט אויפן לינקן פליגל פון דער פאַרטיע.

די אַרומגעצוימטע גערטנער האָבן נאָך שווער געמאַכט די אַטאַקע מיט שווערדן, זיי האָבן זי אָבער שווער געמאַכט פאַר ביידע צדדים צוגלייך. דערביי איז דער שונא, וועלכער האָט זיך צעוואָרפן אויף אַ לאַנגער ליניע, ווייניקער געווען אויסגעשטעלט אויף דער שיסעריי.

די שלאַכט איז ביסלעכווייז געוואָרן וואָס אַ מאָל פאַרביסע-נער און פאַרבונדן מיט וואָס אַ מאָל גרעסערע אָנשטרענגונגען, ווייל מ׳האָט נישט אויפגעהערט אויך דאָס טויער אַטאַקירן.

דער שווערד - טרעגער איז געוואָרן אומרויק.

פון דער רעכטער זייט האָט ער הינטער זיך געהאַט נאָך פרייע פעלדער, וואָס האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט אַ נישט זייער ברייטן, אָבער אַ טיפן און זומפיקן טייכל, דורך וועלכן ס׳האָט בפרט אין איילעניש, געקאָנט שווער זיין אַריבערצוגיין. נאָר אין איין אָרט האָט צום פלאַכן ברעג געפירט אַן אויסגעטרעטענער וועג, דורך וועלכן מ׳פלעגט די בהמות צום וואַלד אַריבערטרייבן.

הער טאָמאַש האָט וואָס אַ מאָל אָפטער זיך גענומען אין יענער זייט אומקוקן.

מיט אַ מאָל האָט ער צווישן די דורכזיכטיקע, שוין נישט באַבלעטערטע ביימעלעך, דערזען ביי דער שיין פון דער פאַרגייענ-דיקער זון בלאַנקענדיק געווער און אַ שוואַרצלעכע כמאַרע זעלנער.

— באַביניטש קומט אָן! — האָט ער זיך געטראַכט.

אָבער אין דער רגע איז צו אים צוגעשפּרונגען הער כושאָנ-סטאָווסקי, וועלכער האָט מיט אַ שוואַדראָן רייטער אָנגעפירט.

— פון דער זייט פון טייך זעט מען שוועדישע פוס-גייער! — האָט ער אין שרעק אויסגעשריגן.

— דאָ מוז זיין עפּעס אַ בגידה! — האָט הער טאָמאַש אויסגערופן — געדענקט אין גאָט! לאָזט זיך מיט אייער שוואַדראָן קעגן די דאָזיקע פוס - גייער; אַ נישט וועלן זיי אונז פון אַ זייט אונטערקומען!

— ס'איז אַ גרויסע מאַכט! — האָט הער כושאַנסטאָווסקי געענטפערט.

— האַלט זיי צוריק כאָטש אויף אַ שעה, און מיר וועלן דערווייל אין די וועלדער זיך צוריקציען.

הער כושאַנסטאָווסקי האָט אַ שפרינג־געטאָן און באַלד האָט ער בראש פון צוויי הונדערט מאַן דורכן פעלד זיך אַרויס־געלאָזט. אַז די פיינטלעכע פוס־גייער האָבן דאָס געזען, האָבן זיי זיך גיך אין די קשאַקעס גענומען פאַרמירן אויף מקבל פנים צו זיין דעם שונא; אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער שוואַדראָן די די פערד צעלאָזט און פון די קשאַקעס האָט אָפּגעהילכט אַ ביקסן־שיסעריי.

דער שווערר־טרעגער האָט זיך שוין מיאש געווען נישט בלויז אין נצחון נאָר אַפילו אין דער מעגלעכקייט מציל צו זיין די אייגענע פוס־גייער.

ער האָט נאָך געקאָנט זיך צוריקציען מיט אַ טייל פון די רייטער, מיט די פרייליינס און זוכן אַ מקום־מקלט אין וואַלד, אָבער אַזאַ צוריקצוג וואָלט געווען אַ גרויסע מפלה, ווייל ער וואָלט געפירט דערצו, אַז עס וואָלטן אויסגעקוילעט געוואָרן דער גרעסע־רער טייל פון דער פאַרטיע און די רעשטלעך פון דער לאָודער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין וואָלמאָנטאָוויטשע צו זען באַביניטשן. וואָלמאָנטאָוויטשע אַליין וואָלט נאַטירלעך אין אַזאַ פאַל מיט דער ערד אויסגעגליכן געוואָרן.

ס'איז געבליבן נאָך די איינע האָפנונג, אַז הער כושאַנס־טאָווסקי וועט יענע פוס־גייער דורכברעכן.

דערווייל איז אויפן הימל פינסטער געוואָרן אָבער אין דאָרף איז די ליכטיקייט געוואָרן וואָס אַ מאָל גרעסער, ווייל עס האָבן זיך אָנגעצונדן די שפּענער, העלצלעך און ה'בלעכץ, וואָס זענען געלעגן אָנגעהויפנט ביים ערשטן הויז נעבן טויער. פון זיי האָט זיך אָנגע־כאַפּט דאָס הויז גופא און אַ בלוטיקער פלאַם האָט דאָס דערפל באַלויכטן.

ביי זיין שיין האָט דער שווערד־טרעגער דערזען, ווי כושאַנסטאָווסקיס רייטער קערן צוריק אין אַ מהומה און אומאַרדנונג

און נאָך איר האָבן זיך די שוועדישע פוס - גייער פון די קשאַ-קעס אַרויסגעשאָטן, גייענדיק מיט אימפּעט צו דער אַטאַקע.

דעמאָלט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מ'דאַרף זיך צוריקציען מיטן איינציקן פרייען וועג.

ער איז דעריבער שוין צוגעלאָפן צו די רעשטלעך פון די רייטער, האָט שוין מיט דער שווערד אַ מאַך - געטאָן און אויס-געשריגן: „צוריק, גנעדיקע הערן! אָבער אין אָרדנונג! אין אָרד-נונג!" — ווי ס'האָט מיט אַ מאָל אויך פון הינטן זיך אָנגערופן אַ שיסעריי, אויסגעמישט מיט אויסגעשרייען פון זעלנער.

דער שווערד טרעגער האָט איינגעזען, אַז ער איז אַרומגע-רינגלט, אַז ער איז אַרייַנגעפאַלן אין אַ נעץ, פון וועלכער ס'איז קיין אויסוועג און קיין רעטונג נישטאָ.

ס'איז אים נאָר געבליבן אומצוקומען מיט כבוד, ער איז דעריבער אַרויסגעשפּרונגען פאַר דער ריי פון די רייטער און אויסגערופן:

— מיר וועלן פאַלן איינער אויפן צווייטן! מיר וועלן נישט קאַרגן קיין בלוט פאַרן גלויבן און פאָטערלאַנד!

דערווייל איז דאָס פייער פון זיינע פוס - גייער, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט דאָס טויער און די לינקע זייט פון דאָרף, שוואַכער געוואָרן, און די וואָס אַ מאָל מעכטיקערע געשרייען פון שונא האָבן אָנגעזאָגט זיין נאָענטן טריומף.

אָבער וואָס באַדייטן די הייזעריקע שטימען פון די האָרנס אין די רייען פון סאַקאָוויטשס מחנה און דאָס געברום פון די פויקן אין די שוועדישע רייען?

קולות הערט מען וואָס אַ מאָל מוראדיקערע, עפּעס אויסטער-לישע צעטומלטע, ווי עס וואָלט אין זיי נישט קיין טריומף, נאָר אַן אימה אָפּגעקלונגען.

דאָס פייער ביים טויער הערט מיט אַ מאָל אויף, ווי עמיצער וואָלט עס מיט אַ מעסער אָפּגעהאַקט. קופּעס פון סאַקאָוויטשס ריי-טער לויפן הענדום - פענדום פון דער לינקער זייט צום הויפט - וועג. פון דער רעכטער זייט שטעלן זיך אָפּ די פוס - גייער און

אָנשטאָט צו גיין פאָרויס נעמען זיי זיך צו די קשאַקעס צו־ריקציען.

— וואָס איז דאָס?.. גאָט מיינער! וואָס איז דאָס?! — שרייט דער שווערד - טרעגער.

אין - דעם קומט אָן די תשובה פון דער זייט פון יענעם וועלדל, פון וועלכן סאַקאָוויטש איז ארויס, און איצט שיטן זיך פון אים מענטשן, פערד, פאָנען, פערדישע עקן, שווערדן און זיי גייען — ניין! זיי לויפן ווי אַ וויכער, און נאָך גיכער, ווי אַ וויכער־ אין דער בלוטיקער שיין פון די פלאַמען זעט מען זיי ווי אויף דער האַנט. זיי גייען אין די טויזנטער! עס דוכט זיך, אַז די ערד אַנטלויפט פון אונטער זייערע פיס, און זיי לויפן אין אַ צו־נויפגעדריקטער מאַסע, אַז דו וואָלסט געמיינט: עפעס אַ שרעקלעכע חיה האָט פון וואַלד זיך צעוויסגעלאָזט און לופט דורך די פעלדער דאָס דערפל איינשלינגען. עס פליט פאַר זיי די לופט, דורכן אימ־פעט געטריבן, עס פליט שרעק און טויט... אָט, אָט זענען זיי שוין דאָ! זיי לויפן שוין צו! זיי וועלן סאַקאָוויטשן אויף שטויב צערייבן!

— גאָט! גרויסער גאָט! — שרייט דער שווערד - טרעגער ווי צעדולט — דאָס זענען אונזערע! דאָס מוז זיין באַביניטש!

— באַביניטש! — שרייען אַלע נאָך אים.

— באַביניטש! — דערהערן זיך איבערגעשראָקענע שטימען אין סאַקאָוויטשס אָפּטיילונג, און די גאַנצע פיינטלעכע מחנה דרייט זיך אויס אויף רעכטס, ווילנדיק אַנטלויפן צו זייערע פוס - גייער.

דער פלויט ברעכט זיך מיט אַ מוראדיקן קנאַק אונטערן דרוק פון די פערדישע ברוסטן; דער גראָז - פלאַץ ווערט פול מיט אַנטלויפנדיקע, אָבער יענע זיצן זיי שוין אויפן געניק, שניידן, האַקן, שטויסן, שניידן אָן אָפּרו, שניידן אָן רחמנות. מ'הערט קולות, קרעכצן, אַ געפייף פון שווערדן. די ערשטע און די צווייטע פאַלן אַריין אין די פוס - גייער, קערן זיי איבער, ברעכן, ממיתן. וואָלסט געמיינט, טויזנטער פויערן האָבן זיך צום דרעשן געשטעלט און קלאַפּן מיט די דר.ש - אייזנס. לסוף וואַרפט זיך די גאַנצע מאַסע צום טייך, ווערט נעלם אין די קשאַקעס, קייקלט זיך אַריבער אויפן צווייטן ברעג. מ'זעט זיי נאָך, זיי יאָגן נאָך אַלץ און שניידן אָן

אויפהער! זיי דערוווייטערן זיך. זיי האָבן נאָך אַמאָל מיט די שווער־דן אויפגעבליצט און לסוף נעלם געוואָרן אין די קשאַקעס, אין ווייטן שטח, אין פינסטערניש.

דעם שווערד־טרעגערס פוס־גייער האָבן גענומען פאַר־לאָזן דאָס טויער און די הייזער, וועלכע מ׳האָט שוין נישט גע־דאַרפט פאַרטיידיקן; די רייטער שטייען אַ צייט לאַנג אַזוי פאַר־בליפט, אַז אַ טיפע שטילקייט הערשט אין די רייען און ערשט ווען דאָס ברענענדיקע הויז פאַלט־איין מיט אַ קראַך, רופט זיך עפּעס אַ שטים פלוצלינג אָן:

— אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליקן גייסט! דאָס האָט זיך אַ שטורעם דורכגעטראָגן!

— קיין איינער וועט פון דאָזיקן געיעג נישט אָנקומען! — גיט צו אַ צווייטע שטים.

— גנעדיקע הערן! — רופט מיט אַ מאָל אויס דער שווערד טרעגער — און מיר וועלן נישט וואַרפן זיך אויף די, וועלכע זע־נען אונז פון הינטן אונטערגעקומען? זיי ציען זיך איצט צוריק, אָבער מיר וועלן זיי דעריאָגן!

— שלאָג! הרגע! — ענטפערן אַלע אין כאָר

און די אַלע רייטער האָבן זיך אַ דריי־אום געגעבן און די פערד נאָכן שונאס לעצטער אָפּטיילונג אַרויסגעלאָזט. אין וואָל־מאַנטאָוויטשע בלייבן נאָר די זקנים, ווייבער, קינדער און דאָס „פרייליין" מיט דער חברטע

דאָס הויז האָט מען כהרף־עין פאַרלאָשן, דערנאָך האָט אַן אומגעהייערע גדולה אַלעמענס הערצער אַרומגעכאַפּט. די ווייבער האָבן מיט אַ געוויין און כליפּעריי די הענט צום הימל אויפגעהויבן און וועדנדיק זיך צו דער זייט, אין וועלכער באַ־ביניטש האָט זיך געלאָזט לויפן, האָבן זיי אויסגערופן:

— זאָל דיך גאָט בענטשן, אומבאַזיגבאַרער גבור! אויסלייזער, וואָס דו האָסט אונז, אונזערע קינדער און הייזער פון אונטערגאַנג מציל געווען!

די איינגעהויקערטע בוטרימס חזרן איבער אין כאָר:

— זאָל דיך גאָט בענטשן! זאָל דיר גאָט שענקען הצלחה! אָן דיר וואָלט שוין געווען נאָך וואָלמאָנטאָוויטשע!

אָך! ווען דער דאָזיקער עולם וואָלט געוווּסט, אַז דאָס דאָרף פון פייער און די באַפעלקערונג פון דער שווערד האָט מציל געווען די אייגענע האָגט, וועלכע האָט מיט צוויי יאָר צוריק אין דעם זעלבן דער־ פייער און שווערד אַריינגעטראָגן!...

נאָכן פאַרלעשן די שרפה, האָבן אַלע זיך געלאָזט די פאַר־וווּנדעטע צונויפנעמען, די יינגלעך ווידער זענען מיט אייזנס איבערן שלאַכט־פעלד געלאָפן און דערקוילעט די שוועדן און סאַקאָוויטשס רוצחים.

אָלענקאַ האָט באַלד איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער הילף פאַר די פאַרוווּנדעטע. תמיד אַ מונטערע, פול מיט ענערגיע און קראַפט האָט זי נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן, ביז יעדער פאַר־וווּנדעטער איז נישט געלעגן אין דער כאַטע מיט פאַרבונדענע ווונדן.

דערנאָך האָט דער גאַנצער עולם נאָכגעטאָן איר ביישפּיל און איז אַוועק צום צלם מתפלל זיין פאַר די נשמות פון די געפאַלענע; די גאַנצע נאַכט האָט קיינער קיין אויג נישט צוגעטאָן אין וואָלמאָנטאָוויטשע, אַלע האָבן געוואַרט אויפן צוריקקער פון שווערד־טרעגער און פון באַבינישטשן און דערביי זיך געפּאַרעט, כדי די זיגער אַ געהעריקן קבלת־פנים צוצוגרייטן. עס זענען געקוי־לעט געוואָרן די אָקסן און שעפּסן, וואָס זענען נעהאָדעוועט געוואָרן אין די וועלדער; די פייער־הויפנס האָבן געקנאַקט אַזש ביז אין דער פרי.

נאָר איין אַנושאַ האָט אין קיין שום זאַך קיין אַנטייל נישט געקאָנט נעמען, ווייל קודם כל האָט ביי איר אַ פחד די כוחות אָפּגענומען, און אַזאַ גרויסע שמחה, אַז זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטע. אָלענקאַ האָט אויך אויף איר געמוזט אַכטונג געבן, און זי האָט געלאַכט און געוויינט אינאיינעם, דאָ ווידער האָט זי זיך געוואָרפן דער חברטע אין די אָרעמס אַריין, איבערחזרנדיק אָן אַ סדר און אָן אַ טאָלק.

— נו וואָס? ווער האָט אונז מציל געווען און דעם שווערד־טרעגער און די פאַרטיע און גאַנץ וואָלמאָנטאָוויטשע? פאַר ווע...

איז סאַקאָוויטש אַנטלאָפֿן! ווער האָט אים באַגראָבן און די שווערן צוזאַמען מיט אים?... הער באַבּיניטש! נו וואָס? כ'האָב געוווּסט, אַז ער וועט קומען. כ'האָב דאָך צו אים געשריבן. אָבער ער האָט נישט פֿאַרגעסן! כ'האָב געוווּסט, כ'האָב געוווּסט, אַז ער וועט קומען. דאָס האָב איך אים אַראָפּגעבראַכט! אָלענקאַ! אָלענקאַ! איך בּין גליקלעך! האָב איך דיר נישט געזאָגט? אים וועט קיינער נישט בייקומען! צו אים קאָן הער טשאַרניעצקי זיך נישט גלייכן... אַ גאָט! גאָט! אמת, אַז ער וועט דאָ צוריקקומען? נאָך הייַנט? ווייל, אַז ער וואָלט נישט בדעה געהאַט צוריקקערן, וואָלט ער נישט געקומען, אמת?... הערסט אָלענקאַ, עפּעס פֿערד הירזשען פֿון דער ווייטנס...

אָבער פֿון דער ווייטנס האָט גאָרנישט געהירזשעט. ערשט פֿאַרטאָגס האָבן זיך דערהערט פֿערדישע טריט, אויסגעשרייען, געזאַנג און דער שווערד - טרעגער איז צוריקגעקומען. די רייטער אויף די פֿון יאָגעניש פֿאַרשוימטע פֿערד האָבן אָנגעפֿילט דאָס גאַנצע דאָרף. צום געזאַנג, געשרייען, דערציילונגען האָט גאָר קיין עק נישט גענומען.

דער שווערד - טרעגער, אַ מיט בלוט פֿאַרשמירטער, אַ פֿאַרסאַפּעטער, אָבער אַ באַשמחהטער, האָט ביז זון-אויפֿגאַנג דערציילט, ווי אַזוי ער האָט פֿאַרטיליקט די פֿייַנטלעכע רייטער, ווי אַזוי ער איז זיי צוויי מייל נאָכגעלאָפֿן און כמעט קיין שריד - ופּליט פֿון זיי נישט איבערגעלאָזט.

ער, ווי אויך דאָס גאַנצע חייל און אַלע לאודער זענען געווען איבערצייגט, אַז באַבּיניטש וועט אַ ליאַדע רגע צוריקקומען.

ס'איז אָבער געוואָרן מיטאָג, דערנאָך האָט די זון דורכגעמאַכט די צווייטע העלפֿט וועג און גענומען אַראָפּנידערן, און באַבּיניטש איז אַלץ נישט צוריקגעקומען.

אַנושאַ האָט פֿאַרנאַכט דאָס פּנים גענומען פֿלאַמען.

— שוין - זשע איז אים נאַר וועגן די שווערן געגאַנגען, און נישט וועגן מיר? — האָט זי זיך אין האַרצן געטראַכט — ער האָט דאָך דעם בריוו דערהאַלטן, אויב ער איז געקומען אַהער...

זי האָט נעבעך נישט געוווּסט, אַז ברוינס און יורעק ביל־עוויטשס נשמות זענען שוין לאַנג געווען אויף יענער וועלט און אַז באַביניטש האָט קיין שום בריוו נישט דערהאַלטן.

ווייל אַז ער וואָלט געווען דערהאַלטן, וואָלט ער בליץ־שנעל קיין וואָלמאַנטאָוויטשע צוריקגעקומען, נאָר... נישט צוליב דיר אַנושאַ!

ס'איז אַריבער נאָך אַ טאָג; דער שווערד־טרעגער האָט נאָך נישט פאַרלוירן די האָפענונג און זיך נישט גערירט פון דאָרף.

אַנושאַ האָט עקשנותדיק שטיל געשוויגן.

— ער האָט מיך שרעקלעך פאַרשעמט! אָבער רעכט אויף מיר אַזוי פאַר מיין לייכטזיניקייט, פאַר מיינע זינד! — האָט זי צו זיך געזאָגט.

אויפן דריטן טאָג האָט הער טאָמאַש אַרויסגעשיקט אַ פּאָר מענטשן אויף אויסשפּירונג.

דעם פערטן טאָג זענען זיי צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אַז הער באַביניטש האָט גענומען פאָניעוויעזש און אַז פון די שוועדן איז קיינער נישט געבליבן לעבן. דערנאָך איז ער אַוועק אין אַ אומבאַקאַנטער ריכטונג, ווייל מ'הערט אים נישט און מ'זעט אים נישט.

— מיר וועלן אים שוין נישט געפינען, ביז ער וועט ווידער נישט אַרויפשווימען! — האָט דער שווערד טרעגער דערויף זיך אָנגערופן.

אַנושאַ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָקשיוועו; ווער פון דער יינגער שלאַכטע און אָפיצירן ס'האָט זיך צו איר צוגערירט, איז באַלד אָפּגעבריט געוואָרן.

און אויפן פינפטן טאָג האָט זי געזאָגט צו אָלענקאַן:

— הער וואָלאָדיאָווסקי איז אויך אַזאַ גוטער זעלנער, נאָר נישט אַזאַ גראָבער נפש.

— און אפשר — האָט אָלענקאַ אַ פאַרקלערטע דערויף געענטפערט — אפשר איז הער באַביניטש טריי געבליבן יענער, וועגן וועלכער ער האָט דיר אויפן וועג פון זאַבאָשטש דערציילט

דערויף האָט אַנושאַ זיך אָנגערופן:

— גוט! ס'איז מיר אַלץ - איינס...

אָבער זי האָט נישט געזאָגט דעם אמת, ווייל ס'איז איר אָך כלל נישט געווען אַלץ = איינס.

---

14. קאַפּיטל

סאָקאָוויטש איז אַזוי שרעקלעך צעקלאַפּט געוואָרן, אַז ער האָט קוים זאַלבעפיגפט באַוויזן זיך צו באַהאַלטן אין די וועלדער נעבן פּאָניעוויעזש. דערנאָך האָט ער, פאַרשטעלט פאַר אַ פּויער, אין זיי גאַנצע חדשים אַרומגעוואָגלט, נישט דערוועגנדיק זיך אַרויסצושמעקן אויף דער ליכטיקער שיין.

באַביניטש ווידער האָט זיך געוואָרפן אויף פּאָניעוויעזש, אויף די שוועדישע פוס - גייער, אויפן גאַרניזאָן, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, אויסגעקוילעט זיי און געיאָגט זיך נאָך האַמליטאָנען, וועלכער האָט נישט געקאָנט אַנטקומען קיין ליפלאַנד איבער די גרעסערע פּוילישע חיילות. וואָס זענען אין שאַוולי און ווייטער ביי בירזשע געווען פאַרזאַמלט, און דערפאַר פאַרקערעוועט אין אַ זייט צו מזרח - צו, אין דער האָפנונג, אַז עס וועט זיך אים איינגעבן זיך דורכצורייסן קיין ווילקאָמיעזש. ער האָט זיך שוין מיאַש געווען זיין רעגימענט מציל צו זיין, ער האָט נאָר נישט געוואָלט אַריינפאַלן אין באַביניטשס הענט, ווייל אומעטום האָט מען דערציילט, אַז כדי נישט צו נעמען אויף זיך קיין איבעריקע

משא, הייסט - דער דאָזיקער שרעקלעכער מלחמה - פירער אַלע געפאַנגענע אויסקוילן.

דער אומגליקלעכער ענגלענדער איז דעריבער אַנטלאָפן, ווי אַ הירש, געיאָגט דורך אַ סטאַדע וועלף, און באַביניטש האָט אים וואָס אַ מאָל האַרטנעקיקער נאָכגעיאָגט; דערפאַר האָט ער דאָס קיין וואָלמאָנטאָוויטשע נישט צוריקגעקערט און אַפילו נישט געפרעגט, וואָס פאַר אַ פאַרטיע ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן מציל צו זיין.

די ערשטע פראָסט האָט שוין יעדן באַגינען געגומען די ערד באַדעקן, דאָס אַנטלויפן איז דעריבער נאָך שווערער געוואָרן, ווייל אין וואַלד זענען געבליבן שפורן פון קאָפּיט .ס. קיין פאַשע איז אין די פעלדער נישט געווען, די פערד האָבן געליטן ביטערן הונגער.

די שוועדישע רייטער האָבן זיך נישט דערוועגט לאַנג אין די דערפער זיך צו פאַרהאַלטן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער האַרטנעקיקער שונא זאָל זיי אַ ליאַדע רגע נישט אָניאָגן.

לסוף איז זייער נויט אַריבער יעדע גרענעץ; זיי האָבן זיך גענערט נאָר מיט בלעטער, קאָרע און מיט די אייגענע פערד, וואָס זענען פון פאַרמאַטערטקייט געפאַלן.

אין אַ וואָך אַרום האָבן זיי אַליין געגומען בעטן זייער אָלקאָווניק, אַז ער זאָל מיטן פראָנט זיך אויסדרייען צו באַביניטשן און זיך מיט אים שלאָגן, ווייל זיי ווילן בעסער אומקומען פון דער שווערד, איידער שטאַרבן פון הונגער.

האַמליטאָן האָט געפאָלגט און זיך געשטעלט צו דער שלאַכט אין אַנדראָנישקי. די שוועדישע כוחות זענען אויף אַזוי פיל געווען וויניקער, אַז דער ענגלענדער האָט אַפילו נישט געקאָנט חלומען וועגן אַ נצחון, בפרט איבער אַזאַ קעגנער. אָבער ער איז אַליין שוין געווען זייער אויסגעמאַטערט און ער האָט געוואָלט שטאַרבן.

אָבער די שלאַכט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַנדראָנישקי האָט זיך געענדיקט נעבן טראָופּיע, ביי וועלכער — לעצטע שוועדן זענען געפאַלן.

האַמליטאַן איז אומגעקומען מיט אַ העלדישן טויט, פאַרטיי־דיקנדיק זיך אונטער אַ צלם אויפן וועג קעגן אַ פּאָר טאַטערס, וועלכע האָבן תחילת אים געוואָלט נעמען לעבעדיקערהייט. צע־רייצט אָבער דורכן האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד, האָבן זיי אים לסוף מיט די שווערדן צעהאַקט.

אָבער אויך באַבינטשס פאַלקן זענען אַזוי אַזוי פאַרמאַטערט געווען, אַז זיי האָבן שוין נישט געהאַט נישט קיין כּוח און נישט חשק צו גיין אַפילו אין די נאָענטע טראָופּיע. נאָר דאָרט, ווו יעדער איז געשטאַנען בעת דער שלאַכט, האָט ער זיך באַלד גע־נומען צעלייגן אויף נאַכט - לעגער, אָנצינדנדיק אַ פייער צווישן די פיינטלעכע הרוגים.

נאָכן עסן זענען אַלע מיט אַ האַרטן שלאָף איינגעשלאָפן.

אַפילו די טאַטערס האָבן אויף מאָרגן דאָס באַזוכן די טויטע אָפּגעלייגט.

קמיטשיץ וועלכן ס׳איז דער עיקר וועגן די פערד געגאַנגען, האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דאָזיקן אָפּרו.

צו מאָרגנס איז ער אָבער אויפגעשטאַנען גענוג פרי, כּדי די אייגענע אבדות נאָך דער פאַרביסענער שלאַכט צו באַרעכענען און דעם שלל יושרדיק צו פאַרטיילן. באַלד נאָכן עסן האָט ער זיך געשטעלט אויף אַ הויכקייט אונטער דעם זעלבן צלם, אונטער וועלכן האַמליטאַן איז אומגעקומען, און די פוילישע און טאַטערישע עלטסטע זענען צו אים איינער נאָכן אַנדערן צוגעגאַנגען מיט שטאַבן, אויף וועלכע ס׳איז געווען פאַרצייכנט די צאָל פון די געפאַלענע מענטשן, און זיי האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן. ער האָט אויסגע־הערט, ווי אַ דאָרף - ווירט הערט זומער אויס די פאַרוואַלטער, און אין האַרצן געקליבן נחת פון בשפעדיקן שניט.

אין דעם איז צו אים צוגעגאַנגען אַקבאַ - אולאַן, וועלכער האָט ביכער געהאַט אַ פּנים פון אַ סטראַשידלע, איידער פון מענטש, ווייל אין דער וואָלמאָנטאָוויטשער שלאַכט האָט מען אים מיטן קלינג פון אַ שווערד די נאָז געשפּאָלטן. ער האָט זיך פאַר־נייגט, דערלאַנגט קמיטשיצן פאַרבלוטיקטע פּאַפּירן און געזאָגט:

— עפענדי, עפּעס בריוו האָט מען געפונען ביים שוועדישן פירער, און איך געב זיי אָפּ, אַזוי ווי איר האָט באַפוילן.

קמיטשיץ האָט טאַקע איינמאָל פאַר אַלעמאָל געהאַט אַרויס־געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע פּאַפּירן, וואָס וועלן געפינען ווערן ביי די הרוגים, זאָל מען תיכף נאָך דער שלאַכט צו אים אַוועקטראָגן, ווייל אָפט האָט ער פון זיי געקאָנט די כוונות פון די שונאים ארויסדרינגען און זיינע פּלענער צו זיי צופּאַסן.

אָבער אין דער רגע האָט ער זיך נישט אַזוי שטאַרק גע־איילט, ער האָט דעריבער צו אַקבאַן מיטן קאָפּ אַ שאָקל־געטאָן און די פּאַפּירן אין בוזעם באַהאַלטן, אַקבאַן ווידער האָט ער אַוועקגעשיקט צו די טאָטערס מיטן באַפעל תיכף צו מאַרשירן יין טראופּיע, ווו זיי האָבן אויף אַ לענגערן אָפּרו געזאָלט בקלייבן.

די פּאָלקן האָבן דערויף איינער נאָכן אַנדערן פאַר אים דורכמאַרשירט. צוערשט איז געגאַנגען די טאָטער׳שע אָפּטיילונג, וועלכע האָט איצט נאָר געציילט נישט קיין גאַנצע פינף הונדערט מאַן; די איבעריקע זענען אומגעקומען אין די כסדריקע שלאַכטן, אָבער יעדער טאָטער האָט אין זאָטל, פעלצל און היטל געהאַט פאַרנייט אַזוי פיל שוועדישע ריקסדאַלער, פּרייסישע טאַלערס און דוקאַטן, אַז מ׳האָט אים אויף זילבער געקאָנט אָנוועגן. דערביי זענען דאָס געווען מענטשן, וואָס זענען לחלוטין נישט ענלעך גע־ווען אויף די געוויינלעכע טאָטערישע זעלנער, ווייל די שוואַכערע זענען פון די מאַטערנישן אויסגעגאַנגען, געבליבן זענען נאָר גע־קליבענע יינגען, ברייט־פּלייציקע, פון אַן אייזערנער אויסהאַלט־עוודיקייט און בייסיקע ווי די שלאַנגען. די כסדרדיקע פּראַקטיק האָט זיי אַזוי אויסגעבילדעט, אַז אין האַנט־געפעכט וואָלטן זיי געקאָנט אַפילו מיט דער פּוילישער רעגולערער קאַוואַלעריע זיך פאַרמעסטן, און אויף די פּרייסישע שווערע רייטער אָדער אויף די דראַגונער. אויף וויפיל די צאָל איז געווען אַ גלייכע, האָבן זיי זיך געוואָרפן ווי די וועלף אויף שעפּסן. אין דער שלאַכט האָבן זיי מיט אַ באַזונדערער פאַרביסנקייט פאַרטיידיקט די קערפּערס

פון זייערע חברים, כדי דערנאָך מיט זייערע אוצרות זיך צו־טיילן.

איצט זענען זיי פאַרן הער קמיטשיק דורכגעגאַנגען מיט אַ גרויסן שטאָלץ, זעצנדיק אין די פייקלעך, פייפנדיק אויף די פער־דישע פייפלעך און שאָקלענדיק מיט דעם פאָן, און געגאַנגען זע־נען זיי אין אַזאַ אָרדנונג, אַז רעגולערע זעלנער וואָלטן בעסער נישט געגאַנגען. נאָך זיי האָבן מאַרשירט די דראַגונער, וועלכע הער אַנדזשעי האָט מיט שווערער אַרבעט פון כל המינים פריי־וויליקע אויסגעבילדעט, און זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט פעכט־שווערדן און ביקסן. ס׳האָט מיט זיי אָנגעפירט דער פריערדיקער וואכמייסטער סאָראָקאָ, וועלכער איז איצט צום אמט פון אָפיציר און אפילו קאַפּיטאַן דערהויבן געוואָרן. דער דאָזיקער פאָלק, וועל־כער איז איינהייטלעך געווען אָנגעטאָן אין מונדירן, וואָס זענען פון די פרייסישע דראַגונער אַראָפּגעריסן געוואָרן, איז דאָס רוב באַשטאַנען פון מענטשן פון נידעריקן שטאַנד, אָבער הער קמי־טשיק האָט דוקא ליב געהאַט דעם סאָרט מענטשן, ווייל זיי האָבן בלינד געפאָלגט און שווערע מאַטערנישן אָן שום טענות ומענות אַריבערגעטראָגן.

אין די צווייטע ווייטערדיקע פאָלקן פון פרייוויליקע האָט גע־דינט בלויז שלאַכטע, קלענערע און גרעסערע. דאָס זענען געווען שטורמישע און אומרויקע גייסטער, וועלכע וואָלטן ביי אַן אַנדערן פירער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַנדע גזלנים, אָבער אין די דאָזיקע אייזערנע הענט זענען זיי ענלעך געוואָרן אויף רעגולערע פאָלקן און זיי האָבן זיך אַליין ליב געהאַט צו רופן „פעטיהאָרצעס“. ווייניקער אויסהאַלטעוודיק אויפן פייער ווי די דראַגונער, זענען זיי דערפאַר אין ערשטן אימפעט געווען שרעקלעכער און מיט זייער פלינקייט אין האַנט - געפעכט האָבן זיי דאָס גאַנצע חייל אריבער־געשטיגן, ווייל יעדער פון זיי איז אין דער פעכטס - קונסט גע־ווען באַהאַוונט.

נאָך זיי האָבן צום סוף דורכמאַרשירט בערך טויזנט פרישע פרייוויליקע, טיכטיקע מענטשן, איבער וועלכע מ׳האָט אָבער נאָך

אַסך געדאַרפט אַרבעטן, אַז זיי זאָלן ענלעך ווערן אויף אַ רעגולערן חייל.

יעדער פון די דאָזיקע פאָלקן האָט פאַרבייגייענדיק נעבן דער פיגור אַרויסגעלאָזט אַן אויסגעשריי, סאַלוטירנדיק דערביי דעם הער אַנדזשעי מיט די שווערדן. ער ווידער האָט זיך וואָס אַ מאָל מער געפרייט. דאָס איז דאָך אַ גרויסער כוח און גאָרנישט קיין שלעכטער! ער האָט שוין אַסך מ ט אים אויפגעטאָן, אַסך פיינטלעך בלוט פאַרגאָסן און גאָט ווייסט, וואָס ער וועט נאָך אויפטאָן.

זיינע אַמאָליקע זינד זענען גרויס, אָבער די פרישע פאַרדינסטן זענען אויך נישט קליין. אָט האָט ער זיך דערהויבן פון דער שפלות, פון זינד און איז אַוועק זוכן אַ תיקון פאַר זיין זינדיקער נשמה נישט אין פאָליש פון דער קירך, נאָר אויפן מלחמה-פעלד, נישט אין אַש, נאָר אין בלוט. ער האָט פאַרטיידיקט די הייליקסטע בתולה, דאָס פאָטערלאַנד, דעם קיניג און איצט שפירט ער, אַז עס איז אים אויף דער נשמה גרינגער, פרייעלכער. יאָ, דער ייגנער ריטער ווערט אַפילו שטאָלץ אויף זיינע מעשים, ווייל נישט יעדער וואָלט זיך אַזוי אַן עצה געגעבן, ווי ער!

אַזוי פיל פייערדיקע שלאַכטשיצעס, אַזוי פיל ריטער זענען ד ךְ פאַראַן אין דער דאָזיקער רעפובליק, און פאַרוואָס שטייט פאָרט קיינער נישט בראש פון אַזאַ מאַכט, אַפילו נישט וואָלאָדיאָווסקי, אַפילו נישט סקשעטוסקי? ווער האָט דערביי טשענסטאָכאָווע באַשיצט, דעם קיניג אין די היילן פאַרטיידיקט? ווער האָט באָגוסלאַוון צעהאַקט? ווער האָט דער ערשטער פייער און שווערד אין קורפירשטלעכן פרייסן אַריינגעבראַכט?! און אָט איז אויך אין זאַמעט איצט כמעט שוין נישטאָ קיין שונאים.

דאָ האָט הער אַנדזשעי דערשפירט דאָס, וואָס עס שפירט אַ סאָקאָל, ווען ער ציט-אויס די פליגל און הויבט זיך אויף וואָס אַ מאָל העכער און העכער! די דורכמאַרשירנדיקע פאָלקן האָבן אים באַגריסט מיט הויכע אויסגעשרייען, און ער האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן און זיך אַליין געפרעגט: „ווהין וועל איך דערפליען?״ און דאָס פנים האָט זיך אים צעפלאַמט, ווייל אין דער רגע האָט זי אים אויסגעדוכטן, אַז ער טראָגט אין זיך אַ העטמאַן. אָבער דער דאָזיקער

שטאָב, אויב ער וועט אים באַשערט זיין, וועט ער אים באַשערט זיין אין זכות פון מלחמה - פעלד, פון די ווונדן, פון די פאַר-דינסטן, פון רום. עס וועט מיט אים שוין קיין שום בוגד פאַר די אויגן נישט אַ בלאַנד - טאָן, ווי ראַדזיוויל בשעתו האָט געבלענדט נאָר דאָס דאַנקבאַרע פאָטערלאַנד וועט עס אים אין דער האַנט אַריינלייגן מיטן ווילן פון קיניג. און ס'איז נישט זיין עסק צו קלערן, ווען דאָס וועט קומען, נאָר צו שלאָגן און צו שלאָגן, צו שלאָגן מאָרגן, ווי ער האָט געשלאָגן נעכטן!

דאָ האָט די צעשפּילטע פאַנטאַזיע פון ריטער צוריקגעקערט צו דער ווירקלעכקייט. וווהין זאָל ער זיך לאָזן פון טראָופּיע, אין וועלכן נייעם אָרט זאָל ער די שוועדן אויפזוכן?

אין - דעם האָט ער זיך דערמאָנט אין די בריוו, וואָס אַק-באַ - אולאַן האָט אים אָפּגעגעבן און וואָס זענען געפינען גע"אָרן ביי האַמילטאָנס טויטן גוף; ער האָט די האַנט אין בוזעם אַריינגע-שטעקט, אַרויסגענומען, אַ קוק - געטאָן און זיין פּנים האָט באַלד אַ פאַרווונדערונג אויסגעדריקט.

ווייל אויפן בריוו איז געווען אַן אויפשריפט, וואָס איז קענ-טיק דורך אַ ווייבערישער האַנט אָנגעשריבן געוואָרן:

„צום גנעדיקן הער באַבינימש, פּאָלקאָווניק פון טאָטערישע און פּריוויליקע חיילות".

— צו מיר?.. — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט,

' די חתימה איז געווען אָפּגעבראָכן. ער האָט דעריבער ג'ך דעם בריוו אויפגעמאַכט, מיט דער האַנט איבערן פּאַפּיר אַ קלאַפּ - געטאָן און גענומען לייענען.

אָבער ער האָט נאָך נישט געענדיקט, ווי די הענט האָבן אים אַ ציטער געטאָן, ער האָט זיך פאַרענדערט אויפן פּנים און אויסגעשריגן:

— געלויבט איז דער איבערשטער! דערבאַרעמדיקער גאָט! אָט האָסטו מיר שוין אַ שכר צוגעשיקט!

דאָ האָט ער דאָס פּיסן - בענקל פון צלם אָנגעכאַפּט און מיט דער העלער טשופּרינע גענומען אין די שטיינער קלאַפּן. אַנ-דערש דאַנקען גאָט האָט ער אין דער רגע נישט געקאָנט, קיי

תפלה מיט מער ווערטער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסברענגען, ווייל אַ שמחה האָט אים ווי אַ וויכער אָנגעכאַפּט און אים העט צום הימל אַוועקגעטראָגן.

דער בריוו איז געווען פֿון אַנושאַ באָזשאָבאָהאַטאַ. די שוועדן האָבן אים געפֿונען ביי יורעק בילעוויטשן, און איצט איז ער דורך אַ צווייטן הרוג אין קמיטשיצס הענט אַריינגעפֿאַלן. אין הער אַנדזשעיס קאָפּ זענען טויזנטער געדאַנקען מיט דער שנעלקייט פֿון טאָטערישע פֿיילן דורכגעפֿלויגן.

איז אָלענקאָ הייסט עס, נישט געווען אין די וועלדער, נאָר אין בילעוויטשס פּאַרטיע? און ער האָט זי טאַקע מציל געווען און צוזאַמען מיט איר יענע וואָלמאָנטאָוויטשע, וועלכע ער האָט אַמאָל פֿון נקמה פֿאַר זיינע חברים מיטן רויך אַוועקגעלאָזט! אַפּנים, אַז גאָטס האַנט האָט אָנגעפֿירט מיט זיינע טריט אַזוי, אַז ער זאָל מיט איין קלאַפּ באַלוינען פֿאַר אַלע עוולות אי אָלענקאַן און אי לאַודאַ. אָט זענען זיינע חטאים אָפּגעמעקט געוואָרן! קאָן זי איצט אים נישט פֿאַרגעבן, אָדער קאָן דאָס די אָרעמע לאודער שלאַכטע? קאָנען זיי אים נישט בענטשן? און וואָס וועט זאָגן דאָס הייס געליבטע מיידל, וועלכע האַלט אים פֿאַר אַבוגד, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז יענער באַביניטש, וועלכער איז ראַדזיווילן בייגעקומען, וועלכער האָט ביז איבער די קני אין דייטשן און שוועדישן בלוט זיך געבאָדן, וועלכער האָט אין זשאַמעט דעם שונא פּאַרטיליקט, פֿאַרלענדט, קיין פֿרייסן און ליפֿלאַנד פּאַרטריבן, איז ער, איז קמיטשיץ, אָבער שוין נישט קיין רוצח, נישט קיין פֿאַרשטויסענער, נישט קיין בוגד, נאָר אַ פּאַרטיידיקער פֿון גלויבן, קיניג, פֿאָטערלאַנד!

באַלד נאָכן אַריבערטרעטן די זשאַמעטער גרענעץ האָט הער אַנדזשעי געקאָנט לאָזן אויספֿויקן איבערן גאַנצן לאַנד, ווער עס איז יענער באַרימטער באַביניטש, און אויב ער האָט דאָס נישט געטאָן, איז נאָר דערפֿאַר, וואָס ער האָט מורא געהאַט, אַז בלויז אויפֿן קלאַנג פֿון זיין אמתן נאָמען וועלן אַלע זיך פֿון אים אָפּקערן, וועלן אַלע אים חושד זיין, אָפּזאָגן אים הילף און צוטרוי, עס זענען ערשט קוים צוויי יאָר אַריבער, ווי ער, אַ פֿאַרפֿירטער דורך ראַדזיווילן, האָט אויסגעקוילעט יענע פּאָלקן, וועלכע האָבן נישט גע-

האָלט צוזאַמען מיט ראַדזיווילן אין קיניג און אין פּאָטערלאַנד־מורד זיין. קוים מיט צוויי יאָר צוריק איז ער געווען די רעכטע האַנט פון גרויסן בוגד.

אָבער איצט האָט זיך אַלץ געענדערט! איצט, נאָך אַזוי פיל נצחונות, באַשטראַלט פון אַז רום, האָט ער דאָס רעכט צו קומען צום מיידל און איר צו זאָגן: „איך בין קמיטשיץ, אָבער דיין אויס־לייזער!" ער האָט אַ רעכט צו שרייען צו גאַנץ זשאַמעט: „איך בין קמיטשיץ, אָבער דיין אויסלייזער!"

און וואָלמאָנטאָוויטשע איז דאָך נישט ווייט! אַ וואָך האָט באַבינישט געיאָגט האַמילטאָנען, אָבער קמיטשיץ וועט גיכער ווי אין אַ וואָך זיין ביי אָלענקאַס פיס.

דאָ האָט הער אַנדזשעי זיך אויפגעשטעלט, אַ בלייכער פון גדולה, מיט פלאַמענדיקע אויגן, מיט אַ שטראַלנדיקן פנים און אַ געשריי - געטאָן אויפן יינגל:

— אַ פערד מיר שנעל דערלאַנגען! גיכער! גיכער!

דאָס יינגל האָט צוגעפירט אַ שוואַרץ פערד און אַליין איז ער אַראָפּגעשפּרונגען העלפן אַרויפזעצן זיך אָבער אַז ער איז שוין געשטאַנען אויף דער ערד, האָט ער געזאָגט:

— גנעדיקער האַר! עפּעס פרעמדע מענטשן פאָרן צו אונז פון טראָופיע מיטן הער סאַראָקאָ און זיי איילן זיך זייער.

— וואָס גייען זיי מיך אָן! — האָט הער אַנדזשעי גע־ענטפערט.

דערווייל זענען ביידע רייטער צוגעקומען אויף אַ צוואַנציק שריט, דערנאָך האָט איינער פון זיי אין באַגלייטונג פון סאַראָקאָן אַ שפּרינג - געטאָן פאָרויס, איז צוגעלאָפן און אַראָפּנעמענדיק דאָס פעלץ - היטל, האָט ער אָפּגעדעקט אַ טשופּרינע, רויט ווי אַ פייער.

— כ'זע אַז איך שטיי פאָרן הער באַבינישט! — האָט ער געזאָגט — איך בין צופרידן, וואָס כ'האָב אייך אויפגעזוכט.

— מיט וועמען האָב איך דעם כבוד? — האָט הער קמי־טשיץ אומגעדולדיק געפרעגט.

— איך בין וויערשול, אַמאָליקער ריטמייסטער פון פירשט יערעמי ווישניאָוויעצקיס טאָטערישן פאָלק; איך קום אין די היימישע מקומות, כדי צו ווערבירן דאָ כוחות אויף אַ נייער מלחמה און אַ חוץ דעם האָב איך געבראַכט אַ בריוו פאַר אייך פון הער גרויס-העטמאַן סאַפּיעהאַ.

— אויף אַ נייער מלחמה? — האָט קמיטשיץ געפרעגט און די ברעמען געקנייטשט — וואָס רעדט איר?

— דער דאָזיקער בריוו וועט בעסער פון מיר אייך אַלץ מסביר זיין — האָט וויערשול געזאָגט, דערלאַנגענדיק דעם העטמאַנס בריוו.

קמיטשיץ האָט פיבערדיק די חתימה אויפגעבראָכן. סאַפּיעהאַס בריוו האָט געהאַט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„מיר הערצלעך צוגעניגטער הער באַבינישט! אַ נייער מבול אויפן פאָטערלאַנד! דער שוועד האָט אַ נייעם יד-אחת מיט ראַקאָטשין געשלאָסן און אַ חלוקה פון דער רעפובליק איז געפּלאַנט. אַכציק טויזנט אונגאַרן, זיבנבירגער, וואָלאַכיער און קאָזאַקן וועלן אַ ליאַדע שעה אַריבער די דרום-גרענעץ. און אַזוי ווי מיר מוזן אין אַזאַ עת-צרה אַלע כוחות אָנשטרענגען, כדי עס זאָל נאָך אונזער פאָלק פאַר די קומענדיקע דורות כאָטש אַ רומרייכער נאָמען בלייבן, שיק איך אייך דעם דאָזיקן באַפעל, לויט וועלכן איר דאַרפט, קיין איין רגע נישט פאַרלירנדיק, גלייך אויף דרום די פערד אויסדרייען און מיט גרויסע מאַרשן צו אונז איילן. איר וועט אונז טרעפן אין בזשעשטש, פון וואַנען מיר וועלן אייך אָן שהיות ווייטער שיקן. דערווייל איז יעדע פאַרלוירענע מינוט מיט אַ סכנה פאַרבונדן! פירשט באָגוסלאַוו האָט זיך פון דער געפאַנגענשאַפט באַפרייט, אָבער הער גאָשיעווסקי זאָל האָבן השגחה איבער פרייסן און זשאַמעט. איך דערמאָן אייך נאָך אַמאָל וועגן חוב צו איילן זיך און בין בטוח, אַז די ליבשאַפט צום אונטערגייענדיקן פאָטערלאַנד וועט פאַר אייך זיין די בעסטע התראה".

אַז קמיטשיץ האָט געענדיקט לייענען, האָט ער דעם בריוו אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט און גענומען מיט די הענט דאָס פייכטגעוואָרענע פנים זיך רייבן, לסוף האָט ער אַ פאַרחושטער אויף

ווערשולן אַ קוק - געטאָן און געפרעגט מיט אַ שטילער, געדעמפּ־טער שטים:

— פאַרוואָס עפּעס זאָל הער גאָשיעווסקי אין זשאַמעט פאַר־בלייבן און איך קיין דרום מאַרשירן?

ווערשול האָט מיט די אַקסלען געהויבן.

— דעם הער העטמאַן אין בזעשטש וועט איר פרעגן קשיות! איך וועל אייך גאָרנישט זאָגן.

מיט אַמאָל האָט אַ שרעקלעכער כעס דעם הער אַנדזשעי פאַרן גאָרגל אָנגעכאַפּט, די אוינן האָבן אים גענומען פינקלען, דאָס פּנים איז אים מיט בלוט פאַרלאָפן געוואָרן און ער האָט מיט אַן אימהדיקער שטים אַ געשריי - געטאָן:

— און איך וועל פון דאַנען נישט אַוועקגיין! איר פאַר־שטייט!

— אַזוי? — האָט ווערשול געענטפערט — מיין עובדא איז געווען דעם באַפעל אָפּצוגעבן, און די רעשט איז אייער זאַך! כ'פאַרנייג זיך, כ'פאַרנייג זיך! כ'האָב געוואָלט אויף אַ פּאָר שעה אין חברותא זיך פאַרבעטן, אָבער נאָך דעם, וואָס איך האָב גע־הערט, וויל איך בעסער אַן אַנדערע חברותא זוכן.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער אויסגעדרייט דאָס פערד און איז אַוועקגעפאָרן.

הער אַנדזשעי האָט זיך ווידער געזעצט אונטערן צלם און געדאַנקענלאָז גענומען זיך אַרומקוקן איבערן הימל, ווי ער וואָלט וועלן דאָס וועטער זיך משער זיין. דאָס ייִנגל האָט מיט ד' פערד זיך דערווייטערט און אַרום און אַרום איז שטיל גע־וואָרן.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ לויטערער, אַ בלייכער, אַ האַלב האַרבסטיקער און שוין אַ האַלב ווינטערדיקער. קיין ווינט האָט נישט געבלאָזן, אָבער פון די בזשאָזעס, וואָס זענען געוואַקסן נעבן צלם, זענען אָן אַ שאָרך אַראָפּגעפאַלן די רעשטלעך פון די פאַרוועלקטע און פון קעלט [גערונצלטע בלעטער. חמרים וואָנעס און ראָבן זענען געפלויגן איבער די וועלדער; מאַנכע האָבן מיט אַ הילכיקן קראַקען זיך אַראָפּגעלאָזט האַרט נעבן דער פיגור, וויל

אויפן פעלד און אויפן וועג זענען נאָך געלעגן אַ מאַסע נישט באַגראָבענע שוועדישע הרוגים. הער אַנדזשי האָט פינטלענדיק מיט די אויגן געקוקט אויף די דאָזיקע שוואַרצע פייגל, ווי ער וואָלט זיי וועלן איבערציילן. דערנאָך האָט ער די אויגן צוגעמאַכט און לאַנג געזעסן אָן באַוועגונג. לסוף האָט ער אויפגעשוידערט, דעם שטערן געראונצלט, דאָס פנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז ווידער געקומען צו זיך, און ער האָט גענומען צו זיך אַליין אַזוי רעדן:

— עס קאָן אַנדערש נישט זיין! איך וועל גיין אין צוויי וואָכן אַרום, אָבער נישט איצט. זאָל זיך טאָן, וואָס עס וויל. נישט נישט איך האָב ראַקאָטשין אַראָפּגעבראַכט. כ׳קאָן נישט! וואָס צופיל, איז צופיל!.. ווייניק האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט, אַרומגעוואָגלט גאַנצע טעג נישט שלאָפנדיק אויפן זאָטל פאַרבראַכט. מיין אייגן און פרעמד בלוט פאַרגאָסן? דאָס זאָל זיין דער שכר פאַר דעם אַלעם?.. וואָלט איך כאָטש יענעם בריוו נישט דערהאַלטן, וואָלט איך געוועזן גיין; אָבער ביידע זענען געקומען אין איין שעה, ווי מיר אויף צופיקעניש, ווי מיר אויף צוזעצעניש... מעג די וועלט זיך עקן, וועל איך נישט גיין! דאָס פאָטערלאַנד וועט דורך די צוויי וואָכן נישט אונטערגיין, איבעריקנס, גאָטס צאָרן איז אויף אים אויסגעגאָסן און דער מענטש איז דאָ גאָרנישט בכוח אויפצוטאָן. גאָט, גאָט! היפּערבאָרייער, שוועדן, פּרוסאַקעס, אונגאַרן, זיבנבירגער, וואָלאָכיער, קאָזאַקן, אַלע אויף אַ מאָל! ווער וועט זיך זיי אַקעגנשטעלן? אָ, גאָט! מיט וואָס האָט זיך פאַר דיר פאַרזינדיקט דאָס אומגליקלעכע פאָטערלאַנד, דער פרומער קיניג, וואָס דו האָסט זיך פון זיי אָפּגעקערט און טוסט אָפּ פון זיי דיינע רחמים און דיין הילף און פּלאָגסט זיי מיט אַלץ נייע פורעניות! איז נאָך ווייניק בלוט פאַרגאָסן געוואָרן? נאָך ווייניק טרערן? האָבן דאָך די מענטשן דאָ שוין פאַרגעסן וואָס פרייד איז, און די ווינטן דאָ בלאָזן נישט, נאָר יאָמערן... די רעגנס דאָ פאַלן נישט, נאָר וויינען, און דאָ שלאָגסט און שלאָגסט! דערבאַרעם דיך, גאָט! העלף, פאָטער!.. מיר האָבן געזינדיקט... אָבער מיר האָבן דאָך שוין תשובה געטאָן!.. אָט האָבן מיר אונזערע גיטער פאַרלאָזט,

אויף די פערד זיך געזעצט און מיר שלאָגן און שלאָגן! מיר האָבן די הפקרות אַוועקגעוואָרפן, פון אייגענעם נוצן זיך אָפּגעזאָגט... פאַרוואָס ביסטו נישט מוחל? פאַרוואָס שענקסטו קיין נחמה נישט?

דאָ האָט דאָס געוויסן פלוצלינג אים פאַר די האָר אָנגעכאַפּט און אים אַ טרייסל - געטאָן, אַז ער האָט אַזש געשריגן פאַר ווייטיק, ווייל צו דער גלייכער צייט האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער הערט עפּעס אַ מעכטיקע שטים, וואָס נידערט אַראָפּ פון אַלע הימלען און וואָס זאָגט:

— איר האָט דעם אייגענעם נוצן פאַרבויגן? און דו אומגליקלעכער, וואָס טוסטו אין דער רגע? נעמסט זיך איבער מיט דיינע פאַרדינסטן, און אַז עס איז געקומען דער ערשטער נסיון' האָסטו, ווי אַ צעבריקעוועט פערד, זיך באַלד אויפגעשטעלט און שרייסט; כ'וועל נישט גיין! די מאַמע קומט - אום, נייע שווערדן לעכערן - דורך איר ברוסט, און דו קערסט זיך אָפּ פון איר, ווילסט זי מיט אַ האַנט נישט אונטערשפּאַרן, יאָגסט זיך נאָכן אייגענעם גליק און שרייסט: כ'וועל נישט גיין! זי שטרעקט - אויס די בלוטיקע הענט, אָט, אָט פאַלט זי, אָט חלשט זי, אָט גוססט זי און רופט צום לעצטן מאָל: „קינדער! ראַטעוועט!" און דו ענטפערסט איר: כ'וועל נישט גיין! ווי איז צו אייך! ווי איז צו אַזאַ פאָלק, ווי צו אַזאַ רעפּובליק!

דאָ האָט די שרעק דעם הער קמיטשיץ די האָר אויפן קאָפּ אויפגעשטעלט און זיין גאַנצער גוף האָט אַ שוידער אָנגעכאַפּט, ווי דאָס קדחת וואָלט אים געוואָרפן... און מיט אַ מאָל האָט ער מיטן פּנים אויף דער ערד זיך אַראָפּגעפלאַצט און גענומען נישט רופן' נאָר שרייען אין אימה:

— יעזוס, שטראָף נישט! יעזוס, דערבאַרעם דיך! זאָל געשען דיין רצון! כ'וועל שוין גיין, כ'וועל גיין!

דערנאָך איז ער אַ געוויסע צייט שטילשווייגנדיק געלעגן און געכליפּעט און אַז ער האָט זיך לסוף אויפגעהויבן, האָט דאָס פּנים זיינס אויסגעדריקט באַרויקונג און פאַרליב - נעמען און ער האָט ווייטער אַזוי מתפּלל געווען

— דו, האַר, זאָלסט זיך נישט חידושן, וואָס עס טוט מיר ווי, ווייל איך בין שוין געווען נאָענט צו מיין גליק. אָבער זאָל שוין זיין אַזוי, ווי דו האָסט גוזר געווען! איצט פאַרשטיי איך שוין, אַז דו האָסט מיך געוואָלט אויספרווון און דערפאַר האָסטו מיך ווי אויף אַ שייד - וועג אַוועקגעשטעלט. זאָל נאָך אַמאָל דיין רצון געשען. איך וועל זיך אויף מיר אַליין אַפילו נישט אומקוקן! דיר, האַר, בין איך מקריב דעם דאָזיקן צער מיינעם, די דאָזיקע בענקעניש מיינע, די דאָזיקע שווערע יסורים. זאָל - זשע מיר אַלץ פאַררעכנט ווערן דערפאַר, וואָס איך האָב אויפן פירשט באַ־גוסלאַוו חס געווען, איבער וואָס דאָס גאַנצע פאָטערלאַנד האָט גע־וויינט. דו זעסט איצט, האַר, אַז דאָס איז געווען מיין לעצטע זינדיקע מחשבה... מער וועל איך שוין נישט, דערבאַרעמדיקער פאָטער! לאָמיך נאָך די דאָזיקע טייערע ערד אַ קוש - טאָן, לאָ־מיך נאָך דיינע בלוטיקע פיסלעך אַ דריק - טאָן... און כ׳גיי, קריסטוס! כ׳גיי!..

און ער איז געגאַנגען.

און אין הימלישן פנקס, אין וועלכן עס ווערן פאַרשריבן דעם מענטשנס אַלע גוטע און שלעכטע מעשים, האָט מען אין דער רגע אויסגעמעקט אַלע זיינע עבירות, ווייל ער האָט אויף זיי מיט זיין תשובה - טאָן אינגאַנצן מכפר געווען.

15 קאפיטל.

קיין שום בוך האָט נישט באַשריבן, וויפיל שלאַכטן די חיילות, שלאַכטע און דאָס פּראָסטע פאָלק פון דער רעפּובליק האָבן נאָך געפירט מיט די שונאים, מ'האָט געקעמפט אין די וועלדער, פעלדער, אין די דערפער, שטעטלעך און שטעט; מ'האָט געקעמפט אין קיניגלעכן און פירשטלעכן פּרייסן, אין מאַזאָוויע, אין גרויס - פּוילן, אין קליין - פּוילן, אין רייסן, אין ליטע און זשאַמעט; מ'האָט געקעמפט אָן אָפּרו בייטאָג און ביינאַכט.

יעדעס שטיקל ערד איז געווען אָנגעזאַפּט מיט בלוט. די נעמען פון די ריטער, די גרויסע גבורות און מסירות - נפשדיקע מעשים זענען אַרויס פון זכרון, ווייל דער כראָניקער האָט זיי נישט פאַרשריבן און דאָס פאָלקס - ליד האָט זיי נישט באַזונגען אָבער אונטער דער מאַכט פון די דאָזיקע אָנשטרענגונגען האָט זיך סוף - כל - סוף געבויגן דעם שונאס קראַפט.

און פונקט ווי אַ הערלעכער לייב וועלכער איז אָקאָרשט פון קוילן דורכגעלעכערט געוואָרן און איז געלעגן ווי א טויטער, גיט זיך מיט אַמאָל אַ הויב - אויף און אויפטרייסלענדיק די

קיניגלעכע גזשיבע לאָזט ער אַרויס אַ מעכטיקן געשריי אַזוי אַז די יעגער ווערן באַלד פון אַ טויט - שרעק דורכגענומען און זיי לאָזן זיך אַנטלויפן, אַזוי איז אויך די רעפּובליק אויפגעשטאַנען, אָנוואָרפנדיק וואָס אַמאָל אַ גרעסערע אימה, פול מיט יופּיטער - צאָרן, גרייט די גאַנצע וועלט אַ ווידערשטאַנד צו שטעלן; און די שונאים איז אַ שוואַכקייט און אַ שרעק אריין אין די ביינער: שוין נישט וועגן רויב האָבן זיי געטראַכט, נאָר בלויז וועגן דעם, ווי אַזוי די קעפּ פון לייבן - פּיסק אַרויסצורייסן און בשלום זיי אהיימצובררענגען.

ס'האָבן אפילו נישט געהאָלפן די נייע בינדענישן, די נייע מחנות פון אונגאַרן, זיבנבירגער, קאָזאַקן און וואָלאַכיער. ס'איז אמת נאָך אַמאָל אַריבער אַ שטורעם צווישן קראָקע, וואַרשע און בזשעשטש, ער האָט זיך אָבער אין די פּוילישע ברוסטן צעקלאַפּט און אינגיכן ווי אַ נעפּל צערונען און צעפּלאָסן געוואָרן.

דער שוועדישער קיניג, וועלכער האָט דער ערשטער אין נצחון זיך מיאָש געווען, איז אויף דער דענישער מלחמה אַוועקגע-פאָרן; דער פאַלשער קורפירשט, וועלכער האָט דעם תקיף אַרויס-געוויזן הכנעה און דעם שוואַכערן חוצפה, האָט געבויגן דעם קאָפּ פאַר דער מאַכט פון דער רעפּובליק און גענומען שלאָגן די שוועדן! די רוצחישע מחנות פון ראַקאָטשיס „קיילערס" זענען מיט די לעצטע כוחות אַנטלאָפן אין זייערע זיבנבירגישע וואַלד - געדיכטענישן, וועלכע הער לובאָמירסקי האָט מיט פייער און שווערד חרוב געמאַכט.

ס'איז זיי אָבער לייכטער געווען זיך אַריינצורייסן אין די גרענעצן פון דער רעפּובליק, איידער פון זיי אומבאַשטראָפט אַרויסצוגיין. ווען מ'האָט זיי האַרט ביי דער גרענעץ אָנגעיאָגט, האָבן די זיבנבירגישע גראַפן אַנידערגעקניט פאַרן הער פּאָטאָצקי, לובאָמירסקי און טשאַרניעצקי און אין שטויב רחמנות געבעטלט.

— מיר וועלן אָפּגעבן דאָס געווער, מיר וועלן אָפּגעבן די מיליאָנען! — האָבן זיי געדופן — נאָר לאָזט אונז אַוועקגיין!

און אָננעמענדיק דאָס אויסלייז - געלט, האָבן די העטמאַנס זיך מרחם געווען איבערן דאָזיקן עלנדן חייל; אָבער די טאָ-

טערס האָבן זיי מיט די פערדישע קאָפּיטעס צעטרעטן שוין האַרט ביי דער שוועל פון זייער היים.

אויף דער פּוילישער ערד האָט ביסלעכווייז ווידער געגומען רויק ווערן. דער קיניג האָט נאָך אָפּגענומען די פּרייסישע פעס־טונגען. הער טשאַרניעצקי האָט געזאָלט די פּוילישע שווערד קיין דענעמאַרק אַוועקטראָגן, ווייל די רעפּובליק האָט שוין נישט גע־וואָלט זיך באַגנוגענען בלויז מיטן אַרויסטרייבן די שונאים.

די דערפער און שטעט האָבן איינציקווייז זיך ווידער אויף די חורבות אויפגעבויט; די באַפעלקערונג האָט זיך אומגעקערט פון די וועלדער, די אַקער־אייזנס האָבן זיך באַוויזן אויף דער ערד.

אין האַרבסט פון 1657 יאָר, באַלד נאָך דער דער אונגאַ־רישער מלחמה, איז שוין שטיל געווען אין גרעסטן טייל פון די געביטן און פּאָוויאַטן, שטיל באַזונדערס אין זשאַמעט.

די פון די לאַודער, וועלכע זענען אין זיין צייט אַוועק מיטן הער יואַלאָדיאָווסקי, זענען נאָך געווען ערגעץ העט ווייט אין פעלד, אָבער מ׳האָט זיך שוין גערי͏כט אויף זייער צוריקקער.

אין מאָראָזי, וואָלמאָנטאָוויטשע, דראָזשעיקיאַני, מאָזגי, גאָ־שטשוני און פּאַצונעלע האָבן דערהייל די ווייבער, ייִנגוואַרג פון ביידע מינים און זקנים געאַקערט, געזייט ווינטער־תבואה, מיט בשותּפותדיקע כּוחות צוריק אויפגעבויט די כאַטעס אין די „געגנטן" דורך וועלכע דאָס פייער האָט זיך אַריבערגעטראָגן, כּדי די מלחמה־לייט זאָלן, צוריקקומענדיק ווייניקסטנס, געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ און פון הונגער נישט דאַרפן אויסגיין.

אָלענקאַ איז זייט אַ געוויסער צייט געזעסן אין וואָדאָקטי מיט אַנושאַ באָזשאָבאָהאַטאַ און מיטן שווערד־טרעגער. הער טאָמאַש האָט זיך נישט געאײַלט אין זיין בילעוויטשע, אייגמאָל דער־פאַר, ווייל זי איז געווען פערברענט, און צווייטנס, ווייל ס׳איז אים ליבער געווען ביי די מיידלעך, איידער צו זיין אַליין. דער־ווייל האָט ער מיט אַלענקאַס הילף איינגעאָרדנט די בעל־הבתּישקייט אין וואָדאָקטי.

און דאָס מיידל האָט געוואָלט די בעל-הבתישקייט אין וואָדאָקטי וואָס בעסער איינאָרדנען ווייל צוזאַמען מיט מיטרוני האָט עס געזאָלט בילדן דעם קלויסטער-נדן, אַנדערש גערעדט, געזאָלט אַריבער אין רשות פון קלויסטער פון די בענעדיקטינערינס, אין וועלכן די אָרעמע אָלענקאַ האָט אין טאָג פון קומענדיקן ניי-יאָר געזאָלט אַריינטרעטן.

ווייל נאָכדעם ווי זי האָט באַטראַכט אַלץ, וואָס האָט זי געטראָפן, אַלע גלגולים פון איר גורל און די אָפּגענאַרטע האָפנונגען און די יסורים, איז זי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס, און נישט עפּעס אַנדערש איז איר פון גאָט באַשערט. ס'האָט זיך איר געדוכטן,אַז עפּעס אַן אַלמעכטיקע האַנט שטויסט זי אין קלויסטער-שטיבל אַז עפּעס אַ שטים זאָגט איר:

— נאָר דאָרט וועסטו געפינען די אמתע באַרויקונג און ס'וועט קומען אַ סוף צו אַלע עולם-הזהדיקע דאגות!

זי האָט בכן באַשלאָסן צו פאָלגן די דאָזיקע שטים; פילגדיק אָבער אין דער טיפעניש פון איר האַרצן, אַז איר נשמה האָט נאָך נישט באַוויזן איינגאַנצן זיך אַוועקצורייסן פון דער ערד, האָט זי פריער געוואָלט מכין-זיין דורך אַ הייסער גאָטס-פאָרכטיקייט, דורך גוטע מעשים און אַרבעט. אָבער אָפּט האָבן איר אי- די דאָיזקע הכנות געשטערט אָפּקלאַנגען פון דער דאָזיקער וועלט.

אַזוי, למשל, האָבן מענטשן זיך געשושקעט, אַז יענער באַרימטער באַבינימש איז גאָר קמיטשיץ. אַ טייל האָבן דאָס אָפּגעלייקנט, אַנדערע האָבן די ידיעה עקשנותדיק איבערגעחזרט.

אָלענקאַ האָט נישט געגלויבט. צו פריש זענען אין איר זכרון געווען קמיטשיצס אַלע מעשים און זיין דינסט ביי די ראַדזיווילס, אַז זי זאָל כאָטש אויף אַ ווײַלע קאָנען אָננעמען, אַז ער איז באַגוסלאַווס מלאך-המות און אַזאַ טרייער דינער פון קיניג, אַזאַ הייסער פּאַטריאָט. אָבער איר רו איז געשטערט געוואָרן און איר האַרץ איז ווידער פון אַ צער און ווייטיק פאַרקלעמט געוואָרן.

מ'האָט צו דעם געקאָנט אַ סוף מאַכן דורך צואײַלן דאָס אַרײַנטרעטן אין קלויסטער אָבער די קלויסטערס זענען געווען פּאַנאַנדערגעלאָזט; די נאָנעס, וועלכע זענען אין מלחמה־צײַט נישט אומגעקומען פון דער זעלנערישער הפקרות, האָבן זיך ערשט גענומען צונויפקלײַבן.

אין לאַנד האָט אויך געהערשט אַן אַלגעמיינע נויט און ווער עס האָט אין קלויסטער אַ מקום־מנוחה געוואָלט געפינען, האָט געמוזט קומען נישט בלויז מיט ברויט פאַר זיך, נאָר אויך דעם גאַנצן קלויסטער מיט אים שפּײַזן.

אַלענקאַ האָט טאַקע געוואָלט קומען מיט ברויט אין קלויסטער, ווערן נישט בלויז אַ שוועסטער, נאָר אויך אַ שפּײַזערן פון די נאָנעס.

ווײַסנדיק, אַז זײַן אַרבעט וועט גאָט מחנה זײַן, האָט דער שווערד־טרעגער געאַרבעט מיט ברען. צוזאַמען זענען זיי איבער די פעלדער און פּאַלוואַרקעס אַרומגעפאָרן, אַכטונג־געבנדיק אויף די האַרבסט־אַרבעטן, וועלכע האָבן דעם קומענדיקן פרילינג געזאָלט נושא פּרות זײַן. צײַטנווײַז האָט זיי אויך באַגלייט אַנושאַ באָזשאָבאָהאַטאַ, וועלכע האָט, נישט קאָנענדיק אַריבערטראָגן דעם בזיון, וואָס באַבינישט האָט איר פאַרשאַפט, געדראָט, אַז זי וועט אויך אַרײַנטרעטן אין קלויסטער און אַז זי וואַרט נאָר, העַר וואָלאָדיאָווסקי זאָל די לאָודער אָפּפירן, ווײַל זי וויל זיך געזעגענען מיטן אַלטן פרײַנט. על־פּי־רוב אָבער איז דער שווערד־טרעגער בלויז מיטן אַלענקאַן אַרומגעפאָרן, ווײַל אַנושאַן האָט די ווירטשאַפט גענודעט.

איינמאָל זענען זיי ביידע אויף רײַט־פערד אַרויסגעפאָרן קיין מיטרוני, וווּ מ'האָט צוריק אויפגעבויט די שייערס און שטאַלן, וואָס זענען אין מלחמה־אָפּגעברענט געוואָרן.

אויפן וועג האָבן זיי אויך געזאָלט אָפּטרעטן אין דער קירך, ווײַל דאָס איז גראָד געווען די יאָר־צײַט פון דער וואָלמאָנטאָוויטשער שלאַכט, אין וועלכער זיי זענען דורך באַבינישס אָנקומען פון אַ זיכערן טויט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. דער גאַנצער טאָג

איז זיי אַריבער אויף פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען, אַזוי, אַז ערשט פאַרנאַכט האָבן זיי געקאָנט פון מיטרוני אַרויספאָרן.

אַהין זענען זיי געפאָרן דורך דער ק׳רך. אָבער צוריקוועגס האָבן זיי געמוזט פאָרן דורך לוביטש און וואָלמאָנטאָוויטשע. קוים האָט דאָס פריילײן דערזען דעם ערשטן לוביטשער רויך, האָט זי תיכף די אויגן אַוועקגעדרייט און זיך גענומען מורמלען אַ תפלה, כדי די פײַנלעכע געדאַנקען צו פאַריאָגן, און דער שווערד-טרעגער איז געפאָרן שטילשווייגנדיק און זיך נאָר אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן.

לסוף, אַז זיי האָבן שוין דאָס טויער געהאַט געמיטן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— דאָס איז אַ ס נאַטאָרישע ערד! לוביטש געשטייט פאַר צוויי מיטרוניס.

אַלענקאַ האָט ווייטער די תפלות געמורמלט.

אָבער אין שווערד - טרעגער האָט זיך אפנים אויפגעוועקט דער אַלטער אויסגעצייכנטער ווירט, און אפשר אויך דער שלאַכט-טשיץ, וואָס איז אַביסל גוטה צו פראָצעסירן זיך, ווייל אין אַוויילע אַרום האָט ער ווידער געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— לעולם איז עס דאָך אונזער... אַן אַלטע נחלה פון די בילעוויטשס, אונזער שוויס, אונזער מי. יענער אומגליקלעכער איז אַודאי שוין לאַנג אומגעקומען, אויב ער האָט זיך נישט געמעלדעט, און ווען ער וואָלט זיך אפילו יאָ געוועזן מעלדן, האָבן מיר דאָך אַ רעכט דערויף.

דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו אַלענקען:

— ווי מיינסטו!

דערויף האָט דאָס פריילײן געענטפערט:

— דאָס איז אַ פאַרשאָלטן אָרט. זאָל דערפון ווערן, וואָס עס וויל.

— אָבער אַ רעכט דערויף האָבן מיר. דאָס אָרט איז געווען פאַרשאָלטן אין שלעכטע הענט, און עס וועט זיין געבענטשט אין גוטע הענט. אַ רעכט דערויף האָבן מיר!

— קיינמאָל נישט! כ'וויל וועגן גאָרנישט הערן. דער זיידע האָט עס אָן שום באַוואָרענישן פאַרשריבן, זאָלן עס זיינע קרובים נעמען.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זי דאָס פערד אַ טרייב־געטאָן; דער שווערד־טרעגער האָט זיין פערד אויך אַ שטויס־געטאָן און זיי זענען שוין אַזוי געפאָרן, ביז זיי זענען אויפן פעלד אַרויסגעקומען. דערווייל איז די נאַכט צוגעפאַלן. אָבער ס'איז געווען זייער ליכטיק, ווייל אַ גרויסע רויטע לבנה האָט פון הינטער'ן וואָלמאָנטאָוויטשער וואַלד זיך אַפּערגערוקט און די גאַנצע סביבה מיט אַ גילדענער שיין באַלויכטן.

— גאָט האָט געגעבן אַ שיינע נאַכט — האָט דער שווערד־טרעגער זיך אָנגערופן, קוקנדיק אויף דער לבנה.

— ווי וואָלמאָנטאָוויטשע לייכט דאָס פון דער ווייטנס! — האָט אָלענקאַ געזאָגט.

— ווייל דאָס האָלץ אויף די הייזער איז נאָך נישט שוואַרץ געוואָרן.

דעם ווייטערדיקן שמועס זייערן האָט איבערגעהאַקט דאָס סקריפּען פון אַ וואָגן, וועלכן זיי האָבן תחילת נישט געקאָנט דערזען, ווייל דער וועג אין דעם אָרט איז געווען אַ בערגיקער, באַלד אָבער האָבן זיי דערזען אַ פּאָר פערד, הינטער זיי אַ ווייטערדיקע פּאָר ביי אַ דישל און לסוף אַ לייטער־וואָגן, אַרומגערינגלט פון פיר רייטער.

— ווער קאָנען דאָס זיין די דאָזיקע מענטשן? — האָט דער שווערד־טרעגער געזאָגט.

און ער האָט דאָס פערד פאַרהאַלטן; אָלענקאַ האָט זיך נעבן אים אָפּגעשטעלט.

יענע האָבן זיך בינו־לבינו וואָס אַ מאָל מער דערנעענטערט און לסוף זענען זיי נאָענט צוגעקומען.

— שטייט! — האָט דער שווערד־טרעגער אויסגע'רופן — וועמען פירט איר דאָס דאָרט?

איינער פון די רייטער האָט זיך צו זיי געווענדעט:

— מיר פירן דעם הער קמיטשיץ, וועלכער איז ביי מאַגעראָוו דורך אונגאַרן פון אַ שאָס פאַרוווּנדעט געוואָרן.

— וואָס פאַר אַ טראַף! — האָט דער שווערד-טרעגער אויסגעשריגן.

אָלענקאַ האָט מיט אַ מאָל די גאַנצע וועלט זיך אין די אויגן פאַרדרייט; דאָס האַרץ איז אין איר אָפּגעשטאָרבן, דער ברוסט האָט אָטעם פאַרפעלט. עפּעס שטימען האָבן צו איר אין דער נשמה געררופן: „יעזוס, מאַריאַ! דאָ איז ער!" דערנאָך האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין, ווו זי איז און וואָס מיט איר טוט זיך.

אָבער זי איז פון פערד נישט אַראָפּגעפאַלן, ווייל זי האָט קאָנוווּלסיוו מיט דער האַנט פאַרן לייטער פון וואָגן זיך אָנגעכאַפּט און אין מאָמענט, ווען זי איז ווידער געקומען צו זיך, איז איר בליק געפאַלן אויף אַן אומבאַוועגלעכע מענטשלעכע געשטאַלט, וואָס איז געלעגן אויפן וואָגן. יאָ, ער איז דאָס געווען, הער אַנדזשעי קמיטשיץ, דער אָרשער כאָראָנזשי. און ער איז געלעגן אויפן וואָגן מיטן פנים אַרויף; דער קאָפּ איז אים געווען אַרומגעוויקלט מיט טיכער, אָבער ביי רער רויטער שיין פון דער לבנה האָט מען אויסגעצייכנט געזען זיין ווייס און רויק פנים, ווי פון מאַרמאָר אויסגעהאַמערט אָדער אונטערן הויך פון טויט פאַרשטאַרט. אויגן האָט ער געהאַט טיף איינגעפאַלענע און פאַרמאַכטע, קיין סימן כון. לעבן האָט ער דורך דער מינדסטער באַוועגונג נישט אַרויסגעוויזן

— מיט גאָט!.. — האָט דער שווערד-טרעגער געזאָגט און דאָס היטל דערביי אַראָפּגענומען.

— שטייט! — האָט אָלענקאַ אויסגערופן.

און זי האָט גענומען פרעגן מיט אַ שטילער, אָבער גיכער פיבערהאַפטער שטים:

— ער לעבט נאָך, אָדער ער איז טויט?

— ער לעבט, אָבער דער טויט שוועבט איבער אים.

דאָ האָט דער שווערד-טרעגער אַ קוק געטאָן אויף קמיטשיצס פנים און זיך ווידער אָנגערופן:

— איר וועט אים ביז לוביטש נישט צופירן.

— ער האָט זיך געהייסן אומבאַדינגט אַ הינפּירו, ווייל ער וויל דאָרט שטאַרבן.

— מיט גאָט! איילט זיך!

— מיר פאַרבייגן זיך!

דער וואָגן איז ווייטער געפאָרן, און אַלענקאַ מיטן שווערד-טרעגער האָבן זיך געלאָזט פליען אין דער צווייטער זייט. זיי זענען דורכגעפלויגן דורך וואָלמאָנטאָוויטשע ווי צוויי נאַכט-געשפּענסטער און צוגעפאָרן צו וואַדאָקטי, נישט רעדנדיק צו זיך קיין וואָרט אויפן וועג; ערשט ווען זיי האָבן זיך פון די פערד אַראָפּגעזעצט, האָט אַלענקאַ זיך געווענדעט צום פעטער:

— מ׳דאַרף אים אַ גלח שיקן! — האָט זי מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געזאָגט — זאָל עמיצער תיכף-ומיד קיין אופּיטאַ זיך לאָזן!

דער שווערד-טרעגער האָט זיך גענומען אויספירן דעם אויפטראָג, און זי איז אַריינגעלאָפן אין איר שטוב און זיך געוואָרפן אויף דער קני פאַרן בילד פון דער הייליקסטער בתולה.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, שוין שפּעט אין דער נאַכט, האָט זיך אָנגערופן דער גלאָק פאַרן טויער פון וואַדאָקטי. דאָס איז דער גלח דורכגעפאָרן קיין לוביטש.

דאָס פרייליין אַלעקסאַנדראַ האָט נאָך אַלץ געקניט. איר מויל האָט געשעפּטשעט די תּפילה, וואָס מ׳זאָגט ביי אַ גוסס. און אַז זי האָט שוין געהאַט אָפּגעזאָגט, האָט זי דריי מאָל זיך גענומען שלאָגן מיטן קאָפּ אין דער פּאָדלאָגע און כסדר איבערחזרן:

— גאָט! פאַררעכן אים דאָס, וואָס ער שטאַרבט פון שונאס האַנט! גאָט, פאַררעכן אים דאָס, וואָס ער שטאַרבט פון שונאס האַנט!.. פאַרגיב אים! דערבאַרעם דיך איבער אים!

אויף דעם איז איר אַריבער די גאַנצע נאַכט. דער גלח האָט זיך אויפגעהאַלטן אין לוביטש אַזש ביז באַגינען און צוריקוועגס האָט ער אָפּגעטרעטן אין וואַדאָקטי. זי איז אים אַקעגנגעלאָפן.

— שוין? — האָט זי געפרעגט.

און זי האָט מער נישט געקאָנט רעדן, ווייל עס האָט איר אָטעם פאַרפעלט.

— ער לעבט נאָך — האָט דער גלח געענטפערט.

אין די ווייטערדיקע פּאָר טעג זענען יעדן טאָג שליחים געלאָפן פון וואָדאָקטי קיין לוביטש און יעדער איז צוריקגעקומען מיט אַ תשובה, אַז דער הער כאַראָנזשי לעבט נאָך, צום סוף האָט איינער געבראַכט אַ ידיעה, וועלכע ער האָט געהערט פון רופא, וואָס איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון קיידאַני, אַז נישט בלויז ער וועט לעבן, נאָר ער וועט אויך געזונט ווערן, ווייל די וווּנדן היילן זיך זייער גוט און דער ריטער קומט צוריק צו די כוחות.

דאָס פרייליין אַלעקסאַנדראַ האָט געשיקט רייכע מתנות אויף אַ דאַנק - תפלה קיין אופּיטאַ, אָבער פון יענעם טאָג אָן האָבן די שליחים אויפגעהערט צו גיין און אַ פּלאַ! אין מיידלס האַרץ האָבן צוזאַמען מיט דער באַרויקונג זיך גענומען וועקן די אַלטע תרעומות אויפן הער אַנדזשעי. זיינע חטאים האָבן זיך איר ווידער דערמאָנט אַזעלכע שווערע, אַז נישט צום פאַרגעבן. נאָר דער טויט האָט זיי געקאָנט מאַכן פאַרגעסן... אַז ער ווערט געזונט, איז ער ווידער פּאַר זיי ערב... און דאָך האָט די אָרעמע אָלענקאַ זיך דאָך יעדן טאָג איבערגעחזרט אַלץ, וואָס האָט אים געקאָנט רעכטפערטיקן.

אַזוי פיל האַרץ - קלעמעניש האָט זי געהאַט אין די פּאָר טעג, אַזוי פיל ראַנגלענישן האָט איר נשמה מיטגעמאַכט, אַז עס האָט אַזש איר געזונט פאַרשאַט

דאָס האָט שטאַרק באַאומרויקט דעם הער טאָמאַש און איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען זיי זענען געבליבן אַליין, האָט ער זי געפרעגט:

— אָלענקאַ, זאָג מיר אָפן, וואָס טראַכסטו וועגן אָרשער כאַראָנזשי?

— איין גאָט ווייסט, אַז איך וויל וועגן אים נישט טראַכטן!

— האָט זי געענטפערט.

— ווייל זעסטו... ביסט אָפּגעקומען... העז.. ס'קאָן זיין, אַז די האָסט נאָך... איך רעד דיך צו גאָרנישט צו, נאָר כ'וואָלט וועלן

וויסן, וואָס אין דיר קומט פאָר... מיינסטו נישט, אַז עס דאַרף דער־פילט ווערן דער רצון פון דיין פאַרשטאָרבענעם זיידן

— קיינמאָל נישט! — האָט אָלענקאַ געענטפערט — דער זיידע האָט מיר איבערגעלאָזט אָן אָפן טירל... און איך וועל צו ביי • יאָר אין אים אַנקלאַפּן. דערמיט וועט זיין רצון דערפילט ווערן.

— אויך איך האָב נישט אָנגעהויבן אַפילו צו גלויבן אין דעם — האָט דער שווערד־טרעגער געזאָגט — וואָס מאַנכע האָבן דאָ דערציילט, אַז באַביניטש און קמיטשיק זענען איין מענטש, אָבער ער האָט דאָך ביי מאַגעראָוו זיך שוין געשלאָגן און בלוט פאַרגאָסן פאַרן פאָטערלאַנד און קעגן די שונאים. אַ פאַרשפּעטיקטע תשובה, אָבער פאָרט אַ תשובה!

— אויך פירשט באָגוסלאָוו דינט דאָך שוין איצט דעם קיניג און דער רעפּובליק — האָט פריילין אַ באַטריבטע געענטפערט — זאָל גאָט זיי ביידן מוחל זיין, באַזונדערס דעם, וואָס האָט בלוט פאַרגאָסן... די מענטשן וועלן אָבער תמיד האָבן אַ רעכט צו זאָגן, אַז אין מאָמענט פון גרעסטן אומגליק, אין מאָמענט פון צרות און אָנשיקענישן, האָבן זיי אין פאָטערלאַנד מורד געווען און זיך אומגעקערט צו אים ערשט דעמאָלט, ווען די שונאים האָט זיך דער פוס אויסגעגליטשט און ווען די אייגענע טובה האָט זיי דיק־טירט אויפן זיגערס זייט צו שטעלן. אָט אין וואָס עס באַשטייט זייער חטא! איצט איז שוין נישטאָ קיין בוגדים, ווייל עס לוינט שוין נישט צו זיין אַ בוגד! אָבער וואָס פאַר אַ פאַרדינסט?... איז דאָס דען נישט אַ נייער באַווייז, אַז אַזעלכע מענטשן זענען תמיד גרייט צו דינען דעם שטאַרקערן? הלואי, וואָלט עס אַנדערש געווען, אָבער אויף אַזעלכע זינד וועט מאַגעראָוו נישט מכפר זיין...

— אמת! כ'קאָן נישט אָפּלייקענען! — האָט דער שווערד־טרעגער געזאָגט — אַ שווערער אמת, אָבער דאָך אַן אמת! אַלע אַמאָליקע בוגדים זעגען מאַסנווייז צום קיניג אַריבער.

— דער אָרשער כאָראָנזשי — האָט דאָס פריילין ווייטער געזאָגט — האָט אויך זיין געוויסן נאָך אַ שרעקלעכערע עבֿרה,

ווי פירשט באָגוסלאַוו, ווייל הער קמיטשיץ האָט זיך דאָך אָנגעבאָטן אויפן קיניג די האַנט אויפצוהויבן, פאַר וואָס אַפילו דער פירשט האָט זיך דערשראָקן. שוין — קאָן אַ צופעליקע וווּנד דאָס רייכוואַשן?... אָט די האַנט וואָלט איך זיך געלאָזט אָפּהאַקן, אַז דאָס זאָל נישט זיין געווען... אָבער ס'איז געווען, עס איז און ס'וועט שוין אייביק בלייבן! גאָט האָט אים אַ פּנים געלאָזט לעבן טאַקע דערפאַר, כדי ער זאָל קאָנען פאַר זיינע זינד אָפּקומען... פעטער! פעטער! מיר וואָלטן דאָך זיך אַליין גענאַרט, ווען מיר וועלן זיך איינשמועסן, אַז ער איז ריין. און וואָס וואָלט דערפון אַרויסגעקומען? לאָזט זיך דען דאָס געוויסן אָפּנאַרן? זאָל געשען גאָטס רצון, וואָס עס איז צעריסן געוואָרן לאָזט זיך און דאַרף זיך מער נישט באַהעפטן! כ'בין גליקלעך, וואָס דער הער כאָראָנזשי לעבט... כ'בין מודה, ווייל עס ווייזט אויס, אַז גאָט האָט נאָך אינגאַנצן פון אים זיין חסד נישט אָפּגעטאָן... אָבער דאָס איז פאַר מיר גענוג! כ'וועל גליקלעך זיין, ווען כ'וועל הערן, אַז ער האָט זיך פון די זינד ריינגעוואַשן, אָבער קיין אנדער פאַרלאַנג, קיין אַנדער באַגער האָב איך נישט! ווען אַפילו די נשמה מיינע זאָל נאָך אַ ביסל ליידן... זאָל אים גאָט העלפן...

דאָ האָט אָלענקאַ מער נישט געקאָנט רעדן, ווייל אַ גרויס און יאָמערלעך געוויין האָט זי אָנגעכאַפּט, אָבער דאָס איז געווען דאָס לעצטע געוויין. זי האָט אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט אויפן האַרץ. און פון איצט אָן איז זי ביסלעכווייז ווידער געוואָרן רויק.

16. קאַפּיטל.

די האַרטנעקיקע נשמה פון ייִנגן ריטער האָט טאַקע נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם קערפּערלעכן לבוש און זי האָט אים נישט פאַרלאָזט. אַ חודש נאָכן צוריקקער קיין לוביטש האָבן הער אַנ־ד.שעיס וווּנדן זיך גענומען פאַרהיילן, נאָך פריער אָבער האָט ער צוריקגעוווּנען דאָס באַוווּסטזיין און אומקוקנדיק זיך איבער דער שטוב, האָט ער זיך תיכף אָנגעשטויסן, אַז ער איז שוין אין לוביטש.

דערנאָך האָט ער גערופן דעם טרייען סאַראַקאַ.

— סאַראַקאַ! — האָט ער געזאָגט — גאָט איז צו מיר דערבאַרעמדיק! כ׳פיל, אַז כ׳וועל נישט שטאַרבן!

— לויט באַפעל! — האָט דער אַלטער זעלנער געענטפערט, צעדריקנדיק אַ טרער מיט דער פויסט.

און קמיטשיץ האָט ווייטער געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— כ׳בין פאַר מײַנע זינד שוין אָפּגעקומען... כ׳זע עס בחוש, גאָט איז צו מיר דערבאַרעמדיק!

דערנאָך האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן, נאָר די ליפּן האָבן גע־שעפּטשעט אַ תּפילה.

— סאָראָקאָ! — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום ווידער זיך אָנגערופן.

— גרייט צו דינען, גנעדיקער האַר!

— און ווער איז דאָרט דאָ אין וואָדאָקטי?

— פאַראַן דאָס פרײַלײַן און דער הער ראָסיענער שווערד־טרעגער.

— געלויבט איז גאָט! איז עמיצער געקומען אַהער זיך פרעגן וועגן מיר?

— זיי האָבן אַהערגעשיקט פון וואָדאָקטי אַזוי לאַנג, ווי מיר האָבן נישט געזאָגט, אַז דער גנעדיקער האַר וועט געזונט זײַן.

— און דערנאָך האָבן זיי אויפגעהערט אַהערצושיקן?

— דערנאָך האָבן זיי אויפגעהערט.

דערויף האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן:

— זיי ווייסן נאָך גאָרנישט, אָבער זיי וועלן זיך פון מיר אַליין דערוויסן. דו האָסט דאָך קיינעם נישט געזאָגט, אַז איך האָב דאָ אַלס באַבינישט געקעמפט?

— ס'איז נישט געווען קיין באַפעל — האָט דער זעלנער געענטפערט.

— און די לאודער מיטן הער וואָלאָדיאָווסקי זענען נאָך נישט צוריקגעקומען?

— זיי זענען נאָך נישטאָ, אָבער זיי וועלן אַ ליאַדע טאָג אָנקומען.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט דער שמועס פון ערשטן טאָג. מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז הער קמיטשיץ שוין אויפגעשטאַנען און געגאַנגען אויף קוליעס. און דעם נאָענטסטן זונטאָג האָט ער זיך איינגעשפּאַרט צו פאָרן אין דער קירך.

— מיר וועלן פאָרן קיין אופּיטאַ — האָט ער געזאָגט צו סאָראָקאָן — ווײַל מ'דאַרף אָנהויבן פון גאָט און נאָך דער תּפילה וועלן מיר פאָרן קיין וואָדאָקטי.

סאָראָקאָ האָט זיך נישט דערוועגט צו פּראָטעסטירן, ער האָט נאָר געהייסן דעם וואָגן מיט היי אויסבעטן און הער אַזדושעי האָט זיך יום־טובדיק אויסגעפּוצט און זיי זענען געפאָרן.

זיי זענען אָנגעקומען צו דער צייט, ווייל עס זענען נאָך הייניק מענטשן געווען אין דער קירך. הער אַנדזשעי, אָנגעשפּאַרט אויף סאָראָקאָס אָרעם, איז צוגעגאַנגען ביז צום גרויס־אַלטאַר און אַנידערגעקניט אין דער קאָלאַטאָרן־באַנק; קיינער האָט אים נישט דערקענט, אַזוי שטאַרק האָט ער זיך פאַרענדערט; אַ פּנים האָט ער געהאַט זייער אַ מאָגערס, אַן אָפּגעצערטס, און דערביי האָט ער געטראָגן אַ לאַנגע באָרד, וועלכע איז אים בעת דער מלחמה און קרענק אָנגעוואַקסן. ווער עס האָט אויף אים אַ קוק־געטאָן, האָט געמיינט, אַז עפּעס אַ דורכפאָרנדיקער חשוב האָט אין דער קירך צו דער תּפילה אָפּגעטרעטן; וואָרים עס האָבן זיך אומעטום געדרייט אַ פולע דורכפאָרנדיקע שלאַכטשיצעס, וועלכע האָבן זיך פון דער מלחמה אין זייערע נחלאות אומגעקערט.

אָבער די קירך איז ביסלעכוויז פול געוואָרן מיט עולם און מיט דער אַרומיקער שלאַכטע; דערנאָך זענען זיך צונויפגעקומען אויך גוט־באַזיצער פון ווייטע מקומות, ווייל אין אַ סך ערטער זענען די קירכעס געווען אָפּגעברענט און מ'האָט אַזש קיין אופּיטאָ געמוזט קומען מתפלל זיין.

פאַרזונקען אין דער תּפילה האָט קמיטשיץ קיינעם נישט געזען; פון דער פרומער פאַרקלערטקייט האָט אים אויפגעוועקט ערשט דאָס סקריפּען פון דער באַנק אונטער די פיס פון פערזאָנען, וואָס זענען אין איר אַריינגעגאַנגען.

דעמאָלט האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק־געטאָן און דערזען איבער זיך אָלענקאַס זיסע און אומעטיקע פּנים.

זי האָט אים אויך באַמערקט און תּיכּף דערקענט, ווייל זי האָט זיך מיט אַ מאָל צוריקגעצויגן, ווי איבערגעשראָקן; צוערשט איז אַ פלאַם און דערנאָך אַ טויט־בלאַסק״ט אַרויסגעטרעטן אויף איר פּנים, אָבער דורך אַ העכסטער אָנשטרענגונג פון ווילן האָט

זי דעם רושם איבערוועלטיקט און הארט נעבן אים אַנידערגעקניט; דאָס דריטע אָרט האָט פאַרנומען דער שווערד-טרעגער.

סיי קמיטשיץ און סיי זי האָבן די קעפּ אַראָפּגעבויגן און אָנשפאַרנדיק דאָס פּנים אויף די הענט, האָבן זיי איינער נעבן צווייטן שטילשווייגנדיק געקניט, און די הערצער האָבן זיי געקלאַפּט אַזוי, אַז ביידע האָבן זיי אויסגעצייכנט געהערט. לסוף האָט הער אַנדזשעי דער ערשטער זיך אָנגערופן:

— געלויבט איז יעזוס קריסטוס!

— אויף אימער און אייביק... — האָט אָלענקאַ שטילערהייט געענטפערט.

און מער האָבן זיי צו זיך נישט גערעדט.

דערווייל איז דער קסיאָנדז אַרויס מיט דער דרשה; קמיטשיץ האָט געהאָרכט, אָבער נישט-געקוקט אויף די אָנשטרענגונגען, האָט ער אי נישט געהערט און אי נישט פאַרשטאַנען. אָט איז זי, די אויסגעחלומטע, נאָך וועלכער ער האָט צייט יאָרן שוין געבענקט, וועלכע איז אים קיינמאָל פון די געדאַנקען און פון הארצן נישט אַרויס, געווען איצט האַרט ביי זיין זייט. און ער האָט זי געפילט נעבן זיך און נישט די העזה געהאַט צו איר מיט די אויגן זיך אַ קער צו געטאָן, ווייל ער איז געווען אין דער קירך, אָבער האַלטנדיק פאַרמאַכט די אויגן האָט ער מיטן אויער איר אָטעם אויפגעכאַפּט.

— אָלענקאַ! אָלענקאַ איז נעבן מיר! — האָט ער צו זיך געזאָגט — אָט האָט אונז גאָט באַשערט נאָך דער צעשיידונג אין דער קירך זיך צו טרעפן...

און אין די געדאַנקען און אין האַרצן האָט ער אָן אויפהער איבערגעחזרט דעם דאָזיקן נאָמען:

— אָלענקאַ, אָלענקאַ, אָלענקאַ!

און ווײַלנווייז האָט אַ געוויין פון פרייד אים פאַרן גאָרגל אָנגעכאַפּט, באַלד ווידער האָט ער מיט אַזאַ התלהבות און ברען אַ שבח והודיה צו גאָט געגומען אָפּגעבן, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין, וואָס מיט אים טוט זיך.

און זי האָט אַלץ געקניט מיט אַ פּנים פאַרבאָרגן אין ד' הענט

דער קסיאָנדז האָט געענדיקט די דרשה און איז אַראָפּ פון דער אַמבאָנע.

מיט אַמאָל האָט פאַר דער קירך זיך דערהערט אַ געקלאַנג פון כּלי - זין און אַ געהילך פון פערדישע טריט. עמיצער האָט פאַר דער שוועל פון דער קירך אויסגעשריגן: „לאודאַ קערט צוריק!" — און באַלד האָט אין מקום - קדוש גופא זיך דורכגע- טראָגן אַ געמורמל, דערנאָך אַ ליאַרעם, דערנאָך וואָס אַ מאָל הילכיקערע אויסרופן;

— לאודאַ! לאודאַ!

די מאַסן האָבן זיך גענומען וויגן, אַלע קעפּ האָבן זיך צו דער טיר אַ קער - געטאָן.

אין - דעם האָט אין דער טיר אַ ווימל געטאָן פון מענטשן און אַ באַוואָפנטע מחנה האָט זיך באַוויזן אין דער קירך. בראש זענען מיט אַ געקלימפּער פון די שפּאָרנס געגאַנגען הער וואָלאָ- דיאָווסקי און הער זאַגלאָבאַ. דער עולם האָט פאַר זיי געמאַכט אַ וועג, און זיי זענען דורך דער גאַנצער קירך דורכגעגאַנגען, האָבן פאַרן אַלטאַר אַנידערגעקניט, אַ קורצע ווײַלע תּפילה - געטאָן, דער- נאָך זענען זיי ביידע אין די זאַקריסטיע אַרײַן.

די לאודער האָבן זיך פאַרהאַלטן אין מיטן דער קירך און פון יראת - הכבוד - וועגן זיך מיט קיינעם נישט באַגריסט.

אַך! וואָס פאַר אַ מראה זיי האָבן געהאַט! ביידע פּנימער אָפּגעברענט פון די ווינטן, אָפּגעמאָגערט פון די מלחמה - מאַטער נישן, צעשניטן דורך די שווערדן פון די שוועדן, דייטשן, אונ- גאַרן, וואָלאַכיער. די גאַנצע געשיכטע פון דער מלחמה און גבורות פון דער גאָטספאָרכטיקער לאודאַ איז מיט דער שווערד אויף זיי געווען פאַרשריבן. אָט זענען די טריבע בוטרימס, אָט די סטאַקיאַנס, דאָמאַשעוויטשס, גאַשטשעוויטשס, פון אַלעמען צו ביסלעך. אָבער קוים אַ פערט חלק איז צוריקגעקומען פון די, וואָס זענען אַנימאָלט אונטער וואָלאָדיאָווסקיס קאָמאַנדע פון לאודאַ אַרויס.

אַ סך ווײַבער זוכן אומזיסט זייערע מענער, אַ סך זקנים קוקן אומזיסט אויס אויף זייערע זין, דאָס געוויין ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, ווײַל אויך די, וואָס געפינען זייערע אייגענע, וויינען פון שמחה. די גאַנצע קירך איז פול געוואָרן מיט אַ כלי־פּעריי; פון צייט צו צייט האָט עפּעס אַ שטים אַ טייערן נאָמען אויסגעשריגן און אַנטשוויגן געוואָרן, און זיי שטייען אין רום, אָנגעשפּאַרט אויף די שווערדן, אָבער אויך זיי רינען איבער די טיפע שניטן טרערן אויף די וואָנסעס אַראָפּ.

אין־דעם האָט מען אַ ריס־געטאָן דעם גלאָק ביי דער טיר פון דער זאַקריסטיע און דאָס געוויין און געטומל האָבן זיך איינגעשטעלט. אַלע האָבן אַנידערגעקניט, דער קסיאָנדז איז אַרויס די תּפילה אָפּריכטן און נאָך אים זענען אין קאָמזשעס אַרויסגעקומען דער הער וואָלאָדיאָווסקי און הער זאַגלאָבאַ און דאָס דאַנק־געבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

אָבער דער קסיאָנדז איז אויך געווען גערירט און ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל געווענדעט צום פאָלק, זאָגנדיק: „גאָט איז מיט אייך!" האָט זיין שטים אַ ציטער געטאָן; און אַז עס איז געקומען צו דער עוואַנגעליע און אַלע שווערדן אויף אַ מאָל האָבן זיך פון די שיידן אַרויסגעצויגן צום צייכן, אַז לאודאַ איז תּמיד גרייט צו פאַרטיידיקן די אמונה און אין דער קירך איז אַזש ליכטיק געוואָרן פון שטאָל, האָט ער קוים געקאָנט די עוואַנגעליע אָפּזינגען.

ביי אַן אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם האָט מען דערנאָך די תּחינות אָפּגעזונגען און לסוף האָט דאָס געבעט זיך געענדיקט, אָבער נאָכדעם, ווי דער קסיאָנדז האָט דעם סאַקראַמענט אין ציבאָריום אַריינגעלייגט האָט ער שוין נאָך דער לעצטער עוואַנגעליע זיך צום עולם אויסגעדרייט צום צייכן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן.

ס'איז געוואָרן שטיל; און דער קסיאָנדז האָט אין האַר־ציקע ווערטער צוערשט באַגריסט די צוריקקערנדיקע זעלנער, לסוף האָט ער מוסר־מודיע געווען אַז עס וועט פאָרגעלייענט

וערן אַ קיניגלעכער בריוו, וועלכער איז דורכן פּאַלקאָווניק זין לאודער חייל מיטגעבראַכט געוואָרן.

ס'איז געוואָרן נאָך שטילער און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך איבער דער גאַנצער קירך דערהערט אַ שטים פון אַלטאַר:

„מיר, יאַן קאַזשימיעזש, קיניג פון פּוילן, גרויס - פירשט פון ליטע, מאַזאָוויע, פּרייסן א. אַ. וו. א. אַ. וו. א. אַ. וו. אין נאָמען פון פאָטער, און זון, און הייליקן גייסט, אמן.

„פּונקט ווי די מעשים - תעתועים פון שלעכטע מענטשן קעגן מאַיעסטעט און פאָטערלאַנד דאַרפן שוין בײַם לעבן, נאָך איידער זיי וועלן פאַרן הימלישן בית - דין זיך שטעלן, זייער שטראָף באַקומען, אַזוי איז עס אויך מן היושר, אַז די מעשים טובים זאָלן נישט בלײַבן אָן אַ שכר, וועלכער זאָל די מעשים טובים גופא צוגעבן דעם גלאַנץ פון רום, און די קומענדיקע דורות חשק דעם שיינעם בײַשפּיל נאָכצוטאָן.

„דעריבער מאַכן מיר באַקאַנט דעם גאַנצן ריטערלעכ-שטאַנד, און באַזונדערס די מענטשן, וואָס פאַרנעמען מיליטערישע און ציווילע אַמטן, ווי הויך און ווי אָנגעזען זיי זאָלן נישט זײַן, און אויך אַלע בירגער פון ליטווישן גרויס - פירשטנטום און פון אונזער זשאַמעטער סטאַראָסטווע, אַז וואָסערע עבֿרות עס זאָל נישט האָבן אויפן געוויסן דער וויל - געבוירענער און אונ־זייער טייערער הער אַנדזשעי קמיטשיץ, דער אָרשער כאָראָנזשי דאַרפן זיי, צוליב זײַנע שפּעטערדיקע פאַרדינסטן און רומפולע מעשים, פאַרשווינדן פון מענטשלעכן זכרון, און דערבײַ זאָל גאָר-נישט געמינערט ווערן פון דעם דערמאָנטן אָרשער כאָראָנזשיס כבוד און גוטן נאָמען".

דאָ האָט דער קסיאָנדז מפסיק געווען און אַ קוק - געטאָן צו דער באַנק, אין וועלכער דער הער קמיטשיץ איז געזעסן, און דער קמיטשיץ האָט זיך אויף אַ ווײַלע אויפגעשטעלט און באַלד ווידער זיך געזעצט, זײַן שוואַכן קאָפּ אויף דער באַנק אָנגעשפּאַרט און די אויגן צוגעמאַכט, ווי אַ פאַרחלשטער.

און אַלעמענס אויגן האָבן זיך צו אים אַ קער - געטאָן, אַלעמענס מײַלער האָבן גענומען שעפּטשען:

— הער קמיטשיץ! קמיטשיץ! קמיטשיץ! דאָרט, נעבן די בילעוויטשס!

אָבער דער קסיאָנדז האָט אַ מאַך - געטאָן מיט דער האַנט און ביי אַ טיפער שטילקייט ווייטער גענומען לייענען;

„דער דאָזיקער אָרשער כאָראָנזשי האָט אַפילו אין אָנהויב פון דעם אומגליקלעכן שוועדישן איבערפאַל זיך געשטעלט אויף דער זייט פון פירשט וואָיעוואָדאַ, ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן צוליב זיין פריוואַטן נוצן, נאָר מיט די ערלעכסטע כוונות פאַרן פאָטערלאַנד, דערפירט צום דאָזיקן פעלער דורך דעם אייגענעם פירשט, וועלכער האָט אים איינגעשמועסט, אַז נאָר דער וועג, אויף וועלכן דער פירשט אַליין איז געגאַנגען, קאָן ראַטעווען די רע-פובליק.

„און אָנקומענדיק צום פירשט באָגוסלאַוו וועלכער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ בוגד און דעריבער אַלע פיינטלעכע אינטריגעס קעגן פאָטערלאַנד פאַר אים אויפגעדעקט, האָט דער דערמאָנטער אָרשער כאָראָנזשי נישט בלויז נישט צוגעזאָגט די הענט אויף אונזער פערזאָן אויפצוהייבן, נאָר דעם פירשט גופא מיט אַ באַ-וואָפנטער האַנט פאַרכאַפּט, כדי נעמען נקמה פאַר אונז און פאַרן געפייניקטן פאָטערלאַנד”...

— גאָט! זיי מיר מוחל מיינע זינד! — האָט אַ ווייבערישע שטים האַרט נעבן הער אַנדזשעי אויסגערופן, און אין דער קירך האָט ווידער אַ געמורמל פון פאַרוואונדערונג זיך דורכגעטראָגן.

דער קסיאָנדז האָט ווייטער געלייענט,

”פאַרוואונדעט פון אַ שאָס דורכן אייגענעם פירשט, איז ער, נאָך אינגאַנצן נישט קיין געזונטער, אַוועק קיין טשענסטאָכאָוו און דאָרט מיט דער אייגענער ברוסט דעם הייליקסטן מקום באַשיצט, געבנדיק אַלעמען אַ ביישפּיל פון אויסהאַלטעוודיקייט און מסירת-נפש; דאָרט האָט ער אויך מפקיר געווען דאָס געזונט און לעבן און דעם גרעסטן שטורעם - האַרמאַט מיט פולווער אויפגעריסן, און ביים דאָזיקן איינשטעלעניש האָבן אים די אַכזריותדיקע שונאים געכאַפּט און צום טויט פאַרמשפּט און מיט פייער געברענט”...

דאָ האָט שוין אַ ווייבעריש געוויין זיך דאָ און דאָרט איבער דער קירך דערהערט. אָלענקאַ האָט זיך אין גאַנצן גע-וואָרפן ווי אין קדחת.

„מיט דער הילף פון דער הימלישער מלכה איז ער אָבער פון די דאָזיקע אַלע סכנות ניצול געוואָרן און אַוועק צו אונז קיין שלעזיע. און ווען מיר האָבן צוריקגעקערט אין ליבן פּאָטער-לאַנד, בעת דער פאַלשער שונא האָט אונז אַ פאַרבאָרגענע סכנה צוגעגרייט, האָט דער דערמאָנטער אָרשער כאָראַנזשי זאַלבעפירט בלויז אויף דער גאַנצער פיינטלעכער מאַכט זיך געוואָרפן און אַזוי אַרום אונזער פּערזאָן מציל געווען. דאָרט איז ער מיט שווערדן געשניטן און געשטאָכן געוואָרן, ביז איבער די קני אין אייגענעם ריטערלעכן בלוט זיך געבאָדן און מ'האָט אים פון שלאַכט - פעלד אָן סימנים פון לעבן אַוועקגעטראָגן"...

אָלענקאַ האָטביידע הענט צו די שלייפן צוגעלייגט און אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, געמומען אין פאַרטרוקנטן מויל לופט כאַפּן. פון איר ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קרעכץ:

— גאָט! גאָט! גאָט!

און ווידער האָט אָפּגעהילכט די שטים פון קסיאָנדז, וועל-כע איז אויך וואָס אַמאָל מער געווען גערירט;

„און אַז ער איז אַ דאַנק אונזער באַמיונג געזונט געוואָרן האָט ער אויך דעמאָלט נישט גערוט, נאָר ווייטערדיקע מלחמות געפירט, מיט אָן אומגעהייערן רום אין יעדער שלאַכט זיך געש-לאָגן אַזוי, אַז די העטמאַנעס פון ביידע פעלקער האָבן אים פאַר די ריטער פאַר אַ מוסטער אַרויסגעשטעלט, און נאָכדעם ווי וואַר-שע איז מיט מזל איינגענומען געוואָרן, איז ער אונטער דעם צוגעטראַכטן נאָמען באַבינִיטש קיין פרייסן אַרויסגעשיקט גע-וואָרן"...

ווען דער דאָזיקער נאָמען האָט אין דער קירך אָפּגעהילכט, איז דאָס מענטשלעכע געמורמל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רויש פון כוואַליעס. איז באַבינִיטש טאַקע ער? יענער מחבל פון די שוועדן, אויסלייזער פון וואָלמאָנטאָוויטשע, זיגער אין אַזויפיל שלאַכטן, איז טאַקע קמיטשיץ? דאָס גערויש איז גרע"אָרן וואָס

אַ מאָל גרעסער, דער עולם האָט זיך גענומען שטופּן צום אָלטאַר, כּדי אים בעסער צו זען.

זאָל אים גאָט בענטשן! זאָל אים גאָט בענטשן! — האָבן הונדערטער שטימען זיך אָנגערופן.

דער קסיאָנדז האָט זיך אַ קער־געטאָן צו דער באַנק און איבערגעצלמט דעם הער אַנדזשעי, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף דער באַנק און מער אויף אַ טויטן, ווי אויף אַ לעבעדיקן ענלעך געווען, ווייל די נשמה איז אים פון גדולה אויסגעגאַנגען און אין די הימלען אַוועקגעפלויגן.

דערנאָך האָט דער גלח ווייטער געלייענט:

„דאָרט האָט ער דאָס פייגטלעכע לאַנד מיט פייער און שווערד חרוב געמאַכט צום נצחון ביי פּראָסטקי דער עיקר מיט געהאָלפן, דעם פירשט באָגוסלאַוו מיט דער אייגענער האַנט באַזיגט און געכאַפּט, דערנאָך איז ער אין אונזער זשאַמעטער סטאַראָסטווע גערופן געוואָרן, און וואָסערע אומגעווײנלעכע פאַרדינסטן ער האָט אָפּגעגעבן, וויפיל שטעט און דערפער ער האָט פון שונאס האַנט מציל געווען, וועגן דעם דאַרפן די דאָרטיקע תושבים צום בעסטן וויסן”.

— מיר ווייסן! מיר ווייסן! מיר ווייסן! — האָט אין דער גאַנצער קירך געהילכט.

— שטיל! — האָט דער קסיאָנדז געזאָגט און אויפגעהויבן דעם קיניגליכן בריוו אין דער הויך.

„נעמענדיק בכן אין באַטראַכט (האָט ער ווייטער געלייענט) אַלע זיינע גרויסע פאַרדינסטן לגבי אונזער מאַיעסטעט און פאָטערלאַנד, אַזעלכע גרויסע, אז אַ זון וואָלט פאַר אַן אייגענעם טאַטע און מאַמע קיין גרעסערע נישט געקאָנט האָבן, האָבן מיר באַשלאָסן זיי מפרסם צו זיין אין דאָזיקן בריוו אונזערן, כּדי אַזאַ גרויסער ריטער, פאַרטיידיקער פון דער אמונה, מאַיעסטעט און רעפּובליק, זאָל מער נישט גערודפט ווערן דורך מענטשלעכער אומפּריינטשאַפט, נאָר געניסן פון דעם כּשר פאַרדינטן רום און אַלגעמיינער ליבשאַפט. און ביז דער קומענדיקער סיים וועט די דאָזיקע ווונטשן אונזערע באַשטעטיקן און יעדע פּגימה פון אים

אראָפּנעמען און ביז מיר װעלן קאָנען אים באַלױנען מיט דער אופיטער סטאַראָסטװע, װעלכע איז פון קײנעם נישט פאַרנומען, בעטן מיר שטאַרק די טײערע בירגער פון אונזער זשאַמעטער סטאַראָסטװע, אַז זײ זאָלן אין זײערע הערצער און מוחות באַ־האַלטן די דאָזיקע װערטער אונזערע, װעלכע די גערעכטיקײט אַלײן האָט אונז דיקטירט זײ איבערצושיקן לזכרון".

דאָ האָט דער קסיאָנדז געענדיקט און אױסדרײענדיק זיך צום אַלטאַר האָט ער גענומען מתפּלל זײן; הער אַנדזשעי אָבער האָט פּלוצלינג דערשפּירט, אַז עפּעס אַ װײכע האַנט כאַפּט־אָן זײן האַנט. ער האָט אַ קוק־געטאָן: דאָס איז געװען אָלענקאַ און נאָך אײדער ער האָט צײט געהאַט תופס צו זײן, װאָס עס טוט זיך, און צוריקצוציען די האַנט, האָט דאָס מײדל זי אױפגעהױבן און פאַר אַלעמען, פאַרן אַלטאַר און פאַרן עולם זי צום מױל צוגעדריקט.

— אָלענקאַ! — האָט דער פאַרבליפטער קמיטשיץ אױס־געשריגן.

אָבער זי האָט זיך אױפגעשטעלט און פאַרשטעלנדיק דאָס פּנים מיטן שלײער, האָט זי צום שװערד־טרעגער געזאָגט:

— פּעטער! לאָמיר גײן פון דאַנען אַװעקגײן!

און זײ זענען אַרױס דורך דער טיר פון דער זאַקריסטיע.

הער אַנדזשעי האָט געפּרװט זיך אױפשטעלן, איר נאָכגײן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט... די כּוחות האָבן אים אינגאַנצן פאַרלאָזט.

דערפאַר אָבער האָט ער זיך מיט אַ פערטל שעה שפּעטער געפונען פאַר דער קירך, געהאַלטן בײ די הענט דורכן הער װאָלאָדיאָװסקי און הער זאַגלאָבאַן.

די מאַסן בירגער קלײן־שלאַכטע און פּראָסטן פאָלק האָבן זיך אַרום זײ געשטופּט; די פרױען — קוים האָט אײנע באַװיזן זיך אַװעקצורײסן פון דער ברוסט פון מאַן, װאָס איז פון דער מלחמה צוריקגעקומען, איז זי, געטריבן פון נײגעריקײט, מיט װעלכער איר ... מין צײכנט זיך אױס, געלאָפן אַ קוק־טאָן אױף דעם אַמאָל שרעקלעכן קמיטשיץ, איצט אױסלײזער פון לאודאַ

און קומענדיקן סטאַראָסטע. דער' קרייז איז וואָס אַמאָל ענגער געוואָרן, ביז די לאודער האָבן לסוף געמוזט דעם ריטער אַרומ-רינגלען און באַשיצן פון אַנדראַנג.

— הער אַנדזשעי! — האָט הער זאַגלאָבאַ אויסגערופן — אָט האָבן מיר אייך אַ מתנה פון וועג מיטגעבראַכט. איר אַליין האָט זיך אויף אַזאַ מתנה נישט געריכט! און איצט קיין וואָדאָקטי, קיין וואָדאָקטי אויף תנאים און חתונה!

הער זאַגלאָבאַס ווייטערדיקע ווערטער זענען פאַרהילכט געוואָרן דורך דעם הויכן אויסגעשריי, וואָס אַלע לאודער האָבן מיט אַמאָל אונטער דער אָנפירונג פון יוזוואַ אַז-פוס אַרויס-געלאָזט:

— זאָל לעבן הער קמיטשיץ!

— זאָל לעבן! — האָבן די מאַסן איבערגעחזרט — אונזער אופּיטער סטאַראָסטע זאָל לעבן! זאָל לעבן!

— קיין וואָדאָקטי! אַלע! — האָט הער זאַגלאָבאַ ווידער אַ דונער-געטאָן.

— קיין וואָדאָקטי! קיין וואָדאָקטי! — האָבן טויזנט מיילער געשריגן — אויף אַ חתונה קיין וואָדאָקטי, מיטן הער קמיטשיץ, מיט אונזער אויסלייזער! צום פרייליין! קיין וואָדאָקטי!

און ס'איז געוואָרן אַ גרויס גערודער. לאודאַ האָט זיך געזעצט אויף די פערד; פון די מאַסן זענען אַלע צוגעלאָפן צו די פורן, בריטשקעס, פלעכט-וועגנס, רייט-פערדלעך. די, וואָס זענען געגאַנגען צופוס האָבן גענומען הענדום-פּענדום לויפן דורך וועלדער און פעלדער. דאָס געשריי: „קיין וואָדאָקטי!" האָט געהילכט אין גאַנצן שטעטל. די וועגן האָבן געווימלט פון די פאַרשיידנפאַרביקע קופּעס מענטשן.

הער קמיטשיץ איז געפאָרן אין וואָגן צווישן וואָלאָדיאָווסקין און זאַגלאָבאַן און יעדעס מאָל אַן אַנדערן פון זיי אַרומגענומען. ר'עדן האָט ער נאָך נישט געקאָנט, ווייל ער איז געווען צופיל גע-רירט, אַגב האָבן זיי אַזוי געיאָגט, גלייך ווי טאָטערס וואָלטן אויף אַ־פּיטאַ אָנגעפאַלן. אַלע בריטשקעס און פורן אַרום זיי האָבן אויך אַזוי געיאָגט.

זיי זענען שוין געווען ווייט הינטער דער שטאָט, ווי הער וואָלאָדיאָווסקי האָט מיט אַ מאָל זיך אַראָפּגעבויגן צו קמיטשיצס אויער:

— יענדרעק — האָט ער געפרעגט — איר ווייסט נישט אַ מאָל, ווו יענע איז?

— אין וואָדאָקטי! — האָט דער ריטער געענטפערט.

הער מיכאַלס וואנסעלעך האָבן זיך גענומען אַזוי באַוועגן, אַז מ'האָט נישט געוווסט, צי דאָס איז פון ווינט, אָדער פון גע־רירטקייט, גענ״ג, אַז אויפן גאַנצן וועג האָבן זיי נישט אויפגעהערט אַרויסצוקוקן זיך פאָרויס ווי צוויי אָלן, אָדער ווי די שפּירהערנער פון אַ כראַבאַנשטש.

הער זאַגלאָבאַ האָט פון שמחה גענומען זינגען מיט אַזאַ מוראדיקן באַס, אַז די פערד האָבן זיך אַזש איבערגעשראָקן:

Dwoje nas było Kasieńko, dwoje na świecie,
Ale mi się coś wydaje, że jedzie trzecie.

אַנושאַ איז דעם זונטאָג נישט געווען אין דער קירך, ווייל זי האָט נאָך דער ריי נאָך געמוזט בלייבן ביים שלאָפן פרייליין קולוויעץ, ביי וועלכער זי האָט זיך איין טאָג נאָכן אנדערן געביטן מיט אַלענקאַן.

דעם גאַנצן אין - דער - פרי איז זי געווען פאַרנומען מיט אַכטונג - געבן און פאַרזאָרגן די קראַנקע, אַזוי, אַז זי האָט ערשט שפּעט זיך געקאָנט נעמען צום תפלה - טאָן.

קוים האָט זי אָבער אַרויסגעזאָגט דעם לעצן „אמן”, ווי ס'האָט פאַרן טויער זיך דערהערט אַ געפּילדער און אָלענקאַ האָט ווי אַ וויכער אין שטוב אַריינגעפּראַלט.

— יעזוס, מאַריאַ! וואָס איז געשען?! — האָט פרייליין באַזשאָבאָהאַטאַ, אַ קוק - טוענדיק אויף איר, אַ געשריי - געטאָן.

— אַנושאַ! ווייסט, ווער הער באַביניטש איז?.. דאָס איז הער קמיטשיץ!

אַנושאַ איז פון אָרט אויפגעשפּרונגען.

— ווער האָט דיר געזאָגט?

— מ'האָט געלייענט אַ קיניגלעכן בריוו... הער וואָלאָדיאָוו־סקי האָט מיטגעבראַכט... די לאודער...

— איז הער וואָלאָדיאָווסקי צוריקגעקומען?.. — האָט אנושאַ אויסגעשריגן.

און מיט אַ מאָל זיך געוואָרפן אָלענקאַן אין די אָרעמס אַריין.

אָלענקאַ האָט דעם דאָזיקן אויסברוך פון גדולה אָנגענומען פאַר אַ באַווייז פון אַנושאַס ליבשאַפט צו איר, איבעריקנס איז זי געווען ווי פון אַ היץ אָנגעכאַפּט, כמעט נישט ביים באַוווסטזיין. דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט און די ברוסט האָט זיך געהויבן, ווי פון גרויסער פאַרמאַטערטקייט.

זי האָט גענומען דערציילן אָן אַ סדר און מיט אַן אָפּגע־האַקטער שטים אַלץ, וואָס זי האָט געהערט אין דער קירך, איז דערביי ווי אַ צעדולטע איבער דער שטוב געלאָפן און יעדע ווייַלע איבערגעחזרט: „איך בין אים נישט ווערט!“ — מאַכנדיק זיך שאַרפע פאַרוווּרפן, וואָס זי האָט אים מער פון אַלע געקריוודעט, וואָס זי האָט אַפילו נישט געוואָלט פאַר אים מתפלל זיין־דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געבאָדן אין אייגענעם בלוט פאַר דער הייליקער בתולה, פאַרן פאָטערלאַנד און פאַרן קיניג.

אומזיסט האָט אַנושאַ, נאָכלויפנדיק איר איבער דער שטוב, געפרווּוט זי טרייסטן. זי האָט אַלץ אינאיינעם איבערגעחזרט, אַז זי איז אים נישט ווערט, אַז זי וואָלט נישט די העזה געהאַט אים צו קוקן אין די אויגן אַריין; אָדער גאָר זי האָט נאָך אַ מאָל גע־נומען דערציילן וועגן באַבינישטשס מעשים, ווי אַזוי ער האָט באָ־גוסלאַוון פאַרכאַפּט, ווי אַזוי ער האָט נקמה גענומען, ווי אַזוי ער האָט דעם קיניג מציל געווען, וועגן פּראָסטקי און וואָלמאָנטאָווי־טשע און טשענסטאָכאָוו; און לסוף האָט זי ווידער גענומען רעדן וועגן אירע זינד, און איר פאַרביסנקייט, פאַר וועלכער זי מוז אין קלויסטער אָפּקומען.

אירע ווייטערדיקע טענות האָט איבערגעריסן הער טאָמאַש, וועלכער האָט ווי אַ באָמבע אין דער שטוב אַריינגעפלאַצט און אויסגעשריגן:

— גאָט מײַנער! גאַנץ לאָודזש שיט זיך אַהער צו אונז! זײ זענען שוין אין דאָרף, און באַבינישט איז מסתמא מיט זײ!

אין אַ װײַלע אַרום האָט אַ װײַטער אױסגעשרײ טאַקע אָנ־געזאָגט דאָס דערנענטערן זיך פֿון עולם. דער שװערד־טרעגער האָט געכאַפּט אַלענקאַן און זי אױפֿן גאַנעק אַרױסגעפֿירט; אַנושקאַ איז זײ נאָכגעלאָפֿן.

אין דעם האָבן מאַסן מענטשן און פֿערד זיך באַװיזן אין דער װײַטקײט און װי װײַט דאָס אױג האָט געגרײכט, איז דער גאַנצער װעג מיט זײ געװען אָנגעפּאַקט. זײ זענען לסוף צום פּלאַץ צוגעלאָפֿן. די, װאָס זענען געגאַנגען צו פֿוס, האָבן מיט שטורעם פֿאַרן גראָבן און די פּלױטן זיך אַריבערגעקריגן; די װעגנס האָבן זיך געדריקט אין טױער, און דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשריגן, די היטלען אין דער הײך געװאָרפֿן.

לסוף האָט זיך באַװיזן די באַװאָפֿנטע מחנה פֿון די לאָודער, װאָס האָבן אַרומגערינגלט אַ װאָגן, אין װעלכן עס זענען געפֿאָרן דרײַ מאַנספּילן: הער קמיטשיץ, הער װאָלאָדיאָװסקי און הער זאַגלאָבאַ.

דער װאָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל װײַטער, װײַל פֿאַרן גאַנעק האָבן זיך שוין אַזױ פֿיל מענטשן געהאַט אָנגעפּאַקט, אַז מ׳האָט שוין נישט געקאָנט נאָענט צופֿאָרן. זאַגלאָבאַ מיט װאָ־לאָדיאָװסקין זענען אַרױסגעשפּרונגען די ערשטע און העלפֿנדיק קמיטשיצן זיך אַראָפּזעצן, האָבן זײ אים באַלד פֿאַר די אָרעמס אָנגעכאַפּט.

— מאַכט אַ װעג! — האָט זאַגלאָבאַ אַ געשרײ געטאָן.

— מאַכט אַ װעג! — האָבן די לאָודער איבערגעחזרט.

די מענטשן האָבן זיך תּיכּף אָװעקגערוקט, אַזױ אַז אין דער מיט פֿון עולם האָט זיך געבילדעט אַ פּוסטער װעג, איבער װעלכן די בײדע ריטער האָבן קמיטשיצן אַזש ביז צום גאַנעק געפֿירט. ער האָט זיך געװאַקלט און איז זײער בלאַס געװען, אָבער ער איז געגאַנגען מיט אַן אױפֿגעהױבענעם קאָפּ, אַ צעטומלטער און אַ גליקלעכער אײנגאײנעם.

אָלענקאַ האָט זיך אין דער זיר אָנגעשפּאַרט און אָנמעכטיק די הענט איבערן קלייד אַראָפּגעלאָזט; אָבער אַז ער איז שוין געווען נאָענט, אַז זי האָט אַ קוק געטאָן אין פּנים פון דאָזיקן אומגליקלעכן מענטש, וועלכער האָט נאָך אַזוי פיל יאָרן פון צעשיידונג זיך איצט דערנענטערט ווי אַ קדוש, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, האָט אַ שלוכצן אויפסנייַ איר ברוסט אויפגעטרייסלט. ער האָט פון שוואַכקייט, פון גדולה און צעמישטקייט אַליין נישט געוווּסט וואָס ער זאָל זאָגן, אַרייַנקומענדיק אין גאַנעק האָט ער דעריבער מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים נאָר איבערגעחזרט:

— נו וואָס, אָלענקאַ, נו וואָס?

זי ווידער האָט זיך פּלוצלינג פאַר אים צו די קני אַראָפּגעלאָזט.

— יַנדרוש! איך בין נישט ווערט דייַנע ווונדן צו קושן!

אָבער אין דער רגע האָט דער ריטער זייַנע אויסגעשעפּטע כּוחות צוריק באַקומען, ער האָט זי פון דער ערד ווי אַ פעדערל אַ כאַפּ - געטאָן און צו דער ברוסט צוגעדריקט.

איין הילכיק אויסגעשריי, פון וועלכן ס'האָבן אַ ציטער - געטאָן די ווענט פון די הייזער און די רעשט בלעטער, וואָס זענען פון די ביימער אַראָפּגעפאַלן, האָט אַלעמענס אויערן פאַרטויבט. די לאַודער האָבן גענומען קנאַלן פון פּיסטאָלעטן, היטלען זענען געפלויגן אין דער הייך, אומעטום האָסטו נאָר געזען צעפלאַמטע פּנימער, ברענענדיקע אויגן און אָפענע מיילער, וואָס האָבן געשריגן:

— זאָל לעבן קמיטשיץ! זאָל לעבן פרייליין בילעוויטש! זאָל לעבן דאָס יינגע פּאָרל!

— זאָלן לעבן צוויי פּאָרלעך! — האָט זאַגלאָבאַ אַ דונער-געטאָן.

אָבער זייַן שטים איז פאַרלוירן געגאַנגען אין אַלגעמיינעם שטורעם.

וואָדאָקטי איז געוואָרן ענלעך אויף אַ לאַגער. אַ גאַנצן טאָג האָט מען אויפן באַפעל פון שווערד - טרעגער געקוילעט שעפּסן און אָקסן, מ'האָט אַרויסגעגראָבן פון דער ערד פעסלעך מעד און

ביר. אין אָוונט האָבן זיך אַלע געזעצט צום באַל, די עלטערע און פני אין די שטובן, די ייִנגערע אין חדר פון דער דינערשאַפט, דער פּראָסטער עולם האָט זיך אויך ביי פּייער־שטויסן אויפן הויף משמח געווען.

ביים הויפּט־טיש האָט מען געטרונקען לכבוד צה״ל׳ס פּליט־לעכע פאַרלעך און ווען די אויפגעדו־מטקייט האָט שוין דערגרייכט די העכסטע מדרגה, האָט הער זאַגלאָבאַ נאָך געהאַלטן דעם ווייטערדיקן טאָסט:

— צו אייך ווענד איך זיך, חשובער הער אַנדזשעי און צו אייך, אַלטער פּריינט, הער מיכאל! ס׳איז נישט גענוג געווען די ברוסטן אונטערצושטעלן, בלוט צו פאַרגיסן, די שונאים צו פאַרטיליקן! אייער אַרבעט איז נאָך נישט פאַרענדיקט, ווייל אויב אַ סך מענטשן זענען געפאַלן בעת דער דאָזיקער שרעקלעכער מלחמה, מוזט איר איצט נייע בירגער, נייע פאַרטיידיקער דער דאָזיקער טייערער רעפּובליק צושטעלן, און דערצו, האָף איך, וועט אייך קלעקן אי כוח און אי חשק. גנבעדיקע הערן! לכבוד די דאָזיקע קומענדיקע דורות! זאָל זיי גאָט בענטשן און דערלויבן אָפּצוהיטן די ירושה, וואָס מיר לאָזן זיי איבער, באַנייט דורך אונזער מי, דורך אונזער שוויס און אונזער בלוט. אַז עס וועלן אַמאָל שווערע צייטן אָנקומען, זאָלן זיי אונז דערמאָנען און קיינמאָל נישט פאַרצווייפלען, געדענקענדיק, אַז עס זענען גאָרנישט דאָ אַזעלכע ענגענישן, פון וועלכע מ׳זאָל מיט פאַראייניקטע כוחות און מיט גאָטס הילף נישט קאָנען זיך אַרויסראַטעווען.

* *

*

הער אַנדזשעי איז נישט לאַנג נאָך דער חתונה אַוועק אויף אַ נייער מלחמה, וועלכע איז פון מזרח־זייט אויסגעבראָכן, אָבער טשאַרניעצקיס און סאַפּיעהאַס מוראדיקער נצחון איבער כאָוואַנסקין און דאָלגאָרוקין, און פון די קרוין־העטמאַנס איבער שערעמעטן האָבן איינגיכן צו איר אַ סוף געמאַכט. דעמאָלט איז קמיטשיץ

בזריקגעקומען מיט אַ פרישן רוס באַדעקט און זיך אויף שטענדיק אין חאַדאָקטי באַזעצט. דעם אמט פון אָרשער כאָראָנזשי האָט נאָך אים איבערגענומען זיין קרוב יאַקוב, וועלכער האָט שפּעטער צו דער אומגליקלעכער קאָנפעדעראַציע געהערט, און הער אַגדזשעי, וועלכער איז בלב - ונפש געווען איבערגעגעבן דעם קיניג און מיט דער אופיטער סטאַראָסטווע באַלוינט געוואָרן, האָט לאַנג אין אַ מוסטערהאַפטע פרידן און ליבשאַפט מיט לאודא געלעבט, זייענדיק פון אַלעמען געאַכפערט און געשעצט. די נישט - פאַרגינער (און ווער ! אָז זיי נישט) האָבן אמת געזאָגט, אַז ער פאָלגט צו פיל דאָס ווייב אין אַלע ענינים, אָבער ער האָט זיך דערמיט גאָרנישט געשעמט, אַדרבא, ער האָט אַליין זיך מודה געווען, אַז אין יעדער וויכטיקער פראַגע איז ער זיך תמיד מיט איר משאל - עצה.

סוף.